STEVEN SPIELBERG
DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 18995

# GEFENGNIS-ERINERUNGEN, II

Aleksander Berkman

YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-18995-2

D:\YIDDISH\TITLES\9780657189952T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Lief D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

אלעקסאַנדער בערקמאַן

# געפענגניס-ערינערונגען פון אַן אַנאַרכיסט

איבערזעצט פון מ. קאַטץ און א. פרומקין

צווייטער באַנד

ארויסגעגעבען פון מ. ע. פיטצדזשעראַלד
857 בראָדוויי, ניו יאָרק
1921

GRAPHIC PRESS, NEW YORK

241

# אינהאַלט־פאַרצייכנים

## צווייטער טייל: דאָס צוכט־הויז.

קאַפּיטעל — זייט


20 אַ טאָג אין צעל־הויז — 277

21 די מעשים פון די „גוטע" פאַר די בייזע — 302

22 די קאָרן פון דער געפּענגנים־מיהל — 309

23 די וואַנגשאַלען פון דער גערעכטיגקייט — 328

24 געדאַנקען, וואָס האָבען זיך אַרויסגע׳גנב׳עט פון געפּענגנים — 340

25 ווי זאָלען די טיפּענישען שרייען? — 345

26 באַהאַלטען די באַווייזע — 355

27 ליבע׳ס קערקער־בלום — 365

28 פאַר זיכערקייט — 379

29 טרוימען פון פרייהייט — 382

30 ווידער רייניגוואַשען — 390

31 מיר פוילען און פוילען, פון אַלעמען פאַרגעסען — 397

32 די קרומקייט פון רעפאָרם־געזעץ — 408

33 דער טונעל — 413

34 דיק׳ס טויט — 422

35 אַ בונד מיט די פויגלען — 424

36 דאָס אונטערערדישע גראָבען — 435

37 אומרוהיגע טעג — 444

38 ווי מענשען פאַרקריפּלען זייערע ברידער — 453

39 א נייער פּלאַן צו אַנטלויפען — — — — — — — — — — 460
40 פּאַרמוטשעט צום טויט — — — — — — — — — — — 467
41 די אויפּטרייסלונג אין באַפאַלאָ — — — — — — — — 477
42 צושטערטע לעבענס — — — — — — — — — — — — 491
43 „אַריבער די ליעבע צו דער פרוי“ — — — — — — — 505
44 ליעבע׳ס געוואַגטקייט — — — — — — — — — — — 518
45 די בלום פון דער וויסטעניש — — — — — — — — — 526
46 א קינד׳ס האַרץ־הונגער — — — — — — — — — — 534
47 א חבר אין נויט — — — — — — — — — — — — — 539
48 לעצטע טעג — — — — — — — — — — — — — — 549

## דריטער טייל : די „וואָרקהויז“.

1 די „וואָרקהויז“ — — — — — — — — — — — — — 559

## פערטער טייל : די ווידער־אויפלעבונג.

1 די ווידער־אויפלעבונג — — — — — — — — — — — 571

צווייטער טייל

# דאס צוכט-הויז

קאַפּיטעל 20.

# אַ טאָג אין צעל־הויז.

## 1.

צו ק. און ג. —

גוטע נייעס! מען האָט מיך היינט אין דער פריה ארויסגע־לאָזען פון דער צעלע. דער קאַפּע־יונגעל פון מיין רייהע איז נעכ־טען אוועק אהיים, האָט מען מיך אַנגעשטעלט אויף זיין פּלאַץ.

עס איז אַ גליק וואָס דער אַלטער „דעפּיוטי" איז געשטאָרבען — ער איז געווען ענטשלאָסען צו האַלטען מיך דוקא אין איינצעלהאַפט. אין דער אַפּוועזענהייט פונ'ם פאַרוואַלטער האָט דער נייער „דע־פּיוטי", בעני גריווז, מיר געזאָגט, אַז ער וועט „ריזיקירען" מיר צו געבען אַ דזשאָב. ער האָט אָבער דערביי אַרויסגעגעבען אַ שטרענגען באַפעהל, אַז מען זאָל מיר ניט ערלויבען אַרויסצוגעהן אין הויף: איך וועל, הייסט עס, אַלץ נאָך זיין אונטער שטרענגער באוואַכונג, און איך וועל ניט זיין אימשטאַנד אייך צו זעהן. איך בין אָבער אין באַריהרונג מיט אונזער „טרייען" און מיר קאָנען איצט פאָרט־זעצען אַ מעהר רעגולערע קאָרעספּאָנדענץ.

מעהר פון אַ יאָהר אָפּגעזעסען אין איינצעלהאַפט. עס איז שוין כמעט אַזוי ווי פרייהייט צו זיין אַרויס פון דער צעללע.

מ.

## 2.

מיין שטעלע אַלס קאַפּע־טרעגער גיט פיעל מעגליכקייט צו קומען אין אַ נעהענטערע באַריהרונג מיט די אַרעסטאַנטען. איך

העלף אין דער ארבייט פון דעם אנגעשטעלטען אויף פיער און זעכ־ציג צעללען, וואס געפינען זיך אויף דעם אונטערשטען עטאזש און זיינען באצייכענט מיט דעם בוכשטאב „ק". איבער דעם דאזיגען עטאזש געהען אין דער רייהע „י", „ה", „ג" און „פ", וואס געפינען זיך אויף דער הויף־זייט פון דער צעללען־געביידע. פון דער אנדער זייט, אנטקעגען די דאזיגע, צום טייך צו, זיינען די רייהען „א", „ב", „סי", „ד" און „ע". די גאלערעען געהען פארא־לעל ביי יעדער דאפעלטער רייהע צעללען מיט איבערגאנג־בריקלעך אין סאמע מיטען, אזוי אז מען קאן לייכט צוקומען צו די עטליכע אפטיילונגען. די צעהן עטאזשען האבען אין זיך זעקס הונדערט און פערציג צעללען און זיי אלע זיינען אין דער דרויסענדיגער שטיין־געביידע, וואס דאס איז די צפון־אפטיילונג פון דעם צוכט־הויז. און זי איז פארבונדען מיט דעם דרום־פליגעל דורך דער ראטונדע.

די אונטערשטע עטאזשען „איי" און „קעי" דינען אלס „עמפ־פאנג" אפטיילונגען. יעדער ניי־אנגעקומענער ארעסטאנט ווערט צייטווייליג ארייגעזעצט דא, ביז וואנען עס ווערט באשטימט זיין ארבייט און דאן טראנספערירט מען איהם צו דער גאלעריע, וואו עס זיצען זיינע שאפ־חברים. אין דיזע אפטיילונגען געפינען זיך אויך די, וואס דארפען אפקומען א באזונדער שטראף. די אונטער־שטע ענד פון די צוויי אפטיילונגען ווערט באצייכענט אלס „וואנ־צען־הויז רייהע". דא געפינען זיך די „קרענקס", צווישען וועלכע עס ווערען גערעכענט די, וואס געפינען זיך אויף פארשיידענע שטופען פון גייסטיגער געשטערטקייט.

מיינע פארשיידענע פליכטען, וואס באשטעהען אין אויסקעהרען דעם קארידאר, אפשטויבען די טירען פון די צעללען און העלפען אין שפייז־פארטיילונג, גיבען מיר די מעגליכקייט צו מאכען באקאנט־שאפט און צו געווינען פריינדשאפט. איך ווער פארוואונדערט, ווי ווענינ פארשטענדנים עס איז געווען אין מיין פריהערדיגער פארשטעלונג פון „דעם פארברעכער". איך לייקען אפ די השערה פון דער „וויסענשאפט", וועלכע פרעטענדירט אויסצופארשען די פארפלאנטערטע פארוויקלונגען פון א מענשענס מארך דורך דער פארם פון א פינגער־שטיק, וואס איז אויסגעשניטען געווארען פון א טויטען מענשענס האנד, און שטעמפלען דאס אלס א „קרימינעלער



צעלע שטח—זידליכער טייל

טיפ״. די טעגליכע באַריהרונג מיט זיי טרייבט אַוועק דאָס ציקעלע וועגען „מינים״ און צופּעפּענט דעם אינדיווידואום. די נעהענטערע אינטימע באַקאַנטשאַפט ענטדעקט דאָס מענשליכע אונטער דעם געוועב, וואָס איז פאַרגרעבט געוואָרען אויס מאַנגעל אין געלעגענהייט און איז ברוטאַליזירט געוואָרען דורך אַרעמקייט און מורא. אָט איז „דער רויטער״ באָטש, אַ יונגער מענש פון אַ יאָהר איין־און־צוואַנציג, מיט רויזיגע באַקען — אַ יונג וואָס איז אַן עהרע פאַר אַ געשטרייפטען קאָסטיום. אַ פרעהליכער פאַרברעכער איז באָטש, מיט זיין שטענדיגען שמייכעל און מונטערע ליעדלעך. ווי ער דערצעהלט מיר, איז ער „געשטאָרבען אַרויסצונעהמען זיין מיידעל אויף אַ שפּאַציר־פאָהר״, אָבער איהם האָבען געפעהלט די מיטלען דערויף; ער האָט איינגאַנצען פאַרדיענט, אַלס יונגעל ביי אַ קצב, זיבען דאָלאַר אַ וואָך. ער האָט תמיד אַוועקגעגעבען זיין מוטער זיין גאַנצען פאַרדיענסט, אָבער דאָס מיידעל האָט איהם אַלץ פאַרגעוואָרפען וואָס ער קאָן גאַרנישט אויסגעבען פאַר איהר. „אַז איינער גיט דאָ אַ לאָטכע־צו אַ בריטשקע, און אַ, אַלעק, וואָלסטו געדאַרפט זעהען, ווי איך האָב׳ס געגעבען אַ פאָהר־צו צו מיין מיידעלס הויז מעשה פּריץ. איך קום אריין: „נו, קייטי, טהו אָקאָרשט אָן דיינע מאַכערייקעס, זאָג איך, און דו וועסט, זאָג איך, פון מיר קריגען אַ שפּאַציר, אַז דו האָסט אַזאַ אין דיין לעבען ניט געהאַט״. און מיר האָבען אַ פאָהר געטאָן, איך מאַך דיר אַ וועט. האַ־האַ־האַ!״ אָבער ווען ער האָט צוריקגעבראַכט די בריטשקע צו דעם אייגענטימער, האָט מען איהם אַרעסטירט. „איך האָב דאָך דאָס אויף אַ געלעכטער געטאָן, הערר ריכטער״, זאָג איך. און וואָס דענקסטו, אַלעק? איך האָב געמיינט, איך וועל שטאַרבען, ווען ער גיט אַ זאָג דריי יאָהר. געוויס איז דאָס געווען פון מיר אַ דומהייט, אָבער וואָס העלפט דען צו וויינען אויף פאַרגאָסענע מילך. האַ־האַ־האַ! דו ווייסט, דאָס ערגסטע דאָביי איז, וואָס דאָס מיידעל האָט אויך אויסגעקעהרט אַלץ געגען מיר. וואָלט דאָס דיך ניט פאַרדריסען, האַ? נו, איז אָבער פאַרפאַלען. אַ זיסינקע מיידעלע איז זי, איך מאַך דיר וועט, האַ־האַ־האַ!״

און אָט איז דאָרט יאַנג ראַש, ער שטאַמט פון דער באַריהמטער פאַמיליע פון דעם גרויסען אַמעריקאַנעם דאָקטאָר. זיינע איידעלע

געזיכטס־ציגע, וועלכע שיינען מיט גייסט־רייכקייט, זיינען אזוי עהנליך צו ש ע ל ל י ׳ ן; זיין צוהינקען אין געהן דערמאָנט אויף ב אַ י ר אַ נ ׳ ס טראַגעדיע. ער זיצט פּאַר אַ מאָרד! ביי דער טיר זיצט ער, מיט אַן אָפענעם בוך אין האַנט — דאָס בלאַט איז נאַס פון די טרערען, וואָס טריפען אַראָפּ איבער זיין פּנים. ער שמייכעלט ווען איך קום צו, און זיינע אויסדרוקספולע אויגען מאַ־כען ליכטיגער אין דער דונקעלער צעללע, ווי אַ שיין פון דער זון וואָס רייסט זיך דורך די וואָלקענס. ער האָט פּאַרבראַכט אויפ׳ן וואַסער מיט אַ מיידעל אין אַ זומער־נאַכט. דאָס שיפעל האָט זיך פּלוצלונג איבערגעקעהרט — „לעבען מקיקיז ראָקס״ — „אַקוראַט דאַ אַנטקעגען״, ווייזט ער מיט׳ן פינגער צום טייך. איהם האָט מען אַרויסגעשלעפּט אין אומבאַוואוסטען צושטאַנד. זיי האָ־בען איהם געזאָגט, אַז דאָס מיידעל איז טויט און אַז ער איז איהר מערדער! ער נעהמט פון טישעל איהר פאָטאָגראַפיש בילד און ברעכט אויס אין אַ געוויין.

טאָג־טעגליך קעהר איך אויס די גאַנצע לענג פונ׳ם קאָרידאָר, געהענדיג פון צעללע צו צעללע און די גאַנצע צייט זוך איך אַ געלעגענהייט אויסצופּוישען אַ באַגריסונג מיט די אַרעסטאַנטען. אויפ׳ן זינען קומט מיר אַרויף דער אַרעמער ווינגיע. ווי ער האָט מיך ערמונטערט אין די ערשטע טעג פון מיינע יסורים; ווי גוט־הארציג ער איז געווען! איך רייד צו די אומגליקליכע וואָס זאַנפּ־טער און זוך צו ערמוטיגען די ניי־אַנגעקומענע. דאָס טרוקענע קעה־רען הויבט אויף אימער אַ וואָלקען מיט שטויב און עס הויבט זיך אַן אַ הוסטען אויפ׳ן קול אין סליאַד נאָך מיר. איך באַנוץ זיך דערמיט, וואָס דער אַלטער אויפזעהער האָט „אַ קאַלט אין קאָפּ״ און איך גיב איהם פּאַרזיכטיג אַנצוהערעניש, ווי געפעהרליך דאָס איז, וואָס די לופט ווערט פול מיט באַצילען פונ׳ם טרוקענעם קעה־רען. „ווען מען זאָל אויסשיטען אַ ביסעל נאַסע אָפּילקעס, מר. מיטשעל, וואָלט דאָס אייך אויסהיטען פון פּאַרקיהלען זיך אַזוי אָפט״. אַ גוטער געדאַנק, טראַכט ער, און פון דאַן אַן האָלט איך דעם טייערען אַרטיקעל אונטער׳ן בעט אין מיין צעללע און היט דאָס אָפּ אַלס אַ קאָסטבאַרע זאַך.

אַזוי זוך איך מיט קליינינקייטען צו העלפען די, וואָס זיצען אין איינצעלהאַפט. יעדע קליינינקייט מיינט דאָך אַזוי פיעל. דער „לאַנגער דזשאָו", וועמעס פּליכט עס איז צו באַזאָרגען זיי מיט דאָס נויטיגע, איז צופיעל פאַרטאָן אין זיינע אייגענע צרות. דער אָרעמער יונג דאַרף נעביך אָפּזיצען אַ שטראָף־צייט פון פינף־און־צוואַנציג יאָהר, און ער ווערט זעהר געפּלאָגט פון דעם „ווילדען בילל" און פון „גרויס־קאָפּ" ווילסאָן. דורכאויס זיי פּאָדערען צו זעהן דעם פאַרוואַלטער. און מערקווירדיג, מען ענטזאָגט זיי קיינ־מאָל ניט זייער פאַרלאַנג. עס שיינט, אַז די געפענגנים־שומרים האָבען פאַר זיי מורא. דער „ווילדער בילל" איז, לויט זיין איי־גענער געשטענדניס, אַן אויסוואורף, און עס געהען אַרום ווענען איהם קלאַנגען, אַז ער איז מיט דעם פאַרוואַלטער, צוליעב געוויסע אורזאַכען, זעהר אינטים. דאָ ניט לאַנג האָט בילל באַקלאָגט זיך עפּעס אויף בויכוועהטאָג, און איינער פון די וועכטער האָט מיך געשיקט צוטראָגען איהם עפּעס דעליקאַטעסען. „פון דעם פאַרוואַל־טער'ס טיש", מאַכט ער צו מיר, צואווינקענדיג מיט'ן אויג. און ווילסאָנ'ען האָט מען געגעבען אַ צו־נאָמען „געהילפס־פאַרוואַלטער". אפילו די באַאַמטע רופען איהם אַזוי אין שפּאַס. ער פּלאָגט ניט קיינע רעגעלען גאַנץ אָפען, זידעלט די וועכטער און גיט זאַגאַר באַ־פעהלען. די אַרעסטאַנטען רעכענען זיי ביידען, בילל'ן און וויל־סאָנ'ען, אַלס שפּיאָנען, און האַסען זיי העפליך; אָבער קיינער וואָגט ניט אָנצוטרעטען זיי. אָרימער דזשאָו, ער שטעהט נעביך אויס ביטערע צרות פון דעם „געהילפס־פאַרוואַלטער" ווילסאָן; עס שיינט, אַז צווישען זיי איז אַ ביטערע פיינדשאַפט איבער דעם יונגען אַרעסטאַנט, וועלכער איז מעהר פריינדליך צו דזשאָו'ען. אי־בער דיזע פאַרפלאָנטערטע אינטריגעס פאַרהאַלט זיך דזשאָו גלייכ־גילטיג צו די אומגליקליכע, וואָס זיצען דאָ אין די צעללען. באַטש ווערט אויפגעפרעסען פון וואַנצען און „ענדיים" מאַטראַץ איז שוין געוואָרען פלאַטשיג ווי אַ פאַנקוכען. דיזער פּראָסטאַק, וואָס איז פאַראורטיילט צו לעבענסלענגליכע געפענגניס, ווערט לחלוטין פאַר־נאַכלעסיגט; ער איז נאָך ניט געקומען צו זיך פון דעם קלאַפּ וואָס ער האָט באַקומען פון דזשאָהני סמיט מיט אַ האַמער אין קאָפּ. איך טענה אַלץ צו דזשאָו'ען, אַז ער זאָל זיך ווענדען צום פאַרוואַלטער און ערקלערען, אַז מען דאַרף אויסרייניגען באַטש'ס

צעלעלע פון וואנצען, אז מען דארף פאר ענדיין א נייעם מאטראץ און אז מען דארף לאזען וויסען דעם דאקטאר, אז עס ווייזען זיך אלץ מעהר צייכענס פון וואהנזין צווישען די ארעסטאנטען, וואס זיינען אין איינצעלהאפט.

## 3.

פריהשטיק איז אריבער; עס פארמירען זיך די רייהען און מארשירען צו די שעפער. מיט בעזימער אין די הענט געהען די רייניגער און די העלפער צו די גאלעריען און עס הויבט זיך אן דאס קעהרען פון די פאדלאגעס. באאמטע געהען ארום און קוקען זיך גוט צו צו יעדער צעלע. דא און דארט שטעלען זיי זיך אפ, קוקען אן א „צוריקגעשטאנענעם". זיי קוקען זיך צו צו זיין נומער, שליסען אויף די טיר און דער ארעסטאנט טרעט צו צו דער „רייהע קראנקע" אויף דעם אונטערשטען עטאזש.

איינער צו איינעם פילען זיי אוים די רייהע; לאנגזאם שלעפען זיי זיך, איינגעבויגענע, הוסטענדע, קראנקערהייט אראפשטייגענדיג די משופּע׳דיגע טרעפּ. פון יעדער אפּטיילונג קומען זיי, די אלטע און צובראכענע, די יונגע שווינדזיכטיגע, די הינקעדיגע און אסטה־מא־ליידענדע, א צורודערטער אלטער נעגער, אן אידיאטישער יונ־גער ווייסער בחור׳ל. אלע זעהען אוים אפּגעלעבט און פארלאזען — א רייהע געשפענסטער, מיט איינגעפאלענע באקען און אויסגעלא־שענע אויגען, אויסגעבלייכט אין דעם טאל פון טויט.

רוישיג עפענט זיך די טיר פון דער ראטונדע און דער דאק־טאר קומט אריין, באגלייט פון דעם „דעפּיוטי ווארדען" גריוון און זיין געהילף האפּקינס. הינטער זיי געהט אן ארעסטאנט, אנגעטאן אין טונקעל־גרוי און טראגט א מעדיציין־קעסטעל. דר. באיז גיט א בליק אויף דער לאנגער רייהע און גיט א קנייטש די ברעמען. ער גיט א קוק אויף זיין זייגער און דער קנייטש ווערט טיעפער. ער האט זעהר פיעל צו טאן. זינט דער עלטערער דאקטאר איז גע־שטארבען, מוז ער, דער נור־וואס גראדואירטער, זיין דער איינ־ציגער ארצט פאר׳ן גאנצען געפענגנים. ער מוז ארומגעהן און באקוקען די שעפּער פארמיטאג, און ער דארף באזוכען די פאציענ־

טען אין האָספּיטאַל, איידער דער געפענגנים־פּאַרוואַלטער, אָדער דער „דעפּיוטי" קומט אַריין.

מר. גריווז זעצט זיך ביים שרייב־טיש, נאָהענט פון דעם אַריינגאַנג. זיין געהילף, מיט אַ ביכעל שרייב־פּאַפּיער אין האַנט, שטעלט זיך אויף דער שפּיץ פון דער רייהע קראַנקע. דער דאָקטאָר שטעהט אָנגעשפּאַרט אָן דער טיר פון דער ראָטונדע. די באַאַמטע פון דער אָפּטיילונג שטעהען און וואַרטען.

„צוויי־פינף־און פופציג" — רופט אויס דער „אַסיסטענט־דע־פּיוטי".

אַ שלאַנקער יונגערמאַן טרעט אַרויס פון דער רייהע און געהט צו צום דאָקטאָר. ער איז הויך און מיט אַ גוטער פיגור, די גרויסע אויגען בליצען אַרויס פון׳ם בלייכען פּנים. ער רעדט מיט אַ הייזעריגען קול:

„דאָקטאָר, עפּעס מוז זיין מיט מיין זייט. איך האָב שמערצען און האָב אַ שלעכטען הוסט ביינאַכט און פריהמאָרגענס..."

„אָלראַיט" — שלאָגט איהם איבער דער דאָקטאָר — „גיב איהם אַ ביסעל מעדיצין", גיט ער אַ שאָקעל מיט׳ן קאָפּ צו זיין געהילף.

„נעקסט!" — רופט אויס דער געהילפס־פּאַרוואַלטער.

„וועט איהר מיך, איך בעט אייך, אָפּלאָזען פון אַרבייטען עט־ליכע טעג?" בעט זיך דער קראַנקער אַרעסטאַנט מיט אַ ציטער־רענדער שטימע.

דער דאָקטאָר גיט מיט אַ פרעגענדען בליק אַ קוק אויף דעם געהילפס־פּאַרוואַלטער. דער לעצטער שרייט אויס אומגעדולדיג: „דער נעקסטער! דער נעקסטער!" און גיט אַ קלאַפּ צוויי מאָל אין טיש.

„געה צוריק אין שאַפּ" — זאָגט דער דאָקטאָר צום אַרעסטאַנט.

„נעקסט!" — רופט אויס דער געהילפס־פּאַרוואַלטער און שפּייט אַרויס אַ פולען מויל מיט קיי־טאַבאַק. ער טרעפט ניט אין שפּיי־קעסטעל און דאָס צוגיסט זיך אויפ׳ן פוס פון׳ם צוקומענדען פּאַ־ציענט, אַ יונגער נעגער, וועמעס נאַקען איז באַדעקט מיט גע־שווירען.

„נומער?" — פרעגט דער דאָקטאָר.

„הונדערט זיבען און דרייסיג" — ברומט אַרויס דער געהילפס־פּאַרוואַלטער, אָננעהמענדיג אַ הויפען קיי־טאַבאַק.

„קענטיג, כ'האב א גרויסען האלז־און־נאקען, מיסטער באיז" — זאגט הייזעריג דער נעגער.

„מעדיצין. און צוריק צו דער ארבייט. נעקסט!"

„הונדערט זעקס און צוואנציג!"

א יונגער מענש, מיט א פנים ווי פון פארמעט, טרוקען און געל, טרעט לאנגזאם ארויס פון דער רייהע.

„דאקטאר. איך ווער, ווייזט אויס, ערגער, און איך האב מורא, אז —"

„וואס איז דיר?"

„שמערצען אין בויך. דאס ווערט אזוי שרעקליך, אז —"

„גיב איהם א פלאסטער. נעקסט!"

„וואס מיר פלאסטער, צום טייוועל!" ברעכט אויס מיט צארען דער ארעסטאנט און זיין געזיכט ווערט אש־גרוי — „גיט נור א קוק" — און ער גיט שנעל א ציה זיין העמד איבער'ן קאפ. זיין גאנצע ברוסט און פלייצע זיינען דורכאויס באדעקט מיט פלאס־טערס; קיין פיצעל לייב זעהט זיך ניט — „אין דר'ערד מיט אייערע פלאסטערס! עס איז שוין אויף מיין לייב מעהר קיין פלאץ ניטא פאר פלאסטערס. איך האלט ביים שטארבען, און איהר ווילט קיין זאך ניט טאן פאר מיר" — צושלוכצעט ער זיך.

די וועכטער ווארפען זיך אויף איהם ארויף און שלעפען איהם אריין אין דער ראטונדע.

איינער נאכ'ן אנדערען קומען די ארעסטאנטען צו דעם דאק־דאקטאר. און ער שטעהט, מיט אן אנגעבויגטען קאפ, שרייבט עפעס מיט זיין בליישטיפט און גיט זעלטען א קוק צו זיי. זיין אויסגעצויגענער אסקעטישער פנים זעהט אויס שטארק פארנומען. ער ציהט אויס מעכאניש, אין איינציגע זילבען, די ווערטער: „נעקסט! נומער? מעדיצין! פלאסטער! נעקסט!" ווייל־עווייז גיט ער א קוק אויף זיין זייגער; זיינע ברעמען ווערן אנגעכמורע־טער, טיעפער ווערען די קנייטשען און דער פנים ווערט שטרענ־גער. פון ווייל צו ווייל גיבען זיך זיינע אויגען א קעהר צום געהילפס־פארוואלטער, וועלכער זיצט אנטקעגען איהם און ארבייט מיט זיינע באקען־ביינער קייענדיג טאבאק און דער זאפט פונ'ם

געקייטען טאַבאַק רינט איהם איבער דער מאָרדע און באַפאַרבט זיין גרויע באָרד. דער געהילפס־פּאַרוואַלטער מורמעלט קוים וואָס מען הערט איהם, גיט זיך אַ קעהר אַרויסצושפּייען און שרייט פּלוצ־לונג אַרויס: „נעקסט!“ גיט צוויי קלעפּ אין שרייב־טיש, וואָס דאָס איז אַ צייכען דעם דאָקטאָר, דאָס ער זאָל הייסען דעם אַרעס־טאַנט געהן צו דער אַרבייט. בלויז די געלעהמטע ווערן באַפרייט פון אַרבייט, וואָס דערויף גיט דער פּאַרוואַלטער אַ צייכען דעם דאָקטאָר דורך אַ קלאַפּ טאָן דריי מאָל אין טיש.

דערשלאָגענע, פּאַרלאָרענע ווערט די קראַנקע אַרעסטאַנטען־דיהע געפיהרט אין די שעפּער הוסטענדיג, קרעכצענדיג, יאָמערענ־דיג. און אויף מאָרגען ווערט דורכגעמאַכט דיזעלביגע טרויעריגע פּראָצעדורע. אָפּט פּאַסירט, אַז די קראַנקע ברעכען צוזאַמען ביי דער מאַשין, פּאַלען אין אונמאַכט ביי דער אַרבייט. מען טראָגט זיי דאַן אַוועק אויף אַ נאַסילקע אין האָספּיטאַל, וואו זיי זיינען אויף אַ קורצער צייט פּטור פון דער שווערער אַרבייט, אָדער וואו זיי ווערען שוין אויף אייביג באַפרייט.

די געלעהמטע און די קראַפּטלאָזע, וועלכע קאָנען בשום אופן ניט טאָן גאָרנישט אין שאָפּ, ווערען אָפּגעשיקט צוריק אין זייערע צעללען און ווערען פאַרריגעלט פאַר'ן גאַנצען טאָג. בלויז דיזע און די וואַהנזיניגע, מיט די וואָס זיינען פאַרשפּאַרט אין איינ־צעלהאַפּט, ווי אויך די אויסראַמער בלייבען אין די ווענט פון גע־פענגנים פאַר דער צייט פון אַרבייט. אַ טרויער־שטילקייט לאָזט זיך אַראָפּ אויף דעם הויז פון טויט.

## .4

די שומרים קריכען גנב'יש אין דער לענג פון די גאַלעריען. דער אויפזעהער, דזשאָרדזש דיען, ביינערדיג און הויך, געהט אויף די שפּיץ פינגער פאַרביי די צעללען; זיין שאַרפע אויסגעבויגענע נאָז פּאַראויס; זיינע בייזע אויגלעך קוקען צווישען די גראַטעס, באַטראַכטענדיג גוט יעדען אַרעסטאַנט. פּלוצלונג גיבען זיינע באַק־ביינער אַ קנאַק: „העי, דו, עלף ניין און דרייסיג! צוריק אויפ'ן בעטעל! וואָס־ס? קראַנק, צום טייוועל! קיין מיטאָג־עסען!“ שטילערהייט מאַכט ער זיך ווי ער וואָלט אַוועקגעגאַנגען און פּאַר־

גנב'עט זיך הינטער א טיר, שטעהט שטיל, אומבאוועגליך און הערט זיך גוט צו. פון די אויבערשטע גאלעריעס דערהערט זיך א פאר־שטיקטער שעפטשען, שנעל גיט ער א טרעט ארוים, לויפט דורך עט־ליכע צעללען, שטעלט זיך אפ אויף א מאמענט, גיט דערנאך א שפרונג צום מיטען קארידאר און שרייט:

„צעללע זיבען און פערציג „קעי איי אייטש"! געערדט דורך דער רעהר! געכאפט דיך דיזען מאל, הא!"

און זיין פנים האט א בייזע הנאה, ווען ער געהט צו און פאר־שרייבט דיזען רעפארט צו דעם קאפיטאן פון דער אפטיילונג. די שומרים לויפען צו צו דער גאלעריע; די ריגלען ווערען שוין אפגע־ריגעלט, די טירען ווערען געעפענט מיט א קלאנג און מען שלעפט שוין דריי ארעסטאנטען אין קאנצעלאריע פון געפענגניס. זייערע צעללען בלייבען שוין פאר לאנגע טעג לעדיג. זיי געפינען זיך שוין אין פינסטערען קעלער.

דער הויכער, סקעלעטען־עהנליכער אויפזעהער יוהז, מאכט דורך זיין ארומגאנג אויף אן אונטערזוכונגס־טור. מיט מאטע אויגען, איינגעזונקענע טיעף אין קאפ, קוקט ער זיך איין דורך די גראטעס. די ארעסטאנטען זיינען דארט ניטא, זיי זיינען ביי דער ארבייט. לאנגזאם שלעפט ער זיך פון צעללע צו צעללע. דא רייסט ער אראפ א בילד פון וואנט, דארט קלייבט ער אויף א פאר שטיקלעך פאפיער. ער גיט א בריאזג א טיר פון דער אויבערשטער רייהע צעללען, בעת איך האלט אין דורכגעהן און ער ווייזט זיך אויף דער גאלעריע. זיינע קעשענעס זיינען אנגעשטאפט מיט קאנפיסקירטע סחורה. ער קוקט זיך ארום. דער געהילפס־פארוואלטער קומט אין דיזען מאמענט אריין פון הויף.

„העי, דזשאספער!" — רופט דער אויפזעהער און דער פאר־טרויטער נעגער קלעטערט ארויף די טרעפ — „נעהם דאס און טראג עס אוועק צום פראנט!" און ער דערלאנגט איהם א צוריסענעם שטיקעל זשורנאל, צוויי שטיקלעך קארנ־ברויט, א שטיקעל קעז און עטליכע ליכטלעך, וואס אן ארעסטאנט מיט שווארצע אויגען האט אפגעשפארט, זיצענדיג וואכען־לאנג אין דער פינסטערער צעללע —

„ווייז דאס דעם געהילפס־פארוואלטער", זאגט דער באאמטער מיט א נידעריגען קול. „איך טהו שוין עפעס אויף, ווי מיינסטו?"

דער פּאַרטרויטער שוואַרצער צולאַכט זיך הילכיג: „יעס־סאַה, יעס־סאַה, אויפּטהוסט, יעס־סאַה“.

דער אויפזעהער געהט אריין אין דער נעקסטער צעללע און וואַרפט אַ בליק צום פּראַנט. דער געהילפס־פּאַרוואַלטער איז שוין פאַרשוואונדען דורך דער טיהר פון דער ראָטונדע. דער אויפזעהער קוקט זיך אַרום אין דער צעללע. דאָס טישעל איז אָנגעוואָרפען מיט זשורנאַלען און פּאַפּיער. אויף די דילען איז אַ שטיקעל מאַטע, וואָס איז אַרויסגע'גנב'עט געוואָרען פון שאָפּ. אויפ'ן בעטעל ליגען עטליכע באַנאַנעס און אַ שטענגעל וויינטרויבען — פאַרבאָטענע פּרוכט. דער אויפזעהער טרעט אַרוים פון דער צעללע מיט אַ שוואַכען שמייכעל אויף די דינע ליפּען. ער גיט אַ קוק אויף דעם ברעטעל אין דער פאָרם פון אַ הארץ, וואָס הענגט איבער דער צעללע. דאָרט איז די געשיכטע שוואַרץ אויף ווייס, „איי“ 480. אויף דער אַנדער זייט לעזט דער באַאַמטער „קאָלינס העמילטאָן, דאַטירט —“. ער שטרענגט אָן זיינע וואַסערדיגע אויגען צו דער־קענען די בוכשטאַבען וואָס זיינען פאַרבלייכט געוואָרען איבער דער פייכטקייט פון דער אָפּגעקאַלכטער וואַנט. „דזשאַספּער!“ — גיט ער אַ רוף — „קום אַהער“.

דער שוואַרצער לויפט צו איהם אַרויף.

„ווייסטו ווער דער מאַן איז, דזשאַספּער? „איי“ פיער־אַכ־ציג“.

„ווייס איך, שור. דאָס העמילטאָן, דער באַנק־שווינדלער“.

„וואו אַרבייט ער?“

„וואָס ברויך ע ר אַרבייטען, הע? ער איז דאָך דעם קעפּ־טענ'ס קלערק. אין קאַנצעלאַריע איז ער דאָך“.

„אָלראַיט, דזשאַספּער“ — און דער באַאַמטער פאַרמאַכט דעם קלערקס טיר און געהט אַריין אין דער פאָלגענדער צעללע, וועלכע זעהט אויס ריין און אין אָרדנונג. די געפּלאַסטערטע דילען, דאָס בעטעל גלאַט פאַרבעט, אַ לייבררערי בוך, אַ בלעכען קענדעל און טעלער זיינען ריינע אויפ'ן טישעל. דער באַאַמטער צוּוואָרפט דאָס בעטעל, שליידערט די דעקעס אויף דר'ערד, טרעט מיט די פיס אויפ'ן קישעלע און זוכט באַהאַלטענע קאָנטראַבאַנד. ער טאַפּט דורך די הילצערנע פּאָליצקע אויף דער וואַנט און נעמט אַראָפּ דאָס פּעקעל טאַבאַק, וואָס ווערט וועכענטליך ערלויבט פאַר

די ארעסטאנטען. א היבשען הויפען טאבאק ליידיגט ער אויס פון פעקעל און שיט אריין צו זיך אין מויל. ער קייט און שפייט, און גענעצט זיך אויס; ער גיט א קוק דערנאך אויף זיין זייגער, טראכט א ווײלע, גיט א שפּיי ארויס א גאנצען שטראם פון טאבאק־יויך אין ווינקעל און געהט מיט לאנגזאמע טריט ארויס פון צעללע אין דער גאלעריע. ער קוקט זיך ארום, בויגט זיך אן איבער דעם פארענטש און קוקט זיך צו וואס עס טהוט זיך אין דעם פאדער־שטען טהייל. ער זעהט, אז די שטוהלען ארום דעם שרייב־טיש זיינען לעדיג, קעהרט ער זיך צוריק אום אין דער צעללע, גענעצט, ציהט זיך און קוקט ווידער אויפ׳ן זייגער. עס איז ערשט נײן א זייגער. ער נעהמט דאס ביבליאטעק־בוך, באטראכט די טאוולען, גיט א שליידער דאס בוך אויף דער פאליצקע, ער שפּייט מיט כעס, נעהמט אן ווידער א מויל מיט קאי־טאבאק און צולעגט זיך ברייט־לעך אויפ׳ן בעטעל.

## .5

דער עלטערער באאמטער וואודס און געהילפס־פּאַרוואלטער האפּקינס זיצען ביים שרייב־טיש אין קארידאר ביים אריינגאנג. דער געזונד־לייביגער און לעבעדיגער מר. וואודס פּיהלט זיך געהוי־בען דורך דעם וואס ער איז באעהרט געווארען צו זיין קאפּיטאן פון דיזער אפּטיילונג. יעדע ווײלע הויבט ער זיך אויף פון שטוהל, שפּאצירט זיך דורך מאיעסטעטיש אין קארידאר און קעהרט זיך אום פארביי דער אנטקעגענדיגער רייה צעללען.

מיט באזונדערער גדלות זעצט ער זיך אװעק צוריק און רעדט צו זיין עלטסטען מיט נידריגע, געמאסטענע טענער. דער לעצטער הערט זיך צו, מיט דעם קאפּ עטוואס אנגעבויגען און מיט די גרוי־סע אויגען, װעלכע קוקען אומרוהיג איבער די גאלד־געפּאסטע ברי־לען. מר. האפּקינס הויבט זיך אויף א שפּיי צו טאן און דערזעהט דזשאספּער׳ס פּנים אין דער אויבערשטער גאלעריע. ער גיט א שמייכעל, נעהמט ארויס א גרויסען עפּעל פון קעשענע, און האל־טענדיג דעם עפּעל אפּען, גיט ער א פרעג:

„ווי וועט דאס דיך טרעפען, דזשאספּער?“

„פאר אזא ניגער ווי איך, זעהט דאס אויס ווי א קאוואנע“.

וואודס קאָן קוים איינהאַלטען זיך פון א שמייכעל; האָפּ־קינס לאַכט און ווינקט צו דעם נעגער, וועלכער קומט צו צום שרייב־טיש.

„איך מאַך א וועט, אז דער שווארצער קאָן פּארטיג ווערען מיט דעם עפּעל אין צוויי ביסען“ — זאָגט האָפּקינס צו וואודס׳ן.

„קוים מעגליך“ — ענטפערט דער לעצטער.

„איהר קאָנט ניט אָט דעם שווארצען. איך קאָן איהם פאר די לעצטע פופצעהן, אכצעהן, צוואנציג יאָהר. איז עס ניט אזוי לאַנג זינט דו ביזט אהער געקומען?“

„יעס־סעה, אזוי ארום אַן ערך“.

„אין אַלטען געפענגניס נאָך?“ פרעגט וואודס.

„יא, געווים, ביזט דאָרט דאָך געווען, דזשאַספּער, ווען „שיך־קעסטעל“ מילער איז ארוים, ניין וואָס?“

„איהר האָט א גוטען זכרון, אודאי געווען, ווי דען! און א שעהנע זאַך געווען, ווען ער האָט זיך אַליין ארייננעכאַפּט אין „שיך־קעסטעל“ און קאַפּוט מיט איהם“.

„יעס, יעס, און דו ביזט דאָך דאָ שוין דאָס פערטע מאָל זינט דאַן, ווי איך גלויב“.

„נאָה־סעה, דאָ איז שוין א טעות ביי אייך, דאָס איז נאָר דריי מאָל, ניט מעהר, נאָר דריי“.

„עט, דאָס איז שוין פיער“.

„דענקט איהר, מר. האָפּקינס, אז דזשאַספּער וואָלט געקאָנט אויפעסען דעם עפּעל אין צוויי ביסען“ — דערמאָנט איהם וואודס.

„איך בין זיכער, אַז ער קאָן. ניטאָ קיין זאַך אין אכילה, וואָס דער שווארצער זאָל ניט קאָנען טאָן. נאַ, דזשאַספּער, קריגסט דעם עפּעל, אויב דו קאָנסט איהם אויפעסען אין צוויי ביסען. נו, פארשעהם מיך נאָר ניט“.

דער נעגער מאַכט א לאַכעדיגע האַוואַיע. „אַ ביסעל צו גרוים, אָבער איך וועל זיך אָנטאָן א כח“.

מיט א העלדישער אָנשטרענגונג צועפּענט ער אזוי ברייט זיין מויל, אַז זיין גאַנצער פּנים זעהט אוים ווי א ווירקליכע הייהל, וואָס גרייכט פון אויער צו אויער. מיטביידע הענט רוקט ער אריין אהין דעם גרויסען עפּעל און זיינע שאַרפע צייהנער גיבען אזש א קנאַק ביים אריינבייסען. ער קייט שנעל, דערשלינגט,

ווידערהאָלט נאָך איין מאָל דאָסזעלביגע און הויבט אויף די הענט. דער עפּעל איז פאַרשלונגען.

דער געהילפס־פאַרוואַלטער קייכט פאַר געלעכטער:

„וואָס האָב איך אייך געזאָגט, סקאָט, הע? וואָס האָב איך אייך געזאָגט, כאַ־כאַ־כאַ!" און אַזש ־טרערען לויפען איהם אַן אין די אויגען פון לאַכען.

זיי אַמוזירען זיך שטונדען־לאַנג מיט דעם נעגער. ער דער־צעהלט זיי מעשה׳לעך, פּיקאַנטע וויצען, און די באַאַמטע האָבען הנאה. פון צייט צו צייט קומט אַריין דער געהילפס־פאַרוואַלטער גריווז. ווּיידס הויבט זיך אויף.

„זעצט זיך צו, מר. גריווז".

„עס מאַכט ניט, סקאָט", מורמעלט גריווז און זיינע אויגען זוכען דאָס שפּיי־קעסטעל — „זיצט, זיצט, סקאָט. איך בין נאָך אַזוי יונג, ווי ווער עס איז פון אייך".

ער געהט צו צו דער ערשטער צעללע, וועלכע איז רעזערווירט פאַר די וועכטער, געהט אַריין, נעהמט אַרויס פון זייטען־קעשענע אַ פלעשעל, גיט אַ קעהר׳ אין מויל, שלינגט אַראָפּ עטליכע זופּען, טרעט צוריק צו צום שרייב־טיש און לאָזט זיך שווער אַראָפּ אויף וואודס׳ס שטול.

„דזשאַספּער, געה ברענג מיר אַ שטיקעל קיי־טאַבאַק" — גיט ער זיך אַ קעהר צום שוואַרצען.

„יעס־סעה, געשניטענע?"

„אַ שטיקעל געפּרעסטע אויך".

„יעס־סעה, באַלד טאָקע, גלייך".

„וואָס טהוט איהר דאָ?" גיט ער זיך אַ בייזער אויף די צוויי אונטערגעאָרדענטע.

וואודס קנייטשט מיט׳ן שטערן, גלייכט אויס די אַקסלען, קוקט אויפ׳ן „דעפּיוטי" און שמייכעלט ווירדיג. געהילפס־דעפּיוטי האָפּ־קינס גיט אַ שטרענגען בליק אויף דעם געהילפס־פאַרוואַלטער פון אונטער זיינע ברילען און זאָגט: „דאָס איז אַלראַיט, מר. גריווז. אַ, איהר האָט געדאַרפט זעהן ווי דזשאַספּער האָט אַריינגעשלונגען אַ גרויסען עפּעל אין צוויי ביסען; אַן עפּעל גרויס ווי אייער קאָפּ, קאָן איך שווערען".

„ווירקליך?" שאָקעלט שלעפעריג גריוווז מיט'ן קאָפּ.

דער שוואַרצער קומט צו לויפען מיט אַ פּעקעל געשניטענע קיי־טאַבאַק אין איין האַנט און געפּרעסטע קיי־טאַבאַק אין דער אַנדער האַנט. דער „דעפּיוטי" עפענט לאַנגזאַם זיינע אויגען, הויבט זיך אויף, געהט שאָקלענדיג זיך צו דער צעללע, בלייבט דאָרט עטליכע מינוט, קעהרט זיך אום, שפּייט זיך גוט אויס, פּילט אַן דעם מויל מיט קיי־טאַבאַק, קוקט זיך אַרום און גיט אַ פּאָדער הייזעריג:

„העי, וואו זיינען דאָס אַלע שפּיי־קעסטלעך, עה?"

„מען האַלט זיי איצט אין רייניגען, מר. גריוווז", ענטפערט וואודס.

„רייניגען, אַלע מאָל דיזעלבע געשיכטע. איך האָב דאָך געהייסען — יע — גע — באַש־טעלט — דזשאַספּער, ברענג אַ שפּיי־קעסטעל", און זיין קאָפּ זינקט שווער אַראָפּ.

„ער מיינט, אַז ער האָט באַשטעלט גאַנצע וואַגאָנעם מיט שפּיי־קעסטלעך"—רופט זיך אָפּ האָפּקינס און גיט אַ וואונק צו וואודס'ן—אין דער ווירקליכקייט איז דאָס געוועזען זיין ערשטע באַשטעלונג, ווען ער איז געוואָרען געהילפּס־פאַרוואַלטער, נאָכדעם ווי דזשימי מעקפּעין איז געשטאָרבען. איך זאָג דיר, סקאַט, אַז נאָך אַזאַ איינעם ווי דזשימי וועלען מיר שוין מעהר ניט האָבען. ער איז דאָס געווען אַ „דעפּיוטי", לאָמיך דיר זאָגען, יעדער פּיצעל פון איהם. ער וואָלט ניט געלאָזען, אַז דער פאַרוואַלטער זאָל זיך צופיעל מישען אין זיין אַרבייט. ניט אַזוי ווי אָט דער דאָ" — ווייזט ער אָן מיט פאַראַכטונג אויף גריוווז'ן, וועלכער כראָפּעט שוין — „העי, בעני, דאָ איז דזשאַספּער מיט דיינע שפּיי־קעסטלעך", — גיט ער אַ פּאַטש גריוווז'ן אויפ'ן קניע.

גריוווז כאַפּט זיך אויף אַ דערשראָקענער און קוקט זיך אום תמ'עוואַטע. דערזעהענדיג דעם שוואַרצען מיט אַ שפּיי־קעסטעל אין האַנט, גיט ער אַ שפּיי אַריין אַ גאַנצען שטראָם אַהין.

„העי, דזשאַספּער", — גיט האָפּקינס אַ רוף דעם נעגער — „דער געהילפּס־פאַרוואַלטער וויל הערען די געשיכטע וואָס דו האָסט אונז מיט אַ ווייליע צוריק דערצעהלט, וועגען דעם ווי דו האָסט באַקומען דאָס לינקע הינטערשטע פיסעל פון אַ זי־האָז אין אַ לבנה־נאַכט אויף אַ בית־עולם".

„ווער זאגט, אז איך וויל דאס הערען?" גיט זיך א צאפּעל מר. גריוווז שוין אן ערוואכטער.

„יא, גריוווז, איהר ווילט הערען" -- זאגט האפּקינס — א פּיסעל פון א האז איז מזל'דיג, ווי איהר ווייסט. אט דער שווארצער טראגט עס אויפ'ן האלז. ווייז דאס דעם „דעפּיוטי", דזשאספּער".

ארעסטאנט ווילסאן, וועלכער איז דעם פּארוואלטער'ס באליעבטער שליח, קומט אריין פון הויף, מיט שנעלע, ענערגישע טריט געהט ער פארביי דעם שרייב־טיש, גענט זיך דורך דעם קארידאר גאנץ אומבאקימערט.

„העי, דו, ווילסאן, וואס זוכסטו?" גיט דער געהילפס־פּארוואלטער איהם א רוף.

ניט ענטפערענדיג געהט זיך ווילסאן זיין וועג.

„דעפּיוטי ווילסאן", — גיט זיך א וויצעל דער נעגער, נאכקוקענדיג איהם מיט שנאה און מיט קנאה.

האפּקינס הויבט זיך אויף פון פּלאץ און רופט מיט א בייזען, שטרענגען טאן:

„ווילסאן, מר. גריוווז רעדט צו דיר. קום שנעל אהער".

זיין פּנים ווערט רויט פון כעס; ווילסאן קומט אונטער:

„וואס פאַרלאנגט איהר, ,דעפּיוטי'?" פּאדערט ער גראב.

גריוווז קוקט אומרוהיג און רוקט זיך ארום אין שטוהל, אבער באגעגענענדיג האפּקינס'ס בייזען בליק, גיט ער פארדריסליך א געשריי: „וואס טהוסטו דא?"

„איך געה וועגען קעפּטיין עדוארד ראיט'ס געשעפטען", — ענטפערט ווילסאן מיט א פאראכטענדען בליק.

„נו, טא געה זיך. אבער דאס צווייטע מאל, ווען איך רוף דיך, זאלסטו בעסער גלייך צוקומען".

„דער פּארוואלטער האט מיר געזאגט, איך זאל מיך צואיילען. וועל איך איהם מעלדען, אז איהר האט מיך אפּגעהאלטען מיט פּוסטע פראגען", — גיט ווילסאן חוצפּה'דיג אן ענטפער.

„נו, גענוג, גענוג, ווילסאן" — ווארענט איהם דער געהילפס־פּארוואלטער.

„ווארט ביז איך וועל זעהען דעם קעפּטיין", גיט ווילסאן א בורטשע אוועקגעהענדיג.

„ווען איך וואָלט געקאָנט האַנדלען ווי איך וויל, וואָלט איך איהם דעם קאָפּ צובראָכען", — מורמעלט האַפּקינס.

„אַזאַ פּרעכטיגקייט פון אַן אַרעסטאַנט טאָר מען ניט דולדען", — וואַרפט אַריין וואודס.

„דער קעפּטיין וויל אָבער קיין וואָרט ניט הערען געגען וויל־סאָנ'ען" — זאָגט דער „דעפּיוטי" מיט אַ צובראָכענעם טאָן.

האַפּקינס קנייטשט מיט'ן שטערן. זיי בלייבען זיצען שטום. דער נעגער געפינט זיך אַ באַשעפטיגונג צו ווישען די פּאָדלאָגע אַרום שפּיי־קעסטעל. וואודס הויבט זיך אויף, קוקט אַרויף צו דער גאַלעריע. קיינער זעהט זיך דאָרט ניט. ער זעצט זיך אַוועק צוריק.

„שטיל ווי אין אַ קלויסטער", — מאַכט ער אַ באַמערקונג, קענטיג מיט גרויס צופרידענהייט.

„דו פּיהרסט עס גוט, סקאַט" — מורמעלט גריוועז — פּיהרסט עס גוט".

אַ שוואַכער, מעטאַלישער קלאַנג רייסט איבער די שטילקייט. די באַאַמטע שטעלען אַן זייערע אויערען. דער קלאַנג ווערט שטאַרקער. דער נעגער שטעלט זיך אויף די שפּיץ־פינגער.

„עמיצער קלאַפּט עס מיט'ן לעפעל אין טיר" — מאַכט דער געהילפס־פּאַרוואַלטער אַ גלייכגילטיגע באַמערקונג.

דער קעפּטיין פון דער אַפּטיילונג גיט מיר אַ וואונק: „זעה, ווער קלאַפּט דאָס!"

איך לויף שנעל דורך דעם קאָרידאָר. געהענדיג נאָהענט נעבען די טירען קאָן איך זעהן ביז דער דריטער גאַלעריע. דאָ און דאָרט שטעקט אַרויס אַ נאָז אין דרויסען, דער בלייכער פּנים צוגעדריקט צו די גראַטעס, די אויגען פאַרגלעזערט. דאָס קלאַפּען ווערט העכער, וואָס נעהענטער איך קום צו.

„ווער איז עס?" גיב איך אַ רוף.

„דאָ אויבען, „סי"־18".

„איז דאָס דו, עד?"

„יאָ, איך האָב אַ שרעקליכען בלוט־שטורץ. זאָג דעם „שרויף", אַז איך מוז זעהן דעם דאָקטאָר".

איך לויף צו צום שרייב־טיש: „מר. וואודס, מעלדע איך,

„סי״־18 האט א בלוט־שטורץ, קאן דאס בלוט ניט איינהאלטען. ער דארף דעם דאקטאר״.

„זאל ער ווארטען״, — גיט א ברום דער געהילפס־פארוואלטער.

„די דאקטאר־שטונדע איז שוין פארביי. האט ער געדארפט דאס מעלדען אין־דער־פריה״, — גיט זיך א צינד אן מר. וואודס.

„וואס־זשע זאל איך איהם זאגען?״ פרעג איך.

„גארנישט, געה צוריק אין דיין צעללע״.

„אפשר געה בעסער צו, סקאט, און גיב א קוק״ — מאכט א באמערקונג דער געהילפס־פארוואלטער.

מר. וואודס געהט זיך דורך, שטעלט זיך א ווײלע אפ נעבען „סי״־18 און קעהרט זיך אום צוריק.

„ניט איבעריגס. א ביסעל בלוט. איך האב איהם געהייסען, אז ער זאל זיך אין־דער־פריה מעלדען אויף דער קראנקען־ליסטע״.

פון הויף קומט אריין א מיטעל־יאהריגער ארעסטאנט, מיט א פארטרויליכער האלטונג און עדלע מאניערען. דאס איז דער „פראנצויזישער גראף״, איינער פון די קלערקס אין קאנצעלאריע.

„גוט־מארגען, דזשענטעלמען״ — באגריסט ער די באאמטע. ער בויגט זיך אן איבער דעם געהילף־פארוואלטער׳ס שטול, באמערקענדיג: „איך האב אייך געזוכט און געזוכט שוין צייט א האלבע שטונדע. דער קעפטיין איז אביסעל בייזלעך היינט. ער זוכט אייך״.

דער „דעפּיוטי״ הויבט זיך שנעל אויף: „וואו איז ער?״ — פרעגט ער באאומרוהיגט.

„ער איז אין אפיס, מר. גריוון. ווייסט איהר ווענען וואס דאס איז?״

„ווענען וואס? זאגט שנעלער״.

„זיי האבען געכאפט דעם ווילדען בילל אין מיטען דער מעשה. דארט אין הויף, הינטער׳ן שטעלכעל״.

דער דעפּיוטי גיט זיך א לאז גלייך אין הויף אריין.

„ווער איז דער בחור?״ גיט וואודס א פרעג און גיט א פינטעל מיט אן אויג.

„באבי״.

„ווער, אַט דער יונגעל —"
„יאָ, דער פּעטינקער באַבי".

דער מעטאַלישער קלאַנג פון דער אויבערשטער גאַלעריע ווערט אַלץ שטאַרקער און בייזער. דער קראַנקער קלאַפּט מיט זיין בלע־בענע קענדעל אָן די גראַטעס און טרייסעלט די טיר. וואודס לויפט צו „סי"־18.

„זאָלסט דאָרט אויפהערען, דו הערסט!" גיט ער זיך אַ בייזער.

„איך בין קראַנק, איך וויל דעם דאָקטאָר".

„איצט איז ניט די דאָקטאָר־שטונדע. ווערסט איהם זעהען אין דער פריה, מאָרגען."

„ביז מאָרגען וועל איך אפשר שוין זיין געשטאָרבען. איך וויל איהם האָבען איצט".

„דו ווערסט איהם ניט זעהן, דאָס איז אַלעס. בעסער זיי דאָרט רוהיג".

דער אַרעסטאַנט קלאַפּט מיט בעס אין טיהר. דער הילכיגער קלאַנג קלינגט אָפּ אין קאָרידאָר.

דער באַאַמטער פון דער אָפּטיילונג קעהרט זיך אום צום שרייב־טיש, זיין געזיכט איז רויט. ער זאָגט עפּעס שטיל דעם געהילפס־פּאַרוואַלטער. דער לעצטער גיט אַ שאָקעל מיט'ן קאָפּ. וואודס גיט עטליכע פּעטש מיט די הענט: איינס, צוויי, דריי. דאָס איז אַ סיגנאַל פאַר די וועכטער. זיי לויפען זיך צונויף פון די גאַלע־ריען, אַלע צום שרייב־טיש.

„יעדערער אַריין אין זיין צעללע. באַאַמטע, שליסט צו די צעללען!" גיט אַ קאָמאַנדעווע וואודס.

„דו קאָנסט דאָ בלייבען, דזשאַספּער" — זאָגט דער געהילפס־„דעפּיוטי" צום שוואַרצען.

די צעללען ווערען צוגעשלאָסען. די טירען פאַררינגעלט. איך הער די טריט פון פיעלע פיס, ווי זיי געהען צו דער דריטער גאַ־לעריע. די טריט ווערען שטיל.

„סי־18, קום אַרויס אַהער!"

אַ בראַזג פון טיר, אַ טופּעריי און גערודער, שווערע, דומפּע קלעפּ פון בולאַוועס. אַ שניידענדער יאָמער און קרעכצען. זיי

שלעפען דעם ארעסטאנט אראפ די טרעפ. די טיר פון דער ראטונדע גיט א קלונג און דער גערויש שטארבט אפ.

עטליכע מינוט פארלויפען אין שטילקייט. עמיצער שעפּצעט עפּעס דורך די רעהרען; די וואהנזיניגע ארעסטאנטען אין זייער איינצעלהאפט בילען און רעווען. א דומפּער הוסטען פארטויבט די שטימען. עס עפענט זיך די טיר פון דער ראטונדע מיט א מין יאמערליכען סקריפען.

מען שליסט אויף די צעללען פון די דיענער־ארעסטאנטען. איך שטעה אין טיר פון מיין געעפענטער צעללע. דער נעגער פוצט אפּ די קליידער פון די באאמטע, זייערע שולטערן און אר־בעל זיינען איינגעשמירט אין קאלך פון רייבען זיך ביי די ווענט.

ווען זייערע קליידער זיינען שוין אפּגעשטויבט, זעצען זיי זיך אוועק און וויגען זיך אין זייערע שטולען, אנדערע זיצען זיך אויפ'ן שרייב־טיש. זיי זיינען עפּעס צורודערט און צוהיצט. דזשאספער הויבט אן צו דערצעהלען באריכות די פיקאנטע מעשה'לעך, ווי דער „ווילדער בילל“, דער „פּראטעזשע“ פונ'ם פארוואלטער, האט זיך אלץ ארומגעדרעהט ארום די „יונגינקע“ פון זאקען־שאפּ; ווי דער „ווילדער בילל“ האט זיך געיאגט נאך דעם „פעטען באבי“ און דעם יונגען דיוווים. די געפענגנים־וועכטער ווערען אלץ נייגעריגער און פארשיטען דעם נעגער מיט פראגען. ער ענטפערט דערויף גערען, רעדט הויך און זשעסטיקולירט. מען צולאכט זיך פרעהליך און עס איז א גאנצע שמחה ארום שרייב־טיש.

## .6

עס קומט אן מיטאג־צייט. דער באאמטער גערסט, וועלכער איז דער ממונה אויף דער קיך, קומט אריין אין צעללען־הויז. אהינ־טער איהם געהען א צוואנציג ארעסטאנטען און טראגען הילצערנע צעבערס, אנגעפילט מיט א שיטערקייט, פון וועלכער עס געהט א פארע. דעם נעגער'ס נעזלעכער ווערען ברייטלאך און די אויגען צופינקלען זיך און ער רעקלאמירט: „גראפּסקע געקעכטס פאר היינטיגען מיטאג“.

די סצענע ווערט נאך לעבהאפטער. עס הויבט זיך אן א דור־קעניש פון טישען, געקלאנג פון מעשענע געשיער און קולות פון

מענשליכע רייד. מיט אַ גרויסען שעפּער ווערט דאָס געקעכטס געגאָסען פון די צעבערס אין צובויגטע און פאַרראָסטעטע בלעכענע שיסלען, וואָס זיינען אויסגעשטעלט אין לאַנגע רייהען. דער גע־הילפס־פאַרוואַלטער נעהמט אַרויס אַ מעסערעל און גיט אַ שטאָך, דאָ אַ קאַרטאָפעל, דאָ אַ שווימענדע שטיקעל גרינס. יוהז דער וועכטער וואַרט ביז די אינספּעקציאָן איז געענדיגט און ער גיט אַ וואונק צו איינעם פון די געקעכטס־טרעגער, וועלכער גנב׳עט אַריין אַ שיסעל זופּ אין איינעם פון די צעלען און גיט דאָס אי־בער דעם וועכטער. דער נעגער דזשאָספּער גיט שאַרף אַכטונג און גיט אַ מורמעל צום באָאמטען וואודס. דער באָאמטער געהט צו אומערוואַרטעט צו דער אָפענער צעלע און איבערראַשט דעם וועכטער, וועלכער שטעהט מיט׳ן קאָפּ אַנגעבויגען אויף הינטען און דער פּנים באַדעקט מיט׳ן שיסעל. וואודס גיט אַ שמייכעל און די אַרעסטאַנטען צולאַכען זיך אויך.

„משיח דזשים“, דער עלטסטער קובער, אַ פּיטסבורגער סאַלונ־קיפּער, וואָס זיצט אָפּ זיינע צוועלף יאָהר פאַר אַ מאָרד, שפּאַצירט אום הין און צוריק. מיט אַ דיקען בויך און אַ ווייסען הויב אויפ׳ן קאָפּ, זעהט ער אויס ווי אַ פאַרמעגליכער און אומאָפּהענגיגער. ער שטעלט זיך אָוועק נעבען אַ טיר; ס׳איז צעללע 9־„איי“, — דאָס „פּעטע בחור׳ל“. דזשים שפּאַרט זיך אָן אָן דער וואַנט, מיט דער פּלייצע צום עסס־טיש; זיין האַנט רוקט זיך אַריין צווישען די אייזערנע גראַטעס; ער קוקט זיך אַרום, שטופּט האַסטיג אַרויס אַ בינטעל פון בוזים, רייסט אויף און גיט אָן עפּען, נעהמט אַרויס אַ שטיק געקאָכטע פלייש, עטליכע רויע ציבעלעס, אַ פּאָר שטיקלעך געבעקס. איינציגווייז רוקט ער דאָס דורך די גראַטעס פאַר דעם יונגען אַרעסטאַנט. ער נעהמט דערנאָך מיט׳ן פאַרטוך ווישען די אייזערנע שטאַנגען, שמייכעלט און קוקט זיך ווידער אום, נעהמט אָן די אייזערנע שטאַנגען מיט ביידע הענט און ווערט פאַרשוואונדען.

פלוצלונג ערשיינט ער ווידער, מאַכט עטליכע שנעלע טריט און שטעלט זיך אָפּ נעבען אַן אַנדער צעללע. ער צורעדט זיך הויך, צולאַכט זיך, שפּיעלט זיך מיט די הענט אונטער׳ן פאַרטוך, שלעפּט דערנאָך פון בוזים ווידער אַ בינטעל און שליידערט עס

אריין אין דער אפענער טיר. ער שטרעקט אויס די האנט זאגענ־דיג שטיל: „צוויי מטבעות. איצט א געבראכענער? נו, זאלסטו מיר אבער זיכער באצאהלען מארגען. אט דער ביפשטעק איז שוין גאר ווערט א היבשע מטבע".

דער גלאק קלינגט די מיטאג־שטונדע. דער נעגער גיט א כאפ צוויי שיסלען און טראגט זיך שנעל אפ. די וועכטער שלי־סען אפ די טירען פון די צעללען, מיט דער אויסנאהם פון די, וואו עס געפינען זיך די ארעסטאנטען אין איינצעלהאפט, ווייל דיזע קריגען ניט אפילו דעם איינציגען מאהלצייט פון טאג. עס שטע־לען זיך אויס די ארעסטאנטען אין א לאנגער שורה און זיי טרע־טען לאנגזאם צו די עס־טישען; דאן, מיט די בלעכענע שיסלען אין האנט, געהען זיי רונד און ארום, געהען צוריק ארויף אין די גאלעריען און ווערען ווידער פארריגעלט אין זייערע צעללען.

דער הילכיגער קלאנג פון פיעלע פיס, וועלכע מארשירען מיט מעסיגע טריט, הערט זיך אפקלינגען פון הויף. דאס קומען אריין די ארעסטאנטען וואס ארבייטען אין שאפ, זיי באקומען זייער שיסעלע זופ און מארשירען צו די צעללען. אנדערע גיבען א שמעק אין דער לופט, פארקרימען זיך און געהען אריבער מיט ליידיגע הענט. עס הערען זיך אונטערדריקטע מורמלעריי און שעפ־טשעריי.

ביסלעכוויז שטארבען אפ די קלאנגען. עס איז שוין די נאכ־מיטאג שטונדע. יעדער ארעסטאנט ווערט איבערגעצעהלט און פארריגעלט אין זיין צעללע. מעהר ניט די באדינענדע ארעסטאנ־טען געהען נאך ארום.

7.

דער נאכמיטאג ברענגט אן ערלייכטערונג. דער „אלטער דזשימי" מיטשעל, וועלכער רעדט מיט א גראבער שטימע אבער דאך גוטהארציג, איז דער עלטסטער איצט, וואס איז אויף דער וואך פון איינס ביז ניין. דער אלטער קאפיטאן געהט פארביי די צעללען, קעמענדיג מיט די פינגער זיין לאנגע ווייסע בארד, און זידעלט די וועכטער. אבער די ארעסטאנטען האבען איהם ליעב: ער איז בייז פאר שלאגען און ענטמוטהיגט די וועכטער, וואס זוכען זיך סתם צו טשעפען צו די ארעסטאנטען.

מיט אַן אַנגעבויגענעם קאָפּ טרעט ער שוועך אין דער לענג פונ׳ם קאָרידאָר. אַ שטימע רופט איהם: „אָה, מר. מיטשעל, קומט אַהער, איך בעט אייך“.

„כאַפּט דיך דער רוח“ — בייזערט זיך דער בעאַמטער — „קאָנסטו ניט האָבען מעהר שכל ווי איבערצושלאָגען מיר, ווען איך האַלט אין צעהלען, הע? ווער דאַרט פאַרשטומט, דו גאָט־פאַר־דאַמטער. דו האָסט מיר אין גאַנצער צומישט וואו איך האַלט“.

ער קעהרט זיך אום און הויבט ווידער אָן צו צעהלען פון דאָס ניי, אָנצייגענדיג מיט׳ן פינגער אויף יעדער צעללע, וואו עס געפינט זיך אַן ארעסטאַנט. ווען ער איז שוין פאַרטיג מיט זיין צעהלען און מיט פאַרטיג מאַכען דעם רעפּאָרט, קעהרט ער זיך אום צו דעם ארעסטאַנט.

„נו, וואָס, צום טייוועל, האָסטו געוואָלט, באַטש?“

„מר. מיטשעל, מיינע שיך זיינען שוין גאָר מכולה, איך טרעט אויף די זאָקען“.

„וואוהין דענקסטו צו אַל־די רוחות אַז דו געהסט? מיינסט אפשר, אַז דו געהסט טאַנצען אויף אַ באַל?“

„פּאַפּאַ מיטשעל, זייט אַ גוטער“ — בעט זיך דער יונגער ארעסטאַנט.

דער אַלטער באַאַמטער זידעלט איהם אויס, געהט אוועק מיט אַ פאַרקנייטשטען שטערן און פאַרטראַכט, שטעלט זיך אָבער באַלד אָפּ און הערט זיך צו, ווי באַטש בורטשעט אַז אומצופרידענער. ער קעהרט זיך אום צוריק, קוקט אָן דעם יונגען ארעסטאַנט און פאַלט אויף איהם אָן מיט אַ שטורם:

„וואָס האָסטו דאָס אַזוינס געזאָגט? „פאַרדאַמט זאָל ער ווערן דער אַלטער טכויר!“ דאָס האָסטו געזאָגט, הע? וואַרט, איך וועל דיר ווייזען. קום אַרויס אַהער!“

מיט אַן אויסערליכער בייזקייט הויבט ער אָן אויפשליסען די טיר, גיט מיט כעס אַן עפען און שרייט צו דעם פאַרבייגעהענדען וועכטער:

„מר. קעללי, שנעל אַהער, נעהם דעם באָד־יונג און גיב איהם... המ... גיב איהם אַ פּאָר שיך“.

ער הויבט אָן צו געהן ווייטער, ערשט עס דערהערט זיך פון דער גאַלעריע:

„דזשימי, דזשימי! קומט אקארשט ארויף אהער!“

„איך וועל דיר געבען א דזשימי, אז דיר וועט פינסטער און ביטער ווערען, דו שטיק אינגעווייט דו“ — ברומט דער אלטער מיט כעס — „וואו, צום טייוועל, געפינסטו זיך?“

„דא, 20־„בי“, אקוראט איבער אייער קאפ“.

דער באאמטער טרעט אפ אהינטער, צו דער וואנט, און קוקט ארויף צו דער צווייטער גאלעריע.

„וואס ווילסטו, אין יעזוס קריסטוס נאמען, פרעג איך דיך, הא?“

„איך האב שרעקליכע קרעמפען אין מאגען. גיט מיר עפעס צו בויכוועהטאג, א רפואה עפעס“.

„קרעמפען זאל דיר אין קאפ, דו לאפאצאן“. און דער אלטער געהט צום שרייב־טיש, שטעלט זיך אפ און גיט א שעפצע דעם וועכטער: „דזשאהן, געה בעסער אריבער אין אפטייק און ברענג די רפואה צו בויכוועהטאג“.

פארבייגעהענדיג א צעללע, וואו עס געפינט זיך א נייער ארעסטאנט, מיט א פליכעוואטען קאפ, וועלכער שטעהט מיט'ן פלייצע צו די גראטעס און לעזט, גיט דער אלטער קאפיטאן א גע־שריי:

„העי, דו! נעהם אוועק דיין נאקעטע זאך, ווארים אז ניט, וועסטו ביי מיר שוין קריגען פאר אזא מיאוס'ער אנטפלעקונג“.

דער ארעסטאנט טרעט אפ א צושראקענער און דער אלטער צולאכט זיך ווי א יונגער אינגעל פון זיין אייגענער חכמה.

מיט דער שטויב־בארשט אין האנט געה איך איבער דער לענג פון קארידאר. די וועכטער זיינען באשעפטיגט אויף די גא־לעריען, אונטערזוכענדיג די צעללען, אכטונג געבענדיג אויף די נייע ארעסטאנטען, וועלכע מען פיהרט איבער אין דעם דרום־פליגעל פון דער טורמע, אדער טרייבענדיג ליצנות. ארום דעם שרייב־טיש זיינען די שטולען לעדיג. איך קוק זיך גוט ארום און געה פון צעלע צו צעלע, פארטרייבענדיג דעם נאכמיטאג אין פיהרען געשפרעכען מיט די איינגעריגעלטע ארעסטאנטען. דזשאהני, דער פריינדליכער לויף־יונג, דרעהט זיך סתם אזוי ארום ביים שרייב־טיש; פון צייט צו צייט כאפט ער א קוק אין הויף און גיט מיר דעם צייכען, ווען ס'איז נאר נייטיג, קנאקענדיג מיט די פינגער,

כדי מיר צו וואָרענען געגען דער געפאהר. איך פיהר פלייסיג אָרום די שטויב־באַרשט, בעת ווען דער „דעפּיוטי“ און זיינע העל־פער שטעהען דאָרט, אַרומגערינגעלט פון די אויפזעהער, וועלכע גיבען איבער די אויסקינפטען וואָס זיי האָבען געזאַמעלט אין פאַר־לויף פון טאָג. בּיסלעכווייז געהען זיי זיך פאַנאַנדער; ווער'ען אריינגערופען אין א ווערקשטאַט, וואו ס'האָט אויסגעבראָכען א גע־שלעג, אָדער זיי דרעהען זיך סתם אַרום אָרום קיך, אַוועקצו'פּטר'ן צייט. דער „ברעג איז פריי“, ניטאָ קיין געפאַהר, און איך קעהר זיך אום אויפצוכאַפּען צוריק דעם פאַדים פון איבערגעריסענעם גע־שפּרעך.

אָבער די טעמאַס וואָס האָבען א געמיינשאַפטליכען אינטע־רעס ווערען גיך אויסגעשעפּט. די אָפט ווידערהוילטע טענות גע־גען דאָס „פּאַרפּוילטע עסען“, די אַלט־געבאַקענע ברויט און די „פּאָמויניצע־וואַסער“; די שאַרפע קללות געגען די ברוטאַלע „שרייפלעד“, געגען דעם „מאַגען־רויבער דער פּאַרוואַלטער“, וועל־כער האָט קיין וואָהר־וואָרט ניט און אויף וועמעס פאַרשפּרעכונגען מען טאָר זיך ניט פאַרלאָזען; און דאַן צוריק צו די אַלטע טעמאַס, צו די שלעכטע שפּייזען און צו דער באַהאַנדלונג. ס'איז אַן אומ־ענדליכע געשיכטע, וואָס דרעהט זיך אין דעם ענגען קרייז, באַ־פאַרבט פון אינדיווידועלען טעמפּעראַמענט, פאַרשטאַרקט דורך לאַנגע רייד. דאָס גאַנצע איז באַהערשט פון א טיעפען געפיהל פון אומפאַרדיענטע יסורים און ביטערן כעס, אָפט אַטמענדיג איינ־פאַך מיט ראַכע געגען די, וועמען זיי האַלטען פאַראַנטוואָרטליך פאַר זייער אומגליק; און אין דעם כלל געהט אַריין די פּאָליציי, דער פּראָקוראָר, דער מוסר, די עדות און, אין זעלטענע פאַלען, אויך דער ריכטער. אָבער קוים דערנעהנטערט זיך די געשמאַכטע, לאַנג־ערוואַרטע באַפרייאונג, קלינגט אָפּ די נאָטע פון האָפנונג און פרייהייט קלערער, שטאַרקער, באַגלייט פון דער וואַקסענדער שטרעמונג פון אָפענער און ניט־אונטערדריקטער געשלעכטליכער לוסט.

## קאַפּיטעל 21.

# די מעשים פון די „גוטע“ פאַר די בייזע.

די ניי־אָנגעקומענע אַרעסטאַנטען זיינען פאַרלאָרען און דער־שלאָגען, אַ בליק פון שרעק און פערצווייפלונג אין זייערע אויגען. די לאַנג־טערמיניגע צווישען זיי קוקען אויס צומישט, אַזוי ווי דורכגענומען פון עפּעס אַ מוראדיגען שרעק, און צוטומולטע לאָ־זען זיי זיך אַראָפּ אויף זייערע געלעגערס, וואו זיי פאַלען אַריין אין אַ מין הינהער־פּלעט־שלאָף. די יונגלער פון די בעסערונגס־אַנשטאַלטען, איינינע פון זיי נאָך גאָר קינדער, וויינען און קרעכ־צען און ציטערען אויף, ווען זיי דערהערען דעם באַאַמטען׳ס פוס־טריט. בלויז די „אַפּטע געסט“ און די אַלטע „תושבים“ האַלטען זיך מוטיג, לאַכען פון די „פרישע העכטען“, באַגריסען אַלטע באַ־קאַנטע און טוישען אויס גראַבע וויצען מיט די וועכטער. אָבער עס דויערט ניט לאַנג און זיי ווערען אַלע נערוועז און אויפגערעגט, און שטעהען ביי דער טיר, זיך אָנשפּאַרענדיג אָן די גראַטעס, און אויף זייערע פּנים׳ער קאָן מען באַמערקען דעם אויסדרוק פון צו־טומולטער האָפנונגסלאָזיגקייט אָדער פון אַנגסטיגער ערוואַרטונג. זיי שמאַכטען נאָ־ געזעלשאַפט און זיינען זעהר גערן צו רעדען, צו הערען דעם קלאַנג פון אַ שטימע, אויפצועפענען זייערע שווערע הערצער.

איך בין געגוי באַקאַנט מיט יעדען דעטאַל פון זייער „פאַל“ זייער לעבענס־געשיכטע, זייערע האָפנונגען און שרעקען. דורך די ענדלאָזע וואָכען און מאָנאַטען אין דעם קאָרידאָר פון דער צע־לען־געביידע, זיינען זייערע טראַגעדיעס די איינציגע טעמאַ פון געשפּרעך. אַ בליק אין די פאַרטרויערטע געזיכטער, צוגעפּרעסט צו די גראַטעס, און די פּאַנאָראַמאַ פון עלענד און נויט הויבט זיך

אויף פאר מיינע אויגען, — דאס צעלען־הויז ווערט וויסטער, פינ־
סטערער, די לופט מרה־שחורה׳דיגער און דריקענדער.

אט איז דזשאו זאפע. זיינע העלע אויגען לויכטען אויף מיט
א שוואכען שמייכעל, בעת איך בלייב שטעהן ביי זיין טיר. „העלאו,
אליק“, באגריסט ער מיך מיט זיין זיסער, אומעטיגער שטימע.
ער קאן מיך נאך פון דעם געפענגנים. זיין פאטער און זיין על־
טערער ברודער זיינען הינגעריכטעט געווארען, און איהם האט מען
די שטראף איבערגעביטען אויף לעבעס־לענגליכע תפיסה, צוליעב
דעם וואס ער איז נאך אזוי יונג. ער איז קוים אכצעהן יאהר
אלט, אבער זיינע האר זיינען געווארען ווייס. די לעצטע צייט
האט ער זיך פארהאלטען מאדנע: ביינאכט הער איך אפט, ווי
ער מורמעלט און געהט ארום, געהט ארום אהן אויפהער און מור־
מעלט. ער קוקט מיט אן אייגענארטיגען בליק, אומרוהיג, בלאנ־
דזשענדיג.

„אליק“, רופט ער זיך פלוצליג אן, „איך דיר זאגען עפעס.
דו ניט דערצעהלען קיינעם, יא?“

פארזיכערט, אז איך וועל האלטען זיין סוד, הויבט ער אן רעד־
דען שנעל, אויפגערעגט אין זיין צובראכענעם, איטאליענישען
ענגליש:

„קיינער ניטא, אליק? קיין „שרייפעל“? ש—ש! נעכטען
ביינאכט איך געזעהן מיין ברודער. יא, געזעהן דזשאני. דזשעזו
קריסטא, איך געזעהן מיין ארעמען ברודער אין דער צעל דא, און
דאן מיין פאטער, ער אויך געקומען. ברודער און פאטער זיי גע־
שטאנען דארט, אויפ׳ן פלאר, און אזוי שטיל, ווי טויט, און דאן
זיי צוגעקומען און זיך געלעגט אין מיין בעט. א, דזשעזו קריסטא,
איך אזוי מורא געהאט, איך געוויינט און גאט געבעטען. דו ניט
וויים וואס עס מיינט? נ־יי־ן? איך דיר זאגען. עס מיינט, איך
שטארבען, איך באלד שטארבען“.

זיינע אויגען גליהען מיט א פינסטערען פייערל און איבער
זיין געזיכט באוויזט זיך א רויטער פלעק פון א שווינדזיכטיגען.
ער קנייטשט דעם שטערן, בעת איך פרוביר איהם בארוהיגען, און
רעדט ווייטער שנעל:

„ש—ש! ווארט ביז איך דיר דערצעהלען אלעס. דו ווייסט,
פארוואס מיין פאטער און דזשאני ארויסגעקומען פון גרוב? איך

דיר זאָגען. זיי געקומען נעהמען ראַכע, ווייל זיי אונשולדיג. איך דיר זאָג אמת. הערסט, מיר אַלע געאַרבייט אין דער מינע, די קויהלען-מינע, איך און מיין פאָטער און דזשאַני. אַלע געאַרבייט שווער און געמאַכט איין דאָלאַר, פיליכט אַ דאָלאַר און אַ קוואָדער אַ טאָג. און אַ גרויסער אַמעריקאַנער חברה-מאַן, ער געקומען און זיך געטשעפּעט צו מיין פאָטער. מיין פאָטער, ער ניט געוואָלט קיין קריעג; ער אַן אַלטער מאַן, ניט געטשעפּעט קיינעם. און דער אַמעריקאַנער מאַן ער געמאַכט צוויי דאָלאַר און פיליכט צוויי פופציג אַ טאָג און ער זיך געטשעפּעט מיט מיין פאָטער, שטענדיג, איהם געשטופּט און געבריקעט מיט די פיס, און צוגע־גנב׳עט מיין ברודער׳ס לאָפּעטע, און באַהאַלטען מיין פאָטער׳ס הוט, און אָנגעטאָן צרות מיינע לאַנדסלייט, און אונז גערופען „שמוציגע הינט“. און איין טאָג, ער און צוויי אײרישע, זיי אַלע שכור, און זיי געשלאָגען מיין פאָטער, און דער אַמעריקאַנער און די אײרישע געשריען, „הונט ס—— ב—— האָסט מורא צו פייטען“, און דער אַמעריקאַנער מאַן ער גענומען אַ גרויסע האַק און געוואָלט דערלאַנגען מיין פאָטער, און מיין פאָטער ער אַנטלאָפען, און איך און מיין ברודער און אַ פריינד מיר געפייט, און דער אַמעריקאַנער ער געפאַלען, און אַלע אוועק אַהיים. דאַן פּאָליציי געקומען און אַרעסטירט מיך און פאָטער און ברודער, און געזאָגט מיר גע־הרג׳עט אַמעריקאַנער מאַן. איך און מיין ברודער ניט גענוצט קיין מעסער, קאַן זיין מיין פריינד עס געטאָן. איך ניט ווייס; איהם ניט אַרעסטירט; ער אוועקגעפאָהרען אַהיים אין איטאַליע. מיין פאָטער און ברודער זיי געסייפט זיבען-און-ניינציג דאָלאַר, און איך געסייפט פינף-און-צוואַנציג, און גענומען אַ לאַיער. ער ניט גוט, און ער ניט גערעדט פיעל אין קאָורט, און מיין פאָטער געהאַנגען, און דזשאַני׳ן געהאַנגען, און איך געקריגען לעבענס־לענגליך. מיין פאָטער און ברודער זיי געקומען נעכטען ביינאַכט פון קבר, ווייל זיי אונשולדיג און ווילען ראַכע, און איך מוז נעהמען ראַכע, איך ניט רוהען, כ׳מוז — “

דאָס שאַרפע פינגער-קנאַקען פון דזשאָהני דעם לויף-יונגעל וואָרענט מיך פאַר געפאַהר, און איך פאַרלאָז שנעל דעם פּלאַץ.

די מעלאַנכאָלישע געשטאַלטען שטעהען אויסגעשטעלט ביי די

טירען, בעת איך געה ארויף און אראפ איבער'ן קארידאר. די בלייכע געזיכטער קוקען פארטראכט דורך די גראטעס, אדער זיינען אנגעלעהנט אן וואנט, מיט א מיענע פון דערשלאגענקייט און א פוסטען בליק אין די פינסטערע אויגען. יעדע געשטאלט רופט ארויס אין מיין מוח די געשיכטען פון עלענד און נויט, די סצענעס פון ברוטאליטעט און פייניגונג, מיט וועלכע איך זעה זיך אן אין דעם געפענגנים־הויז. ווי שוידערליכע קאשמארען געהען די שא־טענס מיר פארביי. אט איז דער „שוויינעדיגער ניק", וואס שפאנט ארום אהן אפרוה אין זיין שטייג, הערט קיינמאל ניט אויף, און זיינע ליפען זיינען פארשלאסען, שטום. שוין דריי יאהר אז ער האט ניט פארלאזען די צעלע, אויך ניט אויסגערעדט קיין ווארט. זיינע אומגעלומפערטע געזיכטציגע זיינען צושניטען און בלוטענ־דיג. לעצטע נאכט האט ער געמאכט א פארזוך צו באגעהן זעלבסט־מארד, און די וועכטער האבען איהם געשלאגען און איהם איבער־געלאזט אין א באוואוסטלאזען צושטאנד אויפ'ן דיעל.

דא איז דער „פארריקטער האנקי", דער עסטרייכער. יעדען פריהמארגען, ווען דער באאמטער שליסט אויף זיין טיר איהם צו דערלאנגען דעם לעבעל ברויט, טוט ער זיך מיט אימפעט א ריס צום הויף, שרייענדיג: „מיין ווייב! וואו איז מיין ווייב?" ער לויפט צום פראנט, און מיט פארצווייפלונג כאפט ער אן דאס טיר־הענטעל. דער דאפעלטער אייזערנער טויער איז פארשלאסען. מיט א בליק פון ענטוישונג אויף זיין געזיכט קעהרט ער זיך לאנג־זאם אום צו דער צעלע. די וועכטער ווארטען איהם אפ מיט א רשעות'דיגען שמייכעל. פלוצלינג גיבען זיי זיך א לאז אויף איהם, מיט „בלעקדזשעקס" אין די הענט. „מיין ווייב, איך זי געזעהן!" שרייט דער עסטרייכער. דאס בלוט שטראמט פון זיין מויל און נאז, בעת זיי בריקען איהם אריין מיט די פיס אין דער צעלע. „מיין ווייב ווארט דארט אין הויף", יאמערט ער.

אין דער נעקסטער צעלע איז טאמי וועלמאן; נעבען איהם, דזשים גרענט. זיי זיינען יונגלעך, וועלכע מען האט ניט לאנג צוריק אריבערגעפיהרט אהער פון דער „בעסערונג־אנשטאלט". זיי פארקריכען אין ווינקעל, פאר שרעק. מיט טרערען אין די אויגען דערצעהלען זיי זייער געשיכטע. צוויי יתומים אין די שמוציגע הינטער־געסלעך פון אלעגהעני, האט מען זיי פארשיקט אין דער

„בעסערונג־שולע" אין מארגאנזא, דערפאר וואס זיי האבען גע־לאטכענט פרוכט פון א גאסען־געשטעל. אזוי ווי מען האט זיי דארט שלעכט באהאנדעלט און געשלאגען, האבען זיי געזוכט צו אנטלויפען. אויף א קינדערשען אופן האבען זיי אונטערגעלעגט פייער אין דער שלאף־שטוב, כמעט פאר די אויפזעהער אין די אויגען. „כ'רוף זיך אפ צו מיין חבר, רוף איך זיך אפ", דערצעהלט טאמי מיט יונגעלשען פייער, „קיד", זאג איך צו איהם, „לאמיר אונטערצינדען אט דעם לויזיגען פלאץ; ס'וועט זיך רודערן, ס'וועט זיין א היבש ביסעל שפאס, און מיר וועלען קאנען אנטלויפען אין דער אויפרעגונג". מען האט זיי געבראכט אין געריכט, און דער גוטער ריכטער האט זיי פאר'משפט צו פינף יאהר אין צוכט־הויז. „כ'בין צופריעדען וואס איך בין ארוים פון יענעם מיסט־קאסטען", לעגט טאמי צו; „ס'איז געווען איינפאך שוידערליך. זיי האבען אונז ארומגעיאגט און אויסגעהונגערט אויף א שרעקליכען אופן".

אין דער „קארב־צעלע" וואלגערט זיך א יונגער ניגער אויף דער ערד. ס'איז לענקעסטער, נומער 8523. ער איז פאראורטיילט געווארען אויף זיבען יאהר און האט געארבייט יעדען טאג אין דער ווערקשטאט פון די ראגאזשעס. לאנגזאם זיינען די טעג פאר־ביי, און ענדליך איז געקומען די לאנג־ערווארטעטע שטונדע פון באַ־פרייאונג. אבער לענקעסטער איז ניט באפרייט געווארען. מען האט איהם געהאלטען ווייטער ביי דער ארבייט; דער פארוואל־טער האט איהם געלאזט וויסען, אז ער האט פארלארען זעקס חדשים פון זיין „גוטער צייט" דערפאר וואס ער האט ניט געארבייט ווי געהעריג איז. דער צופריעדענער, לוסטיגער ניגער איז געווארן מרה־שחורה'דיג, דערשלאגען. אפט איז די שטילקייט פונ'ם צעלען־הויז איבערגעריסען געווארען דורך זיין מורא'דיגען וועה־געשריי אין דער נאכט: „מיין צייט איז געענדיגט, צייט'ז געענדיגט. איך וויל געהן אהיים". די וועכטער פלעגען איהם דאן ארויסנעהמען פון דער צעלע, און איהם אריינווארפען אין „לאך", אין גרוב. איין פריהמארגען האט ער, אין אנפאל פון וואהנזין, אטאקירט קעפ־טיין מעקוועי, דעם בעאמטען פון דער ווערקשטאט. דער קעפטיין האט געקריגען א לייכטען קראץ אויפ'ן נאקען, און לענקעסטער איז געהאלטען געווארען צוגעשמידט צו דער וואנט פונ'ם קערקער, פאר צעהן טעג צייט. דערנאך האבען זיי איהם צוריקגעבראכט

אין דער צעלע מיט שוים אויף די ליפּען, אַ אמת׳ער אידיאָט. אויף מאָרגען האָבען זיי איהם אָנגעטאָן אין זיינע ציוויל־קליידער. לענקעסטער האָט געמורמעלט: „ב׳געה אהיים, כ׳געה אהיים“. דער פאַרוואַלטער און עטליכע פון זיינע באַאַמטע האָבען איהם בעגלייט אין געריכט־הויז, איינ׳טענה׳נדיג אויפ׳ן וועג מיט דעם אָרעמען אידיאָט צו ענטפערען „יאָ“ אויף דער פראַגע פון ריכטער: „ערקלעהרט איהר זיך אַלס שולדיג?“ ער האָט נעקריגען זיבען יאָהר, די העכסטע שטראָף וואָס דאָס געזעץ ערלויבט, פאַר דעם „פאַרזוך צו ערמאָרדען אַן אויפזעהער“. זיי האָבען איהם צוריק־געבראַכט אין געפענגנים, און איהם איינגעשלאָסען אין אַ „קאָרב־צעלע“, די גראַטע־טיר באַדעקט מיט אַ געדיכטער דראָטענער רע־שאָטקע, דורך וועלכער עס קאָן כמעט גאָרנישט אריינקומען קיין ליכט און לופט. ער קריגט ניט קיין מעדיצינישע הילף און ווערט געשפּייזט אויף אַ דיעטע פון ברויט און וואַסער.

דער אידיאָטישער ניגער קריכט אַרום אויפ׳ן דיעל, ניט געוואַשען און ניט געקעמט, אויסקראַצענדיג מיט זיינע נעגעל פאַנטאַס־טישע פיגורען אויפ׳ן שטיין און פּלאַפּלענדיג נאַריש: „פאָהרט, יעזוס פאָהרט קיין ירושלים. איהר זעהט, ער רייט אויפ׳ן היילינגען עזעל; ער פאָהרט צו זיין פאָטער אהיים. פאָהרט אהיים, פאָהרט אהיים“. בעת איך געה פאַרביי, הויבט ער אויף דעם קאָפּ, קוקט אַרויף מיט אַ ערשטוינענדער פאַרוואונדערונג אויף זיין געזיכט; ער קנייטשט מיט׳ן שטערן אין אַ שמערצליכען פאַרזוך צוזאַמענ־צונעהמען זיינע וואַנדערענדע געדאַנקען, און מיט אַ פאַטעטישען ניגון ציהט ער אויס די ווערטער: „פאָהרט אהיים, פאָהרט אהיים; יעזוס פאָהרט צום פאָטער אהיים“. די וועכטער פאַרשטעלען זיך די נאָז מיט זייערע הענט, ווען זיי קומען צו נהענט צו דער צעלע: דער אָרעמער אידיאָט לעדיגט זיך אויס אויפ׳ן טיש, אויפ׳ן שטול און אויפ׳ן דיעל. צוויי מאָל אין מאָנאַט נעהמט מען איהם אין באָד־צימער; מען טוט איהם אויס נאַקעט און די וואַסער־קישקע ווערט אָנגעשטעלט אויף דעם פאַרריקטען ניגער.

די צעלע פונ׳ם „קליינעם סעמי“ איז לעדיג. ער איז געוועזען נומער 9521, אַ יונגער מאַן פון אַלטונאַ. איך האָב איהם זעהר גוט געקאָנט. ער איז געוועזען אַ פריינדליכער יונג און אַ פלייסיגער

ארבייטער; אבער פון צייט צו צייט פלעגט ער אריינפאלען אין א מין מרה־שחורה. דאן פלעגט ער זיצען אומבאוועגליך אויפ׳ן שטול, מיט א צוטומעלטען בליק אין די אויגען, פארנאכלעסיגענדיג עסען און ארבייט. די דאזיגע אנפאלען פלעגען געוועהנליך דויערען צוויי אדער דריי טעג. סעמי פלעגט אויף קיין פאל ניט וועלען פארלאזען די צעלע. דער אלטער דזשימי מעקפיין, דער פארשטארבענער „דעפיוטי“, פלעגט ביי אזעלכע געלעגענהייטען הייסען דעם ארעסטאנט געהן אין ווערקשטאט, בעת ווען סעמי פלעגט זיך בלייבען זיצען און קוקען מיט צומישטע בליקען, ווי ניט פארשטעהענדיג וואס ארום איהם טוט זיך. דאן פלעגט מעקפיין באפעהלען ארונטערצופיהרען דעם „איינגע׳עקשנ׳טען בחור“ אין קערקער, און יעדעס מאל וואס סעמי׳ן „האט פארדרעהט דער קאפ“, איז ער, א שטילער און אומבאוועגליכער, ארונטערגעשלעפט געווארען אין קעלער. דער נייער „דעפיוטי“ האט נאכגעפאלגט דעם אויסגעטראטענעם וועג, און נעכטען אבענד, ביי דער „מוזיק־שטונדע“, בעת די מענער האבען געסקראבעט זייערע אינסטרומענטען, האט מען געפונען דעם „קליינעם סעמי“ אויף דער פאדלאגע פון דער צעלע, זיין האלז איבערגעהאקט פון אויער צו אויער.

ביי דעם קאראנער׳ס אויספארשונג האט דער געפענגניס־פארוואלטער עדות געזאגט, אז דער יונג איז באטראכט געווארען אלס גייסטיג געשטערט; אז מען האט איהם דערפאר באפרייט פון ארבייט און קיינמאל ניט באשטראפט.

זיך אומקעהרענדיג אין אבענד צוריק אין מיין צעלע, באגעגענט מיין בליק די געדרוקטע רעגעלען אויף דער וואנט:

„די געפענגניס־בעאמטע ווינשען צו באהאנדלען יעדען ארעסטאנט, וואס געפינט זיך אונטער זייער השגחה, מיט מענשליכקייט און פריינדשאפט. *** דער ציעל פון יעדער געפענגניס־דיסציפלין איז, דורך דער אויספיהרונג פונ׳ם געזעץ צוריקצוהאלטען דאס בייזע און באשיצען דעם אומשולדיגען פון ווייטערדיגען שאדען; אזוי אנצואווענדען דאס געזעץ אויפ׳ן פארברעכער, אז עס זאל דורכדעם געשאפען ווערען א היילונג פון זיינע מאראלע קראנקהייטען, ארויסרופענדיג די בעסערע פרינציפען פון זיין נאטור“.

## קאַפּיטעל 22.

# די קאָרן פון דער געפענגניס־מיהל

### 1.

די פאַרהעלטניסמעסיגע פרייהייט פון אַרומגעהן איבער'ן קאַ־
רידאָר און אויפפּאַסען אויף די צעלען מאַכט מיך באַקאַנט מיט
די אַרבּייטען פון דער אינסטיטוציע און ברענגט מיך אין נאָהענטער
באַריהרונג מיט די געפענגניס־בעאַמטע. דער פּערזאָנאַל פון די
וועכטער באַשטעהט פון אַ זעהר נידעריגען כאַראַקטער. איך גע־
פין, אַז זייער דורכשניטליכע אינטעליגענץ איז באַדייטענד נידע־
ריגער, איידער די אינטעליגענץ פון די אַרעסטאַנטען. באַזונדערס
די געוועזענע פּאָליציסטען און דעטעקטיווס, וועלכע ווערען אויפ־
גענומען אַלס וועכטער, האָבען ניט קיין שום סימפּאַטיע מיט די
אומגליקליכע, וועלכע שטעהען אונטער זייער השגחה. זיי זיינען
מערסטענטיילס מענער, וואָס זיינען ענטזאַגט געוואָרען פון שטאָד־
טישע שטעלעס צוליעב געוואוינהייטליכע שכרות, אָדער אויבען־
אויפיגער ברוטאַליטעט און כאַבאַר־נעמעריי. זייער באַנעהמונג צו
די אַרעסטאַנטען קאָן אויסגעדריקט ווערען אין צוויי ווערטער:
צוואַנג און אונטערדריקונג. זיי קוקען אויף די אַרעסטאַנטען ווי
אויף ווילענלאָזע געגענשטענדען פון אַן אייזערנער דיסציפּלין, פאַ־
דערן אומבאַדינגטע געהאָרכזאַמקייט און אַבסאָלוטע אונטערוואַר־
פונג צו ענטשידענע קאַפּריזען, און טראָגען אַ פּערזענליכע שנאה
צו די וואָס לאָזען זיך ניט אַזוי לייכט בויגען. די אינטעליגענ־
טערע צווישען די בעאַמטע פאַראַכטען די נידעריגע פליכטען און
שטרעבען צו העכערעס. די אויטאָריטעט און די באַלוינונג פון אַ
„דעפּיוטי"־פּאָרוואַלטער איז פאַר זיי זעהר אָנציהענד, און יעדער

אויפזעהער באטראכט זיך אלס דער פאסטענדסטער פאר דער לעדיג־געוואָרענער שטעלע. אבער דער באגעהרטער פרייז ווערט געגע־בען צו דעם וועכטער, פאר וועמען די ארעסטאנטען ציטערן אם מעהרסטען און וועלכער איז מעהר פון אלע אנדערע שומרים אונ־טערוואָרפען צו דעם פארוואלטער, — פון איין זייט א דירעקטע אויפהעצונג צו ברוטאליטעט, פון דער אנדער זייט צו חניפה, צו טעלער־לעקעריי.

אן אנצאהל פון די בעאמטע זיינען וועטעראנען פון דעם בירגער־קריעג; איניגע צווישען זיי זיינען געווען פארשפארט אין ליבבי־געפענגנים. די דאזיגע ווייזען אפט ארוים א סימפאטישערען גייסט. אבער די גרויסע מעהרהייט פון די וועכטער זיינען געווען באשעפטיגט אין דעם צוכט־הויז פון פופצעהן ביז פינף־און־צוואנ־ציג יאהר; מאנכע זאגאר א לענגערע צייט, ווי דער בעאמטער סטיוארט, וואס איז געווען א וועכטער פאר פערציג יאהר צייט. אט דער עלעמענט איז אומבאשרייבליך קאלטבלוטיג און גרויזאם. די ארעסטאנטען שמועסען צווישען זיך מכח די אלטע וועכטער, טרעפען וויפיעל זיי זיינען אלט און שפעקולירען וועגען די טעג וואס איז זיי נאך באשערט צו לעבען. דער טויט פון איינעם פון זיי ווערט באגריסט מיט פרייד: זיי ווערען זעלטען ענטזאגט; נאך זעלטענער טרעפט אז זיי זאלען רעזיגנירען פון זייער אמט.

די ערשיינונג פון א נייעם בעאמטען גיסט אריין האפנונג אין די טרויעריגע לעבענס. נייע וועכטער — סיידען זיי ווערען גענומען פונ׳ם פאליציי־ביורא — זיינען כמעט אהן אויסנאהם מילד און געדולדיג, אפט זעהר מענשען־פריינדליך. די ארעסטאנטען קאָנ־קורירען איינע מיט די אנדערע, ארויסווייזענדיג פריינדשאפט צו דעם „קאנדידאט“. ס׳איז א פונקט פון עהרע אין זייער ניט־גע־שריבענער עטיק איהם צו באהאנדלען אנשטענדיג. זיי זיינען בייז אויף א מיט־ארעסטאנט, וועלכער זוכט אויסצונוצען דעם „גרינעם שרייפעל“, מיסברויכענדיג זיין פריינדליכקייט אדער עקספלואטי־רענדיג זיין אונוויסענקייט, זיין ניט־באהאווענטקייט אין די גע־פענגנים־געזעצען. אבער די אלטע וועכטער און אויפזעהער זיינען ביי זיך אין הארצען שטארק אומצופריעדען פון די ניי־צוגעקומענע באאמטע; זיי ווילען ניט קיין נייע, יונג בלוט. זיי שטרעבען דערום צו ענטמוטיגען דעם אפליקאנט, דורכדעם וואס זיי זיינען

שטאַרק מגזם די געפאַהרען פון דער שטעלע און מאַכען צו קליין־געלט איהר פינאַנציעלע באַדייטונג פאַר אַ יונגען מאַן מיט אַמ־ביציע. זיי רעדען איבער איהם, האַקען איהם אַריין אין קאָפּ אַלערליי שוועריגקייטען, אַז דער פאַרוואַלטער באַנעהמט זיך ניט אַנשטענדיג צו די וועכטער, און אַז עס איז איבערהויפּט ניטאָ קיין געלעגענהייט זיך אַרויפצואַרבייטען. אָפט געלינגט זיי אָפּצו־רעדען דעם נייעם מאַן, און ער פאַרשווינדט פון'ם געפענגניס־האַריזאָנט. אָבער אויב ער עקשנ'ט זיך איין און בלייבט, טענה'ן די אַלטע וועכטער אָפט איין מיט איהם און אין כלומר'שטער פריינדליכקייט רעדען זיי איהם אויס פאַר זיין מילדקייט, רופען איהם „ווייכהאַרציגע לעמעשקע" און נוצען אויס יעדע געלעגענהייט איהם איינצוגעוועהנען אין דער פּראַקטיצירונג פון ברוטאַליטעט. דער סיסטעם איז באַקאַנט אין געפענגנים אַלס „איינברעכען": דער נייער מאַן ווערט שטענדיג גערופען אַנטייל צו נעהמען אין דעם „קלאַבינג־סקוואַד", אין דער אַבטולונג פון די וועכטער, וועלכע באַפאַלען פון צייט צו צייט די אַרעסטאַנטען מיט בולאַוועס אין די הענט, און די עלטערע בעאַמטע ווייזען דעם וועג, דיענען אַלס ביי־שפּיעל פון גרויזאַמקייט. ענטזאַגט זיך דער נייער מאַן אַנטייל צו נעהמען, הייסט דאָס זיין אונגעהאָרכזאַם צו זיינע עלטסטע און ניט וועלען טאָן זיין פליכט, און דער רעזולטאַט איז, אַז ער ווערט דערפאַר גלייך ענטזאַגט פון זיין שטעלע. אָבער אַזעלכע ביישפּיע־לען טרעפען זעהר זעלטען. אַזוי ווייט ווי דער עלטסטער בעאַמ־טער, מר. סטיואַרט, געדענקט, האָט עס פּאַסירט בלויז איין מאָל, און דער מאַן איז געווען אַ קראַנקער.

לאַנגזאַם ווערט דער גיפט איינגעזאַפּט אין דעם נייעם וועכ־טער. אין אַ קורצער צייט באַמערקען שוין די אַרעסטאַנטען די ערשטע צייכענס פון ענדערונג: ער ווערט וועניגער טאָלעראַנט און חבר'יש, מעהר גערייצט און פרעמד. גלייך נאָכדעם הויבט ער אָן פיהלען, אַז ער ווערט שפּיאָנירט פון די ליעבלינג־„טראַסטים" פון זיינע מיט־בעאַמטע. אויף וואָס פאַר עס איז געהיימניספולע אופן האָט דער פערוואַלטער פון געפענגנים אַ ידיעה וועגען יעדען טריט וואָס ער מאַכט; ער זידעלט איהם אויס דערפאַר וואָס ער האָט גערעדט צו לאַנג צו דעם און דעם אַרעסטאַנט, אָדער דערפאַר וואָס ער האָט אַן אַנדערען געגעבען אַ האַלבע באַנאַנע — די

„שיריים“ פון זיין מאהלצייט. אין א מאמענט פון טיעפען מיט־לייד ווערט דער בעאמטער געריהרט דורך די טרעהרען און בקשות פון אן אומגליקליכען ארעסטאנט, איבערצוגעבען א שליחות צו זיין קראנקער פרוי אדער קינד. דער ארעסטאנט פארטרויט דעם סוד צו א פריינד, אדער פלאפעלט אויס אויף א נאכלעסיגען אופן וועגען זיין אינטימער פריינדשאפט מיט דעם וועכטער, און באלד שטעהט דער בעאמטער אן אנגעקלאגטער פאר דעם פארוואלטער, און מען נעהמט ביי איהם אוועק א מאנאט געהאלט. ווידערהאלטע מיסברויכונג פון צוטרוי, צופעליגער פעררוראט פון אן ארעסטאנט, וואס זוכט צו געפינען חן ביים פארוואלטער אין די אויגען, און דער נייער וועכטער ווערט פארביטערט געגען יעדען איינעם וואס טראגט דעם נאמען „ארעסטאנט“. דער אינסטינקט פון זעלבסט־דערהאלטונג, געיאגט און געסטראשעט אויף יעדער זייט, ווערט פעסטער, איינדרוקספולער, און דער וועכטער ווערט גאר אין גיכען אריינגעצויגען אין דעם וויכער פונ'ם „סיסטעם“.

## 2.

טאג־טעגליך זעה איך די מאשינעריע ביי דער ארבייט, רייבענדיג און צומאהלענדיג, ברוטאליזירענדיג די בעאמטע, פארוויל־דעוועגדיג די ארעסטאנטען. כאטש ווייט אוועק פונ'ם שטרייט און קאמף פון דער גרויסער וועלט, דאך זעה איך א קאפיע דערפון אין מיניאטור, וואס איז נאך שרעקליכער און אומ־ברחמנות־דיגער אינוויינין אין די ווענט פון געפענגניס. ס'איז א פארפאלקאמטער מאדעל, דאס דאזיגע געפענגניס־לעבען, מיט זיין אויגענשיינליכער גלייכפארמיגקייט און טרויעריגער פאסיווקייט. אבער אונטער דער פארגליווערטער אויבערפלעך פלאקערן די פייערן פון זיין, פון לע־בען; אט קנאקען זיי שוואך אונטער א פינסטערן רויך, און אט ברעכען זיי אויס מיט דער ווילדקייט פון פארצווייפלונג. פאר־בארגען דורך דעם שלייער פון דיסציפלין בושעוועט דער קאמף פון מורא'דיג־שטרייטענדע ווילענס, און פארפלאנטערטע נעצען זיינען איינגעוועבט אין דעם זומפ פון פינסטערניש און אונטער־דריקונג.

אינטריגעס און געגען־פארשווערונגען, געוואלט און קארופציאן

זיינען פול אין צעלען־הויז און אין די וווערקשטאַטען. די אַרעס־טאַנטען שפּיאָנירען זיך איינע די אַנדערע, און יעדער באַזונדער שפּיאָנירט די בעאַמטע. די לעצטע, די בעאַמטע ווידער, ערמוטי־גען די „טראַסטים“, זיי זאָלען אויסגראַבען פון אונטער דער ערד די געהיימע מעשים פון די אַרעסטאַנטען און די מוסרים קאָנקור־רירען שטאַרק איינע מיט די אַנדערע, צושטעלענדיג אינפאָרמאַציע צו די וועכטער. אָפטמאָל פאַרנאַרען זיי לכתחילה דעם פאַרטרויטען אַרעסטאַנט אין אַ פאַלשער פאַרשווערונג צו אַנטלויפען, זיי העל־פען און ערמוטיגען איהם אין די פאַרבאַרייטונגען, און אין דעם קריטישען מאָמענט גיבען זיי איהם אויס צו די געפענגנים־בעאַמטע. דער אומגליקליכער מאַן ווערט שטרענג באַשטראָפט, בלייבענדיג געוועהנליך אין פאַלשטענדיגער אונוויסענהייט וועגען דער אינט־ריגע. דער פ ר אָ וו אָ ק אַ ט אָ ר ווערט באַלוינט מיט גרעסערער פרייהייט און ספּעציעלע פּריווילעגיעס. אָפט איז זיין פּעררעט דער ערשטער פוס־טריט צו פרייהייט, וויל ער ווערט געהאָלפען דורך דעם פּאַרוואַלטער׳ס אָפיציעלע רעקאָמענדאַציע פונ׳ם „מאָ־דעל אַרעסטאַנט“ צו דער „סטייט באָארד אָוו פּאַרדאָנס“.

די מוסרים און די „טראַסטים“ זיינען אַ וויכטיגער עלעמענט אין דער געפענגנים־רעגירונג. מיט זעלטענער אויסנאַהם, האָט יע־דער בעאַמטער איינעם אָדער מעהר אין זיין שטאַב. זיי העלפען איהם אין זיינע פליכטען, טוען דעם גרעסטען טייל פון זיין אַר־בייט, און שרייבען אָן די באַריכטען פון די עם־האַרצ׳ישע וועכ־טער, וועלכע קאָנען ניט לעזען און שרייבען. ווען ניט ווען רופט מען זיי זאָגאַר צו העלפען די חברה שלאָגער, דעם „קלאָבינג־סקוואד“. די אינטעליגענטערע מוסרים האָבען דעם צוטרוי פונ׳ם „דעפּיוטי“ און זיינע געהילפען, און פון דאַנען שטייגען זיי ביז דער גינסטיגקייט פונ׳ם פּאַרוואַלטער. ער, דער פּאַרוואַלטער, פאַר־לאָזט זיך מעהר אויף זיינע ליעבלינג־„טראַסטים“, איידער אויף די וועכטער. „איך האָב אומגעפעהר אַ הונדערט באַצאָהלטע בעאַמטע צו האַלטען אָן אויג איבער די אַרעסטאַנטען“, איז דער פּאַרוואַל־טער מודיע נייע אַפּליקאַנטען, „און צוויי הונדערט וואָלונטירען צו באַוואַכען ביידע“. די „וואָלונטירען“ האָבען אומאָפיציעלע אויטאָריטעט, וועלכע שטייגט אָפט אַריבער די אויטאָרי־טעט פון די קלענערע בעאַמטע. זיי קריגען אַלע די „סי־

נעקורען״, די איינטרעגליכע, לייכטע שטעלעס פון דעם געפענגניס, אזוי אז זיי זאלען ניט דארפען קיין סך ארבייטען און האבען א געלעגענהייט צו שפאצירען. זיי זיינען „לויפערס“, „שיק־יונגען“, הויף און אפיס־לייט.

אנדערע ווינשענסווערטע שטעלעס, בוכהאלטער און דערגלייכען, ווערען אפגעגעבען צו איינפלוסרייכע ארעסטאנטען, ווי באנקירען, גרויסע שווינדלער און כאבארניקעס. די דאזיגע זיינען באקאנט אין דער אינסטיטוציע אלס די, וואס האלטען „פאליטישע דזשאבס“. צוזאמען מיט די מוסרים ווערען זיי פאראכטעט פון די נייע ארעסטאנטען אלס „די ליעבלינגע“.

די פראפעסיאנעלע געשיקליכקייט פון דעם „פארטרויאונגס־מאן“ שטעהט איהם גוט ביי אין געפענגניס. א טיעפער קענער פון דער מענשליכער נאטור, שארפזיניג און זעלבסט־פארטרויט, ווענדט ער אן די פראקטיצירטע ביטרעקייט פון זיין פראפעסיע צו קריגען וואס נאר פאר פריווילעגיעס די אינסטיטוציע קאן געבען. זיין אויגענשיינליכע אינטעליגענץ און זיין זיכערע, פעסטע האלטונג האבען א געוואלטיגע ווירקונג אויף די וועכטער; זיין גוט־געמאכטער רעספעקט פאר אויטאריטעט שמייכעלט זיי. זיי זיינען איבערראשט פון דער וואונדערליכער לייכטקייט, מיט וועלכער ער רעדט, און פון זיינע גרויסע קענטעגישען אין דער געהיימניספולער וועלט פון „באקארא“ און אנדערע געהיימע שפיעלען. טיעף אין הארצען זיינען זיי מקנא דעם כהן־גדול פון „לייכטע געלט“ און זיינען שטאלץ איהם מקרב צו זיין און זיך באפריינדען מיט איהם אין זיין נויט. די בעאמטע באמיהען זיך איהם צו געפעלען, פארשאפען איהם לייכטע ארבייט, און ציימענווייז שענקען זיי איהם געשמאקע זאכען און זאגאר געלט. זיין שפיעל איז געוואונען. דער „פארטרויטער“ האט שוין די פריינדשאפט און דעם צוטרוי פון זיינע אויפזעהער, און ער וועט זיי נאך ווייטער עקספלואטירן דורך זיין כלומר׳שטען ווארעמען אינטערעס אין זייערע פיזישע וועהטאגען, אין זייערע פאמיליען־צרות און אין זייער שטיל־אויפגערעדטער, שעפטשענדער אמביציע דערהויבען צו ווערען און זייער מורא, אז דער פארוואלטער וועט ניט דערלאזען דערצו.

די אינטעליגענטערע בעאַמטע זיינען די לייכטסטע אָפּפער פון זיינע שקרים און זיין ביטרעקייט. אָבער זאָגאָר די העכערע בע־אַמטע, צו וועמען ס׳איז שווערער צו צוטרעטען, דרעהען זיך ניט אויס פון דעם „פּאַרטרויאונגס־מאַן“. זיין „געשעפט“ האָט פאַר־פּאַלקאָמט זיין חוש פון אָריענטירונג; ער צורייסט שנעל דעם שלייער פון זיין בלומר׳שטען אויסזעהן און צוגלידערט זיך אַליין. ער ערגערט זיך זעהר איבער דעם וואָס ער דאַרף זיין אין געפענגנים, און גיט אָנצוהערען וועגען הויכע געזעלשאַפטליכע פאַרבינדונגען. זיין ווירקליכער נאָמען איז אַ גרויסער סוד: ער וויל ראַטעווען זיין רייכע פאַמיליע פון עפענטליכער שאַנדע. אַ נאַכלעסיגער גליטש פון דער צונג זאָגט דערווייל אויס, אַז ער האָט געהאַט אַ קאָלעדזש־בילדונג. מיט אַ מיענע פון באַדויערען איז ער זיך מודה, אַז זיין פאָטער איז אַ סטייט־סענאַטאָר; ער איז דער איינציגער פלעק אין זיין משפחה; דאָך זיינען זיי „גוט“ צו איהם, און וועלען זיך ניט אָפּזאָגען פון איהם. אָבער ער טאָר ניט ברענגען קיין עפענטליכע שאַנד אויף זיי.

זוכענדיג ספּעציעלע פּריווילעגיעס, אָדער מורא האָבענדיג פאַר שטראָף, דערפיהרט דער „פּאַרטרויאונגס־מאַן“ זיין געשיקטע ארבייט ביז צום סוף. ער שרייבט אַ בריוועל צו אַ חבר־אַרעסטאַנט. מיט פיעלע איינצעלהייטען און מיט אַ פאַלשטענדיגען קאָנען פון די געפענגנים־באַדינגונגען, שטעלט ער אַרויס אַלע פּלאַנטערס, אַלע פעהלערען פון דער אינסטיטוציע. אין עלעגאַנטען ענגליש קריטי־קירט ער די פאַרוואַלטונג, שטעלט זיך אָפּ אויף דער אונוויסענהייט און ברוטאַליטעט פון די וועכטער, און באַשולדיגט דעם פאַרוואַל־טער און די באָארד פון געפענגנים־אינספּעקטאָרס, אַז זיי זיינען כּאַבאַרניקעס, איינציגווייז און אַלע צוזאַמען. ער פאַרדאַמט דעם פאַרוואַלטער אַלס אַ מאָגען־רויבער פון אָרעמע אומגליקליכע מענ־שען: די קאָונטים צאָהלען פון פינף־און־צוואַנציג ביז דרייסיג סענט אַ טאָג פאַר יעדען אַרעסטאַנט; די פעדעראַלע רעגירונג, פאַר איהר צאָהל אַרעסטאַנטען, פופציג סענט פער פערזאָן. פאַר־וואָס קריגען די אַרעסטאַנטען ניט גענוג און ניט קיין גוטע שפּייז? פרעגט ער. ניט ניט דער שטאַאט טויזענדער דאָלאַרס אויפצור־האַלטען דעם צוכט־הויז, אויסער דאָס געלט, וואָס מען קריגט אַריין פון די קאָונטים? — מיט אַ שאַרפען אָפּעראַציאָנס־מעסערל צו־

שניידט דער „פארטרויאונגס־מאן“ די אינסטיטוציע אויף שטיקער. איינע ביי איינע אנאליזירט ער די אינדוסטריען, ארויסווייזענדיג די געגויעסטע קענטעניש פון די זאכען, איבער וועלכע ער רעדט. די זאקען־אפטיילונג גיט ארוים אזויפיעל און אזויפיעל טוץ זאקען א טאג. זיי זיינען ניט געשטעמפעלט מיט די ווערטער „געמאכט פון ארעסטאנטען“, ווי דאס געזעץ פאדערט. די אנגעטשעפעטע צעטעלער זאגען ניט דעם אמת, און זיי האבען בלויז דעם צוועק אפצונארען דעם ארעמען קויפער. דער כאראקטער פון דעם פראָדוקט אין די עטליכע ווערקשטאטען, וואו עס ווערען געמאכט די ראגאזשעס, איז אויך אן איבערטרעטונג פון די געזעצען פונ׳ם גרויסען שטאאט פענסילווייניא צו באשיצען פרייע ארביים. די בעזים־ווערקשטאט איז פארדונגען דורך א קאנטראקט צו א פירמא פון פאבריקאנטען, באקאנט אלס „לענג בראדהערס“: דאס געזעץ פארבאט אויסדריקליך קאנטראקט־ארביים אין געפענגניסען. דער שטעמפעל „געמאכט פון ארעסטאנטען“ אויף די בעזימער איז פארקלעפט מיט א צעטעלע, כדי מען זאל ניט וויסען וואו די בעזימער ווערען פאבריצירט.

אזוי געהט דער „פארטרויאונגס־מאן“ ווייטער אין זיין בריוועל. מיט א גרויסען אנשטעל פון געהיימניספולקייט טרויט ער עס אן א באריהמטען שפיאן, מיט א ביטע עס איבערצוגעבען זיינעם א פריינד. באלד נאכדעם ווערט דער שרייבער גערופען צום „וואָרדען“. דאס בריוועל איז ביים געפענגניס־פארוואלטער אין די הענט. דער פארברעכער שמייכעלט אנגענעהם. ער ווייסט, אז די הויכע בעאמטע זיינען צושראקען, זעהענדיג ווי באקאנט אט דער אינטעליגענטער, פיליכט אויך איינפלוסרייכער מאן איז מיט די סודות פונ׳ם געפענגניס־הויז. ס׳קאן קאסטען וואס עס וויל, ער מוז איבערגעבעטען ווערען. דער „פארטרויאונגס־מאן“ שליסט זיך אן אן די „פאליטישענס“.

די געניאליטעט פון דער פארשפארטער אינטעליגענץ געהט אויף אלערליי אינדירעקטע וועגען, וואס פיהרען אלע צו דעם גרויסען, ברייטען וועג פון גרעסערער פרייהייט און פריווילעגיע. דער „אלטער היהנער־פרעסער“, דער וועטעראן פון אפט־ווידערהאלטע ערפאהרונג, מיידט לייכט אוים שווערע ארביים. ער האט א סך

פריינד אין געפענגנים, איז גוט באַקאַנט מיט די אויפזועהער און ווערט אויפגענומען פון זיי, ווי א „פאַרלאָרענער זוהן“ וואָס קומט אהיים. די בעאַמטע זיינען צופריעדען צו באנייען די אַלטע באַקאַנטשאַפט און צו שמועסען וועגען אַמאָליגע, אַלטע צייטען. עס ברענגט אַריין אינטערעס אין זייער לאַנגווייליגען לעבען, וואָס איז אַפּט אַזוי גרוי און מאָנאָטאָן ווי דאָס לעבען פונ'ם אַרעסטאַנט.

דער צוגעוואוינטער „יעגגמאַן“, וואָס איז צוליעב זיין שוואַכען געזונד און טאַקע אין פּרינציפּ געגען אַרבייט, — ער אַרבייט זעלטען. פאַר'משפּט געוועהנליך צו אַ פאַרהעלטניסמעסיג קורצער געפענגניס־שטראָף, קוקט ער אויף זיין פאַרשפּאַרונג געוויסערמאַסען ווי אויף אַן אַפּרוה פון דער פאַרמאַטערטקייט פונ'ם בראָדיאַגען־לעבען. ער פאַראַכטעט אַרבייט בכלל, געפענגניס־אַרבייט בפרט. ער מיידט זי אויס מיט אַלע כוחות, מיט זיין גאַנצער ענערגיע. אז ער האָט שוין גאָר קיין ברירה ניט, שפּיעלט ער אָפּ אַ קונציג שטיקעל, מאַכט זיך אויפ'ן פוס אָדער אויפ'ן אָרם אַ קינסטליכע וואונד, וואָס זעהט אויס ווי אַ סיפיליטישע מכה. ער מאַכט זיך כלומר'שט, ווי ער האָט מורא פאַר אַנשטעקונג, און פאָדערט אַז דער דאָקטאָר זאָל איהם עקזאַמענירען. דער דאָקטאָר קוקט אויף דער וואונד, וואָס איז אַזוי שטאַרק עהנליך צו דער שרעקליכער קראַנקהייט, און ציהט מיט די פּלייצעס. „געהאַט אַמאָל סיפילים?“ פרעגט ער. דער אַרעסטאַנט פּראָטעסטירט מיט כעס. „פּילייכט אין דער פאַמיליע?“ פרעגט דער דאָקטאָר ווייטער. דער פּאַציענט קוקט צושראָקען, ווערט רויט, וויינט, „ניין, קיינמאָל ניט!“ און נעהמט אַן דעם בליק פון אַ שולדיגען. דער דאָקטאָר איז איצט איבערצייגט, אַז דער אַרעסטאַנט איז אַן אָפּפער פון סיפילים. דער מאַן ווערט „ענטשולדיגט“ פון אַרבייט, אויף אַן אומבאַשטימטער צייט.

דער וועג פון דעם פּראָפעסיאָנעלען גנב ווערט פאַרלייכטערט דורך זיינע קאָלעגען אין געפענגניס. זאָגאָר איידער ער קומט אַן, זיינען שוין די חברים פון דער „פּראָפעסיאָן“ ביי דער אַרבייט, אויסזוכענדיג אַ ווייכען געלעגער פאַר דעם ערוואַרטעטען פריינד. אויב ער איז באַריהמט פאַר זיין ערפאָלג און געשיקטקייט, האָט ער דעם רעספּעקט פון די געפענגניס־בעאַמטע און די באַוואונדערונג

פון א גאנצער באנדע פון שטרעבענדע יונגע זשוליקעס, מיט וועניגער ערפאהרונג און א קלענערער רעפוטאציע. באוואוסטזיניג אז ער שטעהט איבער זיי, ווערט ער זייער לעהרער, גיט זיי אונטערריכט אין דער פיינקייט פון זיין פאך, לערנט זיי, ווי צו מאכען די פלינקע באוועגונגען מיט די פינגער און פיהרט זיי אריין אין דער פילאזאפיע וועגען דעם איבערפלוס פון „שוטים", מיט וועלכע דער גוטער גאט האט באשאנקען די וועלט, כדי דער גנב זאל קאנען מאכען אן „אנשטענדיגען, עהרליכען לעבען". אזוי גיך ווי זיין געפענגניס־שטראף האלט ביים ענדיגען זיך, ווערט דער פראפעסיאנעלער גנב פארטראכט; ער קוקט פארזיכטיג דורך די ציי־טונגען, ארבייט אויס פלענער פאר זיין ערשטען „דזשאב", מאכט אפ ווען זיך צו טרעפען מיט זיינע „שותפים" און זאמעלט בריוו־לעך און גריסען פאר זייערע ווייבער־גנב׳טעס. ער איז שטארק פארזארגט וועגען זיינע הענט, וועלכע זיינען פאר דער צייט אביסעל פארהארטעוועט און פארגרעבט געווארן, און אז ער וועט פיליכט ניט קאנען אזוי לייכט און פלינק באוועגען מיט זיינע פינגער. ער מאכט אלערליי קונצשטיק צו קריגען לייכטערע ארבייט, כדי צו שאנעווען זיינע הענט, אמוזירט די אויפזעהער און חנפה׳ט דעם פארוואלטער, ארויסצוקריגען ביי איהם א פאר נייע שיך, געמאכט צו מאס אין די געפענגניס־שאפּס, און באשטעהט דערויף אז ער דארף קריגען די צעהן דאלאר וואס קומט אזעלכע ארעסטאנטען, וועלכע ווערען געשיקט אהער פון ווייטערע געגענדען, אויסערהאלב אלעגהעני.*) ער ארגומענטירט, אז ער מוז האבען געלד „צו פארלאזען דעם שטאאט". אפט פארלאזט ער ווירקליך דעם שטאאט. אבער נאך אפטער טרעפט, אז די פאליציי האלט אנגעגרייט געגען דעם מאן עטליכע אנדערע קלאגען, און אזוי גיך ווי ער שטעלט נור ארויס זיין פוס פון דער אנדער זייט טויער, ווערט ער ארעסטירט פון דעטעקטיווס, וועלכע האבען פריהער געקראגען צו וויסען וועגען דעם פון די געפענגניס־בעאמטע.

*) ארעסטאנטען וואס ווערען גע׳משפט און פאר׳משפט אין דער קאונטי פון אלעגהעני — אין וועלכער דאס צוכט־הויז, די „וועסטערן פעניטענשערי" געפינט זיך — קריגען בלויז פינף דאלאר, בעת זיי ווערען באפרייט פון געפענגניס.

די גרויסע מאַסע פון די אַרעסטאַנטען, צופעליגע און געלע־גענטליכע פאַרברעכער דירעקט פון פעלד, פאַבריק און מינע, ווערט פאַרשוואַרצט אין די ווערקשאַטען, אין ביטערער נויט און שרעק. טאָג־איין, טאָג־אויס, יאָהר נאָך יאָהר, מוטשען זיי זיך ביי דער מאַנאָטאָנער אַרבייט, קוקענדיג מיט תם׳עוואַטע, וואונדערענדע אויגען אויף די צאָהלרייכע „טראַסטים“, וועלכע פוסט־און־פּאַסע־ווען, בעת ווען זייער שווערע אַרבייט ווערט אַלץ שווערער און גרעסער. פון צעל צום ווערקשטאַט און צוריק, שטענדיג אונטער די שטרענגע בליקען פון די וועכטער, שלעפּען זיך זייערע טעג אין טויטליכער אַרבייט. אין שטומער ערשטוינונג קריגען זיי ווי־דערשפּרעכענדע באַפעהלען, ניט האָבענדיג קיין אַהנונג וועגען די געהיימע אַנטאַגאָניזמען צווישען די באַאַמטע. זיי ווערען איבער־ראַשט פון אַ נייעם באַפעהל, אַז יעדער איינער מוז בייוואוינען דעם גאָטעס־דיענסט אין קירכע; און פּונקט אַזוי איבערראַשט ווערען זיי אַביסעל שפּעטער (נאָכדעם ווי די אַדמיניסטראַציע האָט געקריגען די געווינשטע סומע געלט פאַר דער נייער קירכע) פון אַן אַנדער באַפעהל, לויט וועלכען דאָס געהן אין קירכע איז ניט געצוואונגען. זיי זיינען ערשטוינט איבער דאָס פּלוצלינגע פאַרשווינדען פון דעם מיושב׳דיגען און פריינדליכען וועכטער, בייערס, און האָפען מיט אומגעדולד ער זאָל זיך אומקעהרען, ניט ווי־סענדיג, אַז דער בעאַמטער וואָס האָט באַקעמפט און ענטמוטיגט די געמיינע מעטאָדען פון די „טראַסטים“ איז געפאַלען אַ קרבן פון זייערע אינטריגעס.

## .3

ווען ניט ווען כאַפּט זיך אַרויס אַ דרייסטערער גייסט, וואָס מורמעלט געגען דער מורא׳דיגער פאַרטייאישקייט פון די בעאַמטע. אַזוי גיך ווי ער ווערט באַפרייט פון זיין שטראָף, וואַרט ער אָפּ אַ געלעגענהייט זיך צו באַקלאָגען פאַר דעם פאַרוואַלטער וועגען זיין אומגערעכטער באַהאַנדלונג. וואָכען געהען פאַרביי. ענדליך באַ־זוכט דער קעפּטיין די ווערקשטאַט. אַ גינסטיגער מאָמענט! די פּיין אַרומגעשווירענע באָרד פאַסט איין דאָס שטרענגע געזיכט אין

א ראהם פון ווייס, ווייך מאכענדיג די הארטע געזיכט־ציגע און געבענדיג איהם א ווירדיגען אויסזעהן. זיינע אויגען ליכטען אויף מיט אן אייגענארטיגען גלאנץ, בעת ער הויבט אן לאנגזאם צו גלעטען די בארד, און דערנאך דריקט ער צו זיינע פינגער צו די ליפען. דורכגעהענדיג דורך דער ווערקשאט, הויבט דער ארעסטאנט אויף זיין האנט. „וואס איז?" פרעגט דער פארוואלטער, מיט אן אנגענעהמען שמייכעל אויפ'ן געזיכט. דער מאן גיט איבער זיין קריוודע מיט א נערוועזער שטימע. „נו, יא", זאגט דער „וואררען" און גיט איהם דערביי א קלאפ אין פלייצע, „ס'איז פיליכט געווען א טעות; אן אומגליקליכער טעות. אבער דערפאר האסטו דאך געווייס אן אנדערס מאל געטאן עפעס און ביזט ניט באשטראפט געווארען". ער צולאכט זיך מיט א פרעהליכען געלעכטער איבער זיין וויץ. „ס'איז יעדענפאלס שוין אזוי לאנג; מיר וועלען עס פארגעסען". און ער געהט זיך אוועק זיין וועג.

אבער אויב דער קעפטיין איז אין אן אנדער שטימונג, ניט אויפגעלעגט צו שפאסען, דאן נעהמען זיינע געזיכטציגע אן א שטרענגען אויסזעהן, די ביסטרע אויגען כמורען זיך אן, און ער זאגט מיט זיין קלארער, שארפער שטימע: „ערקלער דיין קלאגע שריפטליך אויף דעם געדרוקטען צעטעל, וואס דער בעאמטער וועט דיר געבען". די געשריבענע קלאגע, וועלכע ווערט אריינגעלעגט אין בריעפקאסטען, קומט ענדליך אן צום גייסטליכען, וועלכער גיט עס איבער אין דעם פארוואלטער'ס אפיס. דארט ווערען די קלאגען אונטערזוכט פון דעם „דעפיוטי" און זיין געהילף. זיי לעזען און קלאסיפיצירען די צעטעלך, א טייל לעגען זיי אוועק אן א זייט פאר דעם „וואררען" און אנדערע ווארפען זיי אריין אין פאפיער־קארב, ס'הענגט אפ געגען וועמען די באשולדיגונג איז געווענדט: געגען א פריינדליכען אדער אן אומפריינדליכען ברודער־וועכטער. מאנאטען געהען פארביי, איידער דער ארעסטאנט ווערט גערופען פאר א „פארהער". פאר דער צייט האבען זיך אנגעקליבען נייע קריוודעס און ער האט געווייס אן ערנסטערע קלאגע געגען דעם וועכטער, וועלכער קלאגט איצט אן דעם „אומצופרידענעם". אבער די נייע קלאגע איז דאך נאך ניט „אריינגעגעבען" געווארען, און דערפאר ווערט דער פארהער אפגעלעגט. עס טרעפט ניט זעלטען, אז עס ווערען גערופען צו א פארהער אזעלכע ארעסטאנטען, וועלכע

זיינען שוין באַפרייט געוואָרען, אָדער זיינען געשטאָרבען אין דער צווישענצייט, זינט די קלאַגע איז געמאַכט געוואָרען.

אָבער דער פאַר׳עקשנ׳טער אַרעסטאַנט גיט ניט אויף דעם קאַמף. ווען ס׳איז אוממעגליך צו קריגען אַ באַפרידיגונג פון דעם געפענג־נים־פאַרוואַלטער, שיקט ער צו אַ געשריבענע קלאַגע צו וואָס פאַר עס איז מיטגליעד פון דער העכסטער אויטאָריטעט אין צוכט־הויז — די „באָארד אָוו אינספעקטאָרס“. די דאָזיגע דאַרפען זיך כלומר׳שט צוזאַמענקומען יעדען מאָנאַט צו באַטראַכטען די אָנגעלעגענהייטען פון דער אינסטיטוציע, דאַרפען באַזוכען די אַרעסטאַנטען און ער־פילען זייערע מאָראַלע נויטען. דער קלענער וואָרט, שיקט צו נאָך עטליכע צעטלעך און הויבט ניט אָן פאַרשטעהן, פאַרוואָס מען רופט איהם ניט צו די אינספעקטאָרס. אָבער די אינספעקטאָרס ווייזען זיך ניט, מאַנכע פון זיי באַזוכען ניט דאָס צוכט־הויז אַ גאַנץ יאָהר. בלויז דער סעקרעטער פון דער „באָארד“, מר. ריעד, אַ רייכער יוואָוועלען־הענדלער פון פיטסבורג, פאַלט ווען ניט ווען אַראָפּ מיט אַ באַזוך. הויך און מאָגער, אומבאַפלעקט און אויסגעפוצט, גיט ער אַרוים פון זיך אַן אַטמאָספערע פון געמאַכטער הייליגקייט. ער שפּאַצירט זיך בנעימות׳דיג דורכ׳ן קאָרידאָר, געהט פאַרביי אַ צעלע מיט אַ ליטאָגראַפיע פון קריסטוס אויף דער וואַנט, און שטעלט זיך אָפּ. די הענט צוזאַמענגעלעגט, די אויגען פאַרגלאַצט, די ליפּען אַביסעל פאַנאַנדערגעטיילט ווי אין שטילען געבעט, פרעגט ער ביי דעם קאָרידאָר־מאַן:

„וועמעס צעל איז דאָס?“

„איי“ 1108, מר. ריעד“, ענטפערט דער אַרעסטאַנט־אויפזעהער.

ס׳איז די צעלע פון דעם שוואַרצען „טראַסטי“, דזשאַספער, דער הויפּט שפּיאָן פון דעם געפענגנים.

„ער איז אַ גוטער מענש, אַ גוטער מענש, גאָט זאָל איהם בענ־שען“, זאָגט דער אינספעקטאָר, מיט אַ ציטער אין זיין שטימע.

ער געהט אריין אין דער צעלע, פוט אָן זיינע האַנדשוה און גלייכט אוים דאָס קליינע שפּיגעלע און די געפענגנים־רעגלען, וואָס העגגען קרום אויף דער וואַנט. „עס פאַרלעצט מיין אויג“, זאָגט ער מיט אַ שמייכעל צו דעם קאָרידאָר־אויפזעהער, „זיי העגגען ניט גלייך“.

דער יונגער טאמי, אין דער דערבייאיגער צעלע, רופט אויס: „הערר בעאמטער, ביטע“.

דער אינספעקטאר טוט א טראט פארווערטס. „דאס איז אינ־ספעקטאר ריעד“, פארריכט ער דעם יונגעל. „וואס ווילסטו?“

„אה, הערר אינספעקטאר, שוין אזוי לאנג אז איך האב גע־בעטען אייך צו זעהן. איך האב געוואלט —“

„האסט מיר געדארפט שיקען א צעטעלע. דו האסט א קאפיע פון די געפענגניס־רעגלען אין צעלע, מיין יונג?“

„יא, מיין הערר“.

„קענסטו לעזען?“

„ניין, מיין הערר“.

„ארעמער יונג, ביזט קיינמאל ניט געגאנגען אין שולע?“

„ניין, מיין הערר. מיין מוטער איז געשטארבען, ווען איך בין געווען א קינד. זיי האבען מיך אריינגעגעבען אין יתומים־הויז און דאן אין דער „רעפארמאטארי“.“

„און דיין פאטער?“

„כ'האב ניט געהאט קיין פאטער. די מאמע פלעגט שטענדיג זאגען, אז ער איז אנטלאפען, איידער איך בין געבוירען געווארען“.

„איך גלויב, אז זיי האבען שולען אין דעם יתומים־הויז. אויך אין דער „רעפארמאטארי“.“

„יא. אבער זיי האבען מיך די מעהרסטע צייט געהאלטען פארשפארט. איך האב ניט געהאט קיין חשק צו דער שולע, נ—יי—ן“.

„ביזט געווען א שלעכטער יונגעל. ווי אלט ביזטו?“

„זיבעצעהן“.

„ווי הייסטו?“

„טאמי וועלמאן“.

„פון פיטסבורג?“

„אלעגהעני. מיין מוטער פלעגט וואוינען אויפ'ן בערגעל, נע־בען אט דעם מיסטקאסטען דא“.

„וועגען וואס האסטו מיך געוואלט זעהן?“

„כ'קאן ניט אריבערטראגען די צעלע, הערר אינספעקטאר. כ'בעט אייך, זעהט מען זאל מיר געבען עפעס ארבייט“.

„ביזטו איינגעשלאסען „פאר אן אורזאך“?“

„כ'האָב דערלאַנגט אַ חברה־מאַן אין די צייהנער פאַר רופען מיך מיט נעמען".

ווייסטו ניט, אַז מען טאָר זיך ניט שלאָגען, מיין יונגער־מאַנטשיקעל ? "

„ער האָט געזאָגט, אַז מיין מוטער איז געווען אַן אויסוואורף. אַט פאַרדאַם זיין — "

„הער אויף! פלוך ניט! מען טאָר ניט דערמאָנען דעם הייליגען נאָמען אומזיסט. ס'איז אַ גרויסע זינד. דו האָסט באַדאַרפט פאַר'מסר'ן דעם מאַן פאַר דיין בעאַמטען, אַנשטאָט זיך שלאָגען מיט איהם".

„איך בין ניט קיין מוסר. ווילט איהר מיך אַרויסנעהמען פון דער צעלע, הערר אינספּעקטאָר ? "

„דו ביזט ביים פאַרוואַלטער אין די הענט. ער איז זעהר פריינדליך און ער וועט טאָן דאָס בעסטע פאַר דיר".

„אָה, צום טייוועל! שוין פינף מאָנאַט אַז איך בין איינגעשלאָסען. דאָס איז דאָס בעסטע וואָס ע ר טוט פאַר מיר".

„רעד ניט אַזוי צו מיר", מוסר'ט איהם דער אינספּעקטאָר אוים מיט אַ שטרענגען טאָן. „דו ביזט אַ שלעכטער יונג. דו מוזט בעטען גאָט; דער גוטער האַר אין הימעל וועט אַכטונג געבען אויף דיר".

„איהר טראָגט זיך בעסער אָפּ פון דאַנען! " פּלאַצט דער יונג אַרוים מיט אַ פּלוצלינגען צאָרן, פּלוכענדיג און געוואַלדעווענדיג.

מר. ריעד טרעט שנעל אָפּ צוריק. זיין געזיכט, וואָס איז אָקאָרשט געווען בלאַס, ווערט רויט פון שאַנד און כעס. ער טוט אַ וואונק צו דעם קעפּטיין פון דער אָפּטיילונג.

„מר. וואודס, פאַרקלאָגט אָט דעם מאַן פאַר חוצפה צו אַן אינספּעקטאָר", באַפעהלט ער, אַרויסגעהענדיג אין הויף.

דאָס יונגעל ווערט אַרונטערגעפיהרט אין פינסטערען קעלער.

דערשלאָגען און פאַרמאַטערט פון די סצענעס פון נויט און פּייניגונג, בין איך צופריעדען מיט דער ערהוילונג וואָס איך האָב אין מיין איינזאַמקייט, ווען איך ווער איינגעשלאָסען פאַר דער נאַכט אין דער צעלע.

## 4

די אבענד־שטונדען ווערען פארנומען מיט לעזען און שטודירען. איך פארברענג א היבשע צייט קארעספאנדירענדיג מיט נ א ל ד און ב א ו ע ר: אונזערע בריעף זיינען באריכות׳דיג — צעהן, פופצעהן און צוואנציג זייטלעך לאנג. ס׳איז דא אזויפיעל צו שרייבען! מיר באשפרעכען געשעהענישען פון דער וועלט בכלל, אינצידענטען פון׳ם לאקאלען לעבען, די מיסהאנדלונג פון די ארעסטאנטען, די אפטע ברוטאלע אנפאלען פון די וועכטער און די זעלבסטמארדען, די שלעכטע, אומגעזונטע שפייז. איך גיב איבער מיינע קאמעראדען מיינע ערפאהרונגען אלס אויפזעהער איבער די צעלען פון מיין רייה; זיי ווידער גיבען מיר צו וויסען וועגען געשעהענישען אין די ווערקשטאטען. זייערע וועגען זיינע לייכטער, גלאטער, נים אזוי פול מיט פאסירונגען ווי מיינע, דאך זיינען זיי נים אהן פיעל הארצוועהטאג און בימערניש פון גייסט. אויך זיי ליידען פון פאראורטייל און פארפאלגונג. דער בעאמטער פון דער ווערקשטאט, וואו נאלד איז באשעפטיגט, איז שטרענג געטאדעלט געווארען פאר „פארנאכלעסיגען זיין פליכט“: דער פארוואלטער האט באמערקט קארל׳ן, באגלייט פון עטליכע אנדערע ארעסטאנטען, דורכגעהענדיג דעם הויף מיט א פאק ראגאזשעס. ער האט אנגעזאגט דעם וועכטער, ער זאל קיינמאל נים אפלאזען נאלד׳ן פון אויג. באוער ווידער האט אויך געפיהלט די האנט פון קליינליכער טיראניי. מען האט ביי איהם צוגענומען זיינע טונקעלע קליידער און ווידער אנגעטאן אין די שטרייפען פאר „אונהעפליכער אויפפיהרונג“. איצט האט מען איהם אריבערגעפיהרט צום צפון־פליגעל, וואו עס געפינט זיך אויך מיין צעל, בעת ווען נאלד איז אין דעם דרום־פליגעל, אין א „דאפעל“־צעלע, געניסענדיג דעם לוקסוס פון א פענסטער. אבער צום גליק איז אונזער פריינד, דער „פערד־גנב“, נאך דער קאפע־יונג אין באוער׳ס אפטיילונג, און אויף אזא׳ן אופן בין איך אימשטאנד צו גרייכען דעם הויכען דייטש. אט דער הויכער דייטש, נאכדעם ווי ער לעזט דורך מיינע בריוולעך, קעהרט ער זיי אום צוריק צו אונזער פארטרויענסווערטען בריעפטרעגער, וועלכער ארביים מיט קארל׳ען אין איין

ווערקשטאט. אונזערע פאסט־פארבינדונגען זיינען אלזא פאלקאם; יעדער פון אונז גיט נאטירליך שטארק אכטונג ניט אריינצופאלען אין א פאסטקע, אין פארלויף פון די אפטע איבערראשענדע אונטערזוכונגען, וואס ווערען געמאכט אין אונזערע צעלען און איבער אונזערע קערפערס.

די „צוכטהויז־בליטהען" לעבט ווידער אויף. נאר די מעהרסטע לעזער פון פאריגען יאהר פעהלען. דעמסי און ביעטי, די מענער פון די „נייטס און לייבאר", זיינען באגנאדיגט געווארען, א דאנק די פיעלפאכיגע און ווידערשפרעכענדע זעלבסט־באשולדיגונגען פון דעם מוסר, גאלאגהער, וועלכער איז נאך אימער אין געפענגניס. „ד", אונזער געקרוינטער פאעט, איז אויך באפרייט געווארען, נאכדעם ווי זיין קורצער טערמין האט זיך געענדיגט. ווער ער איז — דאס בלייבט א סוד; ער האט בלויז געגעבען אנצוהערען, אז ער איז א „וויסענשאפטסמאן פון דער אלטער שולע, און אלכימיסט", פון וואס מיר האבען געדרונגען, אז ער איז געוועזען א מאכער פון פאלשע געלד. ביסלעכוויז קלייבען מיר צוזאמען אונזער לעזע־פובליקום פון דעם אינטעליגענטערן און מעהר פארטרויענסווערטען עלעמענט: די דיוקען־סטרייקערס באנייען זייערע „סובסקריפשאנס" דורכדעם וואס זיי שטעלען צו פאפיר צום שרייבען; מיט זיי שליסען זיך אן פרענק שעי, דער פילאזאפישער „מאן פון צווייטען שטאק"; דזשארדזש, דער געפענגניס־ביבליאטעקער; „בילי" רייען, פראפעסיאנעלער געמבלער און פארטרויענס־מאן; „יעיל", א ספעציאליסט אין דער קונסט פון אויפרייסען קאסע־קאסטענס און א געוועזענער סטודענט פון אוניווערזיטעט; דער „אטוירני דזשענעראל", א דורכגעטריבענער אדוואקאט; „מעגעזין אלווין", שרייבער און נאוועליסט; „דזשים", וואס קיין שלאס איז ניט זיכער געגען זיין געניאליטעט, און נאך אנדערע. „מ" און „ק" זיינען די רעדאקטארען; די איבעריגע — מיטארבייטער. די עטליכע אפטיילונגען פונ'ם קליינעם זשורנאלכעל זיינען באציערט מיט פען־און־טינט צייכנונגען: איינע שילדערט ד א נ ט ע'ן, ווי ער באזוכט דעם גיהנום; אן אנדערע שטעלט פאר א גנב, מיט א מאסקע און א טונקעלע לאמטערנע, ווי ער בויערט אין א קאסע־קאסטען; א דריטע טראגט די צושריפט:

איך האלט, ס'א זינד און אפט קיין זין
אויסדריקען אין ווארט דעם שמערץ וואס ברויזט, —
ס'ווארט, ווי די נאטור, נאר האלב ענטבלויזט
און האלב פארשטעלט די זעל דערין.

די לייט־ארטיקלען זיינען קורצע, קרעפטיגע קאמענטארען ווע־גען ארטיגע פאסירונגען, דורכגעמישט מיט הומאריסטישע צייכ־נונגען און קאריקאטורען פון די באאמטע; דאס איבעריגע פון די „בליטהען" באשטעהט פון ארטיקלען און עסעים פון אן ערנסטערן כאראקטער, איבער רעליגיאן און פילאזאפיע, ארבייט און פאליטיק, און פון צייט צו צייט א פערזענליכע ערינערונג פונ'ם „מאן פון צווייטען שטאק", אדער עפעס א געשלעכט־ערפאהרונג פון „מעגע־זין אלווין". איינער פון די מיט־רעדאקטארען מאכט חוזק פון „ציעגען־באק בעני", דעם „דעפיוטי־ווארדען"; „ק" סקיצירט דעם „שאפ־שרייפעל" און דעם „פארטרויטען ארעסטאנט"; און „ג" דערצעהלט די געשיכטע פונ'ם סטרייק, וואס האט ניט לאנג צוריק אויסגעבראכען אין זיין שאפ, ווי די ארעסטאנטען האבען געפאדערט קלארע פאמפ־וואסער, אנשטאט די פליסיגע בלאטע וואס ווערט גענומען פון טייך, און ווי אזוי דער סטרייק איז געבראכען גע־ווארען, דורכדעם וואס מען האט פארשיקט א צוואנציג „רוה־שטע־רער" אין פינסטערען קעלער. אין דער נעקסטער אויסגאבע ווערט געצויגען א פאראלעל צווישען דעם דאזיגען אינצידענט און דעם „פולמאן קאר סטרייק", און די באשטראפטע ארעסטאנטען ווערען שטארק געלויבט פאר זייער מוטיגער האלטונג. און איינער פון די שרייבער ווידמעט א זעהר אריגינעלע פאעמע צו די „נאבעלע זיהן פון יודזשין דעבס".

אבער די אפוועקסלונגען פון אונזער לעבען, דאס ענדערן דעם פלאץ פון מעהרערע לעזער, די קראנקהייט און טויט פון צוויי מיט־ארבייטער, שטערען שטארק דעם אנגאנג פון אונזער זשורנאל. אין משך פון ווינטער פראדוצירט „ק" א קליין ביכעלע פון דייטשע ליעדער, בעת ווען איך בעארבייט די קורצע „ערצעהלונג פון ליובא", וואס איך האב אנגעשריבען דאס פאריגע יאהר, אין א קליינער נאוועלע, באשרייבענדיג דאס לעבען אין נויארק און אין די רעוואָ־

לוציאָנערע קרייזען. אין אַ קורצער צייט אַרום קומט „ג״ אויף אַ געדאַנק, אַז די מאַנוסקריפּטען וואָלטען געקאָנט זיין אינטערע־סאַנט פאַר אַ גרעסערן עולם, און ער דענקט דערום אַז מען דאַרף זיי באַהאַלטען. מיר רעדען זיך דורך איבער דעם מערקווירדיגען פּלאַן, זיך פרעגענדיג ווי אַזוי די אינטעלעקטועלע פּראָפּאַגאַנדאַ וואָלט געקאָנט אַריבערגעשמוגעלט ווערען אין דער ליכטיגער וועלט. אין אונזער פאַרלעגענהייט האַלטען מיר זיך סוף כל סוף אָן עצה מיט באַב׳ן, דעם געטרייען פּאַרמיטלער אונזערען. ער שניידט איבער דעם „גאָרדיאַישען קנופּ״ מיט ערשטוינענדער לייכטקייט: „איהר חברה־לייט געהט זיך אייך אָן מיט אייער שרייבען און קי־מערט זיך וועגען גאָרנישט. וואָס מיינט איהר, איך, וואָס איך קאָן אַזוי פיין אָוועקלאַטכענען עטליכע פערד מיט אַמאָל, וועל ניט האָבען נענוג שכל דורכצושמוגלען אַביסעל אָנגעטינטעלטע פּאַפּיר, עה? איהר לאָזט עס אָקאָרשט איבער צו דעם פערד־גנב, און שרייבט ביז איהר וועט אויסלעדיגען די פּאַפּיר־פאַבריקען, פאַר־שטעהט איהר מיך!״ ערמוטגיט דורך די דאָזיגע ווערטער, מיט אַ פאָלשטענדיגען צוטרוי צו אונזער פריינד, באַטראַכטען מיר ערנסט די פראַגע, און אין אַ קורצער צייט אַרבייטען מיר ביי זיך אויס דעם אַמביציעזען פּלאַן אַרויסצוגעבען אַ בוך פון „מ. ק. ג.״!

אין אַ געהויבענער שטימונג, מיט נייעם אינטערעס אין לעבען, נעהמען מיר זיך צו דער אַרבייט. דער קליינער זשורנאַל ווערט אָפּגעלעגט, און מיר גיבען אָפּ אונזער גאַנצע פרייע צייט, ווי אויך יעדע ברעקעל שרייב־פּאַפּיער וואָס מיר קאָנען נאָר קריגען, פאַר דעם גרעסערן צוועק. מיר באַשליסען צו עהרען דעם נאָהענט־קומענדיגען טאָג, וואָס איז אַזוי דורכגעדרונגען פון רעוואָלוציאָ־נערער אינספּיראַציע, און ווען די זון שיינט אויף מיט גלאַנץ אויף די מזרח־הימלען, דעם ערשטען מאַי, 1895, פאַר׳גנב׳עט זיך אַ רויטליכער שטראַהל איהרער אויף דעם קעפּעל פונ׳ם ערשטען קאַפּיטעל — „דער האַמסטעדער סטרייק״.

## קאַפּיטעל 23.

# די וואָגשאָלען פון גערעכטיגקייט.

### 1.

דער זומער פאַרגעהט אין טעג פון כמורנע־גרוי; דער נעבעל ווערט אַלץ געדיכטער אויפ׳ן אַהייאָ; דאָס געפענגנים־הויז איז טונקעל און פייכט. די סיגנאַל־טרובעס פון די שיפען אויפ׳ן טייך קלינגען שאַרף און דורכדרינגענד, און די צעלען הילכען אָפּ מיט הוסטען און שווערען אָטעמען. די קראַנקען־ליניע ציהט זיך אויס לענגער, די אַרעסטאַנטען קוקען אויס מעהר פאַרלאָרען און דערשלאָגען. דער אַרעסטאַנט, וואָס האָט די אויפזיכט איבער דער רייה „קעי“, קריגט אַ בלוט־שטורץ און ווערט אַוועקגעטראָגען אין האָספּיטאַל. פון אַן אַרויסהעלפער, ווער איך דערהויבען צו זיין פּאָזיציע איבער די צעלען־רייה.

אָבער איין פריהמאָרגען ווערען די שטאַנגען אַרויסגעשלעפּט, די צעלען אויפגעשלאָסען, און די אַרעסטאַנטען קריגען עסען, בעת ווען איך בלייב פאַרשלאָסען. איך וואונדער מיך איבער דעם מאָדנעם פאַרזעהן, און קלאַפּ אין די גראַטעס, רופענדיג די אויפזעהער. דער קעפּטיין פון דער אָפּטיילונג באַפעהלט מיר אויפצוהערען קלאַפּען. איך פאָדער צו זעהן דעם פאַרוואַלטער, אָבער מען ענטפערט מיר שטרענג, אַז ער קאָן ניט געשטערט ווערען אין דער פריה. אומזיסט צוברעך איך זיך דעם מוח אויסצוגעפינען די אורזאַך פון מיין שטראָף. איך לאָז דורכלויפען אין מיין געדאַנק די אינצידענטען פון די לעצטע וואָכען, גריבעל זיך איבער יעדען דעטאַל, אָבער דאָס געהיימניס בלייבט דאָך ניט געלייזט. אפשר האָב איך

אומפּאַרזיכטיג באַליידיגט עפּעס אַן אויפזעהער, אָדער ס׳קאָן זיין, אַז דאָ שטעקט די געהיימע פיינדשאַפט פון אַ שפּיאָן.

דער גייסטליכער, אויף זיין טעגליכען טור, דערלאַנגט מיר אַ בריעף פון דער מיידעל, און קוקט איבערראַשט אויף דער פּאַר־שלאָסענער טיר.

„איהר פּ׳יהלט ניט גוט, מיין יונג?“ פרעגט ער.

„איך בין פאַרשלאָסען, גייסטליכער“.

„וואָס האָט איהר געטהאָן?“

„גאַרניט, אַזוי ווייט ווי איך וויים“.

„אָה, ס׳מאַכט ניט, מען וועט אייך באַלד אַרויסלאָזען. ער־גערט זיך ניט, מיין יונג“.

אָבער די טעג געהען פאַרביי און איך פאַרבלייב אין קעמערל.

די וועכטער זעהען אוים געערגערט, און דריקען אוים זייער שלעכטע שטימונג אין פאַרשווענדערישע וואולגאַריטעט. דער „דע־פּיוטי“ מאַכט זיך כלומר׳שט געהיימניספול, שפּאַנט אַרום קאַמיש איבער׳ן קאָרידאָר און רעדט האַסטיג צו מיר: „גאַרנישט. בלייב וואו דו ביזט“. דזשאַספּער, דער ניגער־„טראַסטי“, לויפט אַרויף און אַראָפּ איבער׳ן קאָרידאָר, שטאַרק פאַרנומען, זיין שוואַרצער פּנים גלאַנציגער ווי אימער. אַ סך מוסרים דרעהען זיך אַרום ווי שפּיר־הינט איבער די גאַלעריען, שטעלען זיך אָפּ דאָ און דאָרט אין אינטימע געשפּרעכען מיט בעאַמטע און אַרעסטאַנטען, און שושקען זיך אויפגערעגט ביים פּאָדערשטען שרייב־טיש. געהילפס־„דעפּיוטי“ האַפּקינס, געהט אַריין און אַרוים פון דער אָפּטיילונג, רופט אַלע ווילע זשאַספּער׳ן אין אָפּיס אַריין, און דרעהט זיך אַרום אין דער נאָכבאַרשאַפט פון מיין צעלע. די אויפזעהער רעדען אין אונטערדריקטע, איינגעהאַלטענע טענער. אַ לופט פון געהיימ־נים דרינגט דורך דאָס גאַנצע צעלען־הויז.

ענדליך ווער איך גערופען צום פּאַרוואַלטער. מיט אַ ניט־באַ־האַלטענער ערגערניש פרעגט ער מיך:

„וואָס האָט איהר געוואָלט?“

„די בעאַמטע האָבען מיך פאַרשפּאַרט — “

„ווער זאָגט עס, אַז איהר זיינט פאַרשפּאַרט?“ שלאָגט ער מיר איבער מיט כעס, „איהר זיינט בלויז איינגעשפּאַרט“.

„וואָס איז דער אונטערשייד?“ פרעג איך.

„מען פארשפארט איינעם „פאר אן אורזאך". איהר ווערט בלויז געהאלטען אינווייניג אויף דערווייל".

„אויף וואס פאר א קלאגע?"

„קיין קלאגע. גאר קיין קלאגע ניט. נעהמט איהם צוריק, ווערכטער".

. . . . . . . . . . . . . . .

די שטרענגע איינשליסונג ווערט אלץ מעהר און מעהר פינסטער און טרויעריג. אין קאנטראסט מיט דעם גראמען קארידאר, ווערט די צעלע אלץ קלענער און שמעלער, און זי דריקט מיך אזש צום דערשטיקט ווערען. מיין פלוצלינגע אפזונדערונג בלייבט אומער־קלערט. ניט קוקענדיג אויף דעם גייסטליכען'ס צוזאג זיך אנ־צונעמען פאר מיר, בלייב איך „א י נ געשפארט", און עס קעהרען זיך ווידער אום די טעג פון איינצעלהאפט, מיט זייער גאנצער חושך־דיגקייט און הארץ־דריקעניש.

## 2.

א שטראהל פון ליכט קומט פון נויארק. דאס מיידעל שרייבט אין א האפנונגספולען טאן וועגען דעם פארטשריט פון דער באַ־וועגונג און וועגען דעם שטארקען אינטערעס וואס ווערט גענומען אין מיין פאל צווישען די ראדיקאלע קרייזען. זי רעדט וועגען געגאסע מ ע ר ל י נ א, וועלכער געפינט זיך איצט אויף אן אגיטאציאנס־טור און איז ענטוזיאסטיש איבער דעם גינסטיגען סענטימענט צו מיר, וואס ער האט באגעגענט צווישען די ארבייטער אין די שטעדט, וועלכע ער האט באזוכט. ענדליך טיילט זי מיר מיט וועגען א פלאן צו ארבייטען דערפאר, אז מיין שטראף זאל פארקלענערט ווערען און אז עס זיינען דא גוטע אויסזיכטען צו זאמלען דעם נויטיגען פאנד דערצו. פון מערלינא'ן קריג איך א סומע געלט, וואס איז שוין געזאמעלט געווארען פאר דעם צוועק, צוזאמען מיט א בריעף פון אנערקענונג און ערמוטיגונג, שליסענדיג מיט די ווערטער: „מוטיג, טייערער קאמעראד; דאס לעצטע ווארט איז נאך ניט געזאגט געווארען".

מיין געדאַנק רוהט צווישען מיינע פריינד. דער אָטעם פון דער וועלט פון די לעבעדיגע צופּאַכעט די שרפה׳נדע פייערען פון בענקשאַפט; דער טאָן פון מיינע קאַמעראַדען קלינגט אַפּ אין מיין האַרץ מיט ציטערענדע האָפנונג. אָבער אום צו דערגרייכען די רעווידירונג פון מיין אורטייל, מוז מען אָנקומען צו די גערינכט־הויי־זער! דער פּלוצלינגער געדאַנק וועגען דעם פּילט מיך אָן מיט שרעק. איך קאָן ניט דערלאָזען דערצו באַשולדיגט צו ווערען, אַז איך האָב אויפגעאָפּפערט דעם פּרינציפּ צו קריגען פרייהייט; דער בלויזער געדאַנק דערפון הויבט אויף דעם שאַרפען פּראָטעסט פון מיינע רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס. אין ביטערניש פון דער נשמה, פאַרדריסט מיר אויף מיינע פריינד וואָס זיי לאָזען זיך פאַרפיהרען צו וועקען די שאָטענס. איך וועל קיינמאָל ניט פאַרלאָזען דאָס הויז פון טויט...

און דאָך בריעף פון מיינע פריינד, פול מיט ערוואַרטונג און צוטרוי, קומען אָן עפטער. מען האָט זיך בעראָטען מיט באַריהמטע אַדוואָקאַטען; זיי זיינען אַלע איינשטימיג, אַז עס איז געווען אונגעזעצליך צו כפל׳ן מיין שטראָף; לויט די געזעצען פון פּענ־סילוועניא, האָט די מאַקסימום שטראָף ניט געזאָלט זיין העכער ווי זיבען יאָהר; דער סופּרים קאָורט וואָלט אָהן צווייפעל אומ־געשטירצט דעם אורטייל פון דעם נידעריגערען געריכט, באַזונדערס די פאַראורטיילונג אויף קלאַגען, וועלכע שטעלען ניט צוזאַמען קיין פאַרברעכען אונטער די געזעצען פונ׳ם שטאַאַט. און אַזוי ווייטער.

איך ווער באַפאַלען פון צווייפלען. איז עס קאָנזעקווענט פון מיר צו ענטזאָגען די פרייהייט, וועלכע זעהט אויס גאַנץ נאָהענט? יאָהאַן מאָסט האָט אַפּעלירט געגען זיין אורטייל צום הויך־געריכט, און דאָס מיידעל האָט זיך באַנוצט מיט דעם רעכט פון אַ לעגאַלער פאַרטיידיגונג. באַדייטענדע פּראָפּאַגאַנדאַ איז דערפון געמאַכט געוואָרען. זאָל איך זיך ענטזאָגען פון דער געלעגענהייט וואָס וואָלט געגעבען אַזאַ גלענצענדען פעלד פאַר אַגיטאַציע? וואָלט דאָס ניט געווען איינפאַכער שגעון צו דערלאָזען, אַז דער שונא זאָל טריאומפירען איבער מיין לאַנגזאַמער פאַרניכטונג? איך וואָלט אַ מינוט ניט איבערגעטראַכט און צוריקגעוויזען די פרייהייט פאַר דעם פּרייז פון מיינע איבערצייגונגען; אָבער ס׳איז ניט קיין אַפּלייקענונג פון מיין גלויבען צו רויבען ביי דעם וואַמפּיר

זיין קרבן. מיר מוזען, אויב נויטיג, באקעמפען די בעסטיע פון אונטערדריקונג מיט איהרע אייגענע מעטאדען, שמייסען דאס געזעץ אויף זיין אייגענעם שטיגער. פארשטעהט זיך, דער הויך־געריכט איז בלויז נאך א וואפע אין די הענט פון דער אויטאריטעט, א פרעטענזיע פון אומפארטייאישען רעכט. ער האט ענטשידען געגען מאסט׳ן, אונטערשטיצענדיג דעם פאראורטיילהאפטען משפט פון דער דזשורי. זיי קאנען טאן דאס זעלבע אין מיין פאל. אבער דאס וועט נאך אמאל באווייזען אז מיר האבען רעכט, ווען מיר אטאקירען די קלאסען־גערעכטיגקייט. איך וועל דערום געבען מיין צושטימונג צו דעם פארזוך פון מיינע פריינד.

אבער איידער איך האב נאך צייט זיך רעכט צו באטראכטען, ווער איך געוואהר, אז עס איז ניט ערלויבט צו מאכען איצט אן אפיעל צו דעם העכערען געריכט. ווי די אדוואקאטען ערקלערען, האבען זיי, נאכדעם ווי זיי האבען איבערגעקוקט די אפיציעלע באריכטען פון דעם פראצעס, אויסגעפונען א פאטאלע הינדערניש. דער אנגעקלאגטער, ניט זייענדיג לעגאל פארטראטען דורך אן אדוואקאט, האט פארנאכלעסיגט צו פראטעסטירען געגען געוויסע ענטשיידונגען פונ׳ם ריכטער, וועלכע זיינען געוועזען פאראורטיילהאפט און שעדליך פאר דעם באשולדיגטען. צוליעב אט דעם טעכנישען פארזעהן איז ניטא קיין באזיס פאר אן אפיעל. זייער עצה איז דערום, אז מען זאל זיך ווענדען צו דער „באארד אוו פארדאנס", אויפ׳ן גרונד פון דעם וואס די שטראף אין מיין פאל איז צו גרויס. זיי האפען, אז די „באארד" וועט האנדלען גינסטיג, נעהמענדיג אין באטראכט די ניט־קאנסטיטוציאנעלקייט פון די צוזאמענגעשטעלטע שטראפען; ווארים די פינף קלענערע קלאגען זיינען דאך געוועזען אומפארמיידליכע טיילען פון דער הויפט־קלאגע, און אלס אזעלכע האבען זיי ניט פארגעשטעלט מיט זיך קיין באזונדערע פארברעכענס.

די אומערווארטעטע ענטוויקלונג בעאומרוהיגט מיך: דער קלאנג פון „פארדאן", באגנאדיגונג איז אפשטויסענד. וואס פאר א ביטערע איראניע, אז די נאבעלסטע אבזיכטען, די אומעגאאיסטישסטע מאטיווען מוזען זוכען באגנאדיגונג! יא, דערצו נאך פון דעם סאמע קוואל, וואס פארקריפעלט און מיסאינטערפרעטירט זיי! גאנצע טעג נאכאנאנד האלט מיך די זעלבסטפארשטענדליכע ער־

נידערונג און אויפרעגונג; איך טרעט צוריק פון דעם געדאַנק, אַליין מיט מיינע אייגענע הענט אונטערצושרייבען מיין נאָמען אונטער דער הכנעה׳דיגער ביטע וואָס איז ענטהאַלטען אין דעם געדרוקטען פאַפּיר, און באַשליס ענדליך צו ענטזאַגען.

א צופעליגער געשפּרעך מיט דעם אַטוירני דזשענעראַל צוזו־דערט מיין באַשלוס. איך דערוויס זיך, אַז אין פּענסילווייניאַ פאָדערט די „פּאַרדאָן־באָארד" ניט דעם אַפּליקאַנט׳ס אונטערשריפט. אַ געפיהל פון זינדיגער האָפנונג פאַר׳גנב׳עט זיך אין מיר. פונ־דעסטוועגען — טראַכט איך ביי זיך — האָט די באַגנאַדיגונג פון די שיקאַגאָ׳ער אַנאַרכיסטען פיעל בייגעטראַגען צו דער פאַרשפּריי־טונג פון אונזערע אידעען. דער אומפּאַרטייאישער אַנאַליז וואָס גאָווערנאָר אַלטגעלד האָט געמאַכט פון דעם גאַנצען פּראָצעס האָט פאַלשטענדיג באַפרייט אונזערע קאַמעראַדען פון פאַראַנטוואָרט־ליכקייט פון דער היי־מאַרקעט טראַגעדיע, און בלויזגעשטעלט פאַר דער וועלט די נידערטרעכטיגע פאַרשווערונג וואָס איז געמאַכט גע־וואָרען מיט דעם צוועק צו פאַרניכטען די איבערגעבענסטע און פעהיגע פאָרשטעהער פון דער אַרבייטער־באַוועגונג. קאָן ניט מיין אַפּיעל פאַר אַ באַגנאַדיגונג דיענען אַן עהנליכען צוועק?

איך שרייב צו מיינע קאַמעראַדען, געבענדיג זיי מיין צושטי־מונג. מיר אַראַנזשירען פאַר אַ פּערזענליכען אינטערוויו, זיך דורכצורעדען וועגען די דעטאַלען פון דער אַרבייט. צום אומגליק קאָן דאָס מיידעל, אַ „פּערזאָנאַ נאָן גראַטאַ", מיך ניט באַזוכען. אָבער ס׳איז באַשטימט, אַז אַ פריינדין, מיס גאַריסאָן, זאָל מיך באַזוכען אין צוויי חדשים אַרום. אויף מיין פאַרלאַנג, שיקט איהר דער גייסטליכער צו די נויטיגע ערלויבעניש, און איך ערוואַרט מיט אומגעדולד דאָס ערשטע פריינדליכע געזיכט זינט צוויי יאָהר צייט.

## 3.

פונקט אַזוי אומערקלערליך ווי מיין שטראָף איז איינגעצעהאָפט, אַזוי אומגעריכט קומט די באַפרייאונג דערפון ביים סוף פון דריי וואָכען צייט. דער קאָרידאָר־יונגעל פון דער רייה „קעי" איז נאָך אַלץ אין האָספּיטאַל, און איך נעהם ווידער אויף די פליכטען פון

א קארידאר־מאן. די וועכטער קוקען אויף מיר מיט פארדאכט און מיט גרעסערער אויפמערקזאמקייט, אבער איך נעהם באלד פאנאנדער דעם פארפלאנטערטען קנויל און ווער געוואהר די איינצעלהייטען פונ׳ם אונגעלונגענעם אנטלויפען, וואס האט פאראורזאכט מיין צייטווייליגע פארשפארונג אין דער צעלע.

מען האט אויסגעפונען, אז אימיצער האט זיך געפארעט מיט דעם שלאס פון מיין שכן, דזשאהני סמיטה. דער יונגער בחור, וועלכער איז דאן געווען איינגעשלאסען אין איינצעלהאפט, האט אומבאדינגט געמוזט האבען די הילף פון א צווייטען, ווייל עס איז אוממעגליך צוצוקומען צום שליסעל־לאך פון אינוויינינג פון דער צעלע. דער פארדאכט פון דעם פארוואלטער האט זיך קאנצענטרירט אויף מיר, אבער נאך אן אויספארשונג האט מען געפונען די מענער, וועלכע האבען ווירקליך אנטייל גענומען אין דעם פארזוך צו אנטלויפען, און „דאטש“ אדאמס, ספענסער, סמיטה און דזשים גרענט זיינען אריינגעווארפען געווארען אין קארצער, און איצט זיינען זיי איינגעשלאסען „פאר אן אורזאך“ אין מיין אפטיילונג.

ביסלעכווייז פארטרויט מיר דזשאהני די אמת׳ע געשיכטע פון דעם דורכגעפאלענעם פלאן. „דאטש“, וועלכער זיצט שוין דא צום פינפטען מאל און איז א ליעבלינג פון האפקינס׳ן, האט ערגעץ געקראגען אן אלט שטיקעל אייזען און עס אויסגעארבייט פאר א שליסעל אין דער מאשין־ווערקשטאט, וואו ער איז געווען באשעפטיגט. ער האט דעם דאזיגען שליסעל געגעבען דעם יונגען רעפארמאטארי־בחור׳ל, גרענט, ער זאל איהם אויספראוווען אין א שלאס. דער אונשולדיגער יונגעל איז לייכט אריינגעפאלען אין נעץ, און דער פאלשער שליסעל איז צובראכען געווארען אין שלאס— מיט שרעקליכע בעזולטאטען.

די אפגענארטע ערעסטאנטען שווערען איצט צו נעהמען ראכע פון דעם פראוואקאטאר, אבער „דאטש“ איז ניטא אין אונזער אפטיילונג. מען האט איהם אריבערגעפיהרט אויף א העכערע גאלערעע און איהם געגעבען א לייכטען, באגעהרענדען פלאץ אין די שאפס.

די צייטונגען דרוקען לעבהאפטע געשיכטען וועגען דעם פארצווייפעלטען פארזוך צו אנטלויפען פון ריווערסייד, און קאמפ־

לימענטירען קעפּטיין רייט און זיינע בעאַמטע, דערפאַר וואָס זיי האָבען אַזוי ערפאָלגרייך באַשיצט די געמיינדע. דער פּאַרוואַלטער איז טיעף געריהרט, און גיט אַ באַפעהל צו פאַרגרעסערן די שטראָף פון די פאַרברעכער מיט אַ ברויט־און־וואַסער דיעטע. דער „דע־פּיוטי" געהט אַרום מיט אַן אַרויסגעשטעלטער ברוסט; האַפּקינס גיט אַרויס באַפעהלען, וועלכע פאַרקלענערען די פּריווילעגיעס פון די אַרעסטאַנטען, און פאַרשאַפען זיי גרעסערע צרות. דער טאָן פון די וועכטער קלינגט העזה׳דיגער, זיכערער; דזשאַספּער׳ס גע־זיכט טראָגט אַ פרעהליכען שמייכעל. די „טראַסטיס" זעהען אויס צופרידען און מונטער, אָבער אַ געדריקטער אומעט הילט איין דאָס געפענגנים.

4.

איך שטעה נעבען מיין צעלע, ווען עס עפענט זיך לאַנגזאַם די טיר פון דער ראָטונדע, און דער פאַרוואַלטער קומט צו צו מיר.

„אַ דאַמע האָט זיך נאָר וואָס געפרעגט; מיס גאַרריסאָן, פון ניו יאָרק. איהר קאָנט זי?"

„זי איז איינע פון מיינע פריינד".

„איך האָב איהר ענטזאָגט. איהר קאָנט זי ניט זעהן".

פאַרוואָס? דאָס געזעץ באַרעכטיגט מיך צו אַ באַזוך יעדע דריי מאָנאַט. איך האָב ניט געהאַט קיין איין באַזוך אין צוויי יאָהר צייט. איך וויל זי זעהן".

„איהר קענט ניט. זי דאַרף האָבען אַן ערלויבניש".

„דער גייסטליכער האָט איהר, אויף מיין ביטע, געשיקט אַן ערלויבניש".

„אַ מיטגליעד פון דער „אינספּעקטאָרען־באָארד" האָט דאָס דורכ׳ן טעלעגראַף צו נישט געמאַכט".

„וועלכער אינספּעקטאָר?"

„איהר קענט מיך ניט אויספרעגען. אייער באַזוכערין איז ענטזאָגט געוואָרען אַריינצוקומען".

„ווילט איהר מיר זאָגען די אורזאַך, פאַרוואַלטער?"

„קיין אורזאַך, אַבסאָלוט קיין אורזאַך ניט".

ער דרעהט זיך אויס אַוועקצוגעהן; איך פאַרהאַלט איהם: „פאַרוואַלטער, ס׳איז צוויי יאָהר זינט איך בין געווען אין קאָר־צער. איך בין איצט אין ערשטען קלאַס", איך צייג אויף דעם

ניט לאַנג פאַרדינטען טונקעלען אַנצוג. „איך בין באַרעכטיגט צו אַלע פּריווילעגיעס. פאַרוואָס ווער איך באַרויבט פון באַזוכען?“

„קיין וואָרט מעהר“.

ער פאַרשווינדט דורך דער הויף־טיר. פון די גאַלערעען הער איך דאָס אָפּלאַבען פון א „טראַסטי“. א וועכטער, וואָס געפינט זיך ניט ווייט פון מיר, לעגט צו זיין גראָבען פינגער צו זיין נאָז, און דרעהט מיט זיינע פינגער אין מיין ריכטונג. ערנידעריגט און אין כעס, קער איך זיך אום אין דער צעלע און געפין דעם מאַנאַטליכען בריעף־בויגען אויף מיין טיש. איך גיס אויס די גאַנצע ביטערקייט פון מיין הארץ צו דער מיידעל, באַטאַן דעם פאַרוואַלטער׳ס אויסנאַהמס־האַנדלונג געגען מיר, און ווידערהאָל אונזער געשפּרעך און זיין ענטזאַגען צו ערלויבען מיין באַזוכער. צום שלום בעט איך איהר זיך צו שטעלען אין פאַרבינדונג מיט א פּיטסבורגער אדוואַקאַט און זעהן, ער זאָל זיך ווענדען צום געריכט צו צווינגען די געפענגניס־פאַרוואַלטונג מיר צו געבען די פּריווילעגיעס, וואָס זיינען ערלויבט דורך געזעץ צו דעם געוועהנליכען ארעסטאַנט. איך וואַרף אריין דעם בריעף אין בריעף־קאַסטען, האָפענדיג אַז מיין אויסגוס און די דראָהונג פונ׳ם געזעץ וועלען באַוועגען דעם פאַרוואַלטער זיך צוריקצוציהען פון זיין פּאָזיציע. דאָס מיידעל וועט, נאַטירליך, פאַרשטעהן די באַדייטונג פונ׳ם בריעף, וויסענדיג, אַז מיין אַנדייטונג וועגען א געריכט־פּראָצעס איז בלויז א דיפּלאָמאַטישער אויסרייד פאַר אַן עפעקט, און ווערט ניט געמיינט טאַקע אַזוי צו האַנדלען.

אָבער אויף מאָרגען קערט מיר דער גייסטליכער צוריק אום דעם בריעף. „ניט אַזוי איבעראיילט, מיין יונג“, וואָרנט ער מיך, ניט אונפריינדליך. „זייט געדולדיג; איך וועל זעהן וואָס איך קען טהאָן פאַר אייך“.

„אָבער דער בריעף, גייסטליכער?“

„איהר האָט פאַרשוועגדט פּאַפּיער, אַלעק. איך קען דעם בריעף ניט דורכלאָזען. אָבער האַלט זיך נאָר רוהיג, און איך וועל זעהן וואָס איך קען טהאָן“.

וואָכען געהען אוועק אין אויסמיידענדע ענטפערס. ענדליך גיט דער גייסטליכער אַן עצה צו האָבען א פּערזענליכע אונטערעדונג מיט דעם פאַרוואַלטער. דער לעצטער שיקט מיך צו די

אינספעקטאָרס. צו יעדען מיטגליעד פון דער „באָארד" אַדרעסיר איך אַ ביטע מיר צו שענקען עטליכע מינוט פאַר אַ נויטיגען גע־שפרעך. אַבער אַ מאַנאַט געהט אַוועק אָהן אַ וואָרט פון די הויכע בעאַמטע. דער פריינדליכער לויפער, „סויטסייד" דזשאָהני, באַט זיך אָן צו געבען מיר אַ געלעגענהייט צו ריידען צו אַן אינספעקטאָר, מיט'ן באַדינג אַז איך זאָל איהם דערפאַר באַצאָהלען מיט צעהן שטיקלאַך טאַבאַק. צום אומגליק קאָן איך ניט אַפּרייסען פון זיך דאָס ביסעל טאַבאַק וואָס איך קריג, אַבער איך דערלאַנג איהם אַ דאָלאַר־ביל פון דעם געלד וואָס דאָס מיידעל האָט מיר געשיקט אויף אַ קונציגען אופן באַהאַלטען אין דער שפּראַנצקע פון אַ פּאָר סוספּענדערס. דער לויפער איז שטאַרק צופרידען, און פאַרזיכערט מיך מיט ערפאָלג, מיר אָנזאָגענדיג איך זאָל האַלטען אַן אויג אויף דער טיר פון הויף.

עטליכע טעג שפּעטער, פאַרבייגעהענדיג דעם קאָרידאָר, פאַר־נומען מיט מיינע פליכטען, באַמערק איך ווי „סויטסייד" קומט אַריין פון הויף, אין מיטען אַ פריינדליכער אונטערהאַלטונג מיט אַ פרעמדען דזשענטעלמאַן אין ציווילע קליידער. פאַר אַ מאָמענט באַגרייף איך ניט וואָס דאָ טוט זיך, אַבער אין אַ ווײַלע אַרום זעה איך, וואָס פאַר אָנשטרענגונגען דזשאָהני מאַכט צו ציהען מיין אויפמערקזאַמקייט. ער מאַכט זיך בלומר'שט, ווי ער ווייזט דעם מאַן מאַנכע שעהנע ארבייט, געמאַכט פון די אַרעסטאַנטען, ציהענדיג איהם אַלע ווײַלע אַלץ נעהענטער צו מיין טיר און דער־ביי שאָקעלט ער מיר צו מיט'ן קאָפּ. איך געה צו צו מיין צעל.

„דאָס איז בערקמאַן, מר. ניווין, דער מאַן וואָס האָט געשאָסען פריק'ן", באַמערקט דזשאָהני.

דער דזשענטעלמאַן דרעהט זיך אוים צו מיר מיט אַ בליק פון אינטערעס.

„גוט מאָרגען, בערקמאַן", זאָגט ער ליעבליך. „אויף ווי לאַנג זיינט איהר פאַראורטיילט?"

„צוויי־און־צוואַנציג יאָהר".

„עס טוט מיר לייד דאָס צו הערען. ס'איז ווירקליך אַ צו לאַנ־גער טערמין. איהר ווייסט ווער איך בין?"

„איך גלויב, אינספעקטאָר ניווין".

„יאָ, איהר האָט מיך קיינמאָל פריהער ניט געזעהן?"

„ניין. איך האב געשיקט א ביטע צו זעהן אייך דא ניט לאנג“.

„ווען איז דאס געווען?“

„א מאנאט צוריק“.

„מערקווירדיג. איך בין געווען אין אפיס מיט דריי וואכען צוריק. דארט האב איך פון אייך קיין צושריפט ניט געזעהן. זיינט איהר זיכער, אז איהר האט מיר געשיקט א ביטע?“

„גאנץ זיכער. איך האב געשיקט יעדען אינספעקטאר א ביטע“.

„וואס איז דען געשעהן?“

איך אינפארמיר איהם אין קורצען, אז מען האט ביי מיר צוגע־נומען די פריווילעגיע פון אויפנעהמען באזוכער. אביסעל איבער־ראשט קוקט ער אויף מיינע טונקעלע קליידער, און באמערקט:

„איהר זיינט אין ערשטען קלאס, און דערפאר בארעכטיגט צו וויזיטען. ווען האט איהר געהאט דעם לעצטען באזוכער?“

„צוויי יאהר צוריק“.

„צוויי יאהר?“ פרעגט ער, כמעט אונגלויבליך. „האט די דאמע פון ניו יארק געהאט אן ערלויבניש?“

דער פארוואלטער קומט איילענדיג אריין פון הויף.

„מר. ניווין“, רופט ער אוים אונגעדולדיג, „איך זוך אייך ארום“.

„בערקמאן האט מיר נאר וואס דערצעהלט וועגען א באזוכער וואס איז ניט צוגעלאזט געווארען צו איהם, קעפטיין“, באמערקט דער אינספעקטאר.

„יא, יא“, זאגט דער פארוואלטער מיט א געצוואונגענעם שמייכעל. „פאר אן אורזאך“.

„אה!“ דאס געזיכט פון מר. ניווין נעהמט אן א טיעף־ערנסטען בליק. „בערקמאן“, דרעהט ער זיך אום צו מיר, „איהר וועט זיך מוזען ווענדען צו דעם סעקרעטאר פון דער „באארד“, מר. ריעד. איך בין ניט באקאנט מיט די אינערליכע אנגעלעגנהייטען“.

דער פארוואלטער נעהמט דעם אינספעקטאר פאר'ן ארם און זיי לאזען זיך געהן צו דער טיר פון הויף. ביים אריינגאנג טרע־פען זיי זיך אן מיט „דאטש“ אדאמס, דעם שיק־יונג פון די ווערק־שטאטען.

„גוט מארגען, מר. ניווין“, באגריסט איהם דער „טראסטי“ — „ווילט איהר מיר ניט ארויסגעבען א ספעציעלע ערלויבניש פאר א באזוך? מיין מוטער איז קראנק; זי וויל מיך זעהן“.

דער פּאַרוואַלטער שטשירעט אויס די ציינער, שמייכלענדיג איבער דעם „פּאַרטיגען תּירוץ“.

„ווען האָט איהר געהאַט אייער לעצטען בעזוך?“ וויל וויסען דער אינספּעקטאָר.

„צוויי וואָכען צוריק“.

„איהר זיינט בּאַרעכטיגט צו איינעם בּלויז יעדע דריי מאָנאַטען“.

„דערפאַר האָב איך אייך געבעטען פאַר אַן עקסטרא, הערר אינספּעקטאָר“, ענטפערט „דאַטש“ מיט אַ דרייסטען טאָן. „איך וויים, אַז איהר זיינט אַ פריינדליכער מענש“.

מר. ניווין שמייכעלט גוטהאַרציג און קוקט אויפ'ן פּאַרוואַלטער.

„דאַטש“ איז אַלרייט“, זאָגט דער קעפּטיין.

דער אינספּעקטאָר נעמט אַרויס זיין וויזיט־קאַרטע, שרייבט עפּעס אַן מיט אַ בּלייַשטיפט, און גיט דאָס דעם אַרעסטאַנט.

## קאַפּיטעל 24.

# געדאַנקען, וואָס האָבען זיך אַרויסגעגנב'עט פון געפּענגנים.

12טער אַפּריל, 1896.

מיין ליעב מיידעל!

שוין אַ לאַנגע, לאַנגע צייט, אַז איך האָב געגאַרט צו האָבען אַ פריינען געשפּרעך מיט דיר, אָבער דאָס איז די ערשטע געלע־גענהייט. אַ גוטער פריינד, אַ „ליעבהאָבער פון פערד־פלייש", האָט פאַרשפּראָכען צו זעהן, אַז דאָס דאָזיגע „פויגעלע" זאָל בשלום דורכגעהן. איך האָף עס וועט אָנקומען צו דיר אין בעסטער אָרדנונג.

אין מיינע לאָקאַלע בריעף פלעג איך דיך רופען די „אומ־פאַרענדערליכע". איך באַגרייף, ווי שווער עס איז אָנצוהאַלטען דאָס בריעף־שרייבען דורך די ענדלאָזע יאָהרען, נאָכדעם ווי די פונקטען פון געמיינשאַפטליכען אינטערעס פאַרשווינדען ביסלעכ־ווייז. ס'איז איינע פון די טראַגעדיעס אין דעם לעבען פון אַן אַרעסטאַנט. „ק" און „ג" האָבען כמעט אויפגעהערט צו וואַרטען אויף בריעף. אָבער איך בין גליקליכער. דער „צווילינג" שרייבט איצט זעהר זעלטען; די קאָרעספּאָנדענץ פון אַנדערע פריינד איז אונבאַשטימט. אָבער דו ענטוישסט קיינמאָל ניט. ס'איז ניט אַזוי דער אינהאַלט, וואָס שפּיעלט אַ ראָלע: דאָס קלינגט אַלץ מעהר און מעהר ווי די שפּראַך פון אַ פרעמדער וועלט, מיט איהר בע־

רוישענדע אומרוה און קאָכעניש, וואָס שטערט די שטילקייט פונ׳ם צעלען לעבען. אָבער דאָס סאַמע אָנקומען פון אַ בריעף איז פון גרויסער בעדייטונג. עס דערוואַרעמט דעם אַרעסטאַנט׳ס האַרץ און מאַכט איהם פיהלען, אַז מען דענקט פון איהם, אַז מען דערמאָנט זיך ווירקליך אָן איהם, מיט יענעם אינטימען אינטערעס, וואָס איז דאָס איינציגע אויפצוהאַלטען אַ רעגעלמעסיגע קאָרעספאָנדענץ. און אויסערדעם זיינען דיינע בריעף אַזוי לעבענסוויכטיג, אַזוי דורכגעדרונגען מיט דעם אָטעם פון אונזער געמיינשאַפטליכער זאַך. איך האָב געהאַט גרויס פערגניגען פון דיינע מיטטיילונגען פון פּאַריז און וויען, פון די בעריכטען וועגען דער בעוועגונג אין וועגען אונזערע אייראָפּייאישע קאַמעראַדען. דיינע בריעף זיינען אויף אַזוי פיעל אַ טייל פון דיר אַליין, אַז זיי ברענגען מיך נעהענטער צו דיר און צום לעבען.

די ציייטונגס־אויסשניטען, וואָס דו האָסט דערמאָנט ביי פערשידענע געלעגענהייטען, זיינען מיר ניט איבערגעגעבען געוואָרען. אויך ווערען ניט ערלויבט קיינע ראַדיקאַלע אויסגאַבען. בעזונדערס בעדויער איך וואָס איך קריג ניט די „סאָלידאַריטי“. איך האָב ניט געזעהן קיין איינציג עקזעמפּלאַר, זינט די צייטונג האָט ווידער אויפגעלעבט מיט צוויי יאָהר צוריק. איך האָב נאָכגעפאָלגט די טהעטיגקייט פון טשאַרלס וו. מאָוברי און דעם טור פון דזשאָהן טוירנער, אַזוי ווייט ווי איך האָב עס געקענט טהאָן, לעזענדיג די בעריכטען אין די צייטונגען. איך האָף, אַז דו וועסט שרייבען מעהר וועגען אונזערע ענגלישע גענאָסען.

איך דענק, אַז ס׳איז ניט נויטיג דאָ צו זאָגען פיעל וועגען דעם געפענגנים־לעבען, מיין טייערע. דאָס ווייסטו פון מיינע אָפּיציעלע בריעף, און דו קענסט לייענען צווישען די שורות. די האַנדלונג פון דער „פּאַרדאָן־באָארד“ איז געווען אַ ביטערע ענטוישונג פאַר מיר. ניט וועניגער פאַר דיר אויך, שטעל איך מיר פאָר. ניט דערפאַר ווייל איך בין געווען זעהר ענטוזיאַסטיש און געהאָפט אויף אַ גינסטיגער ענטשיידונג. אָבער אַז זיי זאָלען אויף אַזאַ ציניש׳ען אופן אויסמיידען די פראַגע, — איך בין קוים געווען צוגעגרייט צו ד ע ם. איך האָב געהאָפט, אַז זיי וועלען ווענינגסטענס בעטראַכטען דעם פאַל. אָבער ס׳איז קענטיג, אַז זיי האָבען קיין חשק ניט געהאַט זיך אויסצושפּרעכען ניט פ אַ ר און ניט

ג ע ג ע ן. די אדוואקאטען האבען מיר געלאזט וויסען, אז מען האט זיי זאגאר ניט געגעבען קיין געלעגענהייט פארצולעגען זייערע טענות. די „באארד“ האט גע׳פסק׳נט, אז „דאס אומרעכט, געגען וועלכען מען בעקלאגט זיך דא, איז ניט צייטיג“; דאס הייסט, אז דערווייל זיץ איך נאך ניט אב די געפענגניס־שטראף, וואס מיר ווילען צוריקרופען. א יוריסטישער פלפול. דאס מיינט, אז איך מוז אפריהער אבזיצען די ערשטע שטראף פון זיבען יאהר, איידער איך קען אפעלירען פאר דער צוריקרופונג פון די אנדערע פעראורטיילונגען. אראברעכענענדיג די צייט וואס ווערט גע־וועהנליך געשענקט יעדען ארעסטאנט, האב נאך אלץ אונגעפעהר א יאהר צו דערענדיגען די ערשטע שטראף. איך צווייפעל, צי ס׳איז ראטזאם ווידער אמאל צו פרובירען. וועניג גערעכטיגקייט קען ערוואַרטעט ווערען פון יענע פלעצער. אבער איך וועל דיר דא מאכען אן אנדער פארשלאג; בעראט זיך מיט אונזערע פריינד וועגען דעם. ס׳איז אט וואס: דא איז פאראן אן ארעסטאנט, וועלכער איז נאר וואס בעגנאדיגט געווארען פון דער „באארד“, וועמעס פרעזידענט, דער ליוטענאנט גאווערנאר, איז פערפליכטעט צו דעם ארעסטאנט׳ס אדוואקאט פאר געוויסע פאליטישע לייס־טונגען. דעם אדוואקאט׳ס נאמען איז ק—— ד—— פון פיטסבורג. ער האט אנפערטרויט זיין קליענט, אז ער וועט גאראנטירען מיין בעפרייאונג פאר טויזענד דאלאר; די סומע זאל אוועקגעלעגט ווערען אין זיכערע הענט און ער זאל קריגען באצאהלט ב ל ו י ז אין פאל פון ערפאלג. פערשטעהט זיך, מיר קענען ניט צאהלען אזא גרויסען פרייז. און איך קען ניט זאגען, צי דער אנבאט איז ווערטה בעטראכט צו ווערען; פונדעסטוועגען ווייסטו דאך, אז כמעט אלצדינג קען געקויפט ווערען פון פאליטישענס. איך לאז עס איבער אין דיינע הענט.

די פראגע וועגען מיינע וויזיטען קוקט אויס צו זיין אן אב־געמאכטע אין געהיים; איך קען ניט קריגען קיין ערלויבניש פאר מיינע פריינד מיך צו זעהן. צוליעב וואס פאר עס איז דונקעלער אורזאך, האט דער פערוואלטער שטארק מורא געקראגען פאר אן אנארכיסטישער פערשווערונג געגען דעם געפענגניס. דער לאקאַ־לער „טריא“ געפינט זיך אונטער א ספעציעלער אויפפאסונג, און עס ווערען כסדר געמאכט אויסנאהמען געגען זיי. הגם „ק“ און „ג“

ווערען ערלויבט אויפצונעהמען בעזוכער. דו וועסט געוויס שמייכ־לען איבער דעם קינדערישען שרעק פון די געפענגנים־בעאַמטע: מען שושקעט זיך וועגען דעם, אַז אַ „געוויסע אַנאַרכיסטישע דאַמע" (דאָס מיינט מען דיך 'מסתמא. אין דער ווירקליכקייט איז דאָס גע־ווען הענרי'ס געליעבטע, אַ לוסטיג, לייכטזיניג מיידעל) האָט גע־סטראַשעט דאָס געפענגניס. מען שמועסט, אַז זי האָט בעזוכט אינ־ספעקטאָר ריעד אין זיין געשעפט, און פערלאַנגט מיך צו זעהן. ווען דער אינספעקטאָר האָט איהר ענטזאָגט, האָט זי אַרויסגע־פּלאַצט: „מיר וועלען אַרונטעררייסען אייערע שמוציגע ווענט". איך האָב ניט געקענט בעשטימען, צי ס'איז דאָ וואָס פאַר עס איז גרונד פאַר דער געשיכטע, אָבער זי צירקולירט דאָ אַרום, און די אַרעסטאַנטען גלויבען גאַנץ פעסט, אַז דאָס איז די אורזאַכע פאַר־וואָס מען לאָזט ניט צו קיין בעזוכער צו מיר.

דאָס איז אַ כאַראַקטעריסטישער ביישפּיעל פון די צושטענדען דאָ אין געפענגנים. ניט ווילענדיג שמייכעל איך איבער קענאַן'ס נאַאיווער אויפגעבראַכטקייט געגען די ברוטאַליטעטען, וואָס ער האָט פאַר מעגליך בלויז אין רוסישע און סיבירישע טורמעס. עס וואָלט איהם געווען כמעט אונמעגליך צו דערגעהן די אמת'ע צושטענדע אין די אַמעריקאַנער געפענגניסען: מען וואָלט איהם אַרומגעפיהרט איבער די „שוי"־צעלען, וועלכע זיינען שטענדיג נעט און ריין פאַר דעם צוועק ער וואָלט ניט געזעהן די „קאַרב־צעלע", אויך ניט די גרויסע רינגען אין דעם פינסטערען קעלער, וואו אַרעסטאַנטען ווערען צוגעקייטעלט פאַר טעג נאָכאַנאַנד; אויך וואָלט מען איהם ניט ערלויבט צוריידען גאַנצע שטונדען, אָדער גאַנצע אָבענדען מיט די אַרעסטאַנטען, ווי ער האָט געטאָן מיט די פערשיקטע אין סיביר. דאָך, ווען עס זאָל איהם געלינגען צו ערפאַהרען זאָגאַר אַ העלפט פונ'ם אמת, וואָלט ער געצוואונגען געווען צו ענדערען זיינע אָנזיכטען איבער די אַמעריקאַנער שטראָף־אינסטיטוציעס, ווי ער האָט עס געטאָן אין בעצוג צו די רוסישע פּאָליטישע. אַ פּחד וואָלט אויף איהם אָנגעפאַלען, ווען ער זעהט די ברוטאַליטעט, וואָס ווערט אויסגעאיבט דאָ ווי אַ געוועהנליכע טאָג־טעגליכע זאַך, די מיסברויכונג פון די משוגעים, די קליינליכע פערפאָלגונג. אונמענשליכקייט איז דער שליסעל־טאָן פון דער מאַכטהאָבענדער דומהייט.

דיין זעעלע איז געווים אַנגעפילט געווארען מיט שרעק, לעזענ־דיג די בעריכטען וועגען די שוידערליכע פייניגונגען אין מ אַ נ ט־כ ו א י ט ש. וואס פאַר אַ באַטרעף האָט דאָס גאַנצע צאַרענע און קלאַגען געגענאיבער דער אויפלעבונג פון דער אינקוויזיציע? איז ניטאָ קיין נ ע מ ע ז י ס, קיין ראַכע־נעהמער אין שפּאַניען?

## קאַפּיטעל 25.

# ווי זאָלען די טיפּעפּנישען שרייען?

### 1.

מיט דעם אומבייטען פון די יאָהרעס־צייטען ענדערט זיך אויך דער טאָן פון׳ם געפענגנים. א לעבעדיגערע אַטמאָספערע דרינגט דורך די ווערקשטאַטען און דאָס צעל־הויז אום זומער. די גע־פענגנים־אַבטיילונג איז לופטיגער און ליכטיגער; די וועכטער פערקלענערען זייער שטרענגען קוק, ווארטענדיג אויף זייערע וואַ־קאַציעס; די ארעסטאַנטען צעהלען האָפנונגספול די שטונדען ביז זייער אַנקומענדער באפרייאונג, און די טויערען עפענען זיך טעגליך אַרויסצולאָזען אימיצען, וואָס געהט צוריק אין דער וועלט אַריין.

אָבער אַ שווערער אומעט הענגט איבער דער געפענגניס אום ווינטער. די פענסטער זיינען פארמאַכט און צוגעקלאַפּט מיט טשוועקעס; די שלעכטע, פּאַרדאַרבענע לופט, קינסטליך געוואַ־רעמט, שטיקט פאַר טרוקענקייט. א רויך פאַרטונקעלט די ווערק־שטאַטען, און די צעלען זיינען אין שטענדיגער פינסטערניש. די ארבייט ווערט שווערער, די באַשטראָפונגען שטרענגער. די בע־אַמטע קוקען ביסטרע; די ארעסטאַנטען זיינען בייז און אומ־צופרידען. די געשרייען פון די וואַהנזיניגע ווערען ווילדער, זעלבסט־מאָרדען קומען פאַר עפטער; פארצווייפלונג און האָפנונגסלאָזיג־קייט דריקען יעדעס הארץ.

דער אונטער־שטראָם פון רעבעליאָן, וואַקסענדיג און אויפ־לויפענדיג דורך שטומע ליידען און רעפּרעסיעס, געהט ענדליך אריבער די ברעגען. די שטרענגקייט פון די געפענגנים־בעאַמטע

ווערט גרעסער, די מעטאדען פון בעשטראפונג גרויזאמער; די ארעסטאנטען גריזשען זיך, ווערען נאך פערביטערטער און פלאצען ענדליך ארויס מיט בלינדע, ספאזמאדישע אויסברוכען פון צארן און פערצווייפלונג.

אבער צווישען די אינטעליגענטערע ארעסטאנטען דריקט זיך די אונצופרידענקייט אויס אויף א לאגישערען, צוזאמענהענגלי־כערען אופן. די „לעקסאו אונטערזוכונג" האט געהאט איהר אב־קלאנג אין געפענגניס. שטילערהייט ווערט אנגעפאנגען א בע־וועגונג צווישען די איינצעלהאפטע, מיט דעם צוועק ארויסצורופען אן אונטערזוכונג פון ריווערסייד.

איך בין פארנומען העלפענדיג די ארעסטאנטען זיך דורכצו־שרייבען וועגען דורכפיהרען דעם פראיעקט. גרויסע פארזיכטיגקייט מוז אנגעווענדט ווערען, כדי צו פארהיטען זיך געגען פארראט; בלויז מענער פון אויסגעפרואוועטער צופערלעסיגקייט קענען אנפאר־טרויט ווערען מיט דעם סוד, און פארזיכטס־מיטלען מוזען אנגע־נומען ווערען, אז קיין אויפזעהער אדער שפיאן זאל ניט דערשמעקען עפּעס וועגען אונזער פלאן. די איינצעלהייטען פון דעם פראיעקט ווערען געפלאנט אויף דער אבטיילונג „קעי", אונטער דער קאמאנדע פון בילי רייאן, באטש, סלאאן און דזשימי גרענט, אלס די פאר־טרויענסווערטסטע פון דער גרופע. עס ווערט באשלאסען, אז די אטאקע אויף דער פארוואלטונג פונ׳ם צוכטהויז זאל אנגעפאנגען ווערען פון „דרויסען". א באפרייטער ארעסטאנט וועט געבען צו וויסען דער פרעסע וועגען די מיסברויכערייען, כאבאר און אונ־מאראליטעט, וואס איז פול אין ריווערסייד. דאס פובליקום וועט פארלאנגען אן אויספארשונג. די „בונטאוושטשיקעס" פון דער דערמאנטער אבטיילונג וועלען געבען די אונטערזוכער אלע נויי־טיגע ציפערען און פאקטען, וועלכע וועלען אויפוועקען דעם געוויסען פון דער שטאדט און פאראורזאכען די ענטזאגונג פון דער פארוואל־טער און דאס איינפיהרען פון רעפארמען.

אן ארעסטאנט, וואס האלט דערביי באפרייט צו ווערען, ווערט אויסגעקליבען פאר דער וויכטיגער מיסיע אויפצוקלעהרען די פרעסע. אין גרויסער אנגסט און ערווארטונג קוקען מיר ארויס אויף די צייטונגען, א טאג נאכדעם ווי דער ארעסטאנט איז באפרייט גע־ווארען; מיר זוכען, מיר פארשען די בלעטער פארזיכטיג. קיין

איין וואָרט ניט וועגען דעם צוכטהויז! מסתמא האָט דער באַפרייטער נאָך ניט געהאַט די געלעגענהייט צו באַזוכען די רעדאַקטאָרען. זיך פרעהענדיג מיט זיין פרייהייט, האָט ער וואַהרשיינליך אַריינגעקוקט אַביסעל צו טיעף אין דעם בעכער, וואָס דערפרעהט דאָס הארץ. ער וועט געוויס אינטערוויואירען די צייטונגען אין אַ טאָג אַרום.

אָבער די טעג פאַרגעהען אין וואָכען, אָהן דעם אַז די צייטונגען זאָלען דערמאָנען עפּעס וועגען דעם צוכטהויז. דער פּערטרויטער מאַן האָט אונז אָבגענאַרט! די אַנטפּלעקונג פון׳ם לעבען אין ריווערסייד איז אַזוי אינטערעסאַנט, אַז זי וואָלט ניט געקענט איגנאָרירט ווערען פון דער פּרעסע. דער באַפרייטער אַרעסטאַנט האָט זיך אַרויסגעצייגט צו זיין פאַלש צו זיין פאַרשפּרעכען. די איינצעלהאַפטע פאַרדאַמען איהם מיט ביטערקייט און באַשליסען אויסצוקלייבען אַ צופערלעסיגערען מאַן צווישען די ערשטע קאַנדידאַטען פאַר פרייהייט.

אַ צוואַנציג מענער, איינער נאָכ׳ן אַנדערען, ווערען אַנפאַרטרויט מיט דער שליחות צו דער פּרעסע. אָבער די צייטונגען בלייבען שטיל. נייגעריג, הגם יעדען טאָג מיט אַלץ וועניגער האָפנונג, זוכען מיר דורך זייערע שפאַלטען. רייאַן לאַכט ציניש איבער דער פאַלשקייט פון אַרעסטאַנטסקע פאַרשפּרעכענס; באַטש קאָכט זיך און שימפּט אויף די פאַררעטער. נאַר סלאָון איז שטאַרק איינגעגלויבט אין זיין אייגענער עהרליכקייט, און ער מונטערט מיך אויף, בעת איך שטעל זיך אָב ביי זיין צעל:

„מאַכט זיך נאַר קיין וועזען ניט פון אַט די ראַצען, אַלעק. וואַרט אַקאַרשט ביז א י ך וועל אַרויסגעהן. דאַ איז דער יונג וואָס וועט האַלטען זיין צוזאָג ריכטיג. וואָס איך וועל ניט אָבטאָן דעם אַלטען סאַנדי איז ניט ווערט צו דערמאָנען“.

„וואָס הייסט, איהר האָט דאָך נאָך צוויי יאָהר, עד“, דערמאָן איך איהם.

„ס׳הויבט זיך ניט אָן, אַלעק. בלויז איינס און אַ שטיקעל“.

„ווי גרויס איז דער שטיקעל?“

„נו־נו“, לאַכט ער אין זיך, קוקענדיג אַביסעל פאַרשעהמט.

„ס׳איז אַ יאָהר, מיט עלף מאָנאַטען און זיבען־און־צוואַנציג טעג. ס׳איז יעדענפאַלס ניט קיין צוויי יאָהר, איהר פאַרשטעהט?“

דזשימי גרענט ווערט מאָדנע צוריקגעהאַלטען, ס'איז קענטיג אז ער האָט קיין חשק ניט צו ריידען. ער זוכט מיך אויסצומיידען. דער פאַראַט פון די באַפּרייטע אַרעסטאַנטען פילט איהם אן מיט כעס און פאַראַכט אויף יעדען איינעם. ער ווערט אונגעדולדיג, קען ניט הערען, ווען איך ערקלעהר, אַז שולדיג איז פיליכט די פאַרקויפטע פּרעסע. ווען מען דערמאַנט איהם נאָך אמאָל ווענען אונזערע פּלענער, פּלאַצט ער אַרויס:

„פאַרגעסט עס! איהר טויגט ניט, קיין איינער ניט פון אייך. לאָזט מיך צורוה!" ער קעהרט זיך אוים מיט'ן רוקען צו מיר און שפּאַנט אַרום ביין איבער דער צעלע.

זיינע האַנדלונגען פילען מיך אן מיט זאָרג. דער יונג קוקט אויס צו זיין מאָדנע פאַרענדערט. צום גליק איז זיין טערמין אין געפענגניס כמעט געענדיגט.

## 2.

ווי ווילד־פייער פאַרשפּרייט זיך די נייעס איבער'ן געפענגניס. „די צייטונגען מאַכען סאַנדיי'ן אויסצודרעהען!" די לופט אין אונזער אַבטיילונג איז פול מיט איינגעהאַלטענער אויפרעגונג. דזשימי גרענט, וועלכער איז ניט לאַנג צוריק באַפּרייט געוואָרען, האָט צוגעשיקט אַ בריעף צו דער „סטייט באָארד און טשאַריטיס", ברענגענדיג ערנסטע קלאַגען געגען דער פאַרוואַלטונג פון ריווער־סייד. די פּרעסע פאַרעפענטליכט זעהר וויכטיגע אויסציגע פון גרענט'ס בריעף. אַבער עדיטאָריעל ווערט די קלאַגע איגנאָרירט פון די מעהרסטע פּיטסבורגער צייטונגען. איין שרייבער רעדט איבער דער אַנגעלעגענהייט צוויי־דייטיג, אין אַ פאַרזיכטיגער שפּראַך, און גיט אַנצוהערען, אַז די שרעקליכע מעשים, וועגען וועלבע גרענט דערצעהלט, קלינגען אונוואַהרשיינליך. אַן אַנדערער לויבט דעם „וואָרדען" רייט אַלס אינטעליגענטען און הומאַנעם מאַן, וועלכער אינטערעסירט זיך מיט'ן גאַנצען הארצען פאַר די אַרעסטאַנטען. די אויספיהרליכע באַשולדיגונגען ווערען אין קורצען אָבגע־פּטר'ט און ערקלעהרט אַלס אונווירדיג באַטראַכט צו ווערען, ווייל זיי קומען פון אַן אונצופרידענעם פערברעכער, וועלכער האָט ניט געפונען דאָס געפענגניס־לעבען נאָך זיין געשמאַק נאָך. בלויז דער „לידער" און דער „דיספּעטש" באַטראַכטען די פראַגע פאַר

ערנסט, דערמאָנען די פיעלע קלאָגען וואָס זיינען שוין געקומען פון באַפרייטע אַרעסטאַנטען, און לעגען פאָר די ראַטזאַמקייט פון אַן אויספאָרשונג; זיי ערקלעהרען, ווי אונבאַדינגט נייטיג עס איז פאַר דעם פאַרוואַלטער, איינמאָל פאַר אַלע מאָל אַבצולייקענען די אַלע ערנידעריגענדע באַהויפּטונגען וועגען זיין פאַרוואַלטונג.

אין עטליכע טעג אַרום לאָזט דער פּרעזידענט פון דער „באָארד אָוו טשאַריטיס" וויסען וועגען זיין באַשלוס „איבערצוקוקען" דאָס צוכטהויז. דער מאָנאַט דעצעמבער איז באַלד צו ענדע, און די „באָארד" ווערט ערוואַרטעט צו באַזוכען ריווערסייד נאָך די ימים־טובים.

## 3.

ק. און ג.!

פאַרשטעהט זיך, קיינער פון אייך האָט ניט מעהר גלויבען ווי איך אין די כלומר׳שטע אונטערזוכונגען. די „לעקסאָו"־אונטערזוכונג, וועלכע האָט אויפגעטרייסעלט דאָס גאַנצע לאַנד, אַרויסשטעלענדיג אַזוי אָפען די פּאָליציי־קאָררופּציאָן, האָט זיך פּאַקטיש אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט. איינער אָדער צוויי אונטערגעאָרדענטע זיינען געוועזען די „שעיר לעזאזל׳ס"; יענע פון אויבען זיינען געבליבען אונבאַשטראָפט, ווי דער שטייגער איז; דאָס „סיסטעם" אַליין בלייבט „סטאַטו קוואָ" — ווי געוועזען. דער איינציגער, וואָס האָט אַם מעהרסטען פּראָפּיטירט דורך די ספּאַזמען פון מאָראַליטעט, איז ג א ף, וועמען דער קרייץ־צוג געגען דער אויסגעלאַסענקייט האָט געגעבען אַ געלעגענהייט זיך אויפצוהויבען פון פינסטערניש אין דעם נאַציאָנאַלען ליכט. פּענקהוירסט איז אויך שטיל געוואָרען, וואָהרשיינליך צופריעדען מיט דער פאַרגרעסערונג פון זיין סטאַדע און — זיין געהאַלט. אָבער אום צו געבען דעם טייוועל וואָס איהם קומט, מוז איך זאָגען, אַז איך האָב באַוואונדערט זיין אויסדויער און זיין מוטה אין אַנגעזיכט פון דעם שטורם פון געלעכטער און שפּאָט וואָס ער האָט באַגעגענט אין זיינע באַשולדיגונגען געגען דעם גלאָררייכען פּאָליציי־דעפּאַרטמענט פון דער גרעסטער שטאָדט אין לאַנד. אָבער כאָטש יעדע באַשולדיגונג איז באַוויזען געוואָרען אויף דעם העכסט אַבסאָלוטען אופן, איז די סיטואַציע, אַלס אַ גאַנצע, געבליבען אונפאַרענדערט.

עס איז די געשיכטע פון אלע אונטערזוכונגען. ווי די דייטשען זאגען: דו קאנסט ניט באווייזען די שולד פונ'ם טייוועל אין דעם געריכט פון זיין שוויגער. עס איז ווידער אמאל דעמאנסטרירט געווארען דורך דער קאנגרעס אונטערזוכונג וועגען דער „קארנעגי ארמאר פלייט“, אין די שרעקליכע אויפדעקונגען וועגען סופערי־טענדענט בראקוויי, פון דער שרעקליכער עלמיירא רעפארמאטארי, און אין אן אנצאהל אנדערע פעלע. אויך „ווארדען“ רייט איז שוין אונטערזוכט געווארען מיט א צעהן יאהר צוריק; מען האט דאן געפונען א דאפעלטען גאנג פון ביכער, און עס האט זיך ארויס־געשטעלט, אז מען האט איינפאך פארנומען געלד און גע'גנב'עט געפענגניס־פראדוקטען; ברוטאליטעט און מערדעריי זיינען אויפ־געדעקט געווארען — דאך איז סאנדי געבליבען אויף זיין שטעלע.

מיר קאנען דעריבער גארנישט ערווארטען פון דער אונטער־זוכונג פון דער „באארד און טשאריטיס“. איך צווייפעל גאר ניט, אז עס וועט זיין א ריינוואשונג. אבער איך דענק, אז מיר — דער אנארכיסטישער דריילינג — דארפען ציינען אונזער סאלידא־ריטעט, און העלפען די ארעסטאנטען מיט אלע אונזערע כחות; מיר טארען ניט דערלאזען, אז די אונטערזוכונג זאל זיך ענדיגען אין א פארם אויף אזוי ווייט ווי עס האנדעלט זיך וועגען באווייזע געגען דער פארוואלטונג. מיר דארפען ניט איבערלאזען דער „באארד“ קיין געלעגענהייט זיך אויסצודרעהען, קיין תירוץ, אז עס האבען איהר געפעהלט עדות אדער באווייזע צו שטיצען גרענט'ס באשולדיגונגען. איך בין זיכער, אז איהר וועט זיין איינפערשטא־נען מיט מיר אין דעם. איך האלט אין זאמלען פאקטען און ציי־פערען, וועלכע איך וועל פארלעגען פאר די אונטערזוכער. איך גרייט אויך צו א ליסטע פון פריוויליגע עדות. איך האב זיבעצעהן נומערען אין מיין אבטיילונג, און אנדערע פון פארשיידענע טיילען פון דעם דאזיגען פליגעל און פון די ווערקשטאטען. עס זעהט אויס, אז זיי זיינען אלע גערן צו זאגען עדות, הגם איך בין זיכער, אז איינינע וועלען שוואך ווערען, ווען עס וועט קומען דער קריטישער מאמענט. עטליכע האבען מיר שוין געבעטען איך זאל אויסמעקען זייערע נעמען. אבער מיר וועלען האבען א גענינענדע צאהל פון עדות; וואס מיר דארפען זיכער פון אלעם איז אזעלכע מענשען, וועלכע האבען פערזענליך געקראגען מיט בולאוועס איבער'ן קאפ,

וועלכע זיינען צוגעקייטעלט געוואָרען צו די רינגען אין פינסטערן קעלער, וועלכע זיינען אויפגעהאָנגען געוואָרען ביי די הענט, און אַנדערע באַשטראָפונגען וואָס זיינען פאַרבאָטען לויט׳ן געזעץ.

איך האָב שוין געלאָזט וויסען דעם פאַרוואַלטער, אַז איך וויל עדות זאָגען פאַר דער אונטערזוכונגס-קאָמיטע. מיין אַבזיכט איז געווען איהם צו פאַרכאַפּען דעם וועג, ער זאָל ניט קענען זאָגען, אַז עס איז שוין דאָ גענוג עדות. איצט בין איך דער ערשטער אויפ׳ן צעטעל. די פאָלקאָמענהייט פון דער אָנקלאַגע געגען די געפענגנים-בעאַמטע וועט אייך איבערראַשען. גליקליכערווייזע האָט מיר מיין פּאָזיציע, אַלס קאָרידאָר-אויפזעהער, געגעבען די מעגליכקייט צו זאַמלען אַלע נייטיגע אויסקינפטע. איך וועל אייך מאָרגען צושיקען קאָפּיעס פון די באַווייזע (כדי צו זיין זיכערער מיט אונזערע מאַטעריאַלען). פאָרלויפיג שיק איך אייך דאָ אַ ליסטע פון אַ טייל פון אונזערע „אויסשטעלונגען“:

1) סיגאַרעטען און דרויסענדיגער טאַבאַק; אַ פלאַש בראַנ־פען און אַנדערע באַטויבונגס-מיטלען; ווירפעל און קאָרטען-שפּיעל, מזומן געלט, עטליכע מעסערס, צוויי ראַזיר-מעסערס, פּאַסט-מאַר־קען, דרויסענדיגע פּאַסט און אַנדערע קאָנטראַבאַנדע. (דאָס אַלעס איז מיט דעם צוועק צו באַווייזען, אַז דער פאַרוואַלטער האָט גע־זאָגט ליגען, ווען ער האָט פאַר די פאָרשטעהער פון דער פּרעסע ערקלערט, אַז עס ווערט ניט געגעמבעלט אין געפענגנים, אַז עס ווערט ניט פאַרקויפט קיין געבעקס און קיך-פּראָוויזיאָנען פאַר מזומן געלט, אַז די אַרעסטאַנטען האָבען ניט קיין געוועהר און אַז עס איז ניטאָ קיין מעגליכקייט אויף אַן אונטערערדישען אופן צו קומען אין באַריהרונג מיט דער דרויסענדיגער וועלט.)

2) ביער געמאַכט אין געפענגנים. אַ דעמאָנסטרירונג פון דער אַלט-געבאַקענקייט פון אונזער ברויט און די אַבוועזענהייט פון קאַר־טאָפעל אין דער זופּ. (די ביער איז געמאַכט פון אויפגעגאַנגענע הייוועז, וואָס די „טראַסטים“ גנב׳ענען אַרויס פון דער בעקעריי; אויך פון קאַרטאָפעל.)

3) „פאַוואָריטיזם“, אויסנאַהמען פאַר גינסטלינגע; ספּע־ציעלע פּריווילעגיעס פאַר „טראַסטים“; פּאָליטישע שטעלעס; דאָס סיסטעם פון מסירה און שפּיאָנאַזש.

4) פּענסילווייניאַ-דיעטע; קאָרב-צעלע; פינסטערער קער־

קער; דאָס קאָוועז ביי די הענט און צושמידען צו דער וואַנט; פאַרנאַכלעסיגונג פון די קראַנקע; באַשטראָפונג פון די פאַרריקטע.

5) נעמען און נומערען פון אַרעסטאַנטען, וואָס זיינען מיס־האַנדעלט און געשלאָגען געוואָרען.

6) פאַקטען מכח אַנפאַלען און מוראדיגע שרעקען אין פאַר־בינדונג מיט „קיד־ביזנעס", וואָס דער פאַרוואַלטער לייקענט אַב־סאָלוט אָפּ די עקזיסטענץ דערפון.

7) ספּעציעלער פאַל פון „איי" 444, וואָס האָט אַטאַקירט דעם פאַרוואַלטער אין קירכע, צוליעב איי פערזוכט אויף „ליידי גאַלדי".

8) גרעפט, כאַבאַר:

א) זאַקען־אָפּטיילונג: בלאַף־לייבעלס, פיקטיווע נעמען פון פאַבריקאַנטען, פאַלשע בוך־פיהרונג.

ב) בעזים־שאַפּ: אַרעסטאַנטען־אַרבייטער פאַרדונגען, געגען דעם געזעץ, צו לענג בראָדהערס, בעזים־פאַבריקאַנטען, פון אַלעגהעני, פּענסלווייניא. וואַארע פאַרקויפט צו דער רעגירונג פון די פאַראייניגטע שטאַאטען, דורך בלומר׳שטע פאַרמיטלער. לייבעלס טראָגען די אויפשריפט „יוניאָן בעזים".

ג) ראַגאַזשעס, שטרוי־דעקען, וואַש־בעזימער — פּראָ־דוקטען ניט געשטעמפּעלט.

ד) שיך און שניידער־שעפּער: געפענגניס־מאַטעריאַלען באַנוצט פאַר דעם פּריוואַטען געברויך פון דעם פאַרוואַלטער, די בעאַמטע און זייערע פאַמיליען.

ה) 75 טויזענד דאָלאַר וואָס איז אַפּראָפּריאירט געוואָרען פון דעם שטאַאט (1893) פאַר אַ נייע קירכע. די ציגעל פון דער אַלטער געביידע באַנוצט פאַר דער נייער, אויסער איין דרויסענדיגע שיכט. די גאַנצע אַרבייט איז געמאַכט געוואָ־רען פון אַרעסטאַנטען. אַרכיטעקט, מר. א. רייט, דעם פאַר־וואַלטער׳ס זוהן. ווירקליכע קאָסטען פון דער קירכע — זיבען טויזענד דאָלאַר. ד אַרעסטאַנטען געצוואונגען בייצוואוינען דעם גאָטעס דענסט, כדי אָנצופילען די אַלטע קירכע און מאַ־כען דעם איינדרוק, אַז זי איז צו קליין; נאָכדעם ווי מען האָט געקראָגען דאָס געוואונשטע געלד פונ׳ם שטאַאט, איז

יעדען איינעם געווען פריי יאָ צו געהן אָדער ניט געהן אין קירכע.

ו) ביבליאָטעק: די 25 סענט שטייער, וואָס ווערט גע־נומען פון יעדען ניט אָפּיציעלען באַזוכער, דאַרף אייגענט־ליך געהן פאַר דעם ביכער־פאָנד. אַרום 50 באַזוכער יעדען טאָג, דאָס גאַנצע קיילעבדיגע יאָהר. קיין נייע ביכער זיינען ניט צוגעקומען אין ביבליאָטעק אין משך פון 10 יאָהר. אַלטע איבעריגע עקזעמפּלאַרען, וואָס ווערען געשענקט פון די פּאַב־ליק לייברערים פון פּיטסבורג, זיינען אין קאַטאַלאָג איינגע־רעכענט פאַר געקויפטע נייע ביכער.

ז) באַרויבען די אַרעסטאַנטען פון באַלוינונג פאַר זייער אַרבייט. זעה קאָפּיע פון געזעץ פון 1883 פּ. ל. 112.

## געזעץ וועגען געפענגניס אַרבייט און געהאַלט פון אַרעסטאַנטען

(אַקט פון 1883, יוני 13טען פּ. ל. 112)

סעקציע 1. — ווען די עקזיסטירענדע קאָנטראַקטען געהען אויס, דאַרפען די געפענגניס־פאַרוואַלטערס באַשעפטיגען די אַרעסטאַנטען אונטער זייער קאָנטראָל פאַר די נוצען פון דעם שטאַאַט.

סעקציע 2. — קיין אַרבייטער זאָלען ניט פאַרדונגען ווערען דורך קאָנטראַקט צו דרויסענדיגע אונטערנעהמער.

סעקציע 4. — אַלע אַרעסטאַנטען אונטער דעם קאָנטראָל פון שטאַאַט און קאָונטי בעאַמטע, און אַלע אַרעסטאַנטען פון די רעפאָרמאַטאָרי אינסטיטוציעס, וואָס ווערען באַשעפטיגט צו פאַבריצירען זאַכען פאַר אַלגעמיינעם געברויך, זאָלען קריגען פּערטעל־יעהריגע געהאַלטען גלייך צו דער סומע פון זייערע פאַרדיענסטען, וועלכע דאַרפען באַשטימט ווערען פון צייט צו צייט דורך די בעאַמטע פון דער אינסטיטוציע. דערפון זאָל אַרונטערגענומען ווערען פאַר עסען, לאָזשי, קליידונג, א. א. וו., און דאָס איבעריגע זאָל אויסגעצאָהלט ווערען צו זייערע פאַ־מיליעס אָדער אָפּהענגיגע; אין פאַל קיינע אַזעלכע ווייזען זיך

ניט, זאל די סומע אוסגעצאהלט ווערען צו דעם ארעסטאנט, ווען עס ענדיגט זיך דער טערמין פון זיין געפאנגענשאפט.

די ארעסטאנטען קריגען אבסאלוט קיין באצאהלט ניט, אפילו ניט איבער־צייט ארבייט, אויסער ווען ניט ווען א שטיקעלע חזיר־פלייש פאר נאכט־מאהלצייט.

ק. ג., באהאלט דאס דאזיגע און אנדערע מאטעריאלען וואס איך וועל אייך שיקען אין א זיכערען פלאץ.

ט.

## קאַפּיטעל 26.

# באַהאַלטען די באַווייזע.

### 1.

ס'איז ניי־יאָהרס אָבענד. אַן אַטמאָספערע פון אַנגענעמער ערוואַרטונג פילט אַן דאָס געפענגניס; דער מאָרגענדיגער יום־טוב איז די הויפּט טעמע פון געשפּרעך. געבראָטענע רינד־פליישׁ וועט סערווירט ווערען פאַר מיטאָג, מיט אַ פיינינקען לעבעל וויינפּערל־ברויט, און צוויי ציגאַרען אַלס צושפּייז. עקסטראַ מענשען זיינען גענומען פאַר דער קיך; זיי לויפען פון דער אָפּטיילונג צום הויף, אויסקוקענדיג פאַרנומען און וויכטיג, דאָך אָפּשטעלענדיג יעדען פאַרבייגעהער איהם אַריינצושושקען מיט אַ געהיימער מינע אין אויער: „זאָגט ניט, אַז איך האָב אייך דערצעהלט. זיסע קאַרטאָפּעל מאָרגען!“ די יונגערע אַרעסטאַנטען שיינען צו זיין סקעפּטיש, און שטרעבען אויסצוזעהן גלייכגילטיג, בעת ווען זיי שטעהען אַרום דער הויף־טיר, די נאָזלעכער פאַנאַנדערגעעפענט, איינאָטמענדיג די אַפּעטיטנע ריחות פון דער קיך. דאָ און דאָרטען מורמעלט אַן „אַלט־צייטער“, אַ תושב: מיר האָבען געזאָלט האָבען זיסע „מוירפּים“ פאַר קריסטמאַס, „אָבער „זיי זיינען צו טייער“, האָט סאַנדי געזאָגט“, שפּאָטען זיי ביטער. די ניי אָנגעקומענע אַרעסטאַנטען ווערען אומרוהיג; ווער וויים, אפשר זיינען זיי נאָך אַלץ צו טייער? מאַנכע שטודירען די מאַרק־פּרייזען אויף דעם דאָזיגען געשמאַקען מאכל. אָבער דער הויפּט קוכער פאַלט אַריין צו באַזוכען „זיין“ יונג, און פאַרטרויט דעם קאָרידאָר־מאַן, אַז די זיסע קאַרטאָפּעל זיינען אַ „זיכערע זאַך.“ נאָר וואָס אָנגעקומען און איבערגעצעהלט. די גליקליכע נייעס ווערט אויסגעשושקעט

אַרום און אַרום, מיט פאַרטרויליכער פאַרזיכערונג, דאָך געמישט מיט אַנגסט. ס׳איז אַ גרויסע שמחה צווישען די אַרעסטאַנטען. בלויז סאָל, דער לעבענסלענגליכער, איז קלאַגעדיג און אומצופרידען: ער גיט ניט קיין שמעק טאַבאַק פאַר דעם „עקסטראַ עסען" — דער בויך טוט נאָך וועה פון דעם קריסטמאַס־מיטאָג — און, סיי ווי סיי, מאַכט עס בלויז דאָס וואָכעדיגע עסען נאָך מעהר אָב־שטויסענד.

די רעגלען פון געפענגניס ווערען אַביסעל נאָכגעלאָזען. די קאָרידאָר־מענער שמועסען פריי; די הויף־קאָמפּאַניעס דרעהען זיך אַרום און קלויבען זיך אין קליינע גרופּעס, וועלכע טיילען זיך פאַנאַנדער ביי דעם אַנקומען פון אַ העכערען באַאַמטען. מענער פון דער בעקעריי און קיך לויפען אַריין און אַרויס פון דער אָפּ־טיילונג, זייערע קעשענעס אויפגעשוואָלען פאַרדעכטיג. „וואוהין לויפט איהר?" האַלט זיי אָפּ דער טיר־היטער. „אַ, בלויז צו מיין צעלע: פאַרגעסען מיין נאָזטיכעל". דער וועכטער ענטפערט אויף דעם ביטרען וואונק מיט אַ גוטמוטיגען שמייכעל. „גוט; געה דיין וועג, אָבער זיי ניט לאַנג". ווען פּאַפּאַ מיטשעל איז דאָ, דונערט ער אויף דעם הויפּט קוכער, וואָס זיין בוזעם איז אויפ־געשוואָלען פון פעקלאַך: „וואָס טראָגסטו דאָרטען, עה? אַ גרויסע פאַמיליע פון יונגוואַרג האָסטו, דזשים. ווייסטו, פריהער פון אַלץ וועסטו אָראָפּקלאַפּען די זאָווּעסעס פון דער קיך־טיר". די גליק־ליכע אָנגעשטעלטע פון דער בעקעריי און פון דער קיך פאַרזאָר־גען זייערע פריינד מיט עקסטראַ יום־טוב׳דיגע נאַשערייען, און די איינצעלהאַפטע טאַנצען פאַר פרייד ביי דעם אָנבליק פון די גע־שמאַקע מאכלים, די פרישע ברוינע ברויט מיט דער פולער האַנד באַדעקט מיט זיסע וויינפּערלאַך. ס׳איז די „פּרעלוד" פון דער פאַרשפּראָכענער קיך־קונסט סימפאַניע.

דער אָבענד איז אָנגעפילט מיט פרייד און לוסטיגקייט. די אַרעסטאַנטען ריידען אין אָנפאַנג סודות׳דיג, דאַן ווערען זיי מוטהי־גער, און ריידען העכער און העכער דורך די שטאַנגען. ווען די נאַכט דערנעהענטערט זיך, קלינגט דאָס צעל־הויז מיט פרייער לוסטיגקייט און לעבעדיגקייט — לייכט־האַרציגער שפּאַס געמישט

מיט גראָבע וויצען און לעבערליכען הומאָר. אַ שטיפער פון דעם אויבערשטען שטאָק שפּאַסט פון די פאַרבייגעהענדע וועכטער; זיינע שטעכווערטלאַך און וויציגע איינפאַלען ברענגען אריין די דערבייאיגע צעלען אין אַ ליאַרם און אין אינספּירירטער נאָכאַה־מונג.

לאַנגזאַם הויבט דער טומעל און דאָס פּלוידערען אָן פאַרקלע־נערט צו ווערען, ווען דער גלאָק קלינגט אויס דעם באַפעהל צו געהן שלאָפען. עמיצער שרייט צו אַ ווייטען פריינד: „העי, ביל, זיינט איהר דאָרט? י־אַ? בלייבט דאָרט!" עס ווערט שטיל, ווען מיין שכן פון לינקס צווינגט זיך פלוצלינג: „חברה, ווער געהט אויף־זיין מיט מיר צו באַגריסען דאָס נייע יאָהר?" אַ טוץ שטי־מען שרייען אויס זייער צושטימונג. „קליינער פּרענטשי", דער לעבהאַפטער גרויס־קאָפּ אויף די אויבערשטע רייהע שרייט ארוים הויך: „איך אויך, יונגע לייט. איך בין יעדענפאַלס מיט אייך".

אַלעס איז שטיל אין צעל־הויז, אויסער אַ ווילדער אינדיאַנער געשריי פון צייט צו צייט פון די וואַך־האַלטענדע חברה־לייט. דער געפענגנים־פליגעל אָטעמט אין שווערען שלאָף; אַ כראָפּען אויפ'ן קול הערט זיך פון דער גאַלערעע אויבען. בלויז די אונרעגעלמע־סיגע טריט פון די וועכטער אין די פילצענע שיך פאַלט פאַרשטיקט אין דער שטילקייט.

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

דער זייגער אין דער אויבערשטער ראָטונדע שלאָגט אויס די מיט־נאַכט שעה. אַ סיגנאַל טרובע אויף דעם אַהייאָ קלינגט אָפּ מיט אַ טיעף־ברוסטיגען באַס, אַן אַנדערע פאַראייניגט זיך מיט דער, דאַן נאָך אַן אַנדערע. שאַרפע פאַבריק פייפערייען דרינגען דורך דעם הילך פונ'ם קאַנאָן; און צווישען דעם קלינגען די זיסע גלאָקען פון אַ נאָהענטער קירכע אַ פריינדפולע מעלאָדיע. מאָמענטאַן ווערט דאָס געפענגנים אויפגעוואַכט. בלעכענע כלים קלאַפּען זיך אָן די אייזערנע שטאַנגען. טירען טרייסלען זיך אין צאָרן, בעטען און שטולען הילכען און קריצען, פענדלאַך קלאַפען זיך אָן דיל, שיך קראַכען טעמפּ אָן די ווענט און פאַלען צוריק הילכענדיג אויפ'ן

שטיין. ניט־ערדישע געשרייען, ליארמען און פייפערייען שניידען דורך די לופט; אן ערפינדערישער ארעסטאנט קלאפט א ווילדען „טאטו" מיט א בלעכען פענדעל אן טיש — אן אמת׳ער דולהויז פון פאררינקטער פרייד איןביידע פליגלען פון געפענגנים. די ארעסטאנטען פייערן דאס אנקומען פונ׳ם נייעם יאהר.

. . . . . . . . . . . . . . . . .

די שטימען ווערען הייזעריג און שוואך. דאס בלעך קלינגט אפ שוואכער קעגען דאס אייזען, דאס וויגען מיט די טירען ווערט שטילער. די ארעסטאנטען זיינען פארמאטערט דורך דער אונ־נויטיגער אנשטרענגונג. די וועכטער באווייזען זיך אויף די גא־לערעען, זייערע געשטאלטען וויגען זיך אונרעגעלמעסיג אין דעם שוואכען שיין פון די גאז־ליכט. אין בעטרונקענע טענער באפעהלען זיי עס זאל זיין שטיל און הייסען די ארעסטאנטען געהן שלאפען. די יונגערע, מעהר געוואגטע, רופען ארויס דעם באפעהל מיט א שטארקען הוקען און קעצישע שטימען — אן ארויסרופענדער געשריי, א טיעפער קרעכץ און אלעס איז שטיל.

פון באגינען צו טאג האלט אן דער טומעל און גערודער. קיין מוזיק אדער אבוועקסלונג באעהרט ניט דאס נייע יאהר; דער טאג ווערט פארבראכט אין צעל. די ארעסטאנטען, פעסט און זיכער פארשפארט און פארשלאסען, האבען די ערלויבניש אויסצודריקען זייער שמערץ און טרויער, זייערע בענקשאפטען און האפנונגען אין א יום־טוב פון טומעל.

## 2.

דער מאנאט יאנואר ברענגט פלייסיגע טעטיגקייט. די ווערק־שטאטען און די צעלען־אפטיילונג ווערען איבערגעקוקט, יעדער שפאלט און ווינקעל ווערט גערייניגט, און ספעציעלע מענער ווערען באשטימט צו קאלכען די צעלען. אזוי ווי דאס יעהרליכע רייניגען קומט געוועהנליך ערשט אין פריהלינג, שליס איך פון די אומ־

געוועהנליכע פארבעריטונגען, אז דער ערוואַרטעטער באזוך פון די „באַארד אף טשאַריטיס" דערנעהנטערט זיך.

די ארעסטאַנטען זיינען דורכגענומען, זיינען פול מיט דער קומענדער אויספארשונג. די איינצעלהאַפטע און די, וועלכע ווע־רען ערוואַרטעט צו ערשיינען אַלס עדות, זיינען פאַרזאַרגט, מיט אנגסטיגע שטריכען אויף זייערע פנים׳ער. א טייל פון זיי דריקען אוים זייער מורא פאַר דעם כעס פונ׳ם פאַרוואַלטער, אַלס דעם וואַהרשיינליכען רעזולטאַט פון זייער עדות־זאַגען. איך זוך זיי צו ערמוטיגען, פאַרשפרעכענדיג צו נעהמען די פולע פאַראַנט־וואָרטליכקייט אויף מיר, אַבער אייניגע אַרעסטאַנטען ציהען צוריק זייער פריהעריגע צושטימונג. די זיכערקייט פון מיינע צונויפ־געקליבענע פאַקטען פאַראורזאַכט מיר ערנסטע זאַרגען, צוליעב די אַפטע זוכונגען וואָס קומען פאַר אין געפענגניס. נאָך א ישוב־הדעת ענטשלים איך זיך ענדליך דורכצופיהרען דעם דרייסטען פּלאַן און באהאַלטען מיין טייערסטען מאַטעריאַל אין דער צעלע, וואָס איז באַשטימט אויסשליסליך פאַר דעם געברויך פון די בעאַמטע. ס׳איז די ערשטע צעלע אויף דער רייה; זי איז קיינ־מאַל ניט פאַרשלאָסען, און זי ווערט איגנאַרירט דאַן ווען די זי־כונגען קומען פאַר, ווייל זי איז ניט פאַרנומען פון אַרעסטאַנטען. דאָס קליינע פעקעל, ארומגענומען מיט א שטיקעל עהל־פעל וואָס איך האָב געקריגען פון דעם אַפּטייק, ליגט גאָר אין גיכען דאָרט טיעף פאַררוקט אין דעם שמוץ־רעהר. א דין שטריקעל פאַרזיכערט עס ניט אַרונטערגעוואַשען צו ווערען דורך דעם לויף פון שמוציגען וואַסער. איך ציה די אויפמערקזאַמקייט פון דעם בעאַמטען מיטשעל צו דער מאַסע שטויב, וואָס געפינט זיך אין דער צעלע, און איך באַט זיך אַז זי אויסצוקערען יעדען אין־דערפריה און נאָכ־מיטאָג. ער שטימט צו גלייכגילטיג, און צוויי מאָל א טאָג פּרו־ביר איך אוים די שטאַרקייט פונ׳ם דורכגעווייקטען שטריקעל און בייט עס איבער ווען נויטיג.

אנדערע מאַטעריאַלען און קאַפּיעס פון מיינע באוויי זע געפי־נען זיך אין די הענט פון אייניגע פאַרטרויענסווערטע פריינד אויף דער צעלען־רייה. אַלעס איז גרייט פאַר דער אונטערזוכונג, און

מיר ערוואַרטען מיט זיכערקייט דאָס קומען פון דער „באָארד אָף טשאַריטיס“.

## 3.

דאָס צעל־הויז איז מלא שמחה וואָס מען איז פטור געוואָרען פון סקאַם וואודס. דער „בלאַק־קעפּטיין“ פון אין־דער־פריה איז אַרונטערגעזעצט געוואָרען פון זיין אַמט און איז געוואָרען „איינער פון די רייהען“. זיין שאַנדע וואַרפט זיך אין די אויגען, יעדעס מאָל ווען ער באַווייזט זיך אויף דער מויער, שפּאַנענדיג איבער דעם שמאָלען שטעגעל אין דעם בייסענדען ווינטער־ווינט. די וועכטער קוקען אויף דער דאָזיגער באַשטימונג ווי אויף אַ „שטראָף־פליכט“ דערפאַר וואָס ער איז געפאַלען אין אומ׳חן ביים פּאַרוואַלטער אין די אויגען. די אויפזעהער לאַכען פון דעם אומפּאַרזיכטיגען סקאַט, וואָס האָט זיך געשטעלט געגען די זעלבסט־גענומענע פּריווילעגיעס פון „סויטסייד“ דזשאָני, איינער פון דעם פּאַרוואַלטער׳ס ליעבלינגע. דער „לויפער“, וועלכער האָט מיר פאַרשאַפט די געלעגענהייט זיך צו זעהן מיט אינספּעקטאָר נעווין, איז אַרויסגעקומען זיעגרייך אין דעם שטרייט מיט וואודס׳ן. דער לעצטער איז געטאַדעלט געוואָרען פון קעפּטיין רייט אין דער געגענוואַרט פון דזשאָני׳ן, וועלכער איז איצט אָפיציעל ערלויבט צו האָבען זיינע פּריווילעגיעס. מען האָט געלאָזט אַריבערגעהן גענוג צייט, כדי אויסצומיידען קאָמענטאַרען, און דאַן איז דער בעאַמטער צוריקגעצויגען געוואָרען פון דער אָפּטיילונג.

איך באַדויער זיין אָבוועזענהייט. ניט קוקענדיג אויף זיין שטרענגער דיסציפּלין, איז וואודס פונדעסטוועגען געווען אַ שטאַרקער אויסנאַהם צווישען די וועכטער, דערמיט וואָס ער האָט געזוכט צו ענטמוטיגען דאָס שפּיאָנירען פון אַרעסטאַנטען איינע אויף די אַנדערע. ער האָט געקוקט בייז אויף די „טראַסטיס“ און געשטרעבט צו באַהאַנדלען די אַרעסטאַנטען אומפּאַרטייאיש.

מיטשעל איז אומגעביטען געוואָרען צו דער פריהמאָרגען אָפּטיילונג, כדי אויסצופילען דעם לעדיגען פּלאַץ וואָס איז איבערגעלאָזט געוואָרען דורך דער טראַנספערירונג פון וואודס. די אויפזיכט פון דעם געפענגנים־פליגעל נאָכמיטאָג ליגט איצט אויף

דעם באַאמטען מעקילוויין, אַ זעהר פּעטער מאַן מיט שאַרפע שטאַ־ליגע אויגען. ער שטעהט באַדייטענד העכער פון דעם דורכשניט־ליכען וועכטער אין אינטעליגענץ, אָבער ער איז שטאַרק פאַרליעבט אין דזשאַספּער׳ן, וועלכער דיענט אַלס זיין געהילף, בעת ווען דער דיקער חברה־מאַן פאַרלאָזט זעלטען זיין פּלאַץ ביים פאַדערשטען שרייב־טיש.

אומבייטונגען פון אויפזעהער, טראַנספּערירונגען פון די ווערק־שטאַטען צו די צוויי צעל־הייזער קומען אָפט פאָר; די נייע וועכ־טער זיינען וואַכזאַם און אַקטיוו. כמעט יעדען טאָג באַזוכט דער פּאַרוואַלטער די צעלען־רייהען, איבערלאָזענדיג הינטער זיך שטרענ־גערע דיסציפּלין. זעלטען געפין איך אַ געלעגענהייט זיך אָפּצו־שטעלען ביי די צעלען; איך רעד זיך צונויף מיט די אַרעסטאַנטען דורך בריוועלעך. אָבער איין טאָג האָבען אויסגעבראָכען עטליכע געשלעגען אין די ווערקשטאַטען, און די וועכטער פון דעם געפענג־ניס־פליגעל זיינען אַרויסגערופען געוואָרען צו העלפען אַריינזעצען די שלעגער אין די שטראָף־צעלען. דער פראָנט איז אַלזאָ פאַר־לאָזען, און איך באַנוץ זיך מיט דער געלעגענהייט צו ריידען צו די איינצעלהאַפטע. דזשאַספּער, „סויטסייד״ און באָב רוניאַן, די „פּאָליטישענס״ רעדען אויך ביי די טירען, באַב שטעהענדיג אויף אַ פאַרדעכטיגען אופן הארט ביי די שטאַנגען. פּלוצלינג ערשיינט דער בעאַמטער מאַקילוויין אין דער הויף־טיר. זיין געזיכט איז רויט, זיינע אויגען שיסען מיט צאָרן, ווען זיי שטעלען זיך אָפּ אויף די מענער ביי די צעלען.

„העי, איהר חברה, געהט אוועק פון דאָרט!״ שרייט ער. „פאַרדאַמט זאָלט איהר אַלע זיין! דער „אַלטער״ האָט מיר נאָר וואָס גענעבען אַ גאָב; צו פיעל גערייד אין דער צעלען־אַבטיילונג. איך וועל דאָס ניט דערלאָזען, דאָס איז אַלעס״, זעצט ער צו פרעך.

אין אַ האַלבער שעה אַרום ווער איך געבראַכט פאַר דעם פאַרוואַלטער. ער קוקט אוים פאַרזאָרגט, טיעפע קנייטשען פון קלעמונג אַרום זיין מויל.

„איהר זיינט פאַרקלאָגט פאַר שטעהן ביי די טירען״, בייזערט

ער זיך אויף מיר. „וואס דערציילט איהר שטענדיג די ארעס־טאנטען?"

„ס'איז דאס ערשטע מאל וואס דער בעאמטער — "

„ס'הויבט זיך ניט אן", שלאגט ער מיר איבער; „איהר רעדט אימער צו די ארעסטאנטען. זיי זיינען אונטער שטראף און איהר האט קיינע געשעפטען ניט מיט זיי".

„פארוואס בין א י ך עפעס אויסגעקליבען געווארען? אנ־דערע רעדען אויך".

„י־א?" ציהט ער אוים סארקאסטיש; דאן, זיך ווענדענדיג צום אויפזעהער, זאגט ער: „ווי איז דאס, בעאמטער? דער מאן באשולדיגט אייך אין פארנאכלעסיגען אייער פליכט".

„איך באשולדיג ניט — "

„שטיל! וואס האט איהר צו זאגען, מר. מעקילוויין?"

דער וועכטער רויטעלט זיך מיט איינגעהאלטענעם צארן. „עס איז ניט אמת, קעפטיין", ענטפערט ער; „ס'איז דארט קיין אנ־דערער ניט געוועזען אויסער בערקמאנען".

„איהר הערט וואס דער בעאמטער זאגט? איהר ברעכט אימער די רעגלען. איהר פלאנעוועט; איך קאן אייך — איהר ציהט א טויץ דראטען. איהר זיינט פיינדליך צו דער פארוואלטונג פון דער אינסטיטוציע. אבער איך וועל איבעררייסען אייערע פארבינדונגען. בעאמטער, נעהמט איהם אוועק גלייך אין דעם דרום־פליגעל. איהר פארשטעהט? ער דארף זיך ניט אומקעהרען אין זיין צעל. זעהט מען זאל זי גלייך גוט דורכזוכען. שליסט איהם איין".

„פארוואלטער, פאר וואס?" פרעג איך. „איך האב קיין זאך ניט געטאן צו פארלירען מיין פאזיציע. רעדען איז ניט אזא ערנסטע קלאגע".

„זעהר ערנסט, זעהר ערנסט. איהר זיינט צו געפעהרליך אויף דער צעלען־רייהע. איך וועל צו נישט מאכען אייערע גיהנום'דיגע פלענער דורך איבערפיהרען אייך פון דעם צפון־פליגעל. איהר זיינט געוועזען דארט צו לאנג".

„איך וויל פארבלייבען דארט".

„טאקע דערפאר דארף מען אייך פון דארט אוועקנעהמען. נו, דאס איז גענוג".

„ניין, ס'איז ניט גענוג“, שריי איך אויס. „איך וועל בלייבען וואו איך בין“.

„נעמט איהם אוועק, מר. מאקילוויין“.

איך ווער אוועקגענומען צו דעם דרום־פליגעל און איינגעשלאָסען אין א ליידיגער צעלע, פארנאכלעסיגט און מיט א שלעכטען גערוך. ס'איז נומער 2, ריינדזש „עם“ — די ערשטע גאלערע, אנטקעגען הויף; א „דאפעלטע“ צעלע, עטוואס גרעסער ווי יענע פון דעם צפון־פליגעל, און וואס האט א קליינעם פענסטער. די ווענט זיינען פייכט און נאקעט, אויסער די טעוועלעך מיט די געדרוקטע רעגלען און דעם געפענגניס־קאלענדאר. עס איז דער 27טער פעברואר, 1896, אבער דער קאלענדאר איז פון לעצטען יאהר, א צייכען אז די צעלע איז ניט געווען פארנומען זינט דעם פאריגען נאוועמבער. זי ענטהאלט די געוועהנליכע מעבעל: א בעט און א פארפלעקטען שטרוי־מאטראץ, א קליינעם טיש און א שטוהל. עס פיהלט זיך דא קאלט און טרויעריג.

אין גערדאנק זעה איך ווי די וועכטער ראיען זיך אין מיין פריהערדיגער צעלע. זיי וועלען ניט ענטדעקען קיין זאך: מיין מאטעריאל איז גוט באהאלטען. דער פארוואלטער האט וואהרשיינליך פארדעכיטגט מיינע פלענער: ער שרעקט זיך פאר מיין עדות זאגען פאר דער אונטערזוכונגס־קאמיטע. מען האט מיך אריבערגעפיהרט אהער, כדי צו צוררייסען מיינע פארבינדונגען, און איצט איז אונמעגליך פאר מיר צו דערגרייכען מיינע געזאמעלטע פאקטען. איך מוז מיך אומקעהרען צו דעם צפון־פליגעל; אז ניט וועלען אונזערע פלענער זיין פאראורטיילט דורכצופאלען. איך קאן ניט איבערלאזען מיינע פריינד אויף דעם „ריינדזש“ און שטיך; מאנכע פון זיי האבען שוין געלאזט וויסען דעם גייסטליכען זייער פארלאנג עדות צו זאגען; זייערע ערקלערונגען וועלען בלייבען ניט אונטערשטיצט אין דער אבוועזענהייט פון מיינע באווייזען. איך מוז צוריק זיין מיט זיי. איך האב געזאגט דעם פארוואלטער, אז איך וועל פארבלייבען וואו איך בין געווען, אבער ער האט דאס וואהרשיינליך איגנאָרירט אלס א פוסטע בארימעריי.

איך באטראכט גוט די סיטואציע, און באשליס צו „צוברעכען די בעל־הבית'שקייט“. עס איז דער איינציגער מיטעל ווי אזוי צוריק אריבערגעפיהרט צו ווערען צום אנדערען צעל־הויז. עס וועט

מיינען צו פאַרלירען מיין גראַד, און מאַכען אַ רייזע אין דעם פינסטערען קעלער; מעגליך אפילו אַ געשלעג מיט די שומרים; די וועכטער, מורא האָבענדיג אַז די צובראָכענע מעבעל קאָן נאָך באַנוצט ווערען זיך דערמיט צו פאַרטיידיגען, באַפאַלען געוועהנליך די אַרעסטאַנטען מיט „בלעק־דזשעקס". אָבער מיין אומקערען זיך צו דעם צפון־פליגעל וועט זיין פאַרזיכערט — קיין מאַן אין שטריי־פען קאָן ניט פאַרבלייבען אין דעם דרום־פליגעל.

וואָכזאָם, זיך גוט צוהערענדיג, צי אימיצער קומט ניט, בינד איך פאַנאַנדער מיינע שיך. כ'נעהם אַרויס אַ שטיקעל פאַפיער, אַ בליישטיפט און אַ מעסער. איך שרייב שנעל אַ צעטעלע צו „ק", מיטטיילענדיג אין קורצען וועגען די נייע ענטוויקלונגען, און לאָז איהם וויסען, אַז אונזער באַווייזען־מאַטעריאַל איז געזיכערט. פאָרזיכטיג ציה איך די אויפמערקזאַמקייט פון דעם „לויפער" אויפ'ן אונטערשטען עטאַזש. עס איז ביל סעי, דורך וועמען קאַרל רעדט זיך צייטענווייז דורך מיט „ג". דאָס צעטעלע, צונויפגע־ראָלט אין אַ קליינעם באַל, וואַרף איך אַריין צווישען די שטאַנגען צו דעם וואַרטענדען אַרעסטאַנט. איצט איז אַלעס צוגעגרייט.

עס איז נאָהנט צו נאַכטמאָהל־צייט; די אַרעסטאַנטען קומען צוריק פון דער אַרבייט. עס וואָלט געווען ראַטזאַם צו וואַרטען ביז יעדער איינער איז איינגעשלאָסען און די שאַפּ בעאַמטע געהען אַוועק אַהיים. עס וועלען בלויז בלייבען דריי וועכטער אויפ'ן פאָסטען אין דעם געפענגנים־פליגעל. אָבער איך בין אין אַ פיבער פון אויפגעבראַכטקייט און כעס. צאָרענדיג כאַפּ איך דעם שטוהל און הויב אָן אַלעס צו ברעכען.

## קאפיטעל 27

# ליעבע'ס קערקער־בלום.

דער פינסטערער קעלער שמעקט שלעכט און טוכלע; די פינס־טערניש איז כמעט זעהבאר, די שטילקייט דריקענד; אבער דער שרעק פון מיין פריהערדיגער ערפאהרונג איז פארקלענערט געווא־רען. איך וועל וואהרשיינליך געהאלטען ווערען אין דער אונטער־ערדישער צעלע פאר א לענגערער צייט ווי אין פריהערדיגען פאל— מיין פארברעכען ווערט פאררעכענט אלס זעהר ערנסט. דריי קלאגען זיינען אריינגעבראכט געווארען געגען מיר: פאר פארניכטען שטאאט'ס אייגענטום, פאר האבען אין מיין באזיץ א מעסער, און פאר סטראשען דעם פארוואלטער. ווען איך האב געזעהן, ווי די וועכטער זאמלען זיך הינטער מיין רוקען, בעת איך בין געשטאנען אנטקעגען דעם קעפטיין, האב איך באגריפען די באדייטונג פון דעם. זיי האבען זיך צוגעגרייט מיך צו באפאלען. גיך צו־טרעטענדיג צו דעם פארוואלטער, האב איך געשאקעלט מיין פויסט אין זיין געזיכט, שרייענדיג:

„אויב זיי ריהרען מיך אן, וועל איך האלטען אייך פערזענליך פאראנטווארטליך".

ער איז געווארען בלייך. פרואווענדיג איינצוהאלטען זיין שטימע, האט ער געפרעגט:

„וואס מיינט איהר? ווי וואגט איהר?"

„איך מיין דאס וואס איך זאג. איך וויל ניט מען זאל מיך שלאגען. מיינע פריינד וועלען נעהמען ראכע פאר מיר".

ער האט א קוק געטאן אויף די וועכטער, וועלכע זיינען גע־שטאנען פארגליווערט, אין א מורא'דיגער שטילקייט. איינער נאך

איינעם האָבען זיי זיך צוריקגעצויגען. בלויז צוויי זיינען געבלי־
בען, און איך בין שטיל געגומען געוואָרען צום פינסטערען קעלער.

. . . . . . . . . . . . . . . . .

די שטילקייט ווערט איבערגעבראָכען דורך אַ נידעריגען, פאַר־
שטיקטען קלאַנג. איך הער זיך צו אויפמערקזאם. ס'איז עמיצער
וואָס שפּאַנט אַרום אין דער צעלע אויף דער אַנדער זייט פון דעם
דורכגאַנג.

„העלאָו! ווער איז דאָרט?" שריי איך אויס.

קיין ענטפער. דאָס שפּאַנען ווערט פאָרטגעזעצט. עס מוז
זיין „שוויינער ניק"; ער רעדט קיינמאָל ניט.

איך גרייט זיך צו פאַרברייננגען די נאַכט אויפ'ן דיל. עס
איז הויל; ניטאָ קיין בעט אָדער אַ צודעק, און מען האָט ביי מיר
צוגענומען מיין ראָק און מיינע שיך. עס איז פראָסטיג אין דער
צעלע; מיינע פיס ווערען שטייף, די הענט קאַלט, בעת איך דריק
מיך צוזאַמען אין ווינקעל, מיין קאָפּ אָנגעשפּאַרט אַן דער פייכטער
וואַנט, מיין קערפּער אויף דעם שטיינערנעם דיל. איך פּרואוו רעג־
קען, אָבער מיינע געדאַנקען וואַנדערען אַרום. מיין מאַרך איז
פאַרפרוירען.

. . . . . . . . . . . . . . . . .

דאָס רוישען פון שליסלען וועקט מיך אויף פון מיין באַטויבונג.
וועכטער לאָזען זיך אַרונטער אין קעלער. איך ווייס ניט, צי עס
איז אין־דער־פריה, אָבער זיי געהען פאַרביי מיין צעלע: עס איז
נאָך ניט פריהשטיק־צייט. איצט שטעלען זיי זיך אָפּ און שוש־
קען זיך. איך דערקאָן די בורטשענדע שפּראַך פון „דעפּיוטי" גריווס,
ווען ער רופט אויס צו דעם שטילען אַרעסטאַנט:

„איהר ווילט אַ טרונק?"

די דאָפּעל־טירען עפענען זיך רוישענד.

„דאָ!"

„גיב מיר די שאָל", דער הייזעריגער באַס איז עהנליך צו דער
שטימע פון „משוגע'נעם סמיט". זיין זעהר הויכע שטימע קלינגט
געבראָכען, זינט דער בעאַמטער דיגען האָט איהם געשאָסען אין
נאַקען.

„דו קענסט ניט קריגען די שאַל“, זאָגט דער „דעפּיוטי“ מיט כעס.

„איך קאָן ניט טרינקען פון אייער האַנט, גאָט פּאַרדאַם אייך. איהר דענקט איך בין אַ הונט, וואָס?“ זידעלט סמיט און שעלט ווילד.

די טירען ווערען צוגעהאַקט און פאַרשלאָסען. די טריט ווערען שוואַכער, און אַלעס איז שטיל, אויסער די פאַרשנעלערטע טריט פון סמיטה, וועלכער וויל ניט ריידען צו קיין אַרעסטאַנט.

איך פאַרברענג די לאַנגע נאַכט אין שלעפעריגער באַטויבט־קייט, אויפהויבענדיג זיך פון צייט צו צייט און אַנשטרענגענדיג מיין אויער פאַר יעדען קלאַנג פון דער ראָטונדע אויבען, זיך פרעג־גענדיג, צי עס הויבט שוין אָן טאָגען. די מינוטען שלעפען זיך אין טרויעריגער פינסטערניש...

דאָס שטאַרקע גערויש פון די שליסלען קלינגט אין מיינע אויע־רען ווי זיסע מוזיק. עס איז פריהמאָרגען! די וועכטער גיבען מיר איבער די טעגליכע פּאָרציע — צוויי אונסעס ווייסען ברויט און אַ קוואָרט וואַסער. דאָס ווייצען־ברויט שמעקט זיס; עס קוקט מיר אויס, אַזוי ווי איך וואָלט קיינמאָל ניט געגעסען עטוואָס, וואָס איז אַזוי געשמאַק. אָבער דאָס וואַסער איז לעבליך און אי־בעלט מיך. במעט אין איין ביס פאַרשלינג איך דאָס רייפטעל, וואָס איז אַזוי קליין און דין. עס רייצט מיין אַפּעטיט, און איך פיהל שרעקליך הונגעריג.

ביי סמיט'ס טיר ווערט ווידערהאָלט די סצענע פון פאָריגען אָבענד. דער „דעפּיוטי“ וויל ניט אַנדערש נאָר, אַז דער מאַן זאָל טרינקען פון אַ וועכטער'ס האַנט, האַלטענדיג די שאַל מיט וואַסער. דער אַרעסטאַנט ענטזאָגט זיך דערפון, אַרויספּלאַצענדיג מיט אַ מבול פון זלזולים. פּלוצלינג דערהער זיך אַ פּליוך, באַגלייט פון אַ מורא'דיגען געשריי, און דעם קלאַפּ פון'ם צעל־עמער אָן דיל. סמיט האָט אויסגעליידיגט דעם אינהאַלט פון זיין פּריוועט אויף די בעאַמטע. אין צוטומלעניש לויפען זיי אַרויס פון פינסטערען קעלער.

באַלד דערהער איך דעם גערויש פון אַ סך פיס אין קעלער. ס'הערט זיך אויך אַ מורמלען פון איינגעהאַלטענע שטימען. איך

דערקאן דאס שושקען פון האפקינס, די טענער פון וואודס, מעקיל־ווין און אנדערע. איך כאפ די ווערטער: „ביידע זייטען מיט איין מאל". איינינע צעלען אין דעם קערקער זיינען באזארגט מיט דאפעלטע אריינגענג, פון פארענט און פון הינטען, כדי צו פארלייכטערען אטאקעס אויף ליארמענדע ארעסטאנטען. סמיט ווערט אימער אריינגעווארפען אין איינער פון די דאזיגע צעלען. איך שוידער אויף, ווען איך דענק דערפון, אז די געפענגניס־בעאמטע גרייטען זיך צו שלאגען דעם גייסטעס־געשטערטען מאן. ער איז שוין אזוי אויך גענוג אפגעשוואכט געווארען דורך יאהרען פון אומאונטערבראכענע איינצעלהאפט, און זיין האלז בלוטעט נאך צייטענווייז פון דער קויל־וואונד. כמעט א העלפט פון זיין צייט איז ער געהאלטען געווארען אין פינסטערען קעלער, און איצט איז ער שוין ווידער דא זינט צוועלף טעג. ס'איז.... ניט ווילענדיג פארמאך איך מיינע אויגען ביים שרעקליכען קלאפען פון די מערדערישע בולאוועס.

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

די שטונדען שלעפען זיך. די מאנאטאנקייט ווערט איבערגעשלאגען דורך די וועכטער, וועלכע ברענגען אראפ א נייעם ארעסטאנט אין פינסטערען קעלער. איך הער זיין שטארקען כליפען פון דער טיעפעניש פון דער הייהל.

„ווער איז דארט?" באגרים איך איהם. איך רוף עטליכע מאל, ניט קריגענדיג קיין ענטפער. פיליכט האט דער ניי־אנגעקומענער מורא פאר וועכטער וואס הערען זיך אונטער.

„העי מאן!" זינג איך אויס, „די „שרויפען" זיינען אוועק. ווער זיינט איהר? דאס איז אלעק, אלעק בערקמאן".

„דאס זיינט איהר, אלעק? דאס איז דזשאני". עפעס איז מיר באקאנט די יונגע שטימע, וועלכע איז איבערגעבראכען דורך מוראדיגע קרעכצען. אבער איך קאן איהם פונדעסטוועגען ניט דערקאנען.

„וועלכער דזשאני?"

„דזשאני דייוויס — איהר ווייסט — פון זאקען־שאפ. כ'האב נאר וואס — גע'הרג'עט א מענשען".

אין ערשטוינונג הער איך זיך צו צו דער געשיכטע, וועלכע ווערט

דערצעהלט מיט אויסברוכען פון געוויין. דזשאַני האָט זיך געהאַט אומגעקעהרט צו דער ווערקשטאַט; ער האָט גערעכענט ער וועט פּרוּווען נאָך אַ מאָל: ער האָט געוואָלט געווינען זיין „גוטע“ צייט. ס'איז געגאַנגען גוט אַ ווײַלע, ביז „דאַטש“ אַדאַמס איז געוואָרען „שאַפּ־לויפער“. ער איז דאָס דער מוסר, וואָס האָט אַריינגעבראַכט גרעגט'ן און דזשאַני סמיט'ן אין צרות מיט דעם פאַלשען שליסעל, און דייוויס האָט מעהר ניט געוואָלט האָבען צו טאָן מיט איהם. אָבער „דאַטש“ איז צוגעשטאַנען, פאָלגענדיג איהם די גאַנצע צייט; און דאַן —

„נו, איהר ווייסט דאָך, אַלעק“, האָט ער געזאָגט, מיט אַ מיענע פון מיסטרויען, „ער האָט געזאָגט ליגען וועגען מיר, ווי אַ הונט האָט ער געלאָגט: ער האָט דערצעהלט די חברה, אַז ער האָט מיך „אויסגענוצט“. קריסטוס, מיין מאַמע קאָן נאָך הערען וועגען דעם! איך האָב עס ניט געקאָנט אויסהאַלטען, אַלעק; ביי גאָט, כ'האָב ניט געקאָנט. איך — איך האָב דער'הרג'עט דעם ליגנערישען הונט, און איצט — איצט וועל איך — כ'וועל הענגען דערפאַר“, צוכליפּעט ער זיך, אַזוי ווי זיין האַרץ וואָלט צובראָכען געוואָרען.

אַ געפיהל פון צערטליכקייט פאַר דעם אָרימען יונג נעהמט דורך מיין שטימע, בעת איך שטרעב איהם צו טרייסטען און דריק אויס די האָפנונג, אַז עס איז אפשר ניט אַזוי שלעכט, נאָך אַלעם דעם. פיליכט וועט אַדאַמס ניט שטאַרבען. ער איז אַ ריעזיגער מאַן, גרויס און שטאַרק; ער וועט פיליכט בלייבען לעבען.

דזשאַני כאַפּט זיך גערן אָן אָן דער שטרוי. ער ווערט מונ־טערער, און מיר רעדען מכח דער קומענדער אויספאַרשונג און וועגען לאָקאַלע אָנגעלעגענהייטען. פיליכט וועט איהם די „באָארד“ זאָגאַר ערקלערן אומשולדיג, שלאָגט ער פאָר. אָבער פּלוצלינג ווערט ער ווידער באַפאַלען פון שרעק, און ער צוואויינט און צוקרעכצט זיך פון דאָס ניי.

נאָך אָרעסטאַנטען ווערען אַריינגעוואָרפען אין פינסטערען קע־לער. זיי ברענגען נייעס פון דער וועלט אויבען. ס'קוקט אויס, אַזוי ווי עס וואָלט אויסגעבראָכען אַן עפּידעמיע פון געשלעגע, אַלס רעזולטאַט פון די לעצטע שטרענגע באַפעהלען. דאָס פאַלשטענדיגע פאַרבאָטען צו ריידען פיהרט צו ערנסטערע פאַרברעכענס. „קיד טאָמי“ לאָזט זיך פאַנאַנדער וועגען זיינע צרות. „איהר זעהט,

חברה“, שרייט ער אויס אויף זיין אויבער־קול, „מיר זיינען געגאנגען אין דער ליניע, פארגלוסט זיך יענעם טכויר, פיט, מיך צו שטופען. דרעה איך זיך אויס איהם צו געבען א גאב, אבער דער „שרייפעל“ פארפאלגט מיך. כ׳האב ניט געהאט קיין געלעגענהייט צו קייען מיין טאבאק. נו, האב איך זיך אויסגעדרעהט און איהם דערלאנגט אין מארדע, איהר פארשטעהט?“ אבער ער איז זיכער, זאגט ער, אז מען וועט איהם ארויסלאזען ביינאכט, אבער שפעטסטענס אין דערפריה. „יענע חברה־לייט, וועלכע האבען נעכטען געטומעלט אין הויף, זיינען ניט געגאנגען אין לאך אריין. מען האט זיי בלויז אריינגעזעצט אין צעל. סאנדי ווייסט גאנץ גוט, אז די קאמיטע קומט“.

דזשאהני אונטערברעכט דעם ריידעוודיגען יונג און פרעגט זיך אומגעדולדיג נאך ביי איהם וועגען „האטש“ אדאמס, און איך פרעה זיך מיט איהם צוזאמען, הערענדיג אז דעם מאן׳ס וואונד איז ניט קיין ערנסטע. ער האט געקריגען א שניט ארום די אקסלען, אבער ער איז אימשטאנד געווען צו געהן אליין, אהן אימיצען׳ס הילף, אין האספיטאל. דזשאני איז איבערפילט מיט שטילען גליק; די אנדערע טאנצען און זינגען. איך דעקלאמיר א פאעמע פון נעקראסאוו; די חברה פארשטעהען ניט א ווארט, אבער די מיט טרויער באלאדענע טענער אפעלירען צו זיי, און זיי בעטען נאך אנ־דערע רוסישע „שטיקלאך“. אבער טאמי איז מעהר פאראינטערעסירט אין פאליטיק און ער פלאצט ארוים מיט די לעצטע נייעס וועגען דעם „מעדזשי קעמפ“. ער איז א גרויסער פארהערער פון קוועי, — „דא האט איהר אייך א פעהיגען בחור; איז בעל־הבית איבער דער גאנצער קיעסטאן געגענד, געווים, געווים. ער איז „באס קוועי“, פארשטעהט זיך“. ער לאזט זיך אריין אין לאנד־פראגען, שימפט אויף ברייענען, „זעכצעהן צו איינס ביל, איהר הערט זיך אקארשט צו צו איהם, ער וועט געבען זעכצעהן דאלאר פאר יעדען דאלאר; נו, ער וועט געבען, וואס דען?!“ און די חברה־לייט ווערען גיך אריינגעצויגען אין א היציגען וכוח איבער די פארדיענ־סטען פון די צוויי פאליטישע פארטייען, און טאמי האלט פעסט מיט די רעפובליקאנער. „מיין זיידע און מיין טאטע זיינען געווען רעפובליקאנער“, שרייט ער אויפ׳ן קול, „און אלע מיינע ברידער שטימען פאר׳ן טיקעט. איך בין פאר דער גרויסער אלטער פארטיי,

צו יעדער צייט". אימיצער ווארפט איהם פאר, אז ער פארשטעהט ניט קיין פאליטיק און פאדערט איהם אויף צו ערקלערן דעם חילוק צווישען די צוויי געלד־ווערטהען. טאמי איז דרייסט גענוג צו אפעלירען צו מיר, איך זאל איהם ארויסהעלפען; אבער איידער איך האב נאך א געלעגענהייט צו ריידען, ווארפט ער זיך שוין אויף אנדערע פראגען. ער זידעלט שפאניען פאר איהרע גרויזאמקייטען אין קובא, און באשטעהט דארויף, אז דאס דאזיגע לאנד קאן ניט דולדען קיין שקלאפעריי ביי איהרע טירען. יעדע פראגע ווערט דיסקוטירט, און טאמי רעדט אין גרויס איילעניש, און האלט אין איין געפינען נייע טעמעס. אומערווארטעט קומט ער צוריק ארויף אויף לאקאלע אנגעלעגענהייטען, דערמאנט זיך אן אמאליגע טעג און פאסמאקעוועט זיך ביי דער עראינערונג אן די „גרויסע מאהלצייטען", וואס ער פלעגט אמאל אין א נאווינע האבען, ווען ער איז געווען פריי זיך ארומצושלייען אין די הינטערשטע גאסען פון דער „פאררויכערטער שטאדט". „הערסטו, אלעק, מיין יונג", רופט ער זיך אפ צו מיר אויף א פאמיליערען אופן, „א היבשע ביסעל פענים האב איך געמאכט פון דיר, פארשטעהסטו מיך? ווי אזוי? וואס הייסט, פעדלענדיג מיט עקסטראס, פארשטעהט זיך! הערסטו, דאס זיינען שוין געווען גאר פיינע טעג, זיינען דאס געווען; מען האט לייכט געמאכט דאס געלד; צייטונגען זיינען געגאנגען ווי הייסע לאטקעס פון דער סקאווערדע אראפ. הלואי טוסטו עס נאך אמאל, אלעק".

---

ניט זעהענדיג איינער דעם אנדערען פלוידערען מיר, דערצעהלענדיג זיך געשיכטען און אנעקדאטען, די חברה־לייט רעדען אהן אויפהער, אזוי ווי זיי וואלטען מורא געהאט פאר שטילקייט. אבער פון צייט צו צייט קומט אן אפשטעל; מיר ווערען שטיל, יעדער פארטיעפט אין זיינע געדאנקען. די פויזען ציהען זיך אויס— פארלענגערען זיך אין שטילקייט. בלויז די שוואכע טריט פון „משוגע'נעם סמיט" שטערען דאס טיעפע שווייגען.

. . . . . . . . . . . . . . . .

שפעט אין אוונד ווערען די יונגע ארעסטאנטען באפרייט. אבער דושאהני בלייבט איבער, און זיינע שרעקען וואכען צוריק

אויף. איין מאל נאכ'ן אנדערען, אין פארלויף פון דער נאכט, וועקט ער מיך אויף פון מיין שלעפערדיגער שטומקייט, און יעדעס מאל פארזיכער איך איהם, אז ער איז ניט אין געפאהר געהאנגען צו ווערען, און מען וועט איהם ניט משפט'ן פאר זיין אנגריף. איך באזייטיג זיינע שרעקען, דורכדעם וואס איך פארזיכער איהם, אז דער פארוואלטער זוכט צו פארבארגען די געשלעכטליכע באַ־ציהונגען אין געפענגנים. איך דערמאן איהם, אז דער קעפטיין האט דאס אפיציעל אפגעלייקענט. אט די זאכען טרעפען כמעט יעדע וואך, דאך איז קיין איינציגער וועז עס איז ניט גענומען געווארען אין געריכט פון ריווערסייד אויף אזא קלאגע.

דזשאהני ווערט בארוהיגטער, און מיר שמועסען וועגען זיין פאמיליען־געשיכטע, רעדענדיג אויף א פרייען און צוטרויליכען אופן. מיט פארגניגען דערשפיר איך די נאטע פון צערטליכקייט אין זיין שטימע. אין א ווײלע ארום איבערראשט ער מיך מיט דער פראגע:

„פריינד אלעק, ווי אזוי רופט מען דיך אין רוסיש?“

ער ציהט פאר דעם ליעבלינג־נאמען „סאשענקא“, ארויסרע־דענדיג דאס פרעמדע ווארט מיט א מאדנער ליעבשאפט. דערנאך איז ער זיך אויף א שעמעוודיגען אופן מודה, אז איהם געפעהלט ניט זיין אייגענער נאמען, און ער דערצעהלט די געשיכטע, וואס ער האט ניט לאנג געלעזען וועגען אן ארימען פארשטויסענעם קובאנער יונגעל; פעליפע איז געווען זיין נאמען, און ער איז געוועזען פונקט אזוי ווי ער אליין.

„זאל איך דיך רופען פעליפע?“ באט איך זיך אן.

„יא, זיי אזוי גוט, טו עס, אלעק, טייערער; ניין, סאשענקא“.

די קוואלען פון ליעבשאפט צושפילען זיך אין מיר, בעת איך ליג צוזאמענגעקנוילט אויף דעם שטרויענעם דיל, קאלט און הונגעריג. מיט פארמאכטע אויגען מאל איך זיך אויס דעם יונגעל, וואס געפינט זיך דא נעבען מיר, מיט זיין דעליקאטען געזיכט און זיינע צארטע, מיידעלשע ליפען.

„גוטע נאכט, טייערער סאשענקא“, רופט ער אויס.

„גוטע נאכט, קליינער פעליפע“.

אין דערפריה ברענגט מען אונז א רייפטעל ברויט און וואסער. איך ווער געפלאגט פון דארשט און הונגער, און די קליינע פארציע איז ניט אימשטאנד צו מילדערען מיינע שארפע שמערצען. סמיטי ענטזאגט זיך נאך אלץ צו טרינקען פון דעם דעפיוטי׳ס האנט; זיינע טירען בלייבען ניט געעפענט. מיט ציטערענדער אנגסט בעט זיך דזשאהני ביי דעם „דעפיוטי״ פארוואלטער, ער זאל איהם זאגען, ווי לאנג ער וועט נאך פארבלייבען אין דעם קעלער, אבער גריווס מאכט א קורצען פראצעס מיט איהם און הייסט איהם שווייגען, און דערביי רופט ער דעם יונג נאך מיט א מיאוס׳ן נאמען.

„דעפיוטי״, רוף איך אויס, קאכענדיג מיט צארן, „ער האט זיך געפרעגט אן אכטונגספולע פראגע. איך וואלט איהם געגעבען אן אנשטענדיגען ענטפער״.

„דו זארג זיך פאר דיינע אייגענע געשעפטען, דו הערסט?״ ענטפערט ער.

אבער איך הער ניט אויף צו פארטיידיגען מיין יונגען פריינד, און זידעל דעם „דעפיוטי״ פאר זיין שפראך. ער געהט איילענדיג אוועק אין א מורא׳דיגען צארן, סטראשענדיג מיך מיט „וואס סמיטהי האט געקראגען״.

דזשאהני איז שטארק צורודערט, וואס ער איז די אומשולדיגע אורזאך פון דער צרה. דער סטראשונאק פון דעם „דעפיוטי״ באַ־אומרוהיגט איהם, און ער ווארענט מיך צו זיין גרייט. מיין צעלע האט צוויי אריינגאנגען, און איך בין אין שרעק פאר א פלוצ־לינגער אטאקע. אבער די שטונדען געהען פארביי אהן דעם, אז דער „דעפיוטי״ זאל זיך אומקעהרען, און אונזער מורא ווערט באזייטיגט. דזשאהני פרעהט זיך פון מיינעטוועגען און איז פול מיט דאנקבארקייט און אנערקענונג פאר מיר דערפאר וואס איך האב זיך אנגענומען פאר איהם.

דער אינצידענט באפעסטיגט אונזער אינטימע פריינדשאפט; אונזער ערשטער מיסטרויען פארשווינדט, און מיר ווערען גאר אהן צערעמאניעס צערטליך און ליעבליך איינער צום צווייטען. דער געשפרעך ציהט זיך לאנגזאם: מיר פיהלען זיך שוואך און מיעד. אבער אלע ווילע באגריסען מיר איינער דעם אנדערען מיט ווער־טער פון ערמוטיגונג. סמיטהי שפאנט אהן אויפהער ארום איבער

דער צעלע; דאס גריזשען פון די טייך ראצען דערגרייכט ביז אונזערע אויערען; די שטילקייט ווערט אפט דורכגעלעכערט דורך דעם ווילדען געשריי פון דעם פארריקטען מאן, אויפשוי־דערענדיג אונז מיט א שרעקליכער פאראויסזאגונג. די שטילקייט ווערט אומערטרעגליך, און דזשאהני רופט ווידער:

„וואס טוסטו, סאשענקא?“

„א, גארנישט. איך טראכט בלויז, פעליפע“.

„בין איך אין דיינע געדאנקען, טייערער?“

„יא, קינדעלע, דו ביזט“.

„סאשא, טייערער, איך האב אויך עפעס געטראכט“.

„וואס, פעליפע?“

„דו ביזט דער איינציגער, וואס אינטערעסירט מיך. איך האב ניט קיין איין פריינד אין דעם גאנצען פלאץ“.

„דענקסטו פיעל פון מיר, פעליפע?“

„ועסט צוזאגען ניט צו לאכען פון מיר, סאשענקא?“

„איך ועל ניט לאכען פון דיר“.

„לעג ארויף דיין האנט אויפ'ן הארצען. פארשטאנען, סא־שענקא?“

„יא“.

„נו, איך וועל דיר זאגען. איך האב געטראכט — ווי זאל איך דיר זאגען? איך האב געטראכט, סאשענקא — ווען דו וואלסט געווען דא נעבען מיר — וואלט איך געוואלט דיר א קוש טאן“.

אן אומערקלערליך געפיהל פון פרייד גליהט אין מיין הארץ, און איך דענק נאך אין דער שטיל.

„וואס איז דיר, סאשענקא? פארוואס זאגסטו ניט עפעס? ביזטו בייז אויף מיר?“

„ניין, פעליפע, דו נארישער קליינער יונג“.

„דו לאכסט פון מיר“.

„ניין, טייערער; איך פיהל פונקט ווי דו“.

„ווירקליך?“

„יא“.

„א, איך בין אזוי גליקליך, סאשענקא“.

אין אַווענד קומען די וועכטער אַראָפּ צו באַפרייען דזשאַניין. זיי לאָזען איהם וויסען, אַז ער וועט אַריבערגעפיהרט ווערען אין דער „קאַרב־צעלע". אויפ'ן וועג, פאַרביי מיין צעל, שעפּטשעט ער: „כ'האָף, אַז איך וועל דיך באַלד זעהן, סאַשענקאַ". אַ פריינדליכער באַאַמטער קלאַפּט אַן אַן דער אויסערער בלינדער טיר פון מיין צעל. „זיינט איהר דאָס דאָרט, בערקמאַן? איהר דאַרפט זיך אויפ־פיהרען פיין פאַר'ן „דעפּיוטי". ער האָט באַשטימט אייך צו האַלטען צוויי טעג מעהר, דערפאַר וואָס איהר האָט איהם באַליי־דיגט.

איך פיהל זיך נאָך איינזאַמער דורך דעם יונג'ס אַוועקגעהן. די שטילקייט ווערט דריקענדער, די שטונדען פון פינסטערניש שווערער.

זיבען טעג פאַרבלייב איך אין דעם פינסטערען קעלער. ביים סוף פון דער וואָך, שטייף און אָבגעשוואַכט, שלעפּ איך זיך הינטער די וועכטער, אויפ'ן וועג צו דעם באָד־צימער. מיין קער־פּער זעהט אויס מאָדנע אויסגעצעהרט, רעדוצירט כמעט צו אַ סקעלעט. די יסורים פון הונגער ערוואַכען און ווערען שאַרף, אַזוי גיך ווי איך דערפיהל דעם קאַלטען שפּריץ. און דאָס לעבצען נאָך טאַבאַק איבערוועלטיגט מיך ביי דעם אָנבליק פון די קייענדע באַאַמטע. איך ערוואַרט אַריינגעזעצט צו ווערען אין אַ צעלע, זיך פרעהענדיג אין דער שטיל מיט מיין זיעג, ווען איך ווער געפיהרט צו דעם צפון־פליגעל. אָבער, אין צעל־הויז, הייסט דער „דעפּיוטי"־פאַרוואַלטער מען זאָל מיך אָפּפיהרען צו דעם אונטערשטען טייל פון „ריינדזש איי", — די אָפּטיילונג פאַר משוגעים. אויפגעבראַכט דורך דעם שרעקליכען פאַרשלאַג, מיינע נערווען מורא'דיג צורייצט דורך דער ערפאַהרונג אין פינסטערען קעלער, שטורם איך אין ווילדען פּראָטעסט.און איך פאַרלאַנג מען זאָל מיך פיהרען צו „דער לאָך". דער „דעפּיוטי", ערשטוינט דורך מיין אויפגעבראַכט־קייט, פּרואווט באַרוהיגען מיך, און ענדליך גיט ער זיך אונטער. מען זעצט מיך אַריין אין נומער 35. די רייה פון די צורודערטע הויבט זיך אָן עטליכע צעלען ווייטער.

אַזוי גיך ווי די באַאַמטע זיינען אַוועק, וואַקסט דער קאַרי־

דאַר־מאַן אוים ביי מיין טיר, אַרויספּלאַצענדיג מיט די לעצטע נייעס. די אונטערזוכונג איז שוין אַריבער, דער פּאַרוואַלטער ריינגעוואַשען! אַ רגע בלייב איך ווי געליימט; כ׳קאָן ניט באַגרייפען די ערשטוינענדע סיטואַציע. לאַנגזאַם ווערט די פולע באַדייטונג דערפון קלאָר פאַר מיר, ווען ביל דערצעהלט די געשיכטע מיט אַן אויפגערעגטער שטימע. דאָס גאַנצע געפענגניס איז פול דערמיט. די „באַארד אַף טשאַריטים" האָט אויסגעקליבען איהר סעקרעטער, דזש. פּרענסיס טאַראַנס, אַן אינטימער פריינד פון דעם פּאַרוואַלטער, צו פיהרען די אונטערזוכונג. אוים פּאַרזיכטיגקייט האָט מען מיך געהאַלטען עטליכע איבעריגע טעג אין דעם פינסטערען קעלער. מר. טאַראַנס האָט פּערזענליך געהאַט אונטערדונגען מיט „דאַטש" אַדאַמס, דעם יונגען סמיטהי און באַב רוניאַן, פּאַרשפּרעכענדיג זיי, אַז מען וועט זיי אַרונטערנעהמען די פולע צייט, וואָס קומט זיי, ניט קוקענדיג אויף זייער ביז אַהער־ריגער שלעכטע אויפפיהרונג און אומגעאַכטעט אויף זייער אויפפיהרונג אין דער צוקונפט. דער סעקרעטער האָט זיי אַנגעזאָגט, צו אונטערשטיצען די פּאַרוואַלטונג און אַרויפוואַרפען די גאַנצע שולד אויף מיר! קיין אַנדערע עדות זיינען ניט אויסגעהערט געוואָרען. די „אונטערזוכונג" איז פאַרטיג געוואָרען אין אַ שטונדע; די קאָמיטע, וואָס איז באַשטאַנען פון איין איינציגער פּערזאָן, איז דאַן אַוועק עסען מיטאָג אין דער דערבייאיגער וואוינונג פון דעם פּאַרוואַלטער.

עטליכע פריינדליכע אַרעסטאַנטען שטעלען זיך אָפּ ביי מיין צעלע אין פאַרלויף פונ׳ם נאָכמיטאָג. זיי באַשטעטיגען די געשיכטע פון דעם קאָרידאָר־מאַן און גיבען די איבעריגע איינצעלהייטען. דאָס צעל־הויז אַליין ערקלערט די סיטואַציע; די ענדערונג פון דעם פּערזאָנאַל איז שטוינענד. „דאַטש" אַדאַמס איז דערהויבען געוואָרען צו דעם אַמט פון אַ שליח פאַר דעם „פראָנט אָפיס", די פּריווילעגירטסטע „פּאָליטישע" שטעלע און דעם געפענגנים. באַב רוניאַן, אַ חברה־מאַן וואָס זיצט שוין צום דריטען מאָל און אַ באַריהמטער „קיד מאַן", איז געוואָרען אַ „טראַסטי" אין די ווערקשטאַטען. אָבער די באַדייטענדסטע ענדערונג איז די דערהויבונג פון „יאָנג סמיטהי" צו דער פּאָזיציע פון קאָרי־דאָר־מאַן. ער איז ערשט דאָ ניט לאַנג געוועזן פאַר׳משפּט צו אַ

יאהר איינצעלהאפט פאר דעם צובראכענעם שליסעל, וואס מען האט געפונען אין דעם שלאס פון זיין טיר. זיין רעפוטאציע אין גע־פענגניס איז פון די ערגסטע. ער איז א יונגער ארעסטאנט מיט אן עקסטרעמער געוואלטיגער נאטור, וואס האט שוין עטליכע מאל אטאקירט ארעסטאנטען מיט געפעהרליכע וואפען. זינט זיין מערדערליכען אנגריף אויף דעם מילדען, אומשולדיגען „פרעאינג ענדי“, איז סמיטה׳ן קיינמאל ניט ערלויבט געווארען ארויסצוגעהן פון זיין צעל אהן דער באגלייטונג פון צוויי וועכטער. און איצט איז אט דער אומפאראנטווארטליכער מאן דער אויפזעהער איבער א קארידאר־אפטיילונג!

ביים אווענד־ברויט פאר׳גנב׳עט זיך „יאנג סמיטהי“ צו מיין צעלע, ברייענגענדיג מיט זיך א רייפטעל קארנברויט. איך אנטזאג דעם שלום־אנבאט און באשולדיג איהם אין פארראט. צוערשט פראטעסטירט ער שטארק און ערקלערט זיך אומשולדיג, אבער ביסלעכווייז ווערט ער שוואכער און פארענטפערט זיך פאר זיין האנדלונג. טאראנס האט איהם צוגערעדט צו זאגען עדות, אבער ער האט אויסגעמידען מיך צו באשולדיגען. דאס איז געטאן געווארען פון די אנדערע צוויי עדות; ער האט בלויז רייניגע־וואשען דעם פארוואלטער פון די באשולדיגונגען, וואס דזשיימס גראנט האט געגען איהם געמאכט. ס׳איז אמת, אז מען האט איהם געשלאגען פיער מאל מיט בולאוועס, אבער ער האט ער־קלערט פאר דער קאמיטע, אז די וועכטער פראקטיצירען ניט קיין געוואלדטהאט; און ער האט אונטערשטיצט דעם פארוואלטער אין זיין ערקלערונג, אז די בעאמטע זיינען ניט ערלויבט צו טראגען בולאוועס אדער „בלעקדזשעקס“. ער פיהלט, אז אן אומגערעכטיג־קייט איז געטאן געווארען געגען מיר, און איצט, ווען ער פאר־נעמט מיין געוועזענע שטעלע, וועט זיין מעגליך פאר איהם אפ־צוצאהלען מיר די קליינע טובה׳לעך, וואס איך האב איהם געטאן, ווען ער איז געוועזען אין איינצעלהאפט.

מיט כעס פארווארף איך זיין אנבאט. ער טענה׳ט, אז ער איז יונג, אז ער האט געליטען די מאטערניש פון דער צעלע, און בעט מיין פארגעבונג; אבער איך בין פארביטערט געגען זיין פארראט, און הייס איהם געהן.

באַמטער מאַקילוועין שטעלט זיך אָפּ ביי מיין טיר. „אַ, וואָס פאַר אַן ענדערונג, וואָס פאַר אַ שרעקליכע ענדערונג!" שרייט ער אויס, רחמנות'דיג. איך ווייס ניט, צי באַציהט ער זיך צו מיין אויסזעהן, אָדער צו דעם פאַרלוסט פון קאָרידאָר־פרייהייט; אָבער איך בין אויפגעבראַכט געגען זיין טאָן פון מיטלייד; ער איז דאָס געווען דער, וואָס האָט מיך אויסגעקליבען אַלס קרבן, האָט מיך פאַר'מסר'ט פאַר רעדען. בייז דרעה איך אויס מיין רוקען צו איהם און ענטזאָג זיך צו רעדען.

עמיצער שטופּט בגנבה אריין אַ פּעקעל צייטונגען דורך די שטאַנגען. גאַנצע קאָלומס גיבען איבער דעם באַריכט פון דער „אונטערזוכונג", אינגאַנצען ריינוואַשענדיג דעם פאַרוואַלטער ס. רייט. די נידעריגע באַשולדיגונגען געגען דער פאַרוואַלטונג פונ'ם צוכט־הויז איז געווען די געהיימע, פינסטערע ארבייט פונ'ם אַנאַרכיסט בערקמאַן, האָט מר. טאָראַנס פאַרזיכערט די פּרעסע. איינע פון די צייטונגען ענטהאַלט אַ לענגערע אונטעררעדונג מיט רייט'ן, באַשולדיגענדיג מיך אין פאַרשפּרייטען אומצופרידענהייט און אונגעהאָרכזאַמקייט צווישען די אַרעסטאַנטען. דער פאַרוואַל־טער דריקט אויס אַן ערנסטע מורא פאַר דער זיכערקייט פון דער באַפעלקערונג, ווען די „באָארד אָוו פּאַרדאָן" זאָל רעדוצירען מיין שטראָף, אַלס רעזולטאַט דערפון וואָס מיינע אַדוואָקאַטען גריי־טען זיך צו מאַכען אַ נייע אַפּליקאַציע.

אין גרויסער אויפרעגונג שפּאַן איך אַרום איבער דער צעלע. די ערקלערונג פון דעם פאַרוואַלטער איז אַ טויט־קלאַפּ פאַר דער האָפנונג פון אַ באַגנאַדיגונג. מיין לעבען אין געפענגניס וועט איצט געמאַכט ווערען נאָך אונערטרעגליכער. איך וועל ווידער זיין פאַרשלאָסען אין דער איינזאַמקייט. מיט פאַרצווייפלונג דיינק איך פון מיין שיקזאַל אין די הענט פון דעם שונא, און דאָס געפיהל פון מיין פאָלשטענדיגער הילפלאָזיגקייט איבערוועלטיגט מיך.

קאַפּיטעל 28.

# פאַר זיכערקייט.

טייערער ק. !

איך ווייס, איהר האָט אודאי געמוזט זיין באַזאָרגט וועגען מיר. גלויבט ניט די קלאַנגען, וואָס איהר הערט. איך האָב ניט פאַרזוכט צו באַגעהן קיין זעלבסטמאָרד. איך בין געוועזן זעהר נערוועז און אויפגערעגט איבער די זאַכען, וואָס האָבען געטראָפען בעת איך בין געווען אין פינסטערען קעלער. איך האָב געזעהן די צייטונגען נאָך דעם ווי איך בין אַרויסגעקומען — איהר ווייסט דאָך וואָס זיי האָבען געשריבען. איך האָב ניט געקענט שלאָפען; איך האָב געהאַלטען אין איין אַרומשפּאַנען איבער דער צעל. די „שרויפען" פלעגען זיך אַרומדרעהען אַרום מיין צעלע, אָבער איך האָב זיי קיין אויפמערקזאַמקייט ניט געשענקט. זיי האָבען גערעדט צו מיר, אָבער איך האָב ניט געוואָלט ענטפערען: איך בין ניט געוועזען אויפגעלעגט צו ריידען. זיי האָבען געמוזט דענקען, אַז עס איז עפּעס ניט גלאַט מיט מיר. דער דאָקטאָר איז געקומען און האָט מיר אָנגעטאַפּט ביים דופק, און זיי האָבען מיך גענומען אין האָספּיטאַל. דער פאַרוואַלטער איז אַריינגעלאָפען און האָט געהייסען מיר אָנטאָן אַ צוואַנגס־יאַק. „פאַר זיכערקייט", האָט ער געזאָגט.

איהר קאָנט דאָך דעם בעאַמטען ערווין; ער האָט דאָס אָנגעטאָן די יאַק אויף מיר. ער איז אַ גאַנץ אַנשטענדיגער בחור; איך האָב געזעהן, אַז ער וויל עס ניט טאָן. אָבער דער אָוועננד־„שרויף" איז אַ שטשור. ער איז געקומען דריי מאָל דורך דער נאַכט, און יעדעס מאָל האָט ער אייַנגעצויגען שטאַרקער די רי־

מענס. איך האב געמיינט, ער וועט מיר אפשניידען מיינע הענט; אבער איך האב ניט געוואלט שרייען, בעטען מיטלייד, און דאס האט איהם געמאכט ווילד. זיי האבען מיך אנגעטאן אין דער „פול־מאסינגער“ יאק, וואס וויקעלט זיך איינגאנצען ארום דעם קערפער, די ארעמס צוזאמענגעלעגט. זיי האבען מיך אוועקגעלעגט, איינגעשנורעוועט אין די לייווענט, אויפ'ן בעט, די פיס און די ברוסט צוגעבונדען מיט רימענס, וואס זיינען פארזארגט מיט הענגשלעסער. איך האב געמיינט איך וועל דערשטיקט אין דעם הייסען צימער; געקאנט קוים אטעמען. אין דערפריה האבען זיי מיך אפגעבונדען. מיינע פיס זיינען געוועזען פאראליזירט, און איך האב ניט געקאנט זיך אויפשטעלען. דער דאקטאר האט פארשריבען א מעדיצין פאר מיר. דער הויפט קראנקען־וועכטער (ער איז א מערדער, און ער איז א פאסקודניאק) האט געמאכט חוזק פון מיר מיט דעם „שווארצען פלעשעל“. יעדעס מאהל ווען ער פלעגט פארבייגעהן מיין בעט, פלעגט ער זאגען: „דו לעבסט נאך? ווארט ביז איך וועל עפעס מאכען פאר דיר“. איך האב זיך ענטזאגט צו נעהמען די מעדיצין, און דאן האבען זיי מיך אראפגעפיהרט אין אפטייק, מיך צוגעבונדען צו א שטוהל, און גענוצט די פאמפע אויף מיר. איהר קאנט זיך פארשטעלען, ווי איך האב געפיהלט. אזוי איז דאס אנגעגאנגען א וואך צייט; יעדע נאכט אין דער צוואנגס־יאק, יעדען אין דערפריה די פאמפע. איצט בין איך צוריק אין צעל־הויז, אין 6 „איי“. א מאדנע צו־זאמענטרעפונג, — עס איז די זעלבע צעלע, וואס איך האב פאר־נומען, ווען איך בין צום ערשטען מאל געקומען אהער.

טרויעט ניט ביל סעי. דער פארוואלטער האט מיר געזאגט, אז ער האט געוואוסט וועגען דעם בריוועל, וואס איך האב אייך געשיקט, איידער איך האב צובראכען אלצדינג. אויב איהר האט עס געקריגען, האט עס ביל אודאי געמוזט לעזען און דערצעהלט סאנדי'ן. בלויז אויפ'ן טייערען אלטען „פערד־גנב“ קאן מען זיך פארלאזען.

ווי נאהענט ביים גרענעץ פון פרייד איז אומגליק! איך וועל קיינמאל ניט פארגעסען דעם ערשטען פריהמארגען אין דער צוואנגס־יאק. איך האב פארבראכט אן אומרוהיגע נאכט. אבער פונקט ווען עס האט אנגעהויבען טאגען, האב איך, ווייזט אויס,

פאַרלאָרען מיין באוואוסטזיין. פלוצלינג האָב איך מיך אויפגע־כאַפּט מיט דער פיינסטער מוזיק אין מיינע אויערען. ס'האָט זיך מיר אויסגעוויזען, אַזוי ווי די הימלען האָבען זיך געעפענט אין אַן אויסברוך פון עקסטאַז... עס איז בלויז געווען אַ קליינער שפּער־לינג, אָבער קיינמאָל פריהער אין מיין לעבען האָב איך ניט גע־הערט אַזאַ זיסע מעלאָדיע. מיין האַרץ האָט זיך אָנגעצונדען מיט רציחה, ווען דער אַרעסטאַנט־קראַנקען־וועכטער האָט אַוועקגעטרי־בען דאָס אָרימע פויגעלע פון דעם פענסטער־שוועל.

**א.**

## קאַפּיטעל 29.

# טרוימען פון פרייהייט.

### 1.

ווי אַן ענדלאָזעס קלאָג־ליעד, אַזוי זיינען די טעג אין דער איינזאַמער פאַרשפּאַרונג. קיין שימער פון ליכט באַגריסט ניט די מאָרגענס, די קומענדע טעג. אין די טיעפענישען פון ליידען ווערט די עקזיסטענץ אומערטרעגליך; און אַזוי ווי אין די אַלטע ציַיטען, זוך איך אַ „מקום מקלט", אַ צופלוכט־אָרט אין דער פאַר־גאַנגענהייט. די שטופּען פון מיין לעבען ערשיינען פאַר מיר ווי־דער, ווי די אַקטען פון אַ דראַמאַ, וועלכע איך קאָן ניט פועל'ן ביי זיך צו פאַרענדיגען. די מעגליכקייט פונ'ם פינסטערען מאַטיוו באַצווינגען די איינבילדונג, און שטעלען אָפּ דעם געדאַנק פון פאַר־ניכטונג. דאָס אומגליק פאַרגרעסערט נאָך מעהר די זעלבסט־שאַצונג; די העפטיגקייט פון רעוואָלט שטאַרקט און גיט קרעפטען אריבער־צוטראָגען. די פאַרצווייפלונג רופט אַרויס עקשנות'דיגען ווידער־שטאַנד; אין איהר גייסט ציטערט די האָפנונג. לאַנגזאַם נעהמט זי אָן אַ באַשטימטערע פאָרם: אַנטלויפען — דאָס איז די איינ־ציגע ערלייזונג. די וועלט פון די לעבעדיגע איז אומקלאָר און אומווירקליך; איהר שטימע קומט צו מיינע אויערען ווי דער בלאַסער ווידערקלאַנג פון דער פאַנטאַזיע; דער געדאַנק וועגען איהר רוישיגער לעבעדיגקייט פילט מיך אָן מיט אַ מאָדנעם שרעק. אָבער די געגענוואָרט איז ביטער און פינסטער, און לעכצט פאַר־צווייפעלט נאָך הילף.

די אָנשטרענגונגען פון מיינע פריינד ברענגען אריין אַ וואָרע־

מען שטראהל אין מיין לעבען. דער אונערמידליכער מידעל האט זיך איינגעגעבען צו פאראינטערעסירען פארשיידענע קרייזען: זי זאמעלט געלד צו קאנען מאכען א נייע אפליקאציע צו דער „באארד אוו פארדאנס“ אין פריהלינג פון 1898, ווען מיין ערשטע שטראף פון זיבען יאהר וועט זיין צו ענד. מיט א געפיהל פון אמאליגער צערטליכקייט דענק איך וועגען איהר טרייקייט, איהר איבערגע־בענהייט. ס'איז זי, כמעט זי אליין, וואס האט געהאלטען מיין אנדענקען פריש דורך די אלע לאנגע יאהרען. אפילו פעדיא, מיין שטענדיגער חבר, איז אויך פארכאפט געווארען פונ'ם וויכער פון ענגע אמביציעס און זעלבסט־אינטערעס, — דאס שפיעלצייג פון אלטעגליכען שיקזאל.

א געפיהל פון פארדרוס וואס איך בין אזוי לייכט פארגעסען געווארען באגלייט מיינע געדאנקען וועגען דעם פריהערדיגען צווי־לינג־ברודער פון אונזער אידעאל־געקושטער יוגענד. דאס מידעל, אין געגענטייל, ערשיינט אויף מיין האריזאנט אלס די איינציגע פערזאניפיקאציע פון רעוואלוציאנערען אויסדויער. ווייטער איז אלעס פינסטער חושך — די מיסטישע וועלט פון פאלשקייט, וועל־כע וועט מיך האסען און פארפאלגען פונקט ווי איהרע ברוטאלע הויך־פריסטער אין געפענגנים. דא און דארט שפאלט זיך די פינסטערניש: אן אומבאקאנטער סימפאטיזירער, שיקט א גרוס; איך שטודיר נייגיריג די האנדשריפט, און פון דער קלארער, בא־שטימטער אונטערשריפט, „וואלטערין דע קלער“, שטרעב איך אויסצוגעפינען דעם כאראקטער און פארמירען די געשטאלט פון דער שרייבערין. צו דער מידעל ווענד איך זיך, אום אויסצוגעפינען אויב מיין „לעזען“ איז געוועזן ריכטיג, און איך פרעה זיך מיט דעם ווארעמען אינטערעס פון דער מאנאסטיר־ערצויגענער אמעריקא־נערין, א פריינדין פון מיין פיעל־געשעצטען קאמעראד, דייער ד. לום, וועלכער העלפט דער מיידעל אין דער ארבייט פאר מיר.

אבער די אנשטרענגונגען צו קריגען א נייעם פארהער דער־וועקען ניט קיין האפנונג אין מיין הארץ. זייענדיג ווייט פון דער געפענגנים־וועלט, באגרייפען מיינע גענאסען ניט די פולע בא־דייטונג פון דער סיטואציע, וואס איז געשאפען געווארען דורך דער אונטערזוכונג. מיינע אונטערערדישע פארבינדונגען זיינען פאראליזירט; כ'קאן ניט אויפעפענען דער מיידעל'ס אויגען. אבער

נאלד און באוער זיינען אויפ'ן שוועל פון פרייהייט. אין צוויי חדשים ארום וועט קארל מיטפיהרען מיט זיך מיין שליחות צו נויארק. איך קאן זיך פאלשטענדיג פארלאזען אויף זיין פארזיכטיגקייט און איבערגעבענהייט; מיר זיינען געווארען זעהר אינטים, דורך געמיינזאמע ליידען. ער וועט לאזען וויסען דער מיידעל, אז מען קאן קיין זאך ניט ערווארטען אויף א געזעצליכען וועג; אנשטאט דעם וועט ער איהר ערקלערען דעם פלאן, וואס איך האב אויסגעארבייט.

מיין שטעלע אלס קארידאר־מאן האט מיר געבראכט גרויסע נוצען. איך האב זיך גרינדליך באקאנט מיט דער אינסטיטוציע; איך האב צוזאמענגעקליבען אינפארמאציעס און אויסגעפארשט יעדען טייל פון'ם צעל־הויז, וואס קאן נאר געבען די מינדעסטע מעגליכקייט צו אנטלויפען. דאס געפענגניס איז במעט אומדורכדרינגליך; טאמ'ס פארזוך אריבערצוקלעטערען איבער דער וואנט האט זיך אויסגעלאזט אומגליקליך, ניט קוקענדיג דארויף, וואס ער האט געהאט אויסערגעוועהנליכע מעגליכקייטען אלס אן אנגעשטעלטער אין דער קיך, און אויסער דעם, דער געדיכטער נעבעל פון'ם פריהמארגען. אייניגע אנדערע פארזוכען זיינען אויך פאראורטיילט געווארען צו א דורכפאל; די גרויסע צאהל פון וועכטער און זייער וואכזאמקייט האבען געשטערט דעם ערפאלג. קיין אנטרינונג פון געפענגניס איז ניט פארגעקומען זינט די טעג פון פאדי מעקגראו, איידער די געביידע פון'ם געפענגניס האט זיך געענדיגט. גאנץ נייע מעטאדען מוזען אויסגעפראוווט ווערען: דער וועג צו פרייהייט פיהרט אונטער דער ערד! אבער דאס גראבען א ר ו י ס פון דעם געפענגניס איז ניט פראקטיש אין דעם מאדערנעם געבוי פון שטאהל און פעלז. מיר מוזען דורכברעכען א וועג א ר י י ן אין געפענגניש: דער טונעל דארף געגראבען ווערען פון דרויסען! א הויז דארף געדונגען ווערען אין דער נאכבארשאפט פון דעם צוכטהויז, און דער אונטערערדישער דורכגאנג מוז אויסגעהוילט ווערען אונטער דער מזרח־וואנט, אנטקעגען דער דערבייאיגער באד. קיינע באאמטע קומען ניט אהער אויף דעם פלאץ, אויסער אין געוויסע שטונדען, און איך וועל געפינען א געלעגענהייט צו פארשווינדען אין דער באהאלטענער עפנונג אין די רעגעלמעסיגע צוויי־וועכענטליכע געלע־

געגנהייטען, ווען די איינצעלהאַפטע ווערען ערלויבט צו נעהמען אַ באַד.

דער פּלאַן וועט פאָדערען פאַרזיכטיגע צוגרייטונג און היבשע אויסגאַבען. געניטע קאַמעראַדען וועלען מוזען אַנפאַרטרויט ווער'ן מיט דער געהיימער אַרבייט, וואָס דער גרעסערער טייל דערפון מוז געטאָן ווערען ביינאַכט. ענטשלאָסענקייט און מוט וועלען מאַכען דעם פּלאַן דורכפיהרבאַר, ערפאָלגרייך. אַזעלכע זאַכען זיי־נען שוין געטאָן געוואָרען פריהער. אמת, ניט דאָ אין לאַנד. אָבער דער אַקט וועט קריגען אַ באַזונדערע באַדייטונג דורך דעם אומ־שטאַנד, וואָס די באַפרייאונג פון דעם ערשטען אַמעריקאַנער פּאָ־ליטישען אַרעסטאַנט איז דורכגעפיהרט געוואָרען אויף אַן עהנלי־כען אופן ווי אונזערע קאַמעראַדען פלעגען טאָן אין רוסלאַנד. ווער ווייסט? עס קאָן זיך אַרויסווייזען צו זיין דער סימבאָל און פאָרלויפער פון רוסישען אידעאַליזם אויף אַמעריקאַנער ערד. און וואָס פאַר אַ גוואַלטיגען איינדרוק די אויספיהרונג פון דעם דרייס־טען פּלאַן וועט מאַכען! וואָס פאַר אַ סטימולירונג פאַר אונזער פּראָפּאַגאַנדאַ, אַלס אַ דעמאָנסטראַציע פון אַנאַרכיסטישער איני־ציאַטיווע און פעהיגקייט! איך ברען מיט דער אויפרעגונג פון די גרויסע מעגליכקייטען, און באַגייסטער קאַרל'ען מיט מיינע האָפ־נונגען. אויב מען וועט זיך צואיילען מיט דער פאַרבערייטונגס־אַרבייט, וועט די דורכפיהרונג פון דעם פּלאַן פאַרלייכטערט ווערן דורך דער באַנייטער אויפרעגונג אינוועניג אין דעם געפענגניס. עס געהען אַרום קלאַנגען וועגען אַן אונטערזוכונג פון דער לעגיס־לאַטור. דאָס פערקירעוועט די געדאַנקען פון דער אַדמיניסטראַציע אין אַנדערע זייטען. איך וועל זעהן די אויפרעגונג זאָל ווערען וואָס גרעסער אינווייניג, כדי צו געבען מיינע קאַמעראַדען גרע־סערע זיכערקייט אין דער אַרבייט.

אין משך פון די לאַנגע יאָהרען פון מיין צוכטהויז־לעבען האָב איך זיך ערוואָרבען אַ סך פריינדשאַפטען. איך האָב געקריגען די רעפּוטאַציע אַלס „אויפריכטיגער מענש" און „גוטער ברודער"; פיעלע האָבען אַרויסגעוויזען צוטרוי צו מיר און מיר געשענקט אַנערקענונג פאַר מיין אונקאָמפּראָמיסליכער שטעלונג געגענאיבער

דער אלגעמיין פערדאמטער פארוואלטונג. די מעהרסטע פון מיינע פריינד היטען אפ די ניט געשריבענע עטיק מיר צו לאזען וויסען וועגען זייער קומענדער באפרייאונג, און זיי באטען זיך אן ארויס־צושמוגלען בריעף אדער מיר פארזארגען מיט קליינע בעקוועמליכ־קייטען. איך בעט זיי כסדר צו באזוכען די צייטונגען און צו דערצעהלען וועגען זייערע ערפאהרונגען אין ריווערסייד. מאנכע דריקען אויס די מורא פאר דעם פארוואלטער'ס פיינדשאפט, פאר די פאטאלע פאלגען אין פאל זיי וועט אויסקומען זיך אומקעהרען צוריק אין צוכטהויז. אבער די דרייסטערע גייסטער און די צופע־ליגע פארברעכער, וועלכע זאגען מיר פארטרויליך א לעצטען זייַ־געזונד, נישט מורא האבענדיג פאר אומקעהרען זיך צוריק, געהען גלייך פון געפענגניס צו די רעדאקטארען פון פיטסבורג.

אין גיכען הויבען צוויי צייטונגען, „דהי ליעדער“ און „דהי דיספעטש“, אן צו לאזען הערען זייערע טאדעל־ווערטער איבער דער שנעלער ריינוואשונג פון דער „סטייט באארד אף טשאריטיס“. די שטעלונג פון דער פרעסע ערמוטיגט די וועכטער צו מאניפעס־טירען זייער אומצופרידענקייט מיט די ערנידעריגענדע עקסצענט־רישע שטיק פון דעם באיאהרענטען פארוואלטער. זיי פראטעס־טירען געגען דעם קאפריז, אונטערווארפענדיג זיי צו מיליטערישע איבונג, צו פארבעסערען זייער אויסזעהן, און זיינען מלא רציחה אויף קעפטיין רייט פאר זיין צודרינגליכקייט, אז זיי זאלען פאט־ראניזירען זיין פריוואט שניידער, וואס לאזט זיך זעהר גוט באַ־צאהלען און איז ניט קיין קאמפעטענטער בעל־מלאכה. אן ערנסטע רייבונג האט זיך אויך אנגעפאנגען צווישען דער פארוואלטונג און מר. סאהיל, דעם סופעריטענדענט פון לאקאלע אינדוסטריען. די ארעסטאנטען פרעהען זיך, זעהענדיג די וואקסענדע רייצבארקייט פון דעם פארוואלטער און די טיפערע קנייטשען אויף זיין פנים, עס אננעהמענדיג אלס צייכענס פון זארג און מורא. אלע ערווארטען א נייע אונטערזוכונג, ווען ריכטער גארדאן, פון פילאדעלפיא, טאדעלט שטרענג די אדמיניסטראציע פון דער „איסטערן פעני־טענשערי“, באשולדיגענדיג זי אין אונמענשליכער באהאנדלונג, גרויזאמקייט געגען די וואהנזיניגע און כאבאר. די ארבייטער־קערפערשאפטען פון דעם שטאאט פארלאנגען די אפשאפונג פון ארעסטאנטען־קאנקורענץ, און די פרעסע ווערט אלץ מעהר דרינ־

גענד, פאַדערענדיג אַז אונטערזוכונג פון ביידע צוכטהייזער. די לופט איז אָנגעלאָדען מיט קלאַנגען, אַז די לעגיסלאַטור קליינט זיך צו נעהמען די זאַך אין איהרע הענט.

## 2.

דער אָטהעם פון פריהלינג איז אין דעם צעל־הויז. מיינע צוויי קאַמעראַדען זיינען מלא שמחה. דער זיסער גערוך פון מאַי וועהט מיט ווידער־אויפלעבונג! אָבער דער שוועל פון לעבען ווערט געהיט פון די וועהטאָגען פון נייעם געבורט. אַ טאָן פון נער־ווענזער אויפרעגונג דרינגט דורך זייער קאָרעספּאָנדענץ. אַנגסט פיהלט אַן די שלאַפלאָזע נעכט; דאָס באַלדיגע צוריקקעהרען זיך צו די לעבעדיגע איז אויסגעמישט מיט דער אומרוהיגקייט צוליעב דאָס אומבאַקאַנטע, מיט דעם שרעק פאַר'ן באַנייטען קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ. אָבער די פרייד פון דער קומענדער באַפרייאונג, דער וויין פון זונשיין און פרייהייט, קלינגט אָפּ אין יעדען אבר, און די האָפנונג שפּרייט פאַנאַנדער איהרע אָבגעוועהנטע פליגלען.

אונזערע פּלענער זיינען פאַלקאָם. קאַרל וועט באַזוכען דאָס מיידעל, איהר ערקלערען מיינע פּלענער, און דיענען אַלס דער קאָמוניקאַציאָנס־פּערמיטלער, לויט אונזער פון פאַראויס אַראַנ־זשירטען סיסטעם, שיקענדיג כלומר'שט אומשולדיגע אָפּיציעלע בריעף מיט אַ געהיימער מיינונג. די ערשטע שריט, דער אָנפאַנג וועט פאַדערען צייט. אינצווישען וועלען „ק" און „ג" מאַכען די נויטיגע איינאָרדנונגען פאַר דער פאַרעפענטליכונג פון אונזער בוך. די זיכערקייט פון אונזערע מאַנוסקריפּטען רופט אַרויס טיעפע צופרידענקייט און פיעל שפּאַס אויף דעם חשבון פון דער אַדמי־ניסטראַציע. ניט קוקענדיג אויף די ווידערהאָלטע זוכונגען האָט זיך זיי ניט איינגעגעבען די מאַנוסקריפּטען אויסצוגעפינען. מיט כאַראַקטעריסטישער געוואַגטקייט האָט דער געטרייער באַב זיי פאַרשטופּט אין אַ לאָך אין דער פאָדלאָגע פון זיין ווערקשטאַט, כמעט אונטער דעם סאַמע זיץ פון דעם וועכטער. איינער נאָכ'ן אַנדערען זיינען זיי אַרויסגעשמוגעלט געוואָרען אויף דרויסען דורך אַ פריינדליכען באַאַמטען, וועמען מיר האָבען אַ נאָמען געגעבען

„שראובע" *). ביסלעכווייז האט נאלד געוואונען דעם צוטרוי פון דעם געוועזענעם מיהל־ארבייטער, אזוי אז זעכציג קאסטבארע בי־כעלאך געפינען זיך איצט זיכער אין די הענט פון א גענאסע אין אלעגהעני. איך דארף דאס צושטעלען די לעצטע קאפיטלען פון דעם בוך דורך מר. שראובע, וועמעס פריינדשאפט קארל דארף מיר איבערגעבען בירושה.

דער מאנאט מאי האלט ביים ענדע. דאס לעצטע בריוועל ווערט אויסגעטוישט מיט מיינע קאמעראדען. דער טייערער באב איז ניט אימשטאנד געווען צוצוקומען צו מיר אין דערפריה, און איך לייען איצט די שורות, וואס ציטערען מיט די לעצטע אנגסטען פון באפרייאונג, בעת ווען נאלד און באוער זיינען שוין אויף דער אנדער זייט פון געפענגניס. ווי איך האב דאס געשמאכט נאך א בליק אויף קארלען, זיך אנריהרען מיט די הענט, זאגאר אין שטילקייט! אבער די געוועהנליכע פריווילעגיע איז אונז ענט־זאגט געווארען. בלויז איינמאל אין די לאנגע יאהרען פון אונזערע געמיינזאמע ליידען האב איך ארייגעקוקט אין די אויגען פון מיין איבערגעבענעם פריינד, און בגנבה געדריקט זיין האנט, ווי א גנב אין דער נאכט. קיין לעצטער גרוס איז ניט געשענקט געווארן היינט פאר מיר. די איינזאמקייט פיהלט זיך עפעס שווערער, די פוסטקייט שמערצפולער.

די רוטינע־ארבייט איז מורא'דיג געשטערט. לעזען און שטו־דירען זיינען ווי א שווערער יאך: מיינע געדאנקען לאזען זיך ניט באצווינגען. זיי קעהרען זיך עקשנות'דיג צוריק צו מיינע קאמעראדען, און שטורמען געגען מיין שטאלענער שטייג, פרו־ווענדיג דורצולעבערען די ווייטקייט, צו אונטערהאלטען זיך מיט די אבוועזענדע. איך זוך א צושטרייאונג, פאבריצירענדיג „שעהנע געפענגניס־זאכען", פארציערטע קליינע פרוכט־קערבלעך, קליינ־טשיקע מעבעל־זאכען, בילדער־ראהמען און דערגלייכען. די קליינע סואוועניר, געמאכט פון זייד־פאפיער, שיק איך צו דער מיידעל, און איך בין אויסער זיך פאר פרייד צו הערען, אז זי באוואונ־

*) דאס דייטשע ווארט פאר „שרויף".

דערט די שעהנע ארבייט און די אנצעהענדע קאליר־עפעקטען. אבער שפעטער אביסעל באקלאגט זי זיך, אז די זאכען קומען אן צו איהר צובראכען. איך מאך אן אויספארשונג און געפין אויס, אז מיינע זאכען ווערען אריבערגעשיקט אין די ערגסטע, צופוילט־סטע פאפיער־קעסטלעך. דער אויפזעהער פון דער ראטונדע, וואס איז דער משגיח איבער די ארויסגעשיקטע פעקלעך, איז פיינדליך צו מיר, און איך אפעליר צו דעם גייסטליכען. ער מישט זיך אריין אין דער אנגעלעגענהייט, מיט א גוטער כונה נאטירליך, אבער אנשטאט עפעס אויסצופיהרען, קומט א באפעהל פון דעם פארוואלטער, וואס פארבאט דאס ארויסשיקען פון מיין ארבייט, אויפ׳ן גרונד פון דעם וואס עס קענען פילייכט ליגען נאטיצען באהאלטען אינוועניג. איך פראטעסטיר געגען דער אויסנאהם וואס ווערט מיט מיר געמאכט, און שלאג פאר, מען זאל פאנאנדער־נעהמען יעדע שטיקעל, כדי זיך צו איבערצייגען, אז די באשולדיגונג איז גרונדלאז. אבער דער קעפטיין באמערקט מיט שפאט, אז ער איז נישט געניינט צו „ריזיקירען״, און איך בין געצוואונגען זיך צו באנוצען מיט א קונצשטיק, איבערצוגעבען מיינע זאכען צו א פריינדליכען ארעסטאנט, וועלכער שיקט זיי צו זיין מוטער אין ביווער, פענסילווייניא, און פון דארטען ווערען זיי איבערגעשיקט קיין ניו יארק. אין דערזעלבער צייט פארהאלט דער ראטונדע־אויפזעהער א ווערטפולע שטיקעל עלפאנט־ביין, וואס דאס מיידעל האט מיר צוגעשיקט צו מאכען דערפון געציערטע צאהן־שטעבער. איך פארלאנג מען זאל עס מיר אפגעבען, אבער איך ווער ענטזאגט, מיט דעם תירוץ, אז די פראגע וועט פארגעלעגט ווערען פאר דעם פארוואלטער, וועלכער אורטיילט געגען מיר. איך פאדער מען זאל עס אומקעהרען צו מיין פריינד, אבער מען לאזט מיר וויסען, אז דאס שטיק עלפאנט־ביין איז ערגעץ פארלעגט און מען קאן דאס ניט געפינען. אויפגעבראכט פון דער האנדלונג, באשולדיג איך דעם וועכטער אין גנבה, און לאז וויסען, אז איך וועל פאר־לאנגען דאס שטיק עלפאנט־ביין, ווען עס וועט זיך ענדיגען מיין טערמין. דער אויפזעהער לאכט פון דער ווילדער אוממעגליכקייט, און איך ווער באשטימט אויף א וואך צייט צו דעם „פענסילווייניא דייעט״ פאר באליידיגען א באאמטען.

## קאַפּיטעל 30.

# ווידער ריינגעוואַשען.

קריסמעס, 1897.

מיין טייערער קאַרל!

איך בין געווען פאַרצווייפעלט, ניט האָבענדיג די מעגליכקייט אייך צו דערגרייכען אויף אַ געהיימען, פּריוואַטען וועג, אָבער די ימים־טובים האָבען געבראַכט די געוועהנליכע איבערבייטען פון וועכטער און אויפזעהער, און ענדליך איז פריינד שראָובע מיט מיר. טייערער קאַראַלוס, איך בין אויסגעמאַטערט דורך די ליידען פון די מאַנאַטען, זינט איהר זיינט אַוועק, און דורך פיעלע ענטוישונגען. אייערע אָפיציעלע בריעף זיינען ניט געווען איבערצייגענד. איך קאָן ניט פאַרשטעהן, פאַרוואָס דער פּלאַן איז ניט פּראַקטיש. געוויס, איהר קאָנט ניט שרייבען אָפען, אָבער איהר האָט דאָך מיטלען מיר צו געבען אַן אַנדייטונג וואָס איהר מיינט מיט די „אוממעגליכקייטען״, וועגען וועלכע איהר רעדט. איהר זאָגט, איך בין געוואָרען צו אָפּגעפרעמדט פון דעם דרויסען, און אַזוי ווייטער — וואָס מעג זיך זיין אמת. דאָך דענק איך, אַז די אַנגעלעגענהייט האָט הויפּטזעכליך צו טאָן מיט׳ן אינווענינג, און דערויף בין איך דער בעסטער ריכטער. איך זעה ניט איין, וואו ליגט דאָ די שטאַרקייט פון אייער טענה, ווען איהר שטעלט זיך אָפּ אויף דער אַפּליקאַציע ביי דער זיצונג פון דער „פּאַרדאָן באָארד״. איהר מיינט, אַז דער אַנדערער פּלאַן וואָלט געשעדיגט דעם ערפאָלג פון דעם געזועצליכען פאַרזוך. אָבער עס איז דאָך ניטאָ קיין פיעל האָפנונג אויף אַ גינסטיגער האַנדלונג פון דער „באָארד״. מיר האָבען דאָך וועגען דעם אַלעס גערעדט פריהער, אָבער עס ווייזט אויס, אַז איהר האָט איצט אַן אַנדער מיינונג וועגען דעם. פאַרוואָס?

בלויז אין אַ זעהר קליינער מאָס פאַרנעהמען אייערע בריעף אין מיין לעבען דעם פּלאַץ פון די האַרץ־צו־האַרץ געשפּרעכען, וואָס מיר פּלעגען האָבען דאָ, הגם זיי זיינען בלויז געווען אויף פּאַפּיער. אָבער איך בין שטאַרק פאַראינטערעסירט אין אייערע טהעטיגקייטען. עס קוקט אוים מאָדנע, אַז איהר, וואָס איהר זיינט אַזוי לאַנג געווען דער קאָמפּאַניאָן פון מיין שטילקייט, זאָלט איצט זיין אין דעם סאַמע „ניאַגאַראַ״ פונ׳ם לעבען, פון אונזער באַוועגונג. איך בין זעהר צופריעדען צו הערען, אַז אייער ערפאַהרונג דאָ האָט אייך רייף געמאַכט, און געהאָלפען פאַרשטאַרקען און טיעפער מאַכען אייערע איבערצייגונגען. עס האָט געהאַט אַן עהנליכע ווירקונג אויף מיר. איהר ווייסט דאָך, וואָס פאַר אַ פליסיגער לעזער איך בין. איך האָב געלעזען — אייגענטליך, שטודירט — יעדען בוך, וואָס געפינט זיך אין דער ביבליאָטעק דאָ, און איצט באַזאָרגט מיך דער גייסטליכער מיט ביכער פון זיין אייגענער ביבליאָטעק. אָבער צי דאָס איז פילאָזאָפיע, רייזע־באַשרייבונג, אָדער ביכער איבער דעם איצטיגען לעבען, וואָס פאַלט אַריין אין מיינע הענט, — שטענדיג טריפט עס אַריין אין מיין געדאַנק די פאַלשקייט פון דאָמינירענדע אידעען, און די שעהנקייט, די אונפאַרמיידליכקייט פון אַנאַרכיזם. אָבער איך וויל מיך ניט פאַרברייטען איבער דעם געגענשטאַנד איצט; מיר קענען זיך דורכשרייבען וועגען דעם אין אונזערע אָפּיציעלע בריעף.

איהר ווייסט, אַז טאָני און זיין פּלימעניק זיינען דאָ. מיר האַלטען גראָד איצט אין שליסען באַקאַנטשאַפט. ער אַרבייט אין שאַפּ; אָבער אַזוי ווי ער איז אויך אַ קאַפּע־יונגעל, האָבען מיר אַ געלעגענהייט זיך אויסצוטוישען מיט בריוועלעך. עס איז אַ גליק, וואָס מען ווייסט ניט ווער ער איז; אניט, וואָלט ער אַרונטערגעפאַלען אונטער ספּעציעלער אויפזיכט. איך האַלט מיין אויג אויף טאָני׳ן — ער קאָן זיך אַרויסצייגען פאַר נוצליך.

איך בין נאָך אַלץ אין איינצעלהאַפט, אָהן וואָס פאַר עס איז אויסזיכט געהאָלפען צו ווערען. איהר קאָנט דאָך די טאַקטיק פון דעם פאַרוואַלטער מיך צו מאַכען פאַר אַ שעיר לעזאזל פאַר אַלעם וואָס עס פּאַסירט דאָ. עס איז געוואָרען אַ מאַניאַ, אַ מין שגעון ביי איהם. שטעלט זיך פאָר, ער באַשולדיגט מיך פאַר דעם שניט, וואָס „דאַטש״ האָט געקראָגען פון דזשאָהני דייווים. ער האָט

ארויפגעלעגט די גאנצע שולד אויף מיר, ווען די אונטערזוכונג פון די געזעצגעבער איז פארגעקומען. עס איז געווען אן ערגערע קאמעדיע, איידער די פריהערדיגע ריינוואשונג. עטליכע מיטגלי־דער פון דער קאמיטע זיינען געקומען זיך זעהן מיט מיר אין דער צעלע — אומאפיציעל, האבען זיי ערקלערט. זיי האבען דערשמעקט עפּעס וועגען די עדות, וואס איך בין גרייט אבצוגעבען, און איינער פון זיי האט מיך אויפמערקזאם געמאכט, אז עס איז ניט ראטזאם פאר א [illegible] אין מיין לאגע זיך צו פארפיינדען מיט'ן פארוואל־טער. איך האב געענטפערט, אז איך בין ניט קיין טעלער־לעקער. ער האט מיר געגעבען אנצוהערען, אז די געפענגניס־באאמטע וואל־טען פיליכט געהאלפען אויסצואווירקען פאר מיר פרייהייט, ווען איך וואלט געהאנדעלט „פארנינפטיג“. איך בין באשטאנען דער־רויף, אז איך וויל אויסגעהערט ווערען פון דער קאמיטע. זיי זיי־נען אוועקגעגאנגען, פארשפרעכענדיג מיך צו רופען אלס אן עדות. איין סענאטאר האט באמערקט, ווען ער איז אוועק: „איהר זיינט א צו אינטעליגענטער מענש צו זיין אויף דער פריי“.

ווען דער פארהער האט זיך אנגעהויבען, זיינען עטליכע בא־אמטע געווען די ערשטע צו פארנעהמען דעם עדות־שטוהל. די אויסזאגונגען זיינען ניט געווען אינגאנצען גינסטיג פאר דעם פאר־וואלטער. דאן איז מר. סאהיל גערופען געווארען. איהר קאנט איהם; ער איז א סארט זעלבסטשטענדיגער מענש, מיט אן אויג אויף דעם פארוואלטער'ס שטעלע. זיין עדות־זאגען איז געווען ווי א באמבע: ער האט באשולדיגט די פארוואלטונג אין קארופּ־ציאן און באטרוג, און אזוי ווייטער. די אויספארשער האבען זיך דערשראקען. זיי האבען געשלאסען די זיצונגען און זיינען אוועק־געפאהרען קיין הארריסבורג, אנאנסירענדיג דורך דער פרעסע, אז זיי ווערען באזוכען מאיאמענסינג*) און דאן זיך אומקעהרען אין ריווערסייד. אבער זיי האבען זיך ניט צוריקגעקעהרט. דער בא־ריכט, וואס זיי האבען צוגעשטעלט צום גאווערנאר, האט ריינ־געוואשען דעם פארוואלטער.

די ארעסטאנטען זיינען געווען טרויעריג און דערשלאגען איבער דעם סוף פון דער געשיכטע. א הונדערט ארעסטאנטען זיינען

---

*) די „איסטערן פעניטענשערי“ אין פילאדעלפיא, פא.

געווען גרייט צו זאגען עדות, און מען האט פיעל ערווארטעט פון דער קאמיטע. איך האב געהאט אלע מיינע פאקטען ביי דער האנט: באב האט ארויסגעקריגען פאר מיר דעם בינטעל מיט מאטעריאלען פון דעם באהאלטענעם פלאץ. אלעס איז געווען אין גוטען צושטאנד, ניט קוקענדיג דערויף וואס דאס פעקעל האט זיך אזוי לאנג געוויקט אין וואסער. (איך לעג דא אריין מאנכע נייע פאקטען, וועלכע קאנען באנוצט ווערען פאר אונזער בוך.)

איצט אז ער איז „ריין“, איז דער פארוואלטער געווארען נאך העזה׳דיגער און דעספאטישער. אבער אביסעל גוטס האט די אגי־טאציע אין דער פרעסע דאך אויפגעטאן: דאס שלאגען מיט די בולאוועס ווערט ווייניגער פראקטיצירט, און דער „בול־רינג“ איז פארלויפיג אפגעשאפט. אבער זיין האס צו מיר איז געווארען גיפ־טיג. ער האלט אונז פאראנטווארטליך (צוזאמען מיט דעמפסי און ביטי) פאר ארגאניזירען די אפאזיציע צו ארעסטאנטען־אר־בייט, וועלכע האט זיך געענדיגט מיט דעם מיהלבראנער געזעץ. עס דארף אריינגעהן אין קראפט דעם ערשטען טאג פון דעם יאהר. די געפענגנים־אדמיניסטראציע איז זעהר פארביטערט, ווייל דאס געזעץ, וואס ערלויבט בלויז פינף־און־דרייסיג פראצענט פון די ארעסטאנטען באשעפטיגט צו ווערען ביי פראדוקטיווע ארבייט, וועט שטארק פארקלענערען די געלעגענהייטען פאר „לאפקע־געלד“. אבער די ארעסטאנטען זיינען מלא שמחה: די שרעקליכע שקלא־פעריי אין די ווערקשטאטען האט געטריבען א סך פון זיי צו משוגעת און צום טויט. דאס געזעץ איז איינס פון די זעלטענע ביישפיעלען פון ראציאנאלער געזעצגעבונג. אבער זיין נוצען פאר דער ארבייט בכלל ווערט צו נישט, דורכדעם וואס די ארעס־טאנטען־קאנקורענץ ווערט באשרענקט בלויז אין דעם שטאאט. די אינספעקטארס זוכען שוין א מארק פאר די געפענגנים־פראדוק־טען אין אנדערע שטאאטען, בעת ווען די זאכען וואס ווערען פאב־ריצירט פון ארעסטאנטען פון נויארק, אהייא, אילינאיס, און אזוי ווייטער, ווערען פארקויפט אין פענסילווייניא. די איראניע פון גוטער, ניצליכער געזעצגעבונג! פון דער אנדער זייט, וועלען די ארעסטאנטען חלילה ניט ליידען פון מאנגעל אין באשעפטיגונג. דאס נייע געזעץ ערלויבט צו פאבריצירען, אינוויינינג אין געפענג־נים, אזויפיעל פראדוקטען וויפיעל מען וויל נאר פאר׳ן לאקאלען

פארברויך. אויב דאס קלאגען זיך פון דער פארוואלטונג בנוגע
דער „שעדליכער ווירקונג פון לעדיג־געהן אויף די ארעסטאנטען“
איז ערנסט, וואלטען זיי געקענט באשעפטיגען פינף מאל אזוי
פיל מענשען וויפיעל עס געפינען זיך אין געפענגנים צו פראדו־
צירען די ארטיקלען וואס זיינען נויטיג פאר אונזער אייגענעם
געברויך.

איצט ווערען אלע נויטיגע זאכען פון צוכטהויז צוגעשטעלט
פון דרויסען. דאס קויפען פון א פארם, פאלגענדיג דעם ביישפיעל
פון דעם ווארקהויז, וואלט אליין געקענט געבען ארבייט פאר א
היבשער צאהל ארעסטאנטען. איך האב פארגעשלאגען, אין א
בריעף צו די אינספעקטארס, פערשידענע מעטאדען, לויט וועלכע
יעדער וואס געפינט זיך אין דער אינסטיטוציע וואלט געקאנט
זיין באשעפטיגט, — צווישען זיי אויך די פובליקאציע פון א גע־
פענגנים־צייטונג. עס פארשטעהט זיך, זיי האבען מיך איגנארירט.
אבער וואס קאנט איהר ערווארטען פון א קערפערשאפט פון פי־
לאנטראפען, וועלכע האבען די אינטערעסען פון די ארעסטאנטען
אזוי שטארק צום הארצען, אז זיי האבען אויפגעפאדערט דעם
פרעזידענט פון דער באארד, דזשארדזש א. קעללי, ארויסצוטרעטען
געגען דעם „פאראל ביל“, א געזעץ־פארשלאג וואס איז געווים א
שטיקעל פארטשריט אין דער מאדערנער קרימינאלאגיע. א דאנק
דעם איינפלוס פון אינספעקטאר קעלי איז דער געזעץ־פארשלאג
אוועקגעלעגט געווארען אויף דער פאליצע ביי דער לעצטער זיצונג
פון דער לעגיסלאטור, הגם די ארעסטאנטען האבען יאהרען לאנג
געבעטען גאט פאר דעם. עס האט אוועקגערויבט ביי די ארימע
לעבענס־לענגליכע זייער לעצטע האפנונג: א פונקט אין דעם
„פאראל־ביל“ האט געלויטעט, אז זיי קאנען באפרייט ווערען נאך
צוואנציג יאהר פון גוטע אויפפיהרונג.

פינסטערע טעג שטעהען פאר פאר די ארעסטאנטען. ווי עס
ווייזט אויס, באשטעהט דער קאמפיין פון די אינספעקטארס צו
צווינגען, אז דער מיהלבראנער־געזעץ זאל צוריקגערופען ווערען,
דורכדעם וואס זיי הויבען אויף דעם ליארם און געשריי וועגען
וואהנזין און קראנקהייט. זיי פאראורזאכען פראקטיש ביידע, דורכ־
דעם וואס זיי האלטען א העלפט פון די ארעסטאנטען איינגע־
שפארט. איהר ווייסט דאך, ווי גיך די איינזאמקייט טרייבט גע־

וויסע קלאַסען פון אַרעסטאַנטען צו משוגעת. איבערהויפּט דער מעהר אומוויסענדער עלעמענט, וועמעס גייסטיגער האָריזאָנט איז באַשרענקט אויף זייערע פּערזענליכע צרות און וועהטאַגען, — זיי פאַלען גיך אַלס קרבנות. דענקט פון מענער, וועלכע קאָנען אַפילו ניט לעזען, איינגעשפּאַרט פאַר מאָנאַטען נאַכאַנאַנד, פאַר יאָהרען זאָגאַר! די מעהרסטע פון די שוואַרצע אַרעסטאַנטען, און די וואָס זיינען צוגעוואוינט צו דעם דרויסען־לעבען, אַזעלכע ווי פאַרמערס און דערגלייכען, ענטוויקלען גיך די מיקראָבען פון שווינדזיכט אין איינזאַמער איינגעשפּאַרטקייט. נו, אַט די אַב־זיכטליכע מערדעריי — וואָרים עס איז ניט קיין אַנדער זאַך — איז אַבסאָלוט ניט נויטיג. דער הויף איז גרויס און גוט פאַר־זיכערט פון דער דרייסיג־פוסיגער וואַנט, מיט באַוואָפענטע וועכ־טערס, וואָס גיבען אַכטונג. פאַרוואָס זאָל מען ניט געבען די אונבאַשעפטיגטע אַרעסטאַנטען לופט און איבונג, אויב די פאַר־וואַלטונג איז ענטשלאָסען צו האַלטען זיי ליידיג? איך האָב עס פאַרגעשלאָגען דעם פאַרוואַלטער, אָבער ער האָט מיך אויסגעזידעלט פאַר מיין „טבע זיך אַריינצומישען“ אין זאַכען וואָס געהען מיך ניט אָן. איך וואונדער זיך אָפּט אויף דעם רעטעניש פון דער מענשליכער נאַטור. אָט איז דער קעפּטיין, אַ מאַן, 72 יאָהר אַלט. ער וואָלט זיך באַדאַרפט פאַרטראַכטען וועגען טוידט, וועגען „באַ־געגענען זיין בורא“, וואָרים ער פּרעטענדירט דאָך צו גלויבען אין רעליגיאָן. אַנשטאָט דעם, ווענדעט ער אָן זיין גאַנצע ענערגיע צו פאַרגרעסערען משוגעת און קראַנקהייט צווישען די אַרעסטאַנ־טען, כדי צו צווינגען די צוריקרופונג פון דעם געזעץ, וואָס האָט פאַרקלענערט דעם שטראָם פון בלוטיגע געלט. עס איז כמעט אונגלויבליך; אָבער איהר האָט אַליין בייגעוואוינט די ווירקונג פון אַ ברוטאַלער אַטמאָספערע אויף נייע באַאַמטע. רייט איז געוועזען פאַרוואַלטער פאַר דרייסיג יאָהר: ער האָט זיך צוגעוואוינט צו באַטראַכטען דאָס געפענגניס אַלס זיין אונבאַשטריטבאַרען שטאַאַט; און איצטער איז ער ווילד אויף די געזעצגעבענדע מאַכט, וואָס וויל פאַרקירצען זיין אַבסאָלוטען קאָנטראָל.

אַט דער בריעף וועט אייך דערמאָנען וועגען אונזערע באַריכות־דיגע בריוולעך אין די „גוטע“ אַלטע טעג, ווען „ק“ און „ג“ זיינען דאַ געוועזען. מיר פעהלט אונזער קאָרעספּאָנדענץ. עס זיינען דאַ

איינינע אינטעליגענטע ארעסטאנטען אין דער אבטיילונג, אבער זיי זיינען ניט פאראינטערעסירט אין די געדאנקען וואס זידען אינווייניג אין מיר און זוכען אן אויסדרוק. די הויפט פראגע פון לאקאלע אינטערעסען איצט (נאטירליך, נאך די געוועהנליכע שמור־עסען פון דעם עסען, פרויען, קינדער, און זייער געזונד און זייערע צרות) איז די שפאנישע מלחמה און דאס נייע עסס־צימער, וואו די שאפ־ארבייטער וועלען געשפייזט ווערען אלע מיט אמאל, פון פארצעלייענע כלים, שטעלט זיך פאר! א טייל פון די ארעס־טאנטען זיינען גוואלדיג פאטריאטיש; אנדערע באגריסען די מלחמה אלס א זאך, וואס וועט ברענגען לייכט פארדיענטע געלט און א סך אויפרעגונג. איהר געדענקט דאך יאנג באטש און זיינע שותפים, מורטהא, טאממי, און אזוי ווייטער. זיי זיינען דא ניט לאנג באפרייט געווארען, צו אויסגעמארעט און געבראכען אין געזונט צו זיין פאסיג פאר שווערע ארבייט. אלע האבען זיי ער־קלערט, אז זיי האבען בדעה זיך אנשליסען אן דעם אויפשטאנד; א טייל פארשרייבען זיך אין דער רעגולערער ארמיי פאר'ן קריעג. באטש איז שוין אין קובא. איך האב געהאט א בריעף פון איהם. פאראן דארט א שטעל, וואס איז טראגיש כאראקטעריסטיש. ער דערמאנט א שיסעריי, אין וועלכער ער האט אנטייל גענומען. „מיר האבען געשאסען א סך שפאניער“, שרייבט ער, „מעהר־סטענס פון הינטער די קוסטארניקעס; ס'איז געווען א גרויסער ספארט“. דאס איז די שטעלונג פון דעם מיליטערישען וואגאנ־טיוריסט, וועמען א הייליגע זאך, ווי דער אויפשטאנד אין קובא, גיט אונגליקליכערווייזע די געלעגענהייט צו באפרידיגען זיין לוסט נאך בלוט. באטש איז געווען זעהר אן ערדעלער יונג, ווען ער איז אריינגעקומען אין געפענגניס. אבער ער האט בייגעוואוינט פיעל הארצלאזיגקייט און גרויזאמקייט אין משך פון זיין דריי יאהריגען טערמין.

דער בריעף ווערט שוין צו לאנג. גוטע נאכט.

א.

## קאַפּיטעל 31.

# „מיר פוילען און פוילען, פון אַלעמען פאַרגעסען“

### 1.

אַ יאָהר פון איינזאַמקייט האָט אַ תּל געמאַכט פון מיין געזונד, און האָט מיך איבערגעלאָזט שוואַך און אויסגעמאַטערט. מיינע ערוואַרטונגען געהאָלפען צו ווערען פון פאַלשטענדיגער אָפּגעזונדערטקייט, האָבען זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט. דאָס לעבען איז פאַרביטערט, אַנגעפילט מיט פאַרצווייפלונג, פיהלענדיג, ווי טאָג נאָך טאָג פאַרלאָזען מיך די כוחות; די לאַנגע נעכט פייניגען מיט שלאָפלאָזיגקייט; מיין קערפּער ווערט געבראָכען פון שטענדיגע יסורים. מיין האַרץ איז פול מיט פינסטערניש.

אַ שיין פון ליכט ברעכט דורך די וואָלקענס, ווען די זיצונג פון דער „פּאַרדאָן באָארד“ דערנעהנטערט זיך. איך כאַפּ זיך אָן פאַרצווייפעלט אָן דער שוואַכער האָפנונג פון אַ גינסטיגער ענטשיידונג. מיט פיבערישער אויפרעגונג לעז איך די בריעף פון דער מיידעל, וועלכע אָטהעמען מיט מונטערקייט און ערמוטהיגענדע נייעס. מיין אַפּליקאַציע ווערט אונטערשטיצט פון צאָהלרייכע אַרבייטער קערפּערשאַפטען, שרייבט זי. גענאָסע הערי קעלי איז געוועזן אונערמידליך פון מיינעטוועגען; דער ערפאָלג פון זיינע באַמיהונגען אויפצוּוועקען עפענטליכע סימפּאַטיע זאָגט פאָראויס גוטע אויסזיכטען פאַר מיין אַפּליקאַציע. די פאַראייניגטע אַרבייטער ליעג פון פּענסילוויינא, וועלכע פאַרטרעט איבער הונדערט טויזענד אַרבייטער, האָט אַנגענומען אַ רעזאָלוציע צו גונסטען פון מיין באַפרייאונג. צוזאַמען מיט אַנדערע עהנליכע אָרויסטרע-

טונגען, אינדיווידועלע און קאלעקטיווע, וועט עס פארגעלעגט ווע־
רען פאר דער „פארדאן באארד", און עס ווערט מיט זיכערקייט
ערווארטעט, אז די רעגירונגס־בעאמטע וועלען ניט איגנארירען
די שטימע פון די ארגאניזירטע ארבייטער. אין אן אויפברויזונג
פון אנגסטליכער ערווארטונג און האפנונג צעהל איך די טעג און
די שטונדען, געררייצט פון אונגעדולד און מורא, וואס נעהענטער
איך קום צום פאטאלען מאמענט. זעהונגען פון פרייהייט פלא־
טערען פאר מיר, פארהערליכט פון דער באגעגעניש מיט דער
מיידעל און מיט מיינע פריהערדיגע קאמפאניאנען, און איך ציטער
אזש פאר פרייד ביים געדאנק וועגען דאס צוריקקומען צו דער
וועלט, בעת איך שפאן ארום אומרוהיג איבער דער צעלע אין דער
שטילקייט פון דער נאכט.

דער געדאנק פון מיינע געפענגניס פריינד פארטונקעלט מיינע
זעהונגען. מיט דער צארטקייט, וואס ווערט געבארען פון געמיינ־
שאפטליכע ליידען, טראכט איך וועגען זייער שיקזאל, באשליסענ־
דיג ביי זיך צו באלייכטען זייערע לעבענס מיט קליינע באקוועמ־
ליכקייטען און בריעף, וואס האבען אזא באדייטונג פאר יעדען
ארעסטאנט. מיין ערשטע טהאט אויף דער פריי וועט זיין צו
דענקען וועגען די מענשען, וואס זיינען מיר געווארען נאהענט
דורך דער פערוואנדשאפט פון ליידען, די אומגליקליכע, וואס זיינען
מיר טייער געווארען דורך דער ערוואכטער סימפאטיע און מיט־
לייד. פאר אזוי פיעל יאהרען האב איך געטהיילט מיט זיי די
ליידען און די ווייניגע פריידען פון געפענגניס־לעבען, איך פיהל
זיך כמעט שולדיג זיי צו פערלאזען. אבער פון היינט אן וועט
זייער זאך זיין מיינע, א לעבעדיגער טייל פון דער גרעסערער,
סאציאלער זאך. עס וועט זיין מיין שטענדיגער שטרעבען צו פאר־
בעסערען זייער לאגע, און איך וועל זיך אנשטרענגען צו טאן
אלץ פאר מיין קליינעם פריינד פעליפע, איך מוז אויסווירקען
זיין באפרייאונג. ווי גליקליך וועט דער יונג זיין זיך צו באגעג־
גענען מיט מיר אויף דער פריי!... דאס אויפשיינען פון דער
טונקעלער לאמטערנע צוטרייבט מיינע פאנטאזיעס, און ווידער
שפאן איך אום איבער דער צעלע אין מורא'דיגען צווייפעל און
ברענענדיגער האפנונג פון דעם מארגענדיגען אורטייל.

מיטאג־צייט ווער איך גערופען צום פארוואלטער. ער האט

אודאי ערהאלטען עפעס נייעס פון דער „באארד", — טראכט איך אויפ'ן וועג געהענדיג. דער קעפטיין איז אויסגעצייגען אין ארעם־שטול, זיינע אויגען גלאנצען, זיין צוקארבטער פנים איז געל און פארזארגט. מיט אנשטרענגונג קאנטראליר איך מיין אומגעדולד, ווען ער בעט מיך זיצען. ער הייסט דעם וועכטער ארויסגעהן, און א ווילדע האפנונג ציטערט אין מיר. ער האט ניט מורא, — פיליכט גוטע נייעס!

„זעצט זיך, בערקמאן", ער רעדט מיט אונגעוועהנליכער ליעב־ליכקייט. „איך האב נאר וואס ערהאלטען א בריעף פון העריס־בורג. אייער אדוואקאט בעט מיך מיטצוטיילען, אז די „פארדאן באארד" איז שוין צוגעקומען צו אייער פאל. וואהרשיינליך איז עס אונטער באטראכטונג אין דיזען מאמענט".

איך בלייב שטיל. דער פארוואלטער מעסט מיך אפ מיט די אויגען.

„איהר וואלט זיך צוריקגעקעהרט קיין ניו יארק, ווען איהר ווערט באפרייט?" פרעגט ער מיך.

„יא".

„וואס זיינען אייערע פלענער?"

„כ'וויים... איך האב נאך ניט געמאכט קיין באשטימטע פלע־נער".

„איהר וואלט געגאנגען צוריק צו אייערע אנארכיסטישע פריינד?"

„זיכער".

„איהר האט ניט געענדערט אייערע אנזיכטען?"

„פאר קיין פאל ניט".

דער שליסעל־האלטער קומט אריין.

„קעפטיין, אויף אפיציעלע פארהאנדלונג", באריכטעט ער.

„ווארט א מינוט, בערקמאן", באמערקט דער פארוואלטער, ארויסגעהענדיג.

דער באאמטער פארבלייבט.

אין עטליכע מינוט ארום קומט דער פארוואלטער צוריק, מא־כענדיג א באוועגונג צום וועכטער ער זאל ארויסגעהן.

„מען האט מיר ערשט געלאזט וויסען, אז די „באארד" האט אייך ענטזאגט א פארהער".

איך פיהל ווי א קאלטער שוויים לויפט איבער מיין רוקען. די קלאנגען, וואס זיינען ארומגעגאנגען אין געפענגניס וועגען דעם פארוואלטער׳ס ארייננמישען זיך, בליצען דורך אין מיין מוח. די „באארד״ האט צוגעזאגט צו געבען נאך א פארהער ביי דער פריהער־דיגער אפליקאציע, — פארוואס די דאזיגע ענטזאגונג?

„פארוואלטער״, רוף איך אויס, „איהר זיינט ארויסגעטראטען געגען מיין באגנאדיגונג!״

„אזא האנדלונג ליגט אין די הענט פון די אינספעקטארס״, ענטפערט ער מר אויף אן אויסמיידענדיגען אופן. די אייגענאר־טיגע באטאנונג פארשטארקט מיין פארדאכט.

א געפיהל פון האפנונגסלאזיגקייט נעהמט מיך ארום. איך דערפיהל דעם פארוואלטער׳ס בליק אנגעשטעלט אויף מיר, און איך שטרענג זיך אן צו קאנטראלירען מיין אויפרעגונג.

„וויפיעל צייט איז אייך נאך פארבליבען?״ פרעגט ער.

„איבער עלף יאהר״.

„ווי לאנג זיינט איהר דאס מאל איינגעשלאסען?״

„זעכצעהן מאנאטען״.

„פאראן א וואקאציע אין אייער אפטהיילונג. דער געהילף פון קארידאר־מאן געהט מארגען אהיים. איהר וואלט וועלען די שטעלע?״ דערביי קוקט ער אויף מיר מיט נייגעריגקייט.

„יא״.

„איך וועל עס באטראכטען״.

איך הויב זיך אויף א שוואכער, נאר ער האלט מיך צוריק:

„אנו, בערקמאן, גיט נאר א קוק אויף דעם״.

ער באווייזט מיר א קליין הילצערן קעסטעל, פון וועלכען עס האבען זיך ארויסגעזעהן עטליכע פורעמס פון גיפס. איך וואונדער זיך איבער זיין מאדנער האנדלונג.

„ווייסט איהר, וואס דאס איז?״ פרעגט ער.

„גיפסענע פורעמס, דענק איך״.

„פון וואס? צו וואס פאר א צוועק?״ קוקט זיך אין זיי גוט איין״.

איך קוק גלייכגילטיג אויף די פורעמס, וואס האבען געהאט אויף זיך א דייטליכען אפדרוק פון אן אדלער.

„איך דענק, אז דאס איז א פורעם פון א זילבערנעם דאלער״.

„איך בין צופרידען, וואס איהר זאגט דעם אמת. איך האב נים געצווייפעלט, אז איהר ווייסט. איך האב אונטערזוכט אייער ביבליאטעק־רעקארד און האב אויסגעפונען, אז איהר האט געליהען ביכער איבער מעטאלורגיע".

„איהר האט פארדעכטיגט מיך אין דעם?" צינד איך זיך אן.

„ניין, ניט דאס מאל", ענטפערט ער מיט א פיעלבאדייטענדען שמייכעל. „איהר האט פאקטיש געליהען יעדען בוך פון ביבליאטעק. איך האב געהאט א געשפרעך מיט'ן גייסטליכען, און ער איז איי־בערצייגט, אז איהר קאנט ניט זיין שולדיג אין פעלשונג, ווייל דאס וואלט געהייסען בארויבען דאס ארעמע פאלק".

„דאס לעזען פון מיינע בריעף האט געמוזט באקענען דעם גייסטליכען מיט אנארכיסטישע אידעען".

„יא, מר. מיליגען האט פון אייך א הויכע מיינונג. אהר קענט זיין געגען דער פארוואלטונג, אבער ער פארזיכערט מיר, אז איהר וואלט ניט געהאלפען אזא פארברעכען".

„מיך פרעהט עס צו הערען".

„אויב אזוי וואלט איהר פערטהיידיגט די פעדעראלע רעגירונג. הייסט עס?"

„איך פארשטעה אייך ניט".

„איהר וואלט באשיצט דאס פאלק פון ווערען באשווינדעלט דורך געפעלשטע געלט?"

„די רעגירונג און דאס פאלק זיינען ניט איינס און דאס זעלבע".

עטוואס אויפגעפלאמט און ווי פארביטערט, פרעגט ער: „אבער איהר וואלט באשיצט די ארעמע?"

„יא, געוויס".

זיין פנים שיינט אויף. „אה, געוויס, געוויס", שמייכעלט ער. „אט די פורעמס האט מען געפונען באהאלטען אין דער צפון־אפ־טיילונג. ניין; ניט אין א צעל, נאר אין קארידאר. מיר פארדעכ־טיגען א געוויסען מאן. דאס איז עד סלאון; ער געפינט זיך צווי רייהען איבער אייך. נו, בערקמאן, די פארוואלטונג איז זעהר נייגעריג אויסצופארשען גרינדליך די גאנצע זאך. עס איז א פאר־ברעכען געגען דאס פאלק. איהר האט פיליכט געהערט סלאונען ריידענדיג צו זיינע שכנים וועגען דעם?"

„ניין. איך בין זיכער, אז איהר פארדעכטיגט אן אונשולדיגע פערזאן“.

„ווי אזוי?“

„סלאון איז זעהר א קראנקער מענש. דאס איז די לעצטע זאך פון וואס ער וואלט געטראכט“.

„נו, מיר האבען געוויסע אורזאכען איהם צו פארדעכטיגען. אויב אייך וועט אויסקומען צו הערען עפעס וועגען דעם, קלאפט נאר אן טיר און לאזט וויסען די בעאמטע אז איהר זיינט קראנק. זיי וועלען אנגעזאגט ווערען צו שיקען גלייך נאך מיר“.

„איך קען דאס ניט טאן, פארוואלטער“.

„פאר וואס ניט?“ פרעגט ער.

„איך בין ניט קיין שפיאן“.

„נו, זיכער ניט, בערקמאן. איך וואלט אייך גאר ניט געבעטען עס צו ווערען. אבער איהר האט פריינד אויף דער אפטיילונג, איהר קענט עפעס אויסגעפינען. נו איבערלעגט זיך וועגען דעם“, גיט ער צו מיט א וואונק, אז איך קאן געהן.

ביטערע ענטוישונג פון דער „באארד׳ס“ האנדלונג, אויפגעבראכטקייט איבער דעם פארוואלטער׳ס פארשלאג, ראנגלען זיך אין מיר, ווען איך דערגרייך מיין צעל. דער וועכטער האלט ביים פארשליסען מיך, ווען דער „דעפיוטי װאַרדען“ שפאנט אריין אין דער אפטיילונג.

„בעאמטער, שליסט איהם אויף“, גיט ער א באפעהל. „בערקמאן, דער קעפטיין זאגט, אז איהר וועט זיין דעם אויפזעהער׳ס געהילף דא אין דער אפטהיילונג. ווענדט זיך צו מיסטער מעקילוויין נאך א בעזים“.

## 2.

די אונערווארטעטע ערלייכטערונג פארשטארקט די האפנונג אויף פרייהייט. לעגאלע מעטאדען העלפען ניט, אבער איצט זיינען מיינע געלעגענהייטען צו אנטלויפען מעהר גינסטיג. באדייטענדע ענדערונגען זיינען פארגעקומען אין דער צייט פון מיין איינזאמקייט, און די ערשטע נויטווענדיגקייט איז געוועזן צו אריענטירען זיך.

מאַנכע פון מיינע פאַרטרויטע זיינען באַפרייט געוואָרען; אַנדערע זיינען אין דער צייט פון די אויספאַרשונגען איבערגעפיהרט געוואָרען צום דרום-פליגעל, כדי איבערצוריייסען מיינע פאַרבינדונגען מיט זיי. נייע מענשען זיינען אין צעל-הויז, און עס פעהלען מיר אַ סך פון מיינע חברים. די נידעריגע העלפט פון די אונטערשטע אָפּטיילונגען „איי״ און „קיי״ איז איצטער אויסשליסליך פאַרנומען פון משוגעים, זייער צאָהל האָט זיך בעדייטענד פאַרמעהרט. דער אָרעמער ווינגיע איז פאַרשוואונדען. ווערענדיג משוגע ביז ווילדקייט, האָט מען איהם נאָכאַנאַנד געוואָרפען אין פינסטערען קעלער, און ענדליך פאַרשיקט אין אַ משוגעים-אַנשטאַלט. דאָרטען איז מיין אומגליקליכער פריינד געשטאָרבען אין צוויי חדשים אַרום. זיין צעל איז איצט פאַרנומען פון „איירישׁ מייק״, אַ גוט-האַרציגער יונג, וואָס איז געוואָרען אידיאָטיש דורך איינזאַמער פאַרשפּאַרונג. ער טאַנצט אַרום אויף אַלע פיער, מעקענדיג: „בע, בע, זעהסט די ציג. איך בין די ציג, בע, בע״. איך שוידער אויף פון דעם שיקזאַל וואָס איך האָב אויסגעמידען, ווען איך קוק אויף די בעקאַנטע געזיכטער וואָס האָבען אַזוי געשיינט מיט אינטעליגענץ און יוגענד, און וועלכע גלאָצען איצטער אויף מיר פון דער „משוגעים-רייה״, מיט ווילדע און טויטע אויגען, וועמעס מוחות זיינען ערשיטערט און וועמעס קערפּערס זעהען אויס ווי שאָטענס. מיין האַרץ בלוטיגט, ווען איך באַגרייף, אַז „סיד״ און „ניק״ דערקענען מיך ניט, אַז זייער זכרון איז בלאַנק, פוסט; און פּעטסי, דער פּיטסבורגער שיך-פּוצער, שטעהט ביי דער טיר, באַוועגלאָז, קוקט מיט זיינע גלעזערנע אויגען און זיינע ליפּען זיינען פאַרפראָרען אין אַ פּוסטען שמייכעל.

פון צעל צו צעל געה איך דורך דעם בית-עולם פון לעבעדיגע מתים, די שטילקייט ווערט נאָר אונטערבראָכען פון אונאויפהערליכע ווילדע אויסגעשרייען און דעם האַרצרייסענדען מעקען פון מייק׳ן. דעם גאַנצען טאָג זיינען די דאָזיגע מענשען פאַרשלאָסען, באַרויבט פון באַוועגונג און צושטרייאונג, זייערע שפּייז-פּאַרציעס פאַרקלענערט פאַר זייער „אונגעהאָרכזאַמקייט״. נייע משוגעים-פעלע קומען נאָכאַנאַנד צו פון די אַרעסטאַנטען-רייהען, וועלכע זיינען געצוואונגען אַרומצוגעהן ליידיג און וועלכע ווערען געהאַלטען פאַרשלאָסען אין איינזאַמקייט. דער אַנבליק פון די שרעקליכע

יסורים גיט צו כמעט א פונק פון טרייסט צו מיין טרויער נאך דזשאני דייוויס. מיין יונגער פריינד איז קראנק געווארען אינ׳ם מיסטקאסטען. ער האט זיך געבעטען מען זאל איהם נעהמען אין האספיטאל; אבער זיין צושטאנד האט ניט באוויזען, אז עס איז נויטיג, האט דער דאקטאר געזאגט. דערצו נאך איז ער געווען „אונטער שטראף“. ארעמער יונג, וואס פאר א יסורים ער האט דאס געמוזט איבערטראגען! זיי האבען איהם געפונען א טויטען אויפ׳ן דיל פון זיין צעל.

מיין קערפער קריגט צו פרישע כוחות מיט די באוועגונגען און מיט דער פארגרעסערטער פרייהייט וואס איך האב אלס גע־הילף־אויפזעהער פון דער אפטיילונג. די שלויע האפנונג פונ׳ם „ווארדען“ מיך אונטערצוקויפען האט זיך אויסגעלאזט צו מיין טובה. איך שמייכעל מיט פאראכטונג פון זיין נידערטרעכטיגער אפשאצונג פון דער מענשליכער נאטור, וואס האט זיך אויסגע־ארבייט דורך א לאנגען לעבען פון קארופציאן און היפאקריטסטווע. ווי טרויעריג איז די פלאכקייט פון דער אלגעמיינער מיינונג! „ווארדען“ רייט ווערט גערעכענט פאר א פראגרעסיווען מענשען, פאר א טיפען קענער פון קרימינאלאגיע, וועלכער האט איינגע־פיהרט מאדערנע מעטאדען אין דער באהאנדלונג פון ארעסטאנטען. אלס אויסדרוק פון רעספעקט און אנערקענונג, האט די „נייישאנאל פריזאן אסאסיאיישאן“ אויסגעקליבען קעפטיין רייט אלס א דעלע־גאט צום אינטערנאציאנאלען קאנגרעס אין בריוסעל, וועלכער דארף פארקומען אין יאהר 1900. און די גאנצע צייט קלעהרט ער אויס נייע פארמען פון מאטערניש, פון פייניגונג, ענטזאגענדיג דאס געבעט פון די ליידיג־געהענדע מענשען פאר א ביסעל באוועגונג, אנשטרענגענדיג זיינע גרעסטע באמיהונגען צו פארגרעסערן קראנק־הייט און משוגעת, אין דעם פארזוך צו צווינגען, אז דער „ארעס־טאנטען־ארבייט־געזעץ“ זאל צוריקגעצויגען ווערען. די קינדעריי פון זיין ארט דענקען פילט מיך אן מיט פאראכטונג: דער אלגע־מיינער סענטימענט וועגען דער קאנקורענץ פון דער ארעסטאנטען־ארבייט מיט דער דרויסענדיגער ארבייט האט ארומגעכאפט דעם גאנצען שטאאט; די באמיהונגען פונ׳ם „ווארדען“, ווי שעדליך

זיי זאָלען ניט זיין פאַר די אַרעסטאַנטען, זיינען פאַראורטיילט צו אַ דורכפאַל. ניט ווייניגער דום איז די זעלבסטגענאַרטקייט פון זיין באַריהמערישער ערפאַהרונג פון דרייסיג יאָהר. דער זעלבסט־צוטרויליך אויסגעדריקטער פאַרדאַכט געגען עד סלאָון אין באַצוג צו דער פעלשונג, האָט זיך אַרויסגעצייגט צו זיין פוסטע רעדעריי. דער אמת׳ער שולדיגער איז באָב רוניאָן, דער „טראַסטי" וואָס וואַרעמט זיך אין דעם פאַרוואַלטערס ספּעציעלע חסדים. זיין אינטימער פריינד, דזשאָן סמיטה, דער עדות און דער „פראָטעזשע" פון טאַרענס האָט מיר פאַרטרויט די גאַנצע מעשה, אין אַ לעצטען פאַרזוך „אַרויסצוקריכען ריין". ער האָט מיר אפילו געוויזען די מטבעות וואָס רוניאָן האָט געמאַכט, צוזאַמען מיט די אָריגינעלע פורעמס וואָס זיינען אויסגעגאָסען געוואָרען אין זיין צעל. און דער אָרעמער סלאָון, נאָך אַלץ אונטער באַוואַכונג, שטאַרבט פאַמעלעך אָפּ פון פערנאַכלעסיגונג; דער דאָקטאָר באַשולדיגט איהם אַז ער עסט זייף, כדי צו פּראָדוצירען סימפּטאָמען פון קראַנקהייט.

## .3

דאָס יאָהר געהט פאַרביי אין אַ פאַרשיידענאַרטיגקייט פון אינטערעסען. דאָס מיידעל און עטליכע ניי־צוגעקומענע קאָרעספּאָנדענטען האַלטען אויף דעם פאָדים וואָס פאַרבינדעט מיך מיט דעם דרויסענדיגען לעבען. דער „צווילינג" האָט זיך ביסלעכווייז צוריקגעצויגען פון אונזערע ניו יאָרקער קרייזען, און איז איצטער איינגאַנצען פאַרטונקעלט אויף מיין האָריזאָנט. אָבער דאָס מיידעל איז פעסט און איבערגעבען, און איך וואַרט מיט שאַרפען אינטערעס אויף איהרע רעגעלמעסיגע בריעף. זי לאָזט מיר שטענדיג וויסען וועגען די געשעהענישען אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער באַוועגונג, נייעס, וואָס פעהלט כמעט איינגאַנצען אין דער טעגליכער פרעסע. מיר דיסקוטירען איבער די רעוואָלוציאָנערע ערשיינונגען פון דער צייט, און איך דערוויס זיך מעהר איינצעלהייטען וועגען פּ אַ ל אַ ס און ל ו ק ע נ י, וועמעס טהאַטען האָבען לעצטעןווינטער אַריינגעוואָרפען אייראָפּאַ אין אַ ווירבעל פון אויפרעגונג. איך דורשט נאָך נייעס וועגען דער אַגיטאַציע געגען די פייניגונגען אין מאָנטכואיטש; די אויפלעבונג פון דער

אינקוויזיציע דערוועקט אין מיר דעם גייסט פון פארגעלטונג און טיעפען מיטלייד צו מיינע פארפאלגטע קאמעראדען אין דער שפא־נישער באסטיליע. אונטער דעם איינגעהאלטענעם טאן פון איהרע בריעף, לעז איך דער מיידעל׳ס ליידען און שמערץ, און איך פיהל דעם הארצוועהטאג פון איהרע ניט אויסגעדריקטע פערזענליכע זאר־גען.

אין א קורצער צייט ארום דערוויס איך זיך, אז עטליכע פרא־מינענטע פערזאנען, וואס זיינען פאראינטערעסירט אין מיין פאל, באמיהען זיך צו קריגען קארנעגי׳ס אונטערשריפט פאר א באניי־טער אפליקאציע צו דער „באארד און פארדאנס“. דאס מיידעל גיט איבער די נייעס פארזיכטיג; די אבוועזענהייט פון קאמענ־טארען אנטפלעקט פאר מיר די נשמה־ליידען וואס דער שריט האט איהר פאראורזאכט. וואס פאר א שרעקליכע פארצווייפלונג האט געבוירען דעם פארשלאג? וואונדער איך זיך. ווען דער פראיעקט פון דעם אונטערערדישען אנטלויפען וואלט דורכגעפיהרט געווארען, וואלטען מיר ניט געדארפט ליידען אזא ערנידערונג. פארוואס האבען מיינע פריינד איגנארירט דעם פלאן מיט אלע איינצעלהייטען, וואס איך האב זיי פארגעלייגט דורך קארלען? איך בין זיכער אין דער מעגליכקייט און ערפאלג פון דעם פלאן, ווען מיר זאלען נאר קאנען צונויפזאמלען די נויטיגע געשיקט־קייט און די הוצאות. די פיינדליכע שטימונג פון די געפענגניס־בעאמטע מאכט פאראויס אונמעגליך דעם געדאנק פון לעגאלער באפרייאונג. דער אונטערערדישער וועג, זעהר שווער און קאסט־באר ווי דאס איז, בלייבט די איינציגע האפנונג. דאס מוז בא־גריפען ווערען. אזוי ווי מיינע געהיים־פריוואטע פארבינדונגען זיינען איבערגעריסען געווארען דורך מר. שראובע׳ס ציטווייליגער אבוועזענהייט, גיב איך איבער די דאזיגע געדאנקען אין פאר־שטעלטע אנצוהערענישען דורך דער אפיציעלער פאסט צו דער מיידעל. אבער איך האלט מיך צוריק פון ארויסטרעטען געגען דער קארנעגיע אידעע.

אנדערע אינטערעסאנטע זאכען דערוויס איך זיך פון דער קא־רעספאנדענץ מיט פריינד אין פילאדעלפיא און פיטסבורג. קארל׳ס אפטע בריעף, וועלכע האבען נאך אלץ דערמאנט וועגען זיין אויפ־האלטען זיך אין ריווערסייד, נעהמען מיך דורך מיט פרייד איבער

דער אַקטיווער פּראָפּאַגאַנדאַ און זיין ערפאָלג אַלס פאָלקס־רעדנער. וואָלטערין דע־קלער און סאַראַ פאָטאָן גיבען צו פאַרב צו מיין עק־זיסטענץ מיט זייערע לאַנגע בריעף, פול מיט צויבערליכען רייץ און רעבעלישען גייסט. זעהר אָפט פאַרטראַכט איך זיך איבער דעם וואונדער, וואָס מיינע בריעף געהען פאַרביי דעם צענזורס אויגען. אָבער דער גייסטליכער איז אַ פאַרנומענער מענש, און דאָס פאַרזיכטיגע לעזען פון יעדען בריעף וואָלט ביי איהם צוגענו־מען צופיעל צייט. די קאָרעספּאָנדענץ מיט מאַטי גיב איך איבער צו מיין שכן פאַסקואַלע, אַ יונגער איטאַליענער, פאַראורטיילט אויף זעכצעהן יאָהר, וועלכער האָט ענטוויקעלט אין זיך אַ ווילדע ליידענשאַפט צום שעהנעם געזיכט אויף דער פאָטאָגראַפיע. די שעלמישע אויגען און די זיסע ליפּען מאַכען אַ פאַרביילויפיגען איינדרוק אויף מיר. מיינע געדאַנקען ווענדען זיך צו דזשאָהני'ן, מיין יונגען פריינד אין דעם אָרעסטאַנטען־קבר. די ערד איז פער־שאָטען מיט טיעפען שניי; ס'מוז זיין קאַלט אונטער דער ערד. די ווייסע תכריכים נעהמען שטיף אָרום, דריקען שווער דעם פּאַרלאָרענעם, עלענדען יונג, אַזוי ווי די שטיקענדע נאַכט אין דער „קאַרב־צעלע“. אָבער אין פריהלינג וועלען שפּראָצען קליינע, גרינע גרעזלעך, און פיליינט וועט אַ קנאָספּ פון אַ רויז ציטעריג פּלאַצען און זיך פאַנאַנדערבליהען ווייס און פאַרפיומירען די לופט, און גיסען הערבסטיגע טרערען אויף דזשאָהני'ס אָרעסטאַנטען־קבר.

## קאַפּיטעל 32.

# די קרומקייט פונ׳ם רעפאָרם־געזעץ.

14טער פעברואַר, 1899.

טייערער קאַראַלוס!

די גריכען האָבען געהאַלטען זייערע געטער פאַר להכעיס׳דיגע באַשעפענישען. ווען זאַכען הויבען אַן אויסקוקען ליכטיגער ווערען זיי אַנגעפילט מיט קנאה. ווערסט זיין איבערראַשט, — הערר שראָובע האָט זיך פאַרוואַנדעלט אין אַ שונא. מעהרסטענטיילס מיין אייגענע שולד; דאָס איז די הויפּט צרה. דאָס וועט דיר ערקלערען דעם דורכפאַל פונ׳ם פריהעריגען געהיים־פּריוואַטען וועג. דער איצטיגער איז זיכער, אָבער זעהר צייטוויילּיג.

דאָס האָט פּאַסירט לעצטען הערבסט. פון אַ געהילף בין איך דערהויבען געוואָרען צו דעם קאָרידאָר־מאַן, האָבענדיג די אויפזיכט איבער דער „משוגעים־רייה״, אין דער אָפּטיילונג „איי״. אַ נייער באַפעהל האָט פאַרקלענערט די פּאָרציעס פאַר די משוגעים, — קיין קאָרן־ברויט, קעז, אָדער געהאַקטע פלייש; בלויז ברויט און קאַפע. אַלס אויפזעהער איבער דער אָפּטיילונג, העלף איך צו „שפּייזען״, און איך האָב געוועהנליך איבערגעבליבענע „עקסטראַס״ אויפ׳ן וועגעלע, — אימיצער ווערט קראַנק, אָדער זאָגט זיך אָפּ פון עסען, און אַזוי ווייטער. איך פלעג פאַנאַנדערטיילען די עקסטראַס בשתיקה צווישען די אַרעסטאַנטען, וועלכע זיינען באַרויבט געוואָרען פון דעם. איין טאָג, פּונקט פאַר ווייהנאַכט, האָט אַ בעאַמטער צופעליג באַמערקט פּעטסי׳ן קייענדיג אַ שטיקעל קעז. דער אָרעמער יונג איז אַ פאָלשטענדיגער אידיאָט; ער האָט ניט גענוג פאַרשטאַנד צו באַהאַלטען זיך מיט דעם וואָס איך האָב

איהם געגעבען. נו, דו ווייסט גאַנץ גוט, אז „קאַרנבּרויט טאָם" האָט מיך ניט ליעב. ער האָט מיך גע'מסר'ט. איך האָב זיך פאַר'ן פּאַרוואַלטער מודה געווען, און איך האָב איהם געפּרואווט דערצעהלען, ווי הונגעריג די מענשען זיינען געוועזן. ער האָט ניט געוואָלט הערען דערפון, טענה'נדיג אז די משוגעים טאָרען ניט „איבּערפּילען" זייערע מאַגענס, און האָט באַפוילען מיך איינצו־שליסען. אין א מאָנאַט אַרום בין איך ווידער אַרוים, און שטעל זיך פאַר מיין איבּעררַאשונג, ווען שראָובּע האָט זיך ענטזאָגט צו ריידען מיט מיר. אין אָנפאַנג האָב איך ניט געקענט דערגרונטע־ווען דעם סוד; שפּעטער האָב איך אויסגעפונען, אז ער איז גע־טאָדעלט געוואָרען, פאַרלירענדיג צעהן טעג געהאַלט, פאַר „ער־לויבען" מיר צו שפּייזען די משוגעים. ער האָט גאַרנישט געוואוסט פון דעם, פאַרשטעהט זיך, אָבּער צו יענער צייט האָט ער געהאַט די ספּעציעלע אויפזיכט איבּער דער „משוגעים־רייה". אַט דער שראָובּע האָט זיך באַקלאָגט פאַר מיינע פריינד, אז איך האָב איהם אבזיכטליך אריינגעשלעפּט אין א צרה. זיינע טענות נעהרט ער מיט א סך פאַרביטערטקייט; ער האָסט מיך וואַרשיינליך, מיט א האַס, וואָס מיר פּיהלען צו יענע, וועלכע ווייסען אונזערע סודות. אָבּער ער באַגרייפט, אז ער האָט ניט וואָס מורא צו האָבּען פאַר מיר.

א סך ענדערונגען זיינען דאָ פאָרגעקומען, זינט דו ביזט אַרויס פון דאַנען. וואָלסט קוים דערקענט די אָפּטיילונג, ווען דו וואָלסט זיך צוריקגעקעהרט (פונדעסטוועגען בלייב בעסער אין דרויסען). מען קען שוין מעהר ניט ריידען דורך די שמוץ־רעהרען; די נייע אָפּטרעטען האָבּען שטעהענדיגע וואַסער. עלעקטריציטעט פאַר־נעהמט ביסלעכווייז דעם אָרט פון וועקסענע ליכט. דאָס בליש־צענדיגע ליכט מאַכט מיך באַלד בלינד, און די באַנייאונג האָט באַשאַפען א נייעם פּראָבּלעם: ווי צו פאַררויכערען אונזערע ליול־קעס. מען גיט אונז די זעלביגע מאָנאָטליכע פּאָרציע פון שוועב־בעלאַך; יעדעס קעסטעלע דאַרף באַשטעהן פון 30, אָבּער גע־וועהנליך פאַרמאָגט עס 27; און לעצטען מאָנאַט האָב איך באַקו־מען בלויז 25. איך האָב פּראָטעסטירט, אָבּער עס איז געווען אומ־זיסט. דאָס ערגסטע איז, וואָס א גאַנץ דריטעל פון די שוועבעלאַך זיינען פייכט און צינדען זיך ניט אָן. בעת מיר האָבּען באַנוצט

ליכט, האבען מיר זיך ווי ניט איז דורכגעשלאגען, אויסבארגענדיג פון צייט צו צייט עטליכע שוועבעלאך פון די ניט־רויכערער. אבער איצטער, אז די ליכט זיינען אפגעשאפט, איז די שוועריגקייט זעהר און ערנסטע. איך שפאלט יעדעס שוועבעלע אויף פיער; צייטענ־ווייז געלינגט מיר צו מאכען זעקס. אין דער אפטהיילונג געפינט זיך איינער וואס איז א קינסטלער דערויף: ער קען צוטיילען איין שוועבעלע אויף גאנצע אכט; און אלע דיענען גוט. ניט קוקענ־דיג דערויף, איז ביי אונז א הונגער אויף שוועבעלאך, און איך בין געוועזען געצוואונגען אומצוקעהרען זיך צו דער שטיין־פעריאדע: מיט קרעמען און צונטער ציה איך ארוים פייער פון פ ר א מ ע־ ט ה ע א ו ס׳ן.

דאס עס־צימער איז אין פולען גערויש. דאס אויסזעהן פון א טויזענד מענשען, איבערגעבויגען איבער זייער עסען אין פאלשטענ־דיגען שווייגען, מיט בעאמטע ארום יעדען טיש, גיט ווינציג צו אפעטיט צום עסען. אבער אין דער צייט פון דער שפאנישער מלחמה איז דער פלאץ געווען עהנליך צום צעלען־הויז אין א ערב ניי־יאהר. דער פאטריאטישער „ווארדען״ האט טעגליך פאר־געלעזען פאר די עסענדע די לעצטע קריגס־נייעס, און אזוינע ווילדע הורא־געשרייען האסטו נאך קיינמאל ניט געהערט. איבערהויפט האט האבסאנ׳ס העלדענטהאט אנגעצונדען אין זיי דעם גייסט פון דזשינגאאיזם. אבער דער ענטוזיאזם האט זיך פלוצלינג אפגע־קיהלט, ווען די ארעסטאנטען האבען באגריפען, אז זיי האבען אומ־זיסט פארשווענדט טייערע מינוטען שרייענדיג הורא, און אז זיי מוזען פארלאזען דעם טיש הונגעריג, ווען דער גלאק פארענדיגט דעם מאהלצייט. מאנכע האבען געפרואווט ארייגלייגען אין די קעשענעס די ניט געגעסענע בעבלאך און רייז, אבער די וועכטער האבען זיי דערשפירט, און שפעטער זיינען שוין דעם פארוואלטער׳ס קריגס־באריכטען באגלייט געווארען מיט א הויכען קייען און שלינ־גען.

נאך א ניי־איינגעפיהרטע זאך, און דאס איז איבונג. דיינע געשפרעכען מיט די רעפארטערס, און די אינטערוויוס פון די אנ־דערע בעפרייטע ארעסטאנטען, האבען ענדליך געצוואונגען דעם פערוואלטער צו געבען א שטונדע פון צושטרייאונג פאר די לעדיג־

געהער. אין שלעכטע וועטערן, שפּאַצירען זיי אום אין דעם צעל־הויז; אין שעהנע טעג — אין הויף. די רעפאָרם איז איינגעפיהרט געוואָרען לעצטען הערבסט, און די גוטע ווירקונג אויפ׳ן געזונד איז מערקווירדיג. דער דאָקטאָר איז ענטוזיאַסטיש פאַר דער נייער איינפיהרונג; די קראַנקען־רייה האָט זיך באַדייטענד פאַרקלענערט און ער רעכענט אויס, אַז ער פאַרשפּאָרט דורך דעם צוויי שעה אַ טאָג. אַ טייל פון דער חברה דערצעהלען מיר, אַז זיי האָבען אינ־גאַנצען אויפגעהערט צו פּראַקטיצירען אָנאַניזם. די וואָס ארבייטען אין שאַפּ זיינען איצטער מקנא די לעדיג־געהער; אַ סך פון זיי האָבען אַבזיכטליך געמאַכט אונאָרדנונג, כדי מען זאָל זיי פאַרשפּאַ־רען אין איינצעלהאַפט, כדי דערמיט צו געווינען אַ שטונדע אויף דער פרייער לופט. אָבער סאַנדי האָט עס „צורעכט געמאַכט“, און די, וועלכע ווערען פאַרשפּאַרט „פאַר אַן אורזאַך“, ווערען איצט אויסגעשלאָסען פון איבונג.

אָט זיינען איניגע פאַקטען פאַר אונזער בוך. די באַפעלקע־רונג ביים סוף פון לעצטען יאָהר איז געווען 956 — די נידעריגסטע צאָהל אין מעהר ווי צעהן יאָהר. דער פאַרוואַלטער גיט צו, אַז די מלחמה האָט פאַרקלענערט די צאָהל פון פאַרברעכענס; דער באַריכט פון די אינספּעקטאָרס ווייזט אָן אויף די פאַרבעסערטע עקאָנאָמישע באַדינגונגען, אין פאַרגלייך מיט די פּאַניק־צייטען אין אָנפאַנג פון די ניינציגער יאָהרען. אָבער די בעאַמטע שיינען ניט צו זיין זעהר צופרידען איבער דער פאַרקלענערטער באַפעלקע־רונג פון ריווערסייד. דו פאַרשטעהסט די אורזאַך: וואָס קלע־נער דער סך־הכל, אַלץ ווינציגער אַרעסטאַנטען קענען עקספּלואַ־טירט ווערען אין די אינדוסטריען. איך בין ניט צוגעגרייט צו זאָגען, צי ס׳איז פאַראַן אַ געהיימער אָפּמאַך צווישען די ריכטער און דער אַדמיניסטראַציע פון געפענגנים, אָבער ס׳איז זעהר באַ־דייטונגספול, אַז דער קלאַס פון פאַרברעכער, וועלכע מען פלעגט פריהער שיקען ארבייטען אין „וואָרקהויז“, ווערען אַלץ מעהר און מעהר באַשטראָפט מיט געפענגנים, דאָ אין צוכט־הויז, און אַז אונגעוועהנליכע צאָהל ווערט איבערגעשיקט אַהערצו פון דער „רעפאָרמאַטאָרי“ אין האַנטינגטאָן און דער „רעפאָרם־שולע“ פון מאָרגאַנזאַ. די אַלטע אַרעסטאַנטען טרייבען שפּאַס איבער׳ן „וואָר־דען“, אַז ער האָט טעלעפאָנירט צום קרימינעלען געריכט, און

זאגט אז די ריכטער וויפיעל מענשען עס ווערען „פארלאנגט“ פאר דער זאקען־ווערקשטאט.

די יוניאנס קענען פיליכט זיין פאראינטערעסירט אין די מעטאדען, ווי מען מאכט צו נישט דעם ארעסטאנטען ארבייטס־געזעץ. אין יעדען שאפ ווערען אנגעשטעלט צוויי מאל אזוי פיעל מענשען וויפיעל דאס געזעץ ערלויבט; די „אונלעגאלע“ ווערען פארשריבען אין די ביכער אלס מענשען וואס ארבייטען „פאר׳ן שטאאט“; דאס הייסט, אלס רייניגער און אויפפאסער, און ניט אלס פראדוצירער. אזוי טרעפט עס, אז אין ווערקשטאט פון ראַ־גאזשעס, צוםביישפּיעל, זיינען מעהר מענשען פארצייכענט אין די ביכער אלס אויפפאסער און רייניגער, איידער אזעלכע וואס ארבייטען ביי די װעבשטולען! אין בעזים־שאפ געפינען זיך דרייסיג כלומר׳שטע אויפפאסער און פופצעהן רייניגער, צו א סכום פון 53 פראדוצירער וואס איז געזעצליך ערלויבט. אט אזוי ארבייט עס די געזעצגעבונג, אויף וועלכער די ארבייטער קערפּער־שאפטען האבען פערשווענדט אזעלכע גוואלדיגע כחות. דער בעזים־שאפ איז נאך אלץ אפגעגעבען אויף א קאנטראקט צו די ברידער לאנג, אונטער דער אויפזיכט פון זייער אייגענעם פארמאן, און זיין זוהן איז א וועכטער אין געפענגניס.

גענוג פאר היינט. ווען איך וועל הערען, אז דו האסט זיכער ערהאלטען דעם בריעף, וועל איך אפשר האבען נאך אינטימע זאכען מיט דיר דורכצושרייבען.

א.

## קאפיטעל 33.

# דער טונעל.

### 1.

די ניט־גינסטיגע ענטשיידונג פון דער „באארד אף פארדאן“ מאכט א סוף צו יעדער האפנונג בעפרייט צו ווערען דורך לעגאלע מיטלען. וואלט די „באארד“ זיך ענטזאגט צו פערבייטען מיין שטראף, נאכדעם ווי זי וואלט אויסגעהערט די טענות, וואלט מען שפעטער געקענט מאכען אן אנדער פארזוך. אבער דאס אפזאגען פון א צווייטען פארהער, די קונציגע סטראטעגיק פון ארויסצו־דרעהען זיך, מאכענדיג אונמעגליך אפילו אז מיין פאל זאל פאר־געלייגט ווערען, באווייזט די פאלשקייט, די צוויי פנים׳דיגקייט פון׳ם פריהעריגען צוזאג, און די שולדיגע באוואוסטזיניגקייט וועגען דער אונגעזעצליכקייט פון מיינע פארמעהרטע שטראפען. די רעגירונגס־בעאמטע זיינען ענטשלאסען, אז איך זאל פארבלייבען אין געפענגניס, זייענדיג זיכער, אז סוף כל סוף וועל איך דא געפינען מיין קבר. אט דער געדאנק צינדט אן מיין פראטעסט און דעם גאנצען עקשנות׳דיגען ווידערשטאנד פון מיין וועזען. ס׳איז ניטא קיין האפנונג איבערצולעבען מיין טערמין. אין בעסטען פאל אפילו ווען מען זאל מיר שוין אראבנעהמען די צייט וואס דאס געזעץ ערלויבט, — אויף וואס איך האף ניט, נעהמענדיג אין אנבעטראכט די שטעלונג פון דער געפענגניס־פארוואלטונג, — האב איך נאך אלץ איבער ניין יאהר אפצוקומען. נאר מיין לעבען ווערט אלץ מעהר און מעהר אונערטרעגליך; דאס לאנגע פארשפארט זיין און די איינזאמקייט האבען אויסגעשעפט מיינע כחות. אויסצו־שטעהן די ניין יאהר איז כמעט א פיזישע אונמעגליכקייט. איך

מוז דעריבער קאנצענטרירען מיין גאנצע ענערגיע און אנשטרענ־גונג אויף אנטלויפען.

מיין אמט אלס אויפזעהער איבער דער אבטיילונג, איז זעהר גינסטיג. איך האב א צוטריט צו יעדען טייל פונ'ם צעל־הויז, מיט אויסנאהם פון דער „משוגעים־רייה". דער אינצידענט פון שפייזען די משוגעים האט אבגעהאקט מיינע פארבינדונגען מיט זיי, א ספּעציעלער קארידאר־יונג איז באשטימט געווארען אכטונג צו געבען אויף די משוגעים. אבער אינ'ם שטח פון מיין אבטיילונג געפינען זיך די נאר־וואס אנגעקומענע און די קלארע איינצעל־האפטע; דאס צוטהיילען פון מיינע פליכטען מיט דעם נייעם מאן פארלייכטערט מיין אויפגאבע, און ערלויבט מיר מעהר פריי־צייט.

די בענקשאפט נאך פרייהייט נעהמט ארום מיין גאנצען גע־דאנק, ארבייט אויס פארשיידענע פראיעקטען. די אידעע פון אנט־לויפען ווערט מיט יעדען טאג פארשטארקט און פארוואנדעלט אין דער ענטשלאסענקייט, וואס ווערט געבוירען פון פארצווייפלונג. עס נעהמט מיך ארום מיט אן אויסערגעוועהנליכער ליידענשאפט, בויענדיג יעדען געדאנק און פארמירענדיג יעדע האנדלונג. שטו־פענווייז שנייד איך איבער די קארעספּאנדענץ מיט מיינע גע־פענגניס־חברים, כדי איך זאל קענען אפּגעבען די איינזאמקייט פון מיינע אוועדען צו ענטוויקלען מיינע פּלענער. דער אונטער־ערדי־שער טונעל באהערשט מיין געדאנק מיט דער דרייסטקייט פון זיין אויפפאסונג און מיט זיינע גוואלדיגע מעגליכקייטען. אבער די דורכפיהרונג! פארוואס בעציהען זיך מיינע פריינד צו דער זאך אזוי גלייכגילטיג? זייער שרעקעדיגקייט רעגט מיך אויף. זעהר אפט קום איך אריין אין א ווילדען כעס אויף קארל'ן, דערפאר וואס ער האט ניט געקאנט איבערצייגען מיינע קאמעראדען אין דער מעגליכער דורכפיהרונג פון דעם פּלאן, און זיי דערהיצען מיט דעם ענטהוזיאזם פון אקטיוויטעט. מיין געהיימער, פּריוואטער קארעספּאנדענץ־וועג איז אהן א האפט און ניט זיכער. אהן אויפ־הער האב איך געגעבען אנצוהערען מיינע פריינד די ביטערע ענ־טוישונג וואס איך פיהל איבער זייער פּראוואצירענדער גלייכגיל־

טינקייט; אָבער מיינע פּראָוואָרפּען זיינען אַלץ איגנאָרירט געוואָרען. איך קען זיך ניט גלויבען, אַז די אומשטענדען אין דער באַוועגונג מאַכען אונמעגליך די פּאָרווירקליכונג פון מיין פּאָרשלאַג. אַזוינע זאַכען האָט מען דורכגעפיהרט אין רוסלאַנד. פאַרוואָס ניט אין אַמעריקא? דער פאָרזוך דאַרף געמאַכט ווערען, אויב אַפילו ניט מעהר ווי פאַר דעם פּראָפּאַגאַנדיסטישען עפעקט. אמת, דער פּראָיעקט וועט פאָדערען באַדייטענדע קאָסטען און די אַרבייט פון געשיקטע און פאַרטרויענסווערטע מענשען. האָבען מיר ניט אַזעלכע אין אונזערע רייהען? אין פּאַרסאָנס און לום, האָט דאָס דאַזיגע לאַנד פּראָדוצירט איהרע : שעליאַבאָווס; קען זיך דער געניוס פון אַמעריקאַ ניט פאַרגלייכען מיט אַ האַרטמאַן? *) דער שטילשווייגענדיגער סקעפּטיציזם פון מיינע פריינדס בריעף פאַרשאַפט מיר ליידען און ערוועקט אין מיר מיין צאָרן. זיי האָבען, ווייזט אויס, ניט קיין גלויבען אין „איינעם וואָס איז אַזוי לאַנג געווען אָבגעזונדערט" פון זייער וועלט, פון די אינטערעסען און קאַמפּען פון די לעבעדיגע. דער בעוואוסטזיין פון מיין הילפלאָזיגקייט, אָהן הילף פון דרויסען, מאַטערט מיך און פילט אָן מיינע טעג מיט ביטערניש. אָבער איך וועל אָנהאַלטען: איך וועל באַצווינגען זייער אויפמערקזאַמקייט און זייער אַקטיוויטעט; יאָ, זייער ענטוזיאַזם!

מיט דעם העכסטען אייפער קולטיוויר איך די בעקאַנטשאַפט מיט טאָניין. די מאַנאַטען פון אָפּטען דורכשרייבען זיך און די צופעליגע פערזענליכע בעגעגענישען האָבען אין אונז ענטוויקעלט אַ גייסט פון פריינדליכקייט און צוטרוי. איך שטרענג אָן מיין שאַרפזין צו שאַפען מעגליכקייטען פאַר געהיימע צוזאַמענרעדונגען און נאָהענטער חבר'שאַפט. מיט דער הילף פון אַ פריינדליכען בעאַמטען קריג איך פאַר טאָניין די פּריווילעגיע אַרויסצוהעלפען נאָך

*) האַרטמאַן האָט אויסגעגראָבען דעם טונעל אונטער דער מאָסקווער אייזענבאַהן, וואָס איז אונטערגעמינעוועט געוואָרען אין אָן אונגעלונגענעם פערזוך צו הרג'ענען אַלעקסאַנדער דעם צווייטען, אין יאָהר 1880.

די שאפ־שטונדען דעם אויפזעהער פון דער אפטיילונג, מאכענדיג דערמיט פאר איהם מעגליך צו האבען מיט מיר זעהר נוצליכע פארבינדונגען. ביסלעכווייס ווערען מיר אינטים, און איך דערוויס זיך די געשיכטע פון זיין לעבען, רייך מיט אוואנטיורעס און ער־פאהרונג. אליין פון אלזאס, קליין און ריהרעוודיג, איז טאני א מענש מיט א שנעלען געדאנק, מיט דער בעדייטענדער בליציגקייט פון א פראנצויז. ער איז אינטעליגענט און געוואגט, — פונקט דער מענש אויסצופיהרען מיין פלאן.

גאנצע טעג דעבאטיר איך אין מיין געדאנק די זעהר וויכטיגע פראגע: זאל איך פערטרויען טאני׳ן מיין פראיעקט? דאס וואלט געהייסען איבערגעבען זיך אין זיין מאכט און שטעלען אין ריזיקע די איינציגע האפנונג פון מיין לעבען. און דאך איז דאס דער איינציגער וועג: איך מוז זיך פארלאזען אויף מיין אינטואיציע וועגען דעם ווערטה פון דעם מאן. מיינע נעכט זיינען שלאפלאז און פייניגען מיך מיט דער אגאניע פון אונענטשלאסענקייט. אבער מיין פריינד׳ס שטראף דערנעהענטערט זיך צום סוף. מיר וועלען דארפען האבען צייט צו דיסקוטירען די פראגע וועגען פארבערייטען זיך, און פאר דער גרינדליכער באטראכטונג פון יעדער איינצעלהייט. ענדליך מאך איך ביי זיך אפ צו נעהמען דעם ענטשלאסענעם שריט, און אויף מארגען פארטרוי איך דעם סוד צו טאני׳ן.

זיין האלטען זיך בארוהיגט מיין שרעק. מיט רוהיגקייט און זעלבסט־קאנטראל הערט ער זיך ערנסט צו צו מיין פלאן, שמייכעלט מיט אויגענשיינליכער צופרידענקייט, און ענטפערט מיר קורץ געפאסט, אז דאס וועט געטאן ווערען. בלויז די שיינענדיגע אויגען פון מיין שטילשווייגענדיגען קאמעראד פארראטען זיין באגייסטערונג פאר דער דרייסטקייט פון דעם פלאן און זיין פרייד איבער דער אוואנטיורע. ער איז זיכער, אז די אידעע איז דורכפיהרבאר, און דערביי לעגט ער פאר, ווי פארזיכטיג אויסצואר־בייטען די איינצעלהייטען און די ערפינדונג פון א פערשטעלטער שפראך, וועלכע זאל זיכערער מאכען אונזער קארעספאנדענץ. די פארזיכטיגקייט איז נויטיג; דאס וועט זיין פון אויסערגעוועהנליכען ווערטה, נאכדעם ווי ער וועט בעפרייט ווערען.

מיט גרויס פארזיכט ווערט די געהיימע שריפט צוגעגרייט, איינגעארדענט אויף דעם פארעלטערטען סיסטעם פון דער דייטשער

סטענאָגראַפיע, אָבער עטוואָס פאַרבעסערט, און מעהר פאַרוויקעלט דורך דעם געברויך פון אונזערע אייגענע צוגעטראַכטע ווערטער. די פאַרשטעלטע שפּראַך, אַזוי פאַרפּאַלקאָמט, וואָלט זיך געקענט פאַרמעסטען מיט דעם גרעסטען עקספּערט.

אָבער ענטוויקלונגען אין געפענגנים מאַכען נויטיג צו ענדערען דעם פּראָיעקט. די בוי־אַרבייטען אַרום דעם באָד־הויז צושטערען די פּלענער צו באַנוצען זיך מיט דעם אָרט פון מיין ציעל. מיר באַטראַכטען עטליכע נייע וועגען, אָבער באַלד זעהען מיר איין, אַז אונזער ניט זיין באַקאַנט מיט דעם געבוי פון די גאַז און וואַסער־גראָבענס פונ.ם געפענגנים קען נאָך צושטערען אונזער ער־פאָלג. עס זיינען ניטאָ קיין שום מיטלען צו קריגען די נויטיגע אינפאָרמאַציע: טאָני איז איינגעשלאָסען אין שאָפּ, און מיר ווערט קיינמאָל ניט ערלויבט אַרויסצוגעהן פונ׳ם צעל־הויז. אומזיסט שטרעב איך צו לייזען די שוועריגקייט. עס געהען דורך וואָכען און ברענגען מיר ניט קיין ליכט.

מיין מזל קומט אונערוואַרטעט דורך אַ געשלעג אויפ׳ן הויף. די שלעגער ווערען איינגעשלאָסען אין מיין אָפּטיילונג. איינער פון זיי, ווייזט זיך אַרויס, איז „מעק“, אַן אַלטער אַרעסטאַנט וואָס דיענט שוין דעם דריטען טערמין. אין פערלויף פון זיין פריהער־דיגער געפאַנגשאַפט האָט ער פאַרנומען די שטעלע פון אַ פייערמאַן, און איינע פון זיינע פליכטען איז באַשטאַנען אין רייניגען אַלע וואַך די וואַסער־גראָבענס. ער איז גרינדליך באַקאַנט מיט די אונטערערדישע רעהרען פון דעם הויף, אָבער זיין רעפּוטאַציע צווי־שען די אַרעסטאַנטען איז דורכגענומען מיט׳ן ריח פון מסירה. ער איז אָבער דער איינציגער מיטעל צו לייזען מיין שוועריגקייט, און איך נעהם זיך מיט פּליים צו געווינען זיין פריינדשאַפט. איך מאַך ליכטער זיין איינזאַמקייט מיט עטליכע ווערטער פון מיטלייד, גע־בענדיג איהם גאַנץ אָפט קליינע „עקסטראַס“, וואָס איך קריג אין געהיים פון מיינע פריינד אין קיך. דער באַרעדעוודיגער אַלטער איז צופרידען מיט דער געלעגענהייט צו האָבען אַ געשפּרעך, און איך גיב אָפּ מיין יעדען גינסטיגען מאָמענט זיך צוצוהערען צו זיינע אויסגעצויגענע מעשיות וועגען די „גרויסע שטיקלעך אַרבייט“ וואָס ער האָט אָפּגעטאָן אין „זיין“ צייט, וועגען די באַריהמטע גנבים, מיט וועמען ער האָט זיך גע׳חבר׳ט, וועגען די גרויסע גנבות

וואס ער האט געמאכט און ווי ער איז אריינגעפאלען מיט דער חברה. איך פארטראג זיין פלוידעריי מיט געדולד, צוגעבענדיג איהם קור־ראזש צו דערצעהלען ווייטער זיינע געפענגנים־ערפאהרונגען און ארויספיהרענדיג איהם אויף זיין לעצטער „שטיקעל ארבייט". ער הויבט זיך אן דערמאנען אן זיינע פריינד אין ריווערסייד, באקלאגט די פריהצייטיגע קברים פון איניגע, אנדערע אראפ פון זינען, און ער פרעהט זיך איבער זיין גוטען חבר פאטי מעקגראו, ועמען ס'איז געלונגען צו אנטלויפען. די שטענדיג אינטערעסאנטע טהעמא גיט „מעק'ן" נייע ערמוטהיגונג און ער ווערט ענטוזיאסטיש איבער דער שארפזיניגקייט פון פאטי, און איך דריק אויס מיין איבער־ראשונג וואס ער אליין האט קיינמאל ניט געמאכט קיין פערזוך צו נעהמען א „פראנצויזישען אורלויב". „וואס!" גיט ער זיך א כאפ אויף, „דענקסט, אז איך בין אזא יאלד?" און ער ענטדעקט פאר מיר יעדע איינצעלהייט פון זיין פלאן, וואס ער האט נאך „פון די אכציגער יאהרען", ווי אזוי איבערצושווימען דעם אונטערערדי־שען וואסער־גראבען. איך מאך חוזק פון זיינע נארישקייטען. „דו האסט געמוזט זיין א דומער קלאץ, מעק, צו דענקען אז אזא זאך קאן גאר געטאן ווערען", באמערק איך. „איך בין געווען, בין איך, הא? וואס ווייסטו וועגען דעם רעהרען־סיסטעם, הע? אט, וועל איך דיר זאגען. ווארט א ווייל", און א כאפ טאנדיג די ביבליא־טעק־טאפעל, צייכענט ער אן א פאלשטענדיגען דיאגראם פון דער געפענגנים־קאנאליזאציע. איינ'ם סאמע ווינקעל פון דרום־מערב זייט פון דעם הויף, צייגט ער אן אויף א בלינדען אונטערערדישען דורכגאנג.

„וואס איז דאס?" פרעג איך איבערראשט.

„האסט ניט געוואוסט פון דעם, הא? דאס איז א קליינינקער טונעל, פארבינדענדיג דעם קעלער מיט דער פרויען־אפטיילונג, פערשטעהסט? אפילו קיין טוץ מענשען אין גאנצען „מיסט־קאס־טען" דא ווייסען ניט פון דעם; אפילו ניט קיין סך פון די „שרייפלאך". דער דורכגאנג איז א לאנגע צייט ניט באנוצט געווארען".

ערשטווינט קוק איך זיך איין אין דעם דיאגראם איך האב באמערקט א קליינע פאל־טהיר אין עק הויף, ווי ס'איז אנגעדייטעט אויף דער צייכנונג, און איך האב זיך זעהר אפט געוואונדערט,

צו וואָס פאַר אַ צוועק דאָס דיענט. מיין האַרץ טאַנצט פאַר פרייד איבער דער גליקליכער לייזונג פון מיין שוועריגקייט. דער „בלינ־דער דורכגאַנג“ וועט שטאַרק פאַרגרינגערען אונזער אַרבייט. דאָס געפינט זיך אַ פופצעהן אָדער העכסטענס אַ צוואַנציג פוס פון דער דרום־מערב־דיגער וואַנט. עס ליגט אויף אַ זעהר גינסטיגען פּלאַץ: דאָרטען זיינען ניטאָ דערביי קיין שעפּער; און דער פּלאַץ ווערט קיינמאָל ניט באַזוכט פון דער וואַך און פון אַרעסטאַנטען.

די גליקליכע ענטדעקונג מאַכט אויף שנעל רייף די איינצעלהיי־טען פון מיין פּלאַן: מען דאַרף דינגען אַ הויז אַרום דער דרום וואַנט, אויף סטערלינג סטריט. בעסער וואָלט געווען אַז דאָס הויז זאָל זיך געפינען זעהר נאָהענט פון דעם פּונקט, וואו די וואַנט קומט זיך צונויף מיט דער צעל־הויז־געביידע. אַז מען וועט גראָבען אין אַ דירעקטער ליניע איבער דער גאַס און פון אונטער דער דרום־וואַנט, וועט דער טונעל זיך פאַרבינדען מיט דעם „בלינדען דורכגאַנג“. דאָס איבעריגע וועל איך שוין אַליין באַזאָרגען.

## .2

לאַנגזאַם פאַרגעהט דער הערבסט. די ברוין־קאַלירטע טעג פונ׳ם „אינדיאַנער זומער“ האַלטען אַן, ווי זיי וואָלטען ניט וועלען זיך צושיידען. אָבער איך בין אונגעדולדיג פון נייגעריגקייט און בענק נאָכ׳ן ווינטער. נאָך אַ מאָנאַט און טאָני וועט זיין פריי. די צייט שלעפּט זיך מיט איינגעהאַלטענע טריט, אָבער ענדליך ווערען פאַרוואַנדעלט די וואָכען אין טעג, און מיט דערפרעהטע הערצער צעהלען מיר די שטונדען.

מאָרגען וועט מיין פריינד באַגעגנען די זון־ליכט. ער וועט זיך גלייך שטעלען אין פאַרבינדונג מיט מיינע קאַמעראַדען, און וועט דרינגענדיג פאָדערען די באַלדיגע פאַרווירקליכונג פון דעם גרויסען פּלאַן. זיין זעלבסט־צוטרויען און גלויבען וועט זיי איבערצייגען און אויפשטורמען זיי מיט ענטוזיאַזם פאַר דער אונטערנעהמונג. אַ הויז מוז געקויפט אָדער געדונגען ווערען, ניט פאַרלירענדיג קיין צייט, און די געגענד אַרום מוז אונטערזוכט ווערען. מען וועט פיליכט ניט קאָנען אָנהויבען טאָן דערביי ביז׳ן פריהלינג; דער־וויל קאָן מען זאַמלען געלט אויף אָנצוגעהן מיט דער אַרבייט.

צום אומגליק איז דאס מיידעל, וואס איז א גלענצענדע ארגאניזא־טארין, ניטא אין לאנד. אבער מיינע פריינד וועלען פארזיכטיג אויספאלגען די באפעהלען וואס איך האב פארטרויט טאני׳ן, און דורך איהם וועל איך שטעהן אין באריהרונג מיט דער ענטוויקלונג פון דער ארבייט. איך האב ווינציג געלעגענהייט פאר דער גע־היימער און פריוואטער פאסט; אבער דורך אונזער פארשטעל־טער שפראך וועלען מיר פונדעסטוועגען קענען זיך דורכשרייבען אפיציעל, אהן דער ריזיקע, אז דער צענזאר זאל פארשטעהן, אדער אפילו פארדעכטיגען די אונשולדיג אויסזעהענדע שעהנע אותיות, וואס זיינען צוואווארפען איבער׳ן בלאט.

מיט מיין געטרייען טאני׳ן, געהען מיט מיינע געדאנקען הינטער די גראטעס, און איך רעפעטיר נאך א מאל און נאך א מאל יעדען שריט אין דעם פראיעקט, און שטודיר יעדע איינצעלהייט. מיינע געדאנקען זיינען איינגאנצען אויף דרויסען. שטיל, פארנומען מיט זיך, טהו איך מיינע פליכטען אויף דער אפטיילונג. איך פיהר אלץ זעלטענער געשפרעכען מיט די ארעסטאנטען: איך מוז זיין פאר־זיכטיג נאכצוקומען די געזעצען, כדי איך זאל אנהאלטען מיין שטעלע. ווען איך זאל פארלירען מיין איצטיגע שטעלע, וואלט דאס געווען א גרויס אונגליק פאר אלע מיינע האפנונגען אויף אנטלויפען.

פארבייגעהענדיג די לעדיגע צעל, אין וועלכער איך האב פאר־בראכט דעם פארגאנגענעם יאהר פון מיין איינצעלהאפט, האט א רחמנות׳דיגער סווישטשען פון א שפערלינג איבערגעשלאגען מיינע געדאנקען. דער קליינער גאסט, כמעט א פארפרוירענער, שפרינגט אום אויפ׳ן אויבערשטען שטאנג פון דער גראטע. מיין געהילף פאכט מיט דער בארשט און וויל דאס פויגעלע אוועקטרייבען. אבער דער שפערלינג פלאטערט איבער דער טיר און גיט פלוצלינג א פליה אויף מיין אקסעל. אין איבערראשונג גלעט איך דעם פויגעל; ער זעהט אוים צו זיין זעהר צוגעלאזען.

„אוי, דאס איז דאך „דיק“!“ שרייט אויס דער געהילף. „ווי געפעהלט דיר, וואס ער איז צוריקגעקומען!“ מיינע הענט ציטער־רען, ווען איך באקוק דעם קליינעם פויגעל. מיט גרויס פרייד דער־

זעה איך די שוואכע צייכענס פון בלויען טינט, וואס איך האב איהם אנגעשמירט אונטער די פליעגעלאך לעצטען זומער, ווען דער „וואר־דען“ האט מיר באפוילען ארויסצוואווארפען מיין קליינעם חבר דורכ׳ן פענסטער. מערקווירדיג, ער זאל זיך צוריקקעהרען און דער־קאנען אז אלטען פריינד און די צעל! איך ווארעם איהם צערטליך און גיב איהם עסען. וואס פאר וואונדערבארע בילדער מיין קליי־נער ליעבלינג האט עס געמוזט זעהן, זינט ער איז ארויסגעטריבען געווארען דורכ׳ן פענסטער אין דער וועלט אריין! וואס פאר צרות און יסורים ער האט עס געמוזט איבערטראגען! זיינע ליכטיגע אויגען קוקען פרעהליך אריין אין מיינע, און ריידען מיט שטילען צוטרוי און פרייד, פיקענדיג פון מיין האנט די ברעקלאך ברויט און צוקער. נאריש פויגעלע, אומצוקעהרען זיך אין געפענגנים נאך שוץ און עסען! קאלט און גרויזאם מוז זיין די וועלט, מיין קליי־נער „דיק“; אדער איז עס אפשר פריינדשאפט, וואס איז שטאר־קער אפילו פון ליעבע צו פרייהייט?

אזוי, ווייזט אויס, איז דאס. כמעט יעדען טאג זעה איך, ווי מענשען געהען ארויס דורך די טויערען און קומען באלד צוריק, געטריבען פון דער וועלט — אט פונקט ווי דו, מיין קליינער דיק. און דאך זיינען פאראן אזעלכע וואס וואלטען ליעבערשט אומ־געגאנגען הונגעריג און דערפרוירען אויף דער פרייהייט, איידער צו ווערען געשפייזט און געווארעמט אין געפענגנים — אט פונקט ווי איך, מיין קליינער דיק. און נאך אנדערע זיינען פאראן, וואס וואלטען ריזיקירט מיט זייער לעבען און פרייהייט צוליעב זייער פריינדשאפט — אט פונקט ווי דו און, איך האף, אויך טאני, מיין קליינער דיק.

## קאפיטעל 34.

# דיק׳ס טויט.

„סוב ראזא",
יאנ. 15, 1900.

טאני!

איך שרייב אין דער אגאניע פון פארצווייפלונג. איך בין ווידער איינגעשלאסען. דאס איז אלץ צוליעב מיין פויגעלע. דו געדיינקסט מיין באפעדערטען ליעבלינג, דיק. לעצטען זומער האט דער פארוואלטער באפעהלט ארויסצוואוארפען איהם, נאר ווען ס׳איז געווארען קאלט, האט זיך דיק צוריקגעקעהרט. וואלסטו דאס גלויבען? ער איז צוריקגעקומען אין מיין צעל און האט מיך דערקאנט, ווען איך בין פארבייגעגאנגען. איך האב איהם געהאלטען און ער איז ווידער געווארען צוגעלאזען ווי פריהער — ער איז אביסעל ווילד געווארען אינ׳ם דרויסענדיגען לעבען. אין דעם טאג פון קריסטמאס, בעת דיק האט זיך געשפּיעלט ארום מיין צעל, איז באב רוניאן — דו קאנסט דאך איהם, דעם מוסר — צוגעקומען און האט מיט א כיוון א קלאפּ געטאן דעם פויגעל. ווען איך האב דערזעהן, ווי דיק האט זיך איבערגעקעהרט אויף א זייט, פארגלאצענדיג די קליינע אויגעלעך אין גסיסה, בין איך צוגעלאפען צו ראניאנען און האב איהם אנידערגעשליידערט. ער האט זיך ניט שטארק צושלאגען, און אלץ וואלט געקענט דורכגעהן שטיל, ווייל קיין „שרייפעל" איז דערביי ניט געוועזען. אבער דער מוסר האט מיך פארקלאגט פאר׳ן „דעפּיוטי", און מען האט מיך איינגעשלאסען.

מיטשעל האט נאר וואס גערעדט מיט מיר. דער גוטער אלטינקער האט ליעב געהאט דיק׳ן, און ער זאגט מיר צו צוריקצובריינ־

גען מיך צו דער אפּטיילונג. ער זאָגט, אַז ער האַלט די שטעלע פּאַר מיר, ער האָט אַנגעשטעלט איינעם אויף מיין פּלאַץ, וועלכער האָט צו דיענען נאָך אַ פּאָר וואָכען. דאַן וועל איך ווידער איבערנעהמען די אויפזיכט.

איך בין ניט ענטוישט פון דער מיטטיילונג, אַז די אַרבייט וועט מוזען אָפּוואַרטען ביז פריהלינג. דאָס איז אונפאַרמיידליך, אָבער איך בין גליקליך וואָס פאַרבערייטונגען זיינען אַנגעפאַנגען געוואָרען. וואָס הערט זיך, פונדעסטוועגען, וועגען יענע רעוואָל־ווערען? איך האָף, אַז דו האָסט ניט געביטען דיין מיינונג. אין איינעם פון דיינע בריעף גיסטו אַנצוהערען, אַז מען האָט שוין די זאַך באַזאָרגט. ווי אַזוי קאָן דאָס זיין? דזשים, דער פלאַמ־בער — ווייסט דאָך, אויף איהם קאָן מען זיך פאַרלאַזען — איז געוועזן אויף דער וואַך אַ גאַנצע וואָך. ער פאַרזיכערט מיר, אַז פאַרלויפיג איז גאָרנישט ניט אַנגעקומען. פאַרוואָס לייגסטו דאָס אָפּ? איך פאַרהאָף, אַז דו האָסט ניט אַריינגעוואָרפען דעם פּע־קעל דורכ׳ן פענסטער פון קעלער, ווען דזשים איז ניט געשטאַנען אויף זיין פּאָסטען. ס׳איז קוים גלויבליך. אויב אָבער יאָ, איז וואָס, צום טייוועל, האָט געקאָנט ווערען פון דעם? איך זעה דאָ ניט קיין שום סימנים, אַז מען זאָל דאָס האָבען ענטדעקט: עס וואָלט זיכער געווען אַ גוואַלדיגער טומעל. זעה באַזאָרג עס, און שרייב גלייך.

**אַ.**

קאַפּיטעל 35

# אַ בונד מיט די פֿױגלען.

.1

דאָס פֿאַרשװינדען פֿון די רעװאָלװערען איז פֿאַרהילט אין גע־הײמניס. אומזיסט ברעך איך זיך דעם קאָפּ אױסצופֿאָרשען די אומזיכערע סיטואַציע; דאָס איז אַבסאָלוט אוממעגליך צו באַגרײ־פֿען און דאָס פּײניגט מיך מיט צװײפֿלען. דזשימ׳ס זיכערקײט, אַז דאָס געװעהר איז ניט דורכגעגאַנגען דורך די גראַטעס פֿון קע־לער, שטילט אײן אױף אַ מאָמענט מײן שרעק, אָבער טאַני׳ס אומ־אױפֿהערליכע טענות, אַז ער האָט איבערגעגעבען דאָס פּעקעל, װאַרפֿט מיך אַרײן אין אַ װילדער מורא. מײן פֿעסטער גלױבען אין די צװײ פּאַרטרױטע, צומישט מיך מיט אומזיכערקײט און צװײ־פֿעל. ס׳איז אוממעגליך, אַז טאַני זאָל מיך װעלען אָפּנאַרען. אָבער דזשים האָט דאָך געהאַלטען שטענדיג װאַך בײם פּונקט, װאו דאָס האָט געזאָלט איבערגעגעבען װערען; ס׳איז ניט װאַרשײנליך, אַז ער זאָל האָבען נישט דערזעהן דאָס פּעקעל. אָבער פֿאַרשטעלען־דיג זיך אַז יאָ, איז װאָס איז פֿון דעם געװאָרען? אפשר איז עס אַרײנגעפֿאַלען ערגעץ אין אַ פֿינסטערען װינקעל פֿון קעלער? דער פּלאַץ מוז גלײך אַרומגעזוכט װערען.

פֿאַרצװײפֿעלט ביז׳ן סוף, באַנוץ איך זיך מיט די ערגסטע מיטלען צו קריגען פֿאַר דזשים׳ן די געלעגענהײט צו באַזוכען דעם קעלער. איך נישטער דורך דאָס צעל־הױז, זוך אַלטע פּאַפּירען און שמאַטעס; װי אַ קאַרגער קלײב איך אױף שטיקלאַך און ברעק־לאַך, צובראָכענע געצײג, שטיקלאַך האָלץ, אַ פּולען עמער מיט

מיסט. ציטערענדיג פון שרעק מען זאָל דאָס ניט ענטדעקען, שיט איך אויס דעם „אוצר“ אין דעם קאַנאַל ביים עק פון קאָרידאָר, און דריק פעסט צו די שמוץ־רעהר. דער עפּוש פונ׳ם אָפּפאַל פּילט אַן דעם גאַנצען פּליגעל, די צעל־אָפּטרעטען לויפען אריבער און פאַרטרינקען דעם קאָרידאָר. דער געשטאַנק איז אונערטרעגליך; דאָס וואַסער הויבט זיך נאָכאַנאַנד. דער פּלאַץ איז אין אונאָרד־נונג: די איינצעלהאַפטע שרייען, און קלאַפּען אויף די גראַטעס, די וועכטער לויפען אום צוטומעלטע. דער „קעפּטיין“ פון דער אָפּטיילונג גיט אַ געשריי: „העי, דזשאַספּער, שנעל! רוף דעם פּלאַמבער, ברייננ דזשים׳ז, שנעל!“

אָבער די ווידערהאָלטע אויספאָרשונג ברייננט אַלץ ניט ארויס וואו דאָס געוועהר געפינט זיך. אין שטענדיגען פּחד פאַר טרויעריגע מעגליכקייטען, ציטער איך אויף יעדען טריט, פאָרשטעלענדיג זיך, לויערענדען פאַרדאַכט, פּלוצלינגע ענטדעקונג און אומגליק. אָבער די טעג געהען פאַרביי; די רוהיגקייט פון דער געפענגנים־רוטינע איז אונגעשטערט, און ווייזט ניט קיין סימן אויף אונאַנגענעהמע געשעהנישען און אויפרעגונג. שטופּענווייז ווערט מיין שרעק אייג־געשטילט. דאָס אונערקלערבאַרע פאַרשווינדען פון די רעוואָלווע־רען איז פאַרוויקעלט מיט געפאַהר; דאָס געהיימניס באַאונרוהיגט, אָבער גליקליכערווייזע זיינען קיין רעזולטאַטען ניט ארויסגעבראַכט געוואָרען און עס מוז וואַרשיינליך בלייבען ניט געלייזט.

אונערוואַרטעט ווערען מיינע שרעקען ווידער ערוואַכט. ווען מען רופט מיך צו צום שרייב־טיש פונ׳ם בעאַמטען מיטשעל, פאַר דער פאַנאַנדערטיילונג פון די מאָנאַטליכע פאַרציעס שוועבעלאַך, וואַרף איך אַ צופעליגען בליק צו דער הויף־טיר. ביים סאַמע סוף פון דער צפון־מערב זייט, דרעהט זיך אַרום ביים וואַנט דער גע־הילף דעפּיוטי האָפּקינס, שפּאַצירענדיג לאַנגזאַם אויפ׳ן גראָז. די אונגעוועהנליכע אַנוועזענהייט פונ׳ם אויפזעהער ביים פאַרלאָזענעם טויער דערוועקט מיין פאַרדאַכט. דאָס מאָדנע לײדיג־געהן פון דעם ענערגישען וועכטער, זיין גנבישעס קוקען אויף דער ערד, פאַר־שטאַרקט מיינע ערגסטע שרעקען. עפּעס האָט געמוזט פּאַסירען. פאַרדעכטיגען זיי דעם טונעל? אָבער די אַרבייט האָט זיך דאָך

ניט אנגעפאנגען; אויסער דעם, דאַרף דער טונעל דערגרייכען דעם געגענזעצליכען פונקט פון הויף, א משך פון כמעט טויזענד פים. איך וואונדער זיך אין ערשטוינונג אויף האַפּקינס זאַנדער־באַרע האַנדלונג. ווען דאַס געוועהר וואָלט געפונען געוואָרען, וואָלט יעדער אַרעסטאַנט גלייך באַזוכט געוואָרען, און די שעפּער און דאָס צעל־הויז וואָלטען דורכגענישטערט געוואָרען.

אין אנגסטליכע איבערקלערונגען לעב איך איבער א שלאָף־לאָזע נאַכט; דער פריהמאָרגען קומט און ברענגט מיר ניט קיין ערלייזונג. אָבער נאָכ'ן פריהשטיק ווערט דאָס צעל־הויז עפּעס מאָדנע שטיל; די שאָפּ־אַרבייטער בלייבען איינגעשלאָסען. די אַפּטיילונג־אויפזעהער קריגען א באַפעהל אריינצוגעהן אין די צעלען, און די וועכטער פון די שעפּער און פונ'ם הויף מאַרשירען אריין אינ'ם בלאָק, און מיט א געפּילדער געהען זיי אַרויף אויף די גאַלערעען. דער „דעפּיוטי" און האָפּקינס לויפען אַרום צוטומעלטע איבער'ן קאָרידאָר; די ראָטונדע־טיר ווערט אויפגעפּראַלט מיט א קלונג, און דער שאַרפער באַפעהל פון דעם פּאַרוואַלטער טראָגט זיך דורך איבער'ן צעל־הויז, „אַ אַלגעמיינע אונטערזוכונג!"

איך כאַפּ א שנעלען בליק אויף מיין טישעל און פּאָליצע. אַ־בערראַשונגען פון פּאַרדעכטיגע אַרעסטאַנטען טרעפען זעהר אָפּט, און איך בין אימער צוגעגרייט. אָבער אביסעל קאָנטראַבאַנד געפינט זיך ביי מיר יאָ. איך גיב א כאַפּ אַרוים מיין שרייב־מאַטעריאַל פון דער קישענציכעל. האַלטענדיג אין צושטערען די עטליכע פּאַראַיאַהריגע סקיצען, גיט מיר א בליץ דורכ'ן געדאַנק. ס'איז אין זיי גאָר קיין געפעהרליכעס ניטאָ, סיידען דער גע'גנב'עטער פּאַפּיער. „געפענגניס־טיפּען", „אין די גאַסען פון ניו יאָרק", „פּאַרקהוירסט און די פּראָסטיטוטקע", „ליבערטאַס — א שטודיום אין פּילאָלאָגיע", „די שקלאַפעריי פון טראַדיציע" — אומשעדליכע פּראָדוקטען פון אַבענדיגער פרייער צייט. זאָלען זיי געפינען די ביכעלאַך! איך וועל שטאַרק געטאַדעלט ווערען פאַר נעהמען מאַטעריאַל אין די שעפּער, אָבער מיינע סקיצען וועלען דיענען אַפּצוציהען דער פאַרדאַכט; דער פּאַרוואַלטער וועט אין זיך הנאה האָבען, וואָס מיינע געדאַנקען זיינען ניט באַשעפטיגט מיט מעהר געפעהרליכער טהעטיגקייט. אָבער דאָס פּלוצלינגע זוכעניש דייטעט אָן אויף זעהר ערנסטע מעגליכקייטען. אַלגעמיינע אונטער־

זוכונגען, וועלכע בעדייטען צייטווייליגע אָפּשטעלונגען פון די
אינדוסטריען און פאַלגליכע פינאַנציעלע פאַרלוסטען, זיינען זעהר
זעלטען. די אונטערזוכונג פונ׳ם גאַנצען געפענגנים האָט געדאַרפט
פאַרקומען ערשט אין פריהלינג. די איבערגעאיילטקייט שטאַרקט
מיינע ערגסטע שרעקען; קיין צווייפעל ניט, אַז דאָס געוועהר איז
געפונען געוואָרען! דזשימ׳ס דורכפאַל איבערצונעהמען דאָס גע־
וועהר, נעהמט אַן אַ מאָדנעם אויסזעהן. עס איז מעגליך, פאַר־
שטעהט זיך, אַז אימיצער פון די וועכטער, דורכגעהענדיג דעם קע־
לער, האָט אונערוואַרטעטערהייט ענטדעקט דעם פעקעל צווישען
די גראַטעס, און האָט עס צוגענומען, ניט ציהענדיג דזשימ׳ס אויפ־
מערקזאַמקייט. נאָר דעם לעצטענ׳ס פאַרזיכערונגען, אַז ער איז
געווען ביים פענסטער אין דער באַשטימטער צייט, ווייזט אַן אויף
אַן אַנדער מעגליכקייט. דער געדאַנק מאַטערט און באַאומרוהיגט.
אָבער ווער ווייס? אין אַן אַטמאָספערע פון שרעק און מיס־
טרויען און כמעט אַלגעמיינער שפּיאָנעריי זיינען די בעסטע פריינד־
שאַפטען דורכגענומען מיט פאַרדאַכט. עס קאָן זיין, אַז דזשים,
מורא האָבענדיג פאַר רעזולטאַטען, האָט איבערגעגעבען דאָס גע־
וועהר צום געפענגנים־פאַרוואַלטער. ער וואָלט ניט געהאַט קיין
שוועריגקייטען צו ערקלערען די ענטדעקונג, ניט דאַרפענדיג פאַר־
ראַטען מיין צוטרוי צו איהם. אָבער דזשים, אַ קאָסע־קאַסטען־
אויפברעכער פון אינטערנאַציאָנאַלער באַריהמטקייט, האָט די רע־
פּוטאַציע פון אַ דורכאויס עהרליכען מענשען און געטרייען פריינד.
ער האָט מיר געגעבען ווידערהאָלענדע באַווייזען פון זיין צוטרוי־
ליכקייט, און איך בין ניט געניגט צו באַשולדיגען אַ מעגליך־אומ־
שולדיגען מענשען. פונדעסטוועגען בין איך גליקליך, וואָס ער
ווייס בלויז וועגען דעם געוועהר. קיין צווייפעל ניט, אַז ער פאַר־
דעכטיגט מיך אין וועלען ווי ניט איז אַנטלויפען; אָבער איך
האָב איהם איבערגעלאָזען אין אונוויסענהייט אין באַצוג צו מיינע
ריכטיגע פּלענער. זיי האָב איך בלויז טאָני׳ן פאַרטרויט.

דאָס איבערקלערען באַרוהיגט מיך ווידער. אויב טאָני׳ס אונ־
פאַרזיכטיגקייט איז שולדיג אינ׳ם צופאַל, האָט ער דאָך באַוויזען
זיין פריינדשאַפט. באַגרייפענדיג די געפאַהר פון זיין מיסיע, האָט
ער געמוזט אַריינוואַרפען דאָס געוועהר צווישען די קעלער־גראַטעס,
איגנאָרירענדיג מיינע דירעקציאָנען פריהער זיך איבערצייגען, אַז

דזשים איז אויף זיין פּאָסטען. אָבער די ענטדעקונג פון די רע־וואָלווערען פאַרטיידיגט טאָני׳ס אויפריכטיגקייט און פאַרשטאַרקט מיין צוטרוי צו איהם. מיין גורל איז אין די הענט פון אַ געטרייען קאַמעראַד, אַ פריינד וואָס האָט זיך שוין געשטעלט אין גרוים געפאַהר צוליעב מיר.

די אַלגעמיינע אונטערזוכונג איז פאַראיבער, אויפדעקענדיג פאַרשיידענע קאָנטראַבאַנדאַ זאַכען. מען האָט ענטדעקט געצייג צו מאַכען פאַלשע געלט, וואָס האָט צירקולירט אויסער די ווענט פון דעם געפענגניס. דאָס האָט פאַראורזאַכט אַ געהיימע אונטער־זוכונג פון די פעדעראַלע בעאַמטע. אין דער אַלגעמיינער אויפרע־גונג, ווערען מיינע סקיצען צווישען מיינע זאַכען פאַרזעהן און זיי ווערען איבערגעלאָזט ביי מיר. אָבער קיין שליסעל איז ניט גע־פונען געוואָרען אין צוזאַמענהאַנג מיט׳ן געוועהר. די בעאַמטע ווערען נאָך מעהר צוטומעלט, ווען זיי געפינען אויס, אז דער שלאָס אויף דער פאַל־טיר אויפ׳ן דאַך פון דער צעל־הויז געביידע, איז אַנגעריהרט געוואָרען. מיט שוועריגקייט אונטערדריק איך מיין שמייכעל, ווען איך זעה דעם ערשטוינטען געזיכט פון דעם גוטען, אַלטינקען מיטשעל, בעת ער פאַרטרויט מיר אויף אַ זעהר געהיימניספולען אופן די גאַנצע נייעס. איך וואונ־דער זיך אויף דער דומהייט פון די בעאַמטע, וואָס זיי האָבען נאָך לעצטען יאָהר דאָס ניט באַמערקט, ווען מיט דער הילף פון דזשים׳ן און מיין יונגען פריינד ראָססעל, האָב איך אַרויפגעקלעטערט אין דער הויך פון דעם צעל־הויז, בעת אַלע זיינען געווען אין קירכע, און איך האָב אַראָפּגעדרעהט דעם שלאָס פון דער פאַל־טיר, אי־בערלאָזענדיג דאָרט אַ שטיקעל אייזען, וואָס דזשים האָט מיר געגע־בען. מיט דעם שליסעל אין אונזערע הענט, האָבען מיר אויסגע־קוקט אויף אַ געלעגענהייט צו דערגרייכען דעם דרויסען פונ׳ם דאַך, ווען געוויסע ענדערונגען אינ׳ם בלאָק האָט געשאַפען אונ־מעגליכע שוועריגקייטען, צווינגענדיג אונז אויפצוגעבען דעם פּלאַן. ראָססעל איז געווען אומגליקליך איבער דער ענטדעקונג, דער יונגער איפּולסיווער אַרעסטאַנט האָט בשום אופן ניט געוואָלט שלום מאַ־כען מיט׳ן דורכפאַל. זיין טערמין צו זיצען איז אָבער געווען

זעהר קורץ, און איך האָב איהם געפּרואווט איינריידען אַנצונעהמען דאָס אונפאַרמיידליכע. דאָס שטענדיגע טראַכטען צו אַנטלויפען מאַכט דאָס געפענגנים נאָך מעהר אונערטרעגליך; דאָס דורכגעהן פון די צוויי איבערגעבליבענע יאָהר וואָלט זיך פאַרשנעלערט מיט דער ענטשלאָסענקייט איבערצוקומען די שטראָף.

דער בחור הערט זיך שטיל איין צו מיין עצה, זיינע בלויע אויגען טאַנצען פאַר פרייד, און אַ שלויער שמייכעל שפּיעלט זיך אויף זיינע ליפּען. „דו ביזט גערעכט, אַלעק", ענטפערט ער ערנסט, „אָבער הער, האָב איך דאָס נעכטען אויסגעטראַכט אַ פּלאַן; ס'איז גרויסאַרטיג, אונז וועט זיכער געלינגען אַנטלויפען". מיט יעדער איינצעלהייט מאָלט ער פאַר מיר דעם אונמעגליכען פּלאַן פון דורכ־זעגען ביינאַכט די גראַטעס פון דער צעל, באַפאַלען די וועכטער, זיי בינדען און פאַרשטאָפּען דעם מויל, און „דאַן וואָלט דער וועג געוואָרען ריין". דער אומשולדיגער יונג, מיט זיין גאַנצער לאַנד־רעפּוטאַציע אַלס „שלעכטער מענש", ווייסט ניט, אַז „דאַן" איז די סאַמע שוועל פון שוועריגקייטען. איך זוך איהם צו ערקלערען, אַז ווען מיר זאָלען שוין האָבען אָבגעפּטר'ט מיט די וועכטער, וואָלטען מיר זיך געפונען געפאַנגען אין אַ פּאַסטקע, אין צעל־הויז. די סאָלידע שטאָלענע דאָפּעלטע טירען, וואָס פיהרען צום הויף, זיינען גאַנץ זיכער צוגעשלאָסען, און דער שליסעל געפינט זיך אויס־שליסליך ביי דעם „קעפּטיין" פון דער נאַכט־וואַך, צו וועמען מען קאָן ניט צוקומען, סיידען דורך דער גוט־באַוואַכטער ראָטונדע. אָבער דעם בחור קאָן מען ניט איבערשרעקען. „וועלען מיר אַלזאָ מוזען שטורמען די ראָטונדע", באַמערקט ער רוהיג, און נעמט זיך גלייך אַנצייכנען אַ פּלאַן פאַר אונזער צוג. ער שמייכעלט אומ־גלויבליך, ווען איך ענטזאָג זיך אַנטייל צו נעהמען אין דעם ווילדען פּלאַן. „אָה, יאָ, דו וועסט אַנטייל נעהמען, אַלעק. איך גלויב ניט קיין וואָרט וואָס דו זאָגסט. איך וויים, ווי גערן דו ביזסט צו אַנט־לויפען". אַזוי ווי זיין זיכערקייט ווערט אַביסעל געבראָכען דורך מיין ענטשלוס, ערקלערט ער, אַז ער וועט עס „טאָן אַליין".

די ערקלערונג פילט מיך אָן מיט אימה: דער אומבאַרעכענטער יונג וועט מפקיר זיין זיין לעבען; זיין פאַרזוך קאָן נאָך צושטע־רען מיין אייגענעם ערפאָלג. אָבער עס וואָלט געוועזען אומזיסט איהם דירעקט אָפּצוריידען דערפון. איך קאָן די ענטשלאָסענקייט

פון דעם בחור. הינטער דאס שמייכלענדע געזיכט ליגט באהאל־
טען די אומבאגרענעצטע זעלבסט־זיכערקייט פון דער יוגענד, פאר־
אייניגט מיט אומערשראקענעם מוטה. דער פארוואורף „טויגע־
ניכטס" האט אריינגעטריפט ביטערן גיפט אין ראססעל'ס אומשול־
דיגע שטוקעס, אפשטעמפלענדיג דעם גוטמוטיגען יונג מיט דעם
בראנד־מארק פון א „דעספעראדא", א געפעהרליכען באנדיט.

איך שטרענג אן מיין שארפזין צו פארשטופען, אפלייגען די
דורכפיהרונג פון זיין פראיעקט. ער האט באהאלטען די זעגעלאך,
וואס איך האב געקראגען פון דער מיידעל פאר דעם פאראיאהריגען
פארזוך, און ער איז ענטשלאסען מיט אומגעדולד צו מאכען דעם
שפרונג פאר פרייהייט. בלויז זיין איבערגעבענהייט צו מיר און
זיין רעספעקט פאר מיינע וואונשען האלטען איין דעם פייערדיגען
בחור אין די לייצעס. מיט יעדען טאג פארגרעסערט זיך זיין אומ־
רוהיגקייט; ער באשטעהט אלץ דרינגענדער אויף מיין אנטייל־
נעהמען און פאדערט א באשטימטע ערקלערונג פאר מיין שטעלונג.

ניט קאנענדיג געפינען קיין נייע אויסזעצונגען, בין איך זיך
כמעט מיאש פון מיין באשלוס אפצורייידען ראססעל'ן פון זיין פאר־
צווייפעלטען פלאן. פון טאג צו טאג קריג איך זיין פייערליכען
פארשפרעכען צו ווארטען אויף מיין ענדגילטיגער ענטשיידונג,
און דערווייל האף איך אויף וועלכען ניט איז נייעם אומשטאנד,
וואס זאל איהם צווינגען אויפצוגעבען דעם פלאן. אבער עס מאכט
זיך גארנישט וואס זאל צושטערען די געוועהנליכע רוטינע, און איך
ווער נערוועז פון שרעק, אז דער בחור, מיט זיין אומגעדולד, וועט
מיר נאך קאליע מאכען מיין גרויסען פראיעקט.

2,

דער וועטער ווערט מעסיגער; די פענסטער־ראהמען אין קאָ־
רידאר ווערען ארונטערגעלאזען: סימנים פון אנקומענדיגען פריה־
לינג פארמעהרען זיך. איך בין אומרוהיג, וואס איך הער גארנישט
פון טאני'ן, וועלכער איז אוועקגעפאהרען מיט זיין שליחות קיין
ניו יארק. מיט גייציגע אויגען פארפאלג איך דעם גייסטליכען,
בעת ער טיילט אוים די בריעף. אומגעדולדיג איבער זיינע שטענ־
דיגע פויזען אויף די גאלעריען, לויף איך אין איילעניש צו באגע־
גענען דעם פאסט־מאן.

„פאַראַן עפּעס בריעף פאַר מיר, מר. מילליגען?" פרעג איך, באַמיהענדיג זיך איינצוהאַלטען מיין שטימע.

„ניין, מיין יונג".

מיינע אויגען שלינגען די פּאַסט אין זיינע הענט. „קיינע בריעף היינט, אַלעק", גיט ער צו: „דאָס איז פאַר דיין שכן פּאַסקואַלע".

איך הויב אָן פיהלען שטאַרק באַאומרוהיגט וועגען טאָני׳ס שטילשווייגען. נאָך גאַנצע פיער־און־צוואַנציג שטונדען מוזען דורכגעהן, איידער דער גייסטליכער וועט ווידער קומען אַהער. און פילייכט וועט ניט זיין קיין בריעף פאַר מיר מאָרגען אויך? וואָס קען זיין די אורזאַך מיט מיין פריינד? אַזוי פיעל געפאַהרען דראָ־הען זיין יעדען טראַט — ס׳קאָן זיין, ער איז קראַנק — אָדער אפשר אַן אומגליק... אַנגסטליכע טעג פון ערוואַרטונג געהען דורך, און איך ערהאַלט ניט קיין בריעף. ראַסעל ווערט אַלץ מעהר צודרינג־ליך און סטראַשעט צו ברעכען זיין צוזאָג. די איינצעלהאַפטע בורטשען אונטער איבער מיין נאַכלעסיגקייט. איך בין נערוועז און אויפגערעגט. שוין צוויי וואָכען צייט אַז איך האָב ניט געהערט פון טאָני׳ן; עטוואָס געפעהרליכעס האָט געמוזט פּאַסירען. אין אויפגעברויזטען שרעק, גיב איך אַכטונג אויף דער אויבערשטער ראַטונדע. די מיטאָג־שטונדע קומט אָן: דער גייסטליכער קלינגט מיט זיינע שליסלען; די טיר עפענט זיך אויף, און ער קריכט אום פּאַמעליך איבער די אָפּטיילונגען. איך פאָלג איהם נאָך בגנבה הינטער די גאַלערעען, מאַכענדיג זיך כלומר׳שט, אַז איך רייניג גראַטעס. ער לאָזט זיך אַרונטער צום קאָרידאָר.

„גוט מאָרגען, טשעפּליין", זוך איך צו ציהען זיין אויפמערק־זאַמקייט, קוקענדיג מיט זשעדנע אויגען אויף די בריעף אין זיין האַנט.

„גוט מאָרגען, מיין יונג. פיהלט איהר זיך גוט היינט?"

„אַ דאַנק; גאַנץ פיין". מיין שטימע ציטערט, אָבער איך האָב מורא צו פאַרראַטען מיין נייגעריגקייט דורך פרעגען אַ צוויי־טען מאָל.

ער געהט דורך פאַרביי מיר, און מיר ווערט ביטער אויפ׳ן האַרצען פון ענטוישונג. ער שטעלט זיך אָפּ. „אַלעק", רופט ער אויס, „איך האָב זיך פאַרגעסען אויף דיינעם אַ בריעף נעכטען. אָט איז ער".

מיט ציטעריגע הענט נעהם איך פאַנאַנדער דעם בויגען פּאַפּיר. אין פיבער פון האָפנונג און שרעק, קוק איך זיך איין אינ׳ם בריעף אין דער איינזאַמקייט פון מיין צעל. מיין הארץ קלאַפּט מיט דער גרעסטער האַסטיגקייט, בעת איך לעז יעדען ווארט אינ׳ם בריעף. זוכענדיג פאַרשטעלטע געדאַנקען, אַנאַליזירענדיג יעדען אות און פּאַסיקעל, פאַרזיכטיג אויסשטעלענדיג די קליינע שורות, צונויפ־שטעלענדיג די באַדייטענדע פינטעלאך אין אַ גאַנצען בנין פון אינהאַלט. הערליך! אַ הויז איז געדונגען געוואָרען — 28 סטער־לינג סטריט — כמעט פּונקט קעגענאיבער דעם טויער פון דער דרום־וואַנט. די געלדער זיינען שוין פאַראַן, און די אַרבייט וועט באַלד אָנגעפאַנגען ווערען!

מיט שנעלע טריט שפּריז איך איבער דער אָפּטיילונג. דער טייך ווייעט מיט זיסע ריחות צו מיין צעל, די פרייד פון פריהלינג איז אין מיין הארצען. יעדע שטונדע ברענגט מיך נעהענטער צו פרייהייט: די געטרייע קאַמעראַדען אַרבייטען נאָכאַנאַנד, אין געהיים, אונטער דער ערד. אין אַ מאַנאַט פיליכט, העכסטענס אין צוויי, וועט דער טונעל זיין פאַרענדיגט. איך צעהל די טעג, אָפּמעקענדיג יעדען פריהמאָרגען דעם דאַטום פון מיין קאַלענדאַר. די נייעס פון טאַני׳ן זיינען מונטערע, ערמוטיגענדע: די אַרבייט פּראָגרעסירט גאַנץ גלאַטיג, און די אויסזיכטען אויף ערפאָלג זיי־נען גלענצענדע.

איך ווער לוסטיג איבער די באַמיהונגען פון אומגעבעטענע פריינד פון ניו יאָרק דורכצופיהרען די פאַרשלעגע פון די אַדוואָ־קאַטען צו אַפּעלירען צום העכערען געריכט פונ׳ם שטאַאַט, אויפ׳ן גרונד פון דער אונקאָנסטיטוציאָנעלקייט פון מיין שטראָף. איך בעראַט זיך ערנסט מיט מר. מילליגען וועגען דער ראַטזאַמקייט פון דעם שריט, און דער פריינדליכער גייסטליכער ערלויבט מיר די פּריווילעגיע צו נעהמען אַן עקסטראַ בויגען שרייב־פּאַפּיער. איך באַדאַנק מיינע קאַמעראַדען פאַר זייערע באַמיהונגען, און איך באַ־טאָן די נויטווענדיגקייט צו שאַפען מעהר געלט פאַר דעם אַפּיעל צום העכערען געריכט. איך פרעג נאָכאַנאַנד אַן עצה ביי דעם גייסטליכען וועגען דער געזעצליכער זייט פון דער זאַך, גלויבענדיג אַז מיין כלומר׳שטער ענטוזיאַזם וועט דערגרייכען די אויערען פונ׳ם פאַרוואַלטער. דער קונץ וועט פאַרשלייערען מיין געהיימען פּראָ־

יעקט און וועט אפציהען דעם פארדאכט. מיינע אפיציעלע בריעף אטהעמען מיט זיכערקייט פון ערפאלג, און ארויסווייזענדיג פיעל זעלבסט־צוטרוי, מאך איך אז איינדרוק אויף די „טראסטים“, אז איך ווארט אויף מיין באלדיגער באפרייאונג.

איך דיסקוטיר די פראגע מיט די בעאמטע און די שפיאנען, ביז דאס גאנצע געפענגנים געהט אום כאדראם מיט דער באלדיגער באפרייאונג פון דעם פיערטען עלטסטען ארעסטאנט. די איינצעל־האפטע טרויען מיר אן מיט שליחות'ן צו זייערע פריינד, און דער „דעפיוטי ווארדען“ האלט א דרשה ווי אויפצופיהרען זיך הינטער די ווענט. דער מאמענט איז זעהר גינסטיג פאר א דרייסטען שריט. זייענדיג איינגעשפארט אין צעל־הויז, וועט מיר זיין אונ־מעגליך צו דערגרייכען דעם טונעל. די פריווילעגיע צו זיין אין הויף איז נויטיג אומבאדינגט.

ס'איז יוני. אומבאפעדערטע פויגעלאך פאלען אפט ארונטער פון זייערע נעסטען, און איך רייד איין דעם פריינדליכען לויפער, „סאוטסייד“ דזשאני, מיר צו קריגען א פאר שפערלינגלאך. איך גיב א נאמען די קליינע יתומים'לאך „דיק“ און „סים“, און דער אנדענקען פון מיינע פריהעריגע פויגלען ווערט אויפגעלעבט ביי די ארעסטאנטען און בעאמטע. דער אלטער מיטשעל איז איינפאך אין עקסטאז איבער דער אינטעליגענץ און צוגעלאזענקייט פון מיי־נע נייע באפעדערטע פריינד. אבער די פויגלען שמאכטען און געהען אויס אין פארשטיקטער לופט פונ'ם געפענגנים־פליגעל; זיי דארפען זונליכט און זאמד, און די שטויביגע גאס צו באדען זיך. ביסלעכווייז קריג איך די סימפאטיען פון דעם נייעם דאקטאר דורך ד אינטערעסאנטע קונצשטיק פון מיינע ליעבלינגע. איינמאל שפאנט אריין דער פארוואלטער און באוואונדערט אויך די וואונדערבארע פויגלען.

„ווער האט זיי דרעסירט?“ פרעגט ער.

„אט דער מאן“, ווייזט דער דאקטאר אן אויף מיר. א לייכטע בייזקייט באווייזט זיך אויף דעם פארוואלטער'ס פנים. דער אלטער מיטשעל ווינקט צו מיר, ערמוטיגענד.

„קעפטיין“, טרעט איך צו צום פארוואלטער, „די פויגעלעך זיינען קראנק אויס מאנגעל אין לופט. וועט איהר מיר ערלויבען דורכצולופטערען זיי אביסעל אין הויף?“

„פארוואס לאזט זיי ניט אוועק? דו האסט ניט קיין ערלויבניש זיי צו האלטען“.

„אה, ס׳וואלט געווען א רחמנות ארויסצואווארפען זיי“, מישט זיך אריין דער דאקטאר. „זיי זיינען צו שוואך אכטונג צו געבען אויף זיך אליין“.

„נו, אויב אזוי“, באשליסט דער פארוואלטער, „זאל דזשאספער זיי ארויסנעהמען אלע טאג“.

„זיי וועלען מיט קיינעם ניט געהן אויסער מיט מיר“, לאז איך איהם וויסען. „זיי געהען מיר נאך אומעטום“.

„פארוואס ניט לאזען בערקמאנען ארויסצוגעהן מיט זיי אויף א פאר מינוט?“ שלאגט דער דאקטאר פאר. „איך הער, אז איהר ערווארט באלד צו זיין פריי“, ווענדעט ער זיך צו מיר. „וואס־זשע, אייער פראצעס ווערט נאך א מאל באטראכט?“

„יא“.

„נו, בערקמאן“, גיט מיר דער פארוואלטער א וואונק. „איך וועל אייך ערלויבען צעהן מינוט אין הויף, ווען איהר וועט פארטיג ווערען מיט דעם קעהרען. ווי שפעט ווערט איהר פארטיג מיט דעם?“

„אום 9:30 אין דער פריה“.

„מר. מיטשעל, יעדען פריהמארגען, אום 9:30, וועט איהר דורכלאזען בערקמאנען דורך די טירען. פאר צעהן מינוט אויפ׳ן זייגער“. און אומדרעהענדיג זיך צו מיר, לעגט ער צו: איהר וועט שטעהן נעבען דעם גרין־הויז; ס׳איז דארטען גענוג זאמד פאראן. אויב איהר וועט אריבערטרעטען די ליניע פון דעם טראטואר, אדער פארשפעטיגען אויף איין מינוט, וועט איהר באשטראפט ווערען“.

## קאַפּיטעל 36

# דאָס אונטערערדישע גראָבען.

**מאַי 10טען, 1900.**

מיין טייערער טאַני!

דיינע בריעף פאַרשכור'ן מיך מיט האָפנונג און פרייד. איך גיב נאָר אַ זופּ דעם טייערען אַראָמאַט און הויב גלייך אָן ווידער דורשטען נאָך דעם נעקטאַר. שרייב אָפט, טייערער פריינד; דאָס איז די איינציגע טרייסט פאַר מיין אומזיכערער לאַגע.

זאָרג זיך ניט וועגען דעם וואָס דאַרף געטאָן ווערען דאָ אויף דער זייט. אַלעס איז גוט און וואויל. דורך אַ סטראַטעגישען קונץ האָב איך געקראָגען די פּריווילעגיע **צו זיין** אין הויף. בלויז אויף עטליכע מינוט יעדען פריה־מאָרגען, אָבער איך ציה אויס זעהר געקליגט מיין געגעבענע צייט און שטח. די אויסזיכטען זיינען זעהר ליכטיג דאָ; יעדער איינער רעדט פון מיין אַפּליקאַציע צום העכערען געריכט, און פרידען הערשט — פאַרשטעהסטו מיך.

מיך פאַרדריסט וואָס איך קען ניט שרייבען דירעקט צו מיינע טייערע, געטרייע קאַמעראַדען, דיינע מיטאַרבייטער. זיי דו דער פאַרמיטלער. גיב זיי איבער מיין טיעפסטע אָפּשעצונג. דערצעהל „יענקיין" און „איבסענען" און אונזערע איטאַליענישע קאַמעראַדען ווי אַזוי איך פיהל — איך וויים, איך דאַרף דיר ווייטער ניט ערקלעהרען. קיינער באַגרייפט ניט בעסער פון מיר די געפעהרליכע ריזיקע וואָס זיי נעהמען זיך אונטער, די מוראַ'דיגע אַרבייט אין דער שטיל און אין דער פינסטער, כמעט אין געפאַהר דערהערט צו ווערען פון די וועכטער. די געפאַהר, די העלדישע זעלבסט־אויפּ־אָפּפערונג — וואָס פאַר אַ געלט וואָלט געקאָנט קויפען אַזאַ איבער־

געבענהייט? ס'ווערט מיר שווער אויפ'ן הארצען, ווען איך טראכט פון זייער געפאהר. מיר ווילט זיך אזש וויינען איבער דער וואונ־דערשעהנער דעמאנסטרירונג פון סאלידאריטעט און פריינדשאפט.

טייערע קאמעראדען, איך בין שטאלץ מיט אייך, און שטאלץ מיט דעם גרויסען אמת פון אנארכיזם, וועלכער קאן ארויסגעבען אזוינע אנהענגער, אזא גייסט. איך אומארם אייך, מיינע נאבעלע קאמעראדען, און פארשנעלערט די טעג וואס וועלען מיך מאכען גליקליך, אנקוקענדיג אייערע פנים'ער, און אנריהרענדיג אייערע הענט.

א.

יוני 5.

טייערער טאני!

דיין שווייגען איז געווען אונערטרעגליך. דאס הענגען אין דער לופטען איז שרעקליך. איז עס ווירקליך נויטיג געווען אפצוהאל־טען די ארבייט אזוי לאנג? איך בין איבערראשט וואס דו האסט ניט געקענט פאראויסזעהן דעם מאנגעל אין לופט און ליכט. דו וואלסט זיך פארשפארט אזוי פיעל צייט. ס'איז א גרויסע ער־לייכטערונג צו הערען אז די ארבייט פראגרעסירט ווידער, און בין ווירקליך גליקליך וואס „יענקי" פארשטעהט עלעקטריציטעט. עס מוז זיין גיהנום'שע ארבייט צו פאמפען לופט אין דער שאכט. גיט אכטונג אויף דאס הוזשען פון דער מאשינעריע. די פיאנא־אידעע איז גרויסארטיג, שפיעלט און זינגט וויפיעל ס'איז נאר מעגליך, און מאכט זיכער, אז אלע פענסטער זאלען זיין אפען. די בעססטיעס אויף דער וואנט וועלען ווערען איינגענומען פון דער מוזיק, און ס'וועט דערטרינקען דעם גערויש פון אונטער דער ערד. פארבינדט אן עלעקטרישען קנעפעל צווישען דער פיאנא און דער שאכט; ווען די שפיעלערין וועט עפעס באמערקען פארדעכטיגעס אין גאס, אדער אין די וועכטער אויף דער וואנט, קאן זי גלייך אנזאגען די קאמעראדען אפצושטעלען די ארבייט.

איך שיק דיר דא די אויסמעסטונגען פון דער וואנט און דעם הויף, וועלכע דו האסט געבעטען. אבער אויף וואס דארפסטו זיי? גיב זיך ניט אפ מיט אונגויטיגע זאכען. פונ'ם הויז אונטער דער

גאָס, דירעקט צו דער דרום־מערב וואַנט, פאַר דעם קענסטו קריי־גען די מאָס אין דרויסען. פאַר אינווענינ דאַרפסטו עס ניט האָבען. געהט אונטער דער וואַנט, אין ערד אַ 20—30 פוס, ביז איהר וועט קומען צו דער וואַנט פון דער בלינדער אַללעע. מאַכט נאָר אַן איינשניט און אַלץ וועט זיין פאַרענדיגט. שרייב וועגען פראַגרעס. לעג ניט אָב. גרוס אַלעמען.

אַ.

יוני 20.

טאָני!

דיינע בריעף ערשטוינען מיך. פאַרוואָס איז דער וועג געביטען געוואָרען? איהר האָט געדאַרפט געהן צו דער דרום־מערב זייט און איצטער זאָגסטו, אַז איהר זיינט ביי דער מזרח־זייט פון דער וואַנט. עס איז פשוט אונגלויבליך, טאָני. דיין ערקלערונג איז ניט איבערצייגענד. אויב איהר האָט געפונען אַ גאַז־רעהר ארום דעם טויער, האָט איהר דאָך געקענט עס ארומגעהן; אַ חוץ דעם, איז דאָך דער טויער יעדענפאַלס אויסער אייער וועג. איך וואָלט וועלען, טאָני, דו זאָלסט אויספאָלגען מיינע אינסטרוקציעס און דעם אָריגינעלען פּלאַן. דיין פאַרנאַכלעסיגונג צו באַריכטען גלייך אויפ'ן שטעל וועגען דער ענדערונג, קאָן זיך ארויסווייזען בּאַטאַל. איך וואָלט אייך געקענט געבען אינפאָרמאַציע—אַז איהר זיינט שוין געוועזען ביי דעם דרום־מזרח טויער—צו געהן דירעקט אונטען; דאַן וואָלט איהר פאַרשפּאָרט גראָבען אונטער דער וואַנט; דאָרטען איז ניטאָ קיין שטיין פונדאַמענט, פאַרשטעהט זיך, אונטער'ן טויער. איצט, אַז איהר זייט שוין אַרומגעגאַנגען דעם דרום־מזרח ווינקעל, וועט איהר דאַרפען צוקומען אונטער דער וואַנט—דאָס איז דער ערגסטער פלאַץ, ווייל אין יענעם טייל איז אַמאָל געוועזען אַ זומפּ, און איך האָב זיך דערוואוסט, אַז עס איז באַזונדערס אַרומגעמויערט. נאָך אַ פּונקט: ערגעץ אונטער דער מזרח־וואַנט, אַרום 300 פוס פון דעם טויער, געפינט זיך אַן אַלטער פאַרלאָזענער קוואַל פון נאַטירליכען גאַז. זאָג אונזערע פריינד, אַז זיי זאָלען זיך אויס־היטען פון דאַמפּען; דאָס איז זעהר אַ געפעהרליכער פלאַץ; מען מוז דאָרט זיין באַזונדערס פאָרזיכטיג.

האב נישט קיין פּאראיבעל פאר מיין שטרענגען טאן, טייערער טאני. מיינע נערוועז זיינען אנגעצויגענ, די אומזיכערקייט מאכט מיך משוגע. און איך מוז נאך פארמאסקירען מיינע געפיהלען, שמייכלען און אננעהמען א גלייכגילטיגען אויסזעהן. איך האב אבער נישט קיין רוהיגע מינוט. ווען דו פארפעהלסט מיר צו שרייבען, שטעל איך זיך פאר די שרעקליכסטע זאכען. כ׳בעט דיך, זיי פינקטליכער. איך וויים, אז דו ביזסט פארוואָרפען מיט ארבייט; אבער איך האב מורא, אז איך וועל אראפּ פון זינען, איידער דאס וועט זיין פאראיבער. דערהויפּט לאז מיר וויסען, ווי וויים דו רעכענסט צו געהן ביי דער מזרח־וואנט, און וואו דו וועסט ארויסקומען. דאס מאכט די זאך קאמפּליצירט. דו ביזט שוין דורכגעגאנגען א גרעסערע שטרעקע, איידער דאס איז נויטיג געווען, לויט דעם אריגינעלען פּלאן. עס איז געווען א גרויסער טעות, און ווען דו וואלסט ניט געווען אזא איבערגעבענער פריינד מיינער, וואלט איך זיך אויף דיר שטארק געבייזערט. שרייב גלייך. איך האלט איצט אין איינארדנען א נייעם געהיימען און פּריוואַ־טען וועג. מען בויט איצט אין הויף; עס זיינען, פארשטעהסטו, פאראן פיעל דרויסענדיגע אנטרייבער.

א.

טייערער טאני!

איך איל זיך זעהר דאס דיר צו מעלדען. **דו ווייסט דאך די** קאמער, וואס געפינט זיך קעגענאיבער דער מזרח־וואנט. זי האט בלויז א הילצערנעם דיל, און די בעאמטע קומען אהין אריין נישט זעהר אפט. עס געפינען זיך דארט איייניגע שטערונגען, פון דעם הויפען שטיינער. איך וועל שוין דאס באזארגען. לאזט זיך גלייך צו דער דאזיגער קאמער. עס איז א קורצער שטח פון דער וואנט. איך שיק דיר דא די מעסטונגען.

א.

טאני!

איך בין אויסער זיך פון דיר. וואס איז עס געווארען מיט דיין פּאזיכטיגקייט, מיט דיין אויסגערעכענטקייט? א לאך אין גראז דועט נישט טויגען. איך בין אבסאלוט קעגען דעם.

אויף דעם הויפען שטיינער געפינען זיך א פּאָר צעהנדליג מענשען און אייניגע „שרייפלעך". מען וועט אונז זיכער ענטדעקען, און אויב אַפילו איהר וועט די אויבערשטע שיכטע לאָזען גאַנץ אויף א פוס אָדער צוויי, ווי אַזוי וועל איך קאָנען אַריינקריכען אין דער לאָך אין דער אַנוועזענהייט פון אַזוי פיעל לייט? עס ווייזט אויס, אז דו האָסט דאָס גאָר נישט גענומען אין אַכט. עס איז פאַראַן ניט מעהר ווי איין וועג, וועגען וועלכען איך האָב ערקלערט אין מיין לעצטען בריעף. געה צו דער קאַמער; עס איז נאָר אַביסעל מעהר אַרבייט, נישט מעהר ווי נאָך א 30, 40 פוס. זאָג די חברים, אז דער געדאַנק וועגען דעם גראָז איז אונמעגליך. נאָך אַביסעל אַנשטרענגונג, פריינד, און אַלץ וועט זיין גוט. ענטפער גלייך.

א.

טייערער טאָני!

פאַרוואָס באַשטעהסטו דוקא אויף דער לאָך אין דער ערד. איך זאָג דיר נאָכאַמאָל, אז עס וועט נישט טויגען. איך וויל דאָס אַפילו אויף קיין איין מאָמענט נישט נעהמען אין אַכט. איך געפין זיך אינוועניג, און איהר מוזט מיר לאָזען באַשטימען, וואָס עס קאָן אָדער קאָן נישט געטאָן ווערען. איך בין גרייט צו ריזיקירען מיט אַלץ פאַר מיין פרייהייט, איך וואָלט א טויזענד מאָל ריזיקירט מיט מיין לעבען. איך בין איצט צו פאַרצווייפעלט, אז עמיצער זאָל מיך קאָנען אָפּהאַלטען פון וועלען אַנטלויפען; אויב עס וואָלט נויטיג געווען, וואָלט איך אַפילו זיך דורכגעגראָבען דורך א וואַנט פון וועכטער. אָבער איך האָב נאָך אַביסעל ישוב הדעת, כאָטש איך בין כמעט געריהרט פון צווייפעל און אומרוה. אויב איהר באַשטעהט אויף דער לאָך, וועל איך דאָס דורכפיהרען, כאָטש עס איז פאַראַן זעהר ווייניג האָפנונג אויף ערפאָלג. איך זאָג דיר, טאָני, מען מוז זיך דורכגראָבען ביז דער קאַמער; עס איז נישט קיין ספק. קאָנען מיר דען, נאָך אַזא גוואַלדיגער אַנשטרענגונג, שטעלען מיט א גרינג הארץ אַלצדינג אין קאָן? איך פאַרזיכער דיר, אז מען קאָן גאָר אַפּילו נישט טראַכטען צו האָבען ערפאָלג מיט'ן פּלאַן וועגען דער לאָך. זיי וואָלטען מיך גלייך נאָכגעפאָלגט — און צו וואָס טויגען די גאַנצע ,ייך?

א חוץ דעם וויסט איהר, אז איך האב נישט ביי זיך קיין רע־וואלווערען. איך וועל, נאטירליך, האבען געוועהר, אבער עס וועט מיר נישט העלפען צו אנטלויפען. נאך א זאך: דאס, וואס איהר האט געביטען דעם פלאן, האט מיך געצוואונגען צו קריגען א געהילף. מען קאן זיך אויף דעם מענשען פארלאזען, און איך האב איהם פארטרויט נאר איניגע טיילען פון פלאן. איך דארף איהם האבען אויף אויספארשען די געגענד ארום דער קאמער, נעהמען מאסען, און אזוי ווייטער. עס איז מיר נישט ערלויבט צוצוקומען וואו־נישט־איז נאהענט צו דער וואנט. אבער וועגען דעם דארפט איהר זיך נישט קימערען; איך וועל זיין פאראנט־ווארטליך פאר מיין פריינד. איך דערצעהל אייך וועגען דעם, כדי איהר זאלט צוגרייטען צוויי פאר ארבייטס־קליידער, אנשטאט איין פאר. לאזט אויך איבער אין הויז צוויי רעוואלווערען, געלט און שיפרירטע דירעקציעס, מיר זאלען וויסען וואוהין צו געהן. קיינער פון אונזערע חברים דארף אויף אונז נישט ווארטען. זאלען זיי אלע אוועקגעהן אזוי שנעל, ווי אלץ וועט זיין פארטיג. איהר זאלט בשום אופן נישט אפשטעלען זיך ביי דער לאך. געהט אומ־באדינגט צו דער קאמער.

א.

טאני!

די לאך וועט ניט טויגען. וואס מעהר איך טראכט וועגען איהר, אלץ מעהר געפין איך, אז זי איז אוממעגליך. איך שיק ארויס צום „רעדאקטאר“ א דרינגענדען רוף נאך געלט. דו וויסט, ווען מיין איך. קום גלייך אין באריהרונג מיט איהם. פארנוץ דאס געלט אויף פארטזעצען די ארבייט צו דער קאמער.

א.

באקס „איו“ 7,
אלעגהעני סיטי, פא.,
25טען יוני, 1900.

טייערער חבר:

דער גייסטליכער איז געווען זעהר פריינדליך צו געבען מיר אן איבעריג בלעטעל פאפיער פאר א דרנגענדיגער אנגעלעגענהייט.

איך שרייב אייך אין אויסערסטער ניוט. איהר ווייסט דאָך וועגען דער באַמיהונג פון מיינע פריינד צו אַפּעלירען צום געריכט: איך בעט אייך לייענט דאָס פּאַרזיכטיג. איך האָב פּאַרלאָרען דעם גלויבען אין זייערע אַדוואָקאַטען. איך האָב אָנגעשטעלט מיינע אייגענע „אַדוואָקאַטען" — אַדוואָקאַטען אין גענזע־פּיסלער — דאָס איז אַ וויץ פון געפענגניס, פּאַרשטעהט איהר מיך. איך האָב דעם גרעסטען צוטרוי צו די דאָזיגע אַדוואָקאַטען. זיי וועלען אומבאַדינגט אויסווירקען מיין באַפרייאונג, אַפילו ווען דאָס איז נישט קיין באַנגאַדיגונג, פאַרשטעהט איהר מיך. דאָס הייסט, מיר וועלען געהן צום העכסטען געריכט, וואָס איז פאַרשיידען פון אַ „פּאַרדאָן־באָארד" — נאָך אַ וויץ פון געפענגניס.

מיינע פריינד נויטיגען זיך אין געלט. מיר מוזען עס גלייך האָבען. די אַרבייט איז אָנגעהויבען, זי קאָן אָבער נישט געענדיגט ווערען צוליעב דעם אויספעהלען פון מיטלען. מערקט אייך גוט, וואָס איך זאָג: איך וועל פאַר קיין שום זאַך ניט זיין פאַראַנטוואָרטליך — עס קאָן געשעהן דאָס ערגסטע — סיידען איך וועל גלייך באַקומען געלט. איהר האָט אַן איינפלוס. איך האָף, אַז איהר וועט פאַרשטעהן און האַנדלען שנעל.

אייער חבר,
אלעקסאנדער בערקמאַן.

מיין אָרימער טאַני:

איך קאָן זעהן, ווי די דאָזיגע זאַך האָט געווירקט אויף דיינע נערוועז. באַרעכען נאָר, אַז דו, דו דער פאַרזיכטיגער טאַני, זאָלסט זיין אַזוי נישט אויסגערעכענט צו שיקען מיר אַ טעלעגראַם. דו וואָלסט געקאָנט מאַכען אַ תּל פון דער גאַנצער זאַך. איך האָב געהאַט שוועריגקייטען צו דערקלערען דאָס צום גייסטליכען, אָבער איצט איז אַלץ אין אָרדנונג. מען קאָן זיך, נאַטירליך, נישט העלפען, אויב מען מוז דוקא אָנקומען צו דער לאָך. איך האָב פאַרשטאַנען די באַדייטונג פון דיין טעלעגראַם: פון דעם זיבעטען שטאַנג אויף דער מזרח־וואַנט, צעהן פוס צו מערב־זייט. מיר וועלען דאָרט זיין צו דער מינוט — 3 נ. מ. אָבער דער 4טער יולי

טויג נישט. עס איז א יום־טוב: מען ארבייט נישט; מיין פריינד וועט זיין פארשלאסען. איך קאן איהם נישט לאזען אויף הפקר. עס וועט מוזען אפגעלייגט ווערען אויפ'ן אנדערען טאג — אויף דעם 5טען יולי. עס איז מעהר נישט, ווי נאך דריי טעג. איך וואלט געוואלט, אז עס זאל שוין זיין נאך אלעמען; איך קאן מעהר נישט אריבערטראגען די זארג און אומזיכערקייט. הלואי זאל דאס זיין מיין „אונאבהענגיגקייטס־טאג"!

א.

יולי 6.

טאני:

עס איז שרעקליך. אלץ איז פאראיבער. איך בין אוועק אהין אין צייט, איך האב אבער געפונען א גרויסען הויפען מיט שטיינער און ציגעל פונקט אויף ד ע ם ארט. איך האב גארנישט געקאנט טאן. איך האב דיך געווארענט, אז מען האט ארום יענעם פלאץ געבויט. מען האט מיך געזעהן ביי דער וואנט — און איצט איז מיר שטרענג פארבאטען צו פארלאזען דאס צעל־הויז. אבער מיין פריינד איז שוין דארטען געוועזען עטליבע מאל — מען קאן צו דער לאך נישט צוקומען: זי איז באהאלטען דורך א גאנצען בארג מיט שטיינער. זי וועט פאר א קורצער צייט נישט אויפגעדעקט ווערען. טעלעגראפיר גלייך קיין ניו יארק נאך געלט. איהר מוזט ווייטער אנגעהן מיט דער ארבייט צו דער קאמער. אויב מען וועט באדארפען, וועל איך קאנען זיך דערשלאגען אהינצו. דאס איז די איינציגע האפנונג. פארליר נישט קיין איין מינוט.

א.

יולי 13.

טאני!

עס איז פון ניו יארק אנגעקומען פאר מיר אין אפיס אריין הונדערט דאלאר. איך האב געזאגט דעם גייסטליכען, אז דאס איז פאר מיין אפעלאציע. איך שיק דיר דאס געלט. טרעט גלייך צו צו דער ווייטערדיגער ארבייט. עס איז נאך פאראן א האפנונג.

דעם דראָט, וואָס דו האָסט דורכגעשטופּט דורכ'ן גראָז, כדי אָנ־צואווייזען דעם פּלאַץ, האָט מיין פריינד נישט געפונען. עס ליגען דאָרט צופיעל שטיינער. געה גלייך צו דער קאַמער.

א.

יולי 16.

מען האָט ענטדעקט דעם טונעל. פאַרליר קיין צייט נישט. פאַרלאָז גלייך די שטאָט. איך בין אויף פאַרדאַכט, און מען האָט מיך איינגעשלאָסען.

א.

קאפיטעל 37.

# אומרוהיגע טעג.

די ענטדעקונג פון דעם טונעל צוטרייסעלט מיך מיט דער געוואלטיגקייט פון אן ערד־ציטערניש. דער פלאן פארטצוזעצן די ארבייט, די ציטערענדע האפנונג צו אנטלויפען, צו זיין פריי, צו לעבען — אלעס האט זיך פאר מיר פלוצלינג געענדיגט. מיינע נערוועז, וואס זיינען געווען אנגעצויגען אין די מאנאטען פון אומגעוויסהייט און אנגסט, לאזען פלוצלינג נאך. מיט א טעמפען מוח, ווי באטויבט, פרעג איך זיך: „איז דאס מעגליך, איז דאס ווירקליך מעגליך?“

אן אטמאספערע פון אומרוהיגקייט, ווי פון אן ערווארטע געפאהר, פילט אן דאס געפענגניס. משונה׳דיגע קלאנגען טראגען זיך ארום: ס׳איז געפלאנט געווארען צו עפענען די גאנצע תפיסה, ארויסלאזען אלע ארעסטאנטען; די ווענט האבען געזאלט אויפ־געריסען ווערען מיט דינאמיט, די וועכטער דער׳הרג׳עט ווערען. אימיצער איז פאקטיש אנטלאפען, זאגט מען זיך אין דער שטיל, שושקענדיג. דער פארוואלטער געהט ארום מיט א בליק פון צר־טומעלטקייט און מורא; די באאמטע זיינען פול מיט פארדאכט. די ארעסטאנטען וויזען ארויס ענטוישונג און נערוועזע אומגע־דולדיגקייט. די טאג־טעגליכע ארבייט ווערט מיט אמאל אפגע־שטעלט: די ווערקשטאטען זיינען פארמאכט, די ארעסטאנטען איינגעשלאסען אין די צעלען.

די ענטדעקונג פון דעם טונעל איז א רעטעניש פאר די באאמטע פונ׳ם געפענגניס און פון דער שטאדט. אייניגע קינדער, וועלכע האבען זיך געשפיעלט אין גאס האבען פארבלאנדזשעט אין הויף

פונ׳ם פארלאזענעם הויז אנטקעגנען די טויערען פון געפענגנ׳ים. די בערגלעך פון פריש אויסגעגראבענער ערד האבען צוגעצויגען זייער אויפמערקזאמקייט; א יונגעל, וואס איז צופעליג אראפ אין קעלער, האט זיך דערשראקען, זעהענדיג די טיעפע הייהל; זיין מוטער האט עס געלאזט וויסען דעם אגענט פונ׳ם הויז, וואס איז מערקווירדיגערוייז אויך א באאמטער פונ׳ם צוכט־הויז. אבער אומזיסט זיינען די באמיהונגען פון די געפענגנים־באאמטע צו ענט־דעקען וואס פאר עס איז צייכען פון דעם טונעל אינוועניג אין די ווענט. טעג פארגעהן אין דער אומזיסטער, פרוכטלאזער אויס־פארשונג פון דעם הויף — דער אויסגאנג פונ׳ם טונעל אינוועניג אין געפענגנים קאן ניט געפונען ווערען. פיליכט ציהט זיך דער אונטערערדישער דורכגאנג גארניט צום צוכט־הויז? דער פאר־וואלטער דריקט אוים זיין פעסטע איבערצייגונג, אז די געפענגנים־ווענט זיינען ניט דורכגעדרונגען געווארען. אפנים אז ניט דאס געפענגנים איז געווען דער ציעל־פונקט פון די גרעבער, טענה׳ט ער. די פאליציי פון דער שטאדט אלעגהעני באשליסט צו אונטערזוכען דעם דורכגאנג פון דעם הויז אין סטוירלינג סטרים. אבער די מע־נער, וועלכע פרואווען דורכקריכען דורכ׳ן שמאלען טונעל, זיינען געצוואונגען אויפצוגעבען זייער ארבייט, ווייל זיי ווערען צוריק־געטריבען דורך די שטראמען פון ארויסלויפענדען גאז. עס ווערט אויפגעשטעלט א השערה, אז די אומבאקאנטע גרעבער, וואס זייער צוועק זאל ניט האבען געווען, זיינען אריינגעכאפט געווארען אין דעם פארלאזענעם גאז־שטראם און זיינען אומגעקומען, איידער מען האט זיי געקאנט ראטעווען. דער מורא׳דיגער עפוש דייטעט אהן שום ספק אן אויף די צופוילטע מענשליכע קערפערס; דער שרעק־ליכער אומגליקס־פאל האט געצוואונגען די איינוואוינער פון 28 סטוירלינג סטריט אפצולעגען זייער פארזוך, איידער די אר־בייט איז געענדיגט. דער צושטאנד פונ׳ם הויז — דער האלב־געגעסענער מאהלצייט אויפ׳ן טיש, די פאנאנדערגעווארפענע קליידער איבער די צימערען, די אלגעמיינע אומארדנונג — דאס אלעס קוקט אוים אנצודייטען אויף א שנעלען, איילענדיגען אנט־לויפען.

דאס באשטעהן מיט זיכערקייט דערויף, אז דא איז פארגע־קומען א פאטאלער אומגליקס־פאל, באאומרוהיגט מיך, ניט קו־

קענדיג אויף דעם, וואס איך ווייס, אז עס איז ניט ריכטיג. דאך, ווער קאן דאס זאגען אויף זיכער? פיליכט איז דער געוואגטער טאני, אין זיין שטרעבען דורכצושפארען דעם דראטענעם סיגנאל, געגאנגען אזוי ווייט, אז ער איז אומגעקומען אין דעם גאז־שטראם. דער געדאנק צושרויפט מיך, נעהמט מיך דורך מיט שרעק, ביז עס ווערט מיטגעטיילט, אז א נעגער, ביי וועמען די פאליציי האט געפועל׳ט דורכצוקריכען די גאנצע לענג פונ׳ם טונעל, האט גע־בראכט א פאזיטיווע פארזיכערונג, אז קיין לעבען איז ניט אויפ־געאפפערט געווארען ביי דער אונטערערדישער ארבייט. אבער די געפענגניס־באאמטע זיינען נאך אלץ ניט אימשטאנד צו געפינען דעם ציעל־פונקט, און עס ווערט ענדליך באשלאסען אויפצורייסען די גאסען, הינטער וועלכע דער טונעל ציהט זיך אין זיין געהיימ־ניספולען וועג.

נאכדעם ווי דער אונטערגעמינעוועטער פלאץ אינווענניג אין די ווענט פונ׳ם געפענגניס איז ענדליך אויסגעפונען געווארען, נאך א וואך פון גראבען אין פארשיידענע ערטער אין הויף, האט דער פארוואלטער קיין ברירה ניט און ער גיט צו דעם אויגענשיינליכען צוועק פונ׳ם טונעל. אין דערזעלבער צייט לאזט ער וויסען די צייטונגען, אז דער ציעל איז דא, ווייזט אויס, געווען די באפרייאונג פון דעם אנארכיסטישען ארעסטאנט. ער באפעסטיגט זיין מיינונג דורך דעם אומשטאנד, וואס איך בין אמאל פאר׳מסר׳ט געווארען פאר איהם, אז מען האט מיך דערטאפט ביי דער מזרח־וואנט, מיט דעם כלומר׳שטען אויסרייד, אז איך וויל צונויפקלייבען קליינע שטיינדעלעך פאר מיינע פויגעלעך. דער געהילפס־„דעפיוטי" האפקינס פארזיכערט נאך דערצו, אז ער האט געזעהן און גערעדט מיט קארל נאלד נעבען דעם „פערברעכער"־הויז, א קורצע צייט איידער דער טונעל איז ענטדעקט געווארען. די ענט־וויקלונגען, וועלכע זיינען פול מיט געפאהר פאר מיינע פריינד, באאומרוהיגען מיך שטארק. צום גליק קאן מען ניט געפינען קיין שפור אין דעם הויז, אויסער א צעטעל, געשריבען אין א שיפריר־טער שפראך, וואס לאכט זיך משמעות אויס פון די פעהיגסטע עקספערטען. איינמאל, ביי איינע פון זיינע געוועהנליכע זונטאג־דיגע באזוכען, געהט דער פארוואלטער פארביי מיין צעל, דאן

קעהרט ער זיך אום, אַזוי ווי ער וואָלט זיך פּלוצלינג אָן עפּעס דערמאָנט. „דאָ, בערקמאַן", זאָגט ער מיט אַ מילדען טאָן, מיר דערלאַנגענדיג אַ צייטונג, „די פּרעסע באַט אָן אַ היבשע באַלוינונג צו דעם, וואָס וועט איבערליינען און ערקלערען דעם צעטעל וואָס מען האָט געפונען אינ׳ם הויז פון סטוירלינג סטריט. ס׳איז דאָ רעפּראָדוצירט אין דער צייטונג. זעהט, צי איהר קאָנט ניט אויס־מאַכען וואָס דאָ שטעהט". איך באַטראַכט פאָרזיכטיג די צייטונג, דורכלעזענדיג שנעל טאָני׳ס אָנווייזונגען, וואָס איך זאָל טאָן נאָכ׳ן אַנטלויפען. דאַן, אומקערענדיג די צייטונג, זאָג איך גלייכגילטיג: „איך קאָן לעזען איינציגע שפּראַכען, קעפּטיין, אָבער דאָס איז איבער מיינע קענטענישען".

די פּאָליציי און דעטעקטיוו ביוראָס פון פּיטסבורג און אַלעג־העני לאָזען וויסען, אַז אַ גרינדליכע אויספאָרשונג ווייזט גאַנץ באַשטימט, אַז דער טונעל איז געגראָבען געוואָרען מיט דער אַבזיכט צו באַפרייען וויליאַם באַיד, אַן אַרעסטאַנט, וואָס איז פאַר׳משפּט געוואָרען אויף צוועלף יאָהר פאַר אַ רייהע פון געוואָגטע פעלשונגען. זיינע „חברים" האָט זיך איינגעגעבען צו קריגען פופציג טויזענד דאָלאַר אויף געפעלשטע פּאַפּירען, און דאָס האָבען זיי דאָס גע־מאַכט די וואונדערבאַרע שטיקעל אַרבייט אונטער דער ערד, צו באַ־פרייען דעם ווערטפולען פעלשער. דער סכסוך צווישען די פּאָ־ליציי־בעאַמטע פון אַלעגהעני און דער פאַרוואַלטונג פון דעם גע־פענגנים איז פול מיט פיינדשאַפט און ביטערקייט. מען עצה׳ט זיך מיט פאַרוואַלטער פון געפענגניסען, מיט דירעקטאָרען פון דער פּאָליציי־ און דעטעקטיוו־דעפּאַרטמענטס פון פאַרשיידענע שטעדט מכח דעם סוד פון די שאַרפזיניגע גרעבער, און דער וכוח אין די צייטונגען ווערט וואַרעם און אַנטאַגאָניסטיש. אָבער דער פּאָליציי־שעף פון אַלעגהעני בייט באַלד זיין מיינונג. ער האַלט מיט דעם „וואַרדען" און טרעט אַרויס געגען זיין פערזענליכען שונא, דעם שעף פון דער פּיטסבורגער דעטעקטיוו־ביוראָ. די צו־טומלעניש פון די פאַרפענטליכטע מיינונגען, און דאָס וואָס איך האַלט אין איין אָפּלייקענען די באַשולדיגונג, אַז איך האָב זיך באַ־טייליגט אין דעם טונעל, פיהרט דעם שטאַרק פאַרזאָרגטען פאַר־וואַלטער אַראָפּ פון וועג און ער הויבט אָן זיך וואַקלען אַהין און אַהער. היבשע עטליכע אַרעסטאַנטען ווערען געמאַכט פאַר די

אפפער פון זיין גייסטיגער אומזיכערקייט. נאכדעם ווי מען האט מיך פארשיקט אין איינצעלהאפט, ווערט פאט מעקגראו איינגע־שפארט, אלס דער מעגליכער מאן, פאר וועמען דער פלאן פון אנט־לויפען איז דאס געמאכט געווארען. אין 1890 האט ער זיך ארויס־גע׳גנב׳עט דורכ׳ן דאך פון געפענגניס, טענה׳ט דער פארוואלטער, און עס לעגט זיך דערפאר אויפ׳ן שכל, אז דער מאן פלאנעוועט נאך אמאל צו אנטלויפען. דזשעק ראבינסאן, קראניז, „נען" און א צוואנציג אנדערע ווערען יעדער באזונדער פארדעכטיגט פון „קעפטיין" רייט, וועלכער באפעהלט זיי איינצושפארען אין פאר־לויף פון דער ערשטער אויספארשונג. אבער צוליעב דעם וואס עס פעהלען אבסאלוט וועלכע עס איז שפורען, ווערען די ארעסטאנטען באלד צוריקגעקעהרט צו דער ארבייט, און פון אלע „פארדעכטיגטע" בלייבען בלויז צוויי: איך און באיד. דער פארוואלטער האט אויסגעפונען, אז באיד האט מיט א קורצער צייט פריהער געמאכט א פארזוך צו אנטלויפען, אויפברעכענדיג א לאך אין דער האלב־רונדער סטעליע פון דער ווערקשטאט, וואו ער האט געארבייט, אבער ער האט זיך דאן ארומגעזעהן, אז דער פלאץ טויג ניט פאר זיין צוועק.

א דאנק דער שפיאנירונג פון די „טראסטיס" קאנצענטרירט זיך ביסלעכווייז דער אויסשליסליכער פארדאכט אויף מיר אליין. אין איבערראשונג דערוויס איך זיך אז דער יונגער ראסעל איז פארגערופען געווארען פאר דעם „קעפטיין". די מורא, אז דער יונג זאל זיך ניט ארויסכאפען מיט עפעס, טרייסעלט מיך אויף פון מיין דערשלאגענקייט. איך מוז אנווענדען יעדען מיטעל צו פארטומלען די בעאמטע און ראטעווען מיינע פריינד. צום גליק איז נאך קיינער פון די טונעל־ארבייטער ניט ארעסטירט געווארען; צוליעב דעם סכסוך צווישען די שטאדט־בעאמטע און דער געפענג־ניס־פארוואלטונג איז דערוויילע גארנישט געטאן געווארען. מיינע קאמעראדען קאנען ניט געשטעלט ווערען אין געפאהר דורך ראז־סעל׳ן. אלעס וואס ער ווייס איז, פאר וועמען דער טונעל איז געווען באשטימט; די נעמען פון מיינע פריינד זיינען איהם פאל־שטענדיג אומבאקאנט. מיין הארץ ווערט פול מיט סימפאטיע פאר דעם יונגען ארעסטאנט, ווען איך דערמאן זיך, אז ער האט קיינמאל ניט ארויסגעוויזען קיין שום נייגעריגקייט צו וויסען, ווער

עס זיינען די מענער ביי דער געהיימער ארבייט. ווי פאַרצווייפעלט ער איז ניט געווען פונ׳ם זיין איינגעשפּאַרט אין געפענגנים, און ווי ליידענשאַפטליך ער האָט ניט געשמאַכט נאָך פרייהייט, איז ער דאָך געווען גרייט אויפצואָפּפערן אַלעס און מיר העלפען אין מיין אַנטלויפען. ווי דערפרעהט דער ערדעלמוטיגער יונג איז דאָס געווען, ווען איך האָב באַשלאָסען צו טיילען מיין גלעגענהייט מיט איהם! טריי און איבערגעבען האָט ער געלייסטעט זיין ניצליכען דיענסט, פּראָוועגדיג אויסגעפינען דעם אריינגאַנג אין טונעל; דער אָרעמער יונג איז געווען אַ דערשלאָגענער, ווען אונז איז ניט געלונגען צו געפינען דעם פּלאַץ. איך בין זיכער, אַז ראָסעל וועט ניט פאַרראַטען דעם סוד מיט זיין האַלטונג. אָבער דאָס אונאויפהערליבע אויספרעגען פון דעם פאַרוואַלטער און די איינ־ספּעקטאָרס ווירקט שרעקליך אויף דעם יונג׳ס מוח. ער איז אַזוי יונג און אונערפאַהרען — קוים ניינצעהן יאָהר; אַ וואָרט וואָס קאָן זיך איהם אַרויסכאַפּען פון מויל, אַ ניט באַרעכענטע באַמער־קונג, קאָן נאָך פאַרוואַנדלען דעם פאַרדאַכט אין אַ פּאָזיטיווער באַשולדיגונג.

יעדען טאָג ווערט ראָסעל גערופען צום פאַרוואַלטער אין אָפיס; דאָס פאַראורזאַכט מיר יסורים פון שרעק, ביז מיין בליק פאַלט אויף דעם צוריקקומענדען אַרעסטאַנט וואָס שמייכעלט ערמוטיגענד, בעת ער געהט פאַרביי מיין צעל. דאַן וויים איך, אַז די געפאַהר איז אַריבער, פאַר דעם טאָג. מיט אַ טיעפען וועהטאָג באַמערק איך, ווי זיין געזיכט ווערט אַלץ בלאַסער, זיינע אויגען אַלץ אומ־רוהיגער, און זיינע פיס ווי איבערגעבראָכען, קוים וואָס ער געהט. די טאָג־טעגליכע אינקוויזיציע מאַכט פון איהם אַ תּל. מיט אַ ציטערענדער שטימע שעפּטשעט ער, פאַרבייגעהענדיג מיין צעל: „אַלעק, כ׳האָב מורא פאַר זיי״. דער פאַרוואַלטער, זאָגט ער, האָט איהם געסטראַשעט, אויב ער וועט זיך האַלטען דערביי, אַז ער ווייסט גאָרניט וועגען דעם טונעל. זיין פריינדשאַפט צו מיר איז גוט באַקאַנט, טענה׳ט דער פאַרוואַלטער; מען האָט אונז אָפט געזעהן צוזאַמען אין צעל־הויז און אין הויף; איך האָב אודאי געמוזט פאַרטרויען ראָסעל׳ן מיינע פּלענער וועגען אַנטלויפען. דער גרויסער, גוט־געוואַקסענער בחור געהט איין פון טאָג צו טאָג, ווערט אַ שאָטען אונטער דער שרעקליכער נערוועזער אָנשטרענגונג.

טייערער, געטרייער פריינד! ווי שולדיג איך פיהל זיך אַנקעגען דיר, ווי רייסט מיר דאָס האַרץ וואָס איך האָב פאַרדעכטיגט דיין איבערגעבענהייט, זאָגאַר אויף איין קורצער ווייל, ווען דו האָסט, אין אַ פּאַניק פון מורא, געלייקענט פאַר דעם פאַרוואַלטער און ערקלערט, אַז דו הויבסט ניט אָן צו וויסען וועגען דעם שטיקעל פּאַפּיער, וואָס מען האָט געפונען אין דיין צעל. ס'איז געפאַלען אַ חשד אויף מיר, אַז איך בין דאָס דער שרייבער פון דער מאָדערנער אידישער טענטלעריי. דער פאַרוואַלטער האָט זיך אויסגעלאַכט פון מיין ערקלערונג, אַז ראַסעל'ס וואונש צו לערנען אידיש איז געווען די איינציגע אורזאַך וואָס איך האָב אויפגעשריבען דעם „אלף־בית" פאַר איהם. די געגענזייטיגע אַפּלייקענונג האָט ווי אַנגעדייט אויף וואָס פאַר עס איז סעקרעט; די טענטלעריי איז עהנליך צו דעם שיפרירטען, געהיימען צעטעל, וואָס מען האָט געפונען אינ'ם הויז אויף סטוירלינג סטריט, האָט דער פאַרוואַלטער געהאַלטען אין איין טענה'ן. ווי מאָדנע דאָס איז, וואָס איך האָב אויף אַזאַ ערפאָלגרייכען אופן צוטומעלט די אינספּעקטאָרס מיט די ווידערשפּרעכענדע ערקלערונגען וועגען דעם טונעל, אַז זיי האָבען מיר צוריקגעגעבען מיין שטעלע אַלס קאָרידאָר־מאַן. און דאָך האָט דער אומבאַדייטענדער אינצידענט פון ראַסעל'ס היראָגליפישע נאָכמאַכונג פונ'ם אידישען „אַלף־בית" געקאָנט געבען דעם פאַרוואַלטער אַן אויסרייד מיך צו שיקען אין איינצעל־האַפט! ווי צורודערט און ווי ביטער איך האָב דאָס געמוזט פילען צו באַשולדיגען דעם יונג אין פאַרראַט! זיין פאַרשוויגען האָט נאָך פאַרשטאַרקט מיין פאַרדאַכט, און די גאַנצע צייט האָבען די טרעהרען געשטיקט דעם אָרעמען יונג, אַז ער האָט ניט געקאָנט רעדען. ווי איך האָב דאָס קיין אַהנונג ניט געהאַט וועגען דער שרעקליכער וואונד, וואָס מיין איבעראייַלטע באַשולדיגונג האָט פאַראורזאַכט מיין איבערגעבענעם פריינד! אין דער שטיל האָט ער געליטען מאַנאַטען־לאַנג, גאָהן אַ געלעגענהייט זיך צו ערקלערען, ווען איך האָב ענדליך, דורך אַ פּשוט'ן צופאַל, זיך דערוואוסט וועגען דעם מורא'דיגען טעות.

אומזיסט זוך איך צו פאַרקירעווען מיינע געדאַנקען אויף פאַרשיידענע וועגען. דאָס וואָס איך האָב ראַסעל'ן אַזוי שלעכט פאַרשטאַנען פּלאָגט מיך אָהן אויפהער; די אומגערעכטע באַשולדי־

גונג פיניגט מיך אין מיינע שלאפלאזע נעכט. ס׳איז געווען פאר מיר א מאמענט פון שטארקער פרייד, ווען איך האב היינט געבע־טען זיין פארצייהונג, בעת איך האב איהם געטראפען ביי דעם פארוואלטער אין אפיס. א טיעפער געפיהל פון ערלייכטערונג, כמעט פון פריעדען, האט מיך אנגעפילט ביי זיין דירעקטער באַ־מערקונג: „אה, ס׳מאכט ניט, אלעק, ס׳מאכט גארנישט אויס; מיר זיינען ביידע געווען אויפגערעגט". איך בין געווען איבער־וועלטיגט פון דאנקבארקייט און באוואונדערונג פאר דעם נאבעלען יונג, און גלייך נאכדעם האט דער אנבליק פון זיין בלאסען גע־זיכט, פון זיין אויסגעמאגערטער געשטאלט, מיך דורכגעלעכערט ווי מיט א מעסער. מיט דער ערנסטער איבערצייגונג פון שטארקען גלויבען האב איך געזוכט צו ערקלערען פאר דער באַרד פון אינ־ספעקטארס דעם אומגליקליכען טעות וועגען דער אידישער שריפט. אבער זיי האבען געשמייכעלט מיט א מיענע פון צווייפעל. ס׳איז געווען צו שפעט: זייער מיינונג וועגען דעם, אז איך האב זיך פון פאראויס צונויפגערעדט מיט ראסעלין, איז שוין געווען אפ־געמאכט. אבער די ערקלערונג פון דעם גערילף־„דעפיוטי" האפ־קינס, אז ער האט געזעהן און גערעדט מיט נאלדין עטליכע וואכען, איידער דער טונעל איז ענטדעקט געווארען, און אז ער האט איהם געזעהן אריינגעהן אין דעם „פארברעכערישען" הויז, — דאס האט מיר געגעבען א געלעגענהייט צו צוטיילען די מיינונגען צווישען די אינספעקטארס. איך האב געהאט וועניג שוועריגקייט צו אי־בערצייגען צוויי מיטגליעדער פון דער „באארד", אז נאלד האט אויף קיין פאל ניט געקאנט זיין פארבונדען מיט דעם טונעל, וויל כמעט א יאהר פאר דעם, און זינט דאן, האט ער געארבייט פאר א פירמא אין סט. לואיס. זיי האבען אנגענומען מיין אנבאט צו באווייזען דורך די אפיציעלע ביכער פון דער קאמפאניע, אז נאלד איז געווען אין סט. לואיס דעם סאמע טאג, אין וועלכען האפקינס זאל כלומר׳שט האבען גערעדט מיט איהם. האפקינס׳ גליקליכער און זעהר נאטירליכער טעות, אננעהמענדיג דאס עהנליכע אויס־זעהן פון טאני פאר דעם אויסזעהן פון קארל, האט מיר געגעבען די מעגליכקייט צו דיסקרעדיטירען דעם הויפט עדות, וואס האט פארבונדען מיינע פריינד מיט׳ן טונעל. די ווידערשפרעכענדע אנזיכטען פון די פאליציי־בעאמטע פון אלעגהעני און פיטסבורג

האבען נאך מעהר צוטומעלט די אינספעקטארס, און זיי האבען מיר אין אן ערנסטען טאן מיטגעטיילט, אז די קלאגע געגען מיר, אז איך האב געמאכט א פארזוך צו אנטלויפען, איז ניט געווען פעסטגעשטעלט געווארען. זיי האבען געהייסען מען זאל מיך צוריק אנשטעלען אלס קארידאר־מאן. אבער אזוי גיך ווי דער „קעפטיין" האט זיך דערוואוסט פון דעם אורטייל, האט ער מיך גלייך אנגעקלאגט פאר דער „באארד", אז איך האב געפיהרט א געהיימע קארעספאנדענץ מיט האסעל'ן. געשטיצט אויף דעם כלומר'שט אידישען צעטעלע, האבען די אינספעקטארס באשטעטיגט דעם פארוואלטער'ס קלאגע; מען האט מיך פאראורטיילט צו איינצעלהאפט און איך בין טאקע גלייך איינגעשפארט געווארען אין דעם דרום־פליגעל.

## קאַפּיטעל 38.

# „ווי מענשען פאַרקריפּלען זייערע ברידער“.

### 1.

די פאַרשלאָסענע צעלע אין דער איינצעלהאַפט דושעט, פאַרעם מיט דער אויגוסט־היץ. די קאָרידאָר־פענסטער, הויך איבער'ן דיל, וואַרפען אַ שוואַך ליכט, איינוויקלענדיג די אונטערשטע צעלען־רייה אין אַ פינסטערען אומעט. וואו איך וואַרף נאָר אַן אויג, באַגעגענט מיין בליק דאָס רייצענדע ווייסע פון די ווענט, וואָס זיינען דאָ און דאָרט געל פון דער פייכטקייט. די לאַנגע טעג דריקען אויפ'ן האַרצען מיט זייער שטילקייט; טרויעריג קלינגען אָפּ מיינע מיעדע פוס־טריט אין דער שטיינערנער שטייג.

ווידער אַמאָל פיהל איך זיך אַריינגעשליידערט אין דער נאַכט, אָפּגעריסען פון די לעבעדיגע. דער דורכפאַל פון דעם טונעל שליסט אויף אימער אוים די האָפנונג באַפרייט צו ווערען. דערשראָקען דורך די מעגליכקייטען פונ'ם געפּלאַנטען אַנטלויפען, איז דער פאַרוואַלטער ענטשלאָסען צו פאַרזיכלען מיין שיקזאַל. איך וועל ענדיגען מיינע טעג אין דער שטרענגסטער אָפּגעשלאָסענקייט, האָט ער מיר געלאָזט וויסען. אַ שטרענגע שטראָף איז באַשטימט פאַר יעדען איינעם, וואָס וואָגט צו רעדען מיט מיר; אפילו געפענגנים־בעאַמטע איז פאַרבאָטען זיך אָפּצושטעלען ביי מיין צעל. דער אַל־טער איוועגס, דער נאַכט־וועכטער, האָט זאָגאַר מורא צו ענטפערען אויף מיין באַגריסונג, זינט ער איז באַשטראָפט געוואָרען מיט דעם פאַרלוסט פון צעהן טעג געהאַלט, דערפאַר וואָס מען האָט איהם געזעהן ביי מיין טיר. ס'איז ניט געוועזן זיין שולד, אָרימער אַלטער

מאן. די נאכט איז געווען שטיקענד; די ראהמען פון דעם קארי־דאר־פענסטער אנטקעגען מיין צעל זיינען געווען פעסט פארמאכט. כ׳האב געמיינט איך ווער דערשטיקט פון דער פארפעסטעטער לופט, האב איך געבעטען דעם פארבייגעהענדען איוועגס צו עפענען דאס פענסטער. ער האט מיר געלאזט וויסען, אז דער פארוואלטער האט אויסדריקליך געהייסען עס זאל זיין פארמאכט. ווען ער האט זיך אויסגעדרעהט אוועקצוגעהן, האבען זיך דערהערט דריי שארפע קלעפ אן די שטאנגען פון דער אויבערשטער ראטונדע. פאר שרעק און ערשטוינונג איז ער כמעט צוגעווארצעלט געווארען צו דעם פלאץ, וואו ער איז געשטאנען. ס׳איז געווען צוויי אזייגער פארטאג. געוועהנליך איז קיינער ניטא דארט ביינאכט. „קום אהער, איוועגס!“ האב איך דערקאנט די שארפע טענער פון דעם פארוואלטער. „וואס פאר געשעפטען האסטו ביי אט דעם מאן׳ס טיר?“ איך האב אויסדריקליך געקאנט הערען יעדעס ווארט, וואס האט דורכגעשניטען די שטילקייט פון דער נאכט. אומזיסט האט דער צושראקענער וועכטער געזוכט צו ערקלערען, זיך פארענט־פערען: ער האט בלויז געענטפערט אויף א פראגע, ער האט זיך אפגעשעלט בלויז אויף א רגע. „שוין א האלבע שעה, אז איך קוק דיר נאך, ווי דו ביזט דארט געשטאנען“, טענה׳ט דער צארנדיגער פארוואלטער. „מעלד זיך צו מיר מארגען אין דערפריה“.

זינט דאן ווארפען די וועכטער בלויז א בליק צווישען די גראַ־טעס און געהען שטיל פארביי. מען האט מיך אריבערגעפיהרט אין א נעהענטערן פלאץ, וואו איך זאל קאנען גענויער בעאבאכט ווערען פון דעם „קעפטיין“, וועלכער שלעפט זיך ארום ביינאכט, ווען אלע שלאפען. איך געפין זיך נעבען דער ראטונדע, אין דער צווייטער צעל אויפ׳ן אונטערשטען עטאזש, אפטיילונג „א־איי“. די שטרענגע באפעהלען וועגען אויסערגעוועהנליכער באוואכונג האבען אזוי טעראריזירט מיינע פריינד, אז זיי וואגען ניט צו קומען אין מיין זייט. א ספעציעלער וועכטער איז אוועקגעשטעלט געווארען ניט ווייט פון מיין טיר, זיין איינציגע פליכט איז צו האלטען אן אויג אויף מיר. איך פיהל זיך ווי לעבעדיג באגראבען. די פאר־בינדונג מיט מיינע קאמעראדען איז איבערגעריסען, ווייל דער פארוואלטער האלט צוריק מיינע בריעף. מען גיט מיר ניט קיין ביכער און צייטונגען, אלע מיינע פריווילעגיעס זיינען אפגעשני־

טען. ווען איך וואלט כאטש געהאט מיינע פויגעלאך! די גזועל־שאפט פון מיינע קליינע ליעבלינגע וואלט מיר געבראכט טרייסט. אבער זיי זיינען צוגענומען געווארען פון מיר, און איך האב מורא, אז די וועכטער האבען זיי דער׳הרג׳עט. בארויבט פון ארבייט און איבונג, פארברענג איך די טעג אין איינצעלהאפט, מאנאטאן, אומענדליך.

## 2.

ביסלעכווייז פארשווינדט די אומרוהיגקייט איבער מיינע פריינד. דאס געהיימנים פון דעם טונעל בלייבט ניט געלייזט. דער פארוואלטער חזר׳ט אלץ איבער זיין מאראלע געוויסהייט, אז דער אונטערערדישער דורכגאנג איז געווען באשטימט פאר דער באפרייאונג פון דעם אנארכיסטישען ארעסטאנט. די מיינונגען פון די פאליציי און דעטעקטיוו־בעאמטע פון די צווילינג־שטעדט, פיטסבורג און אלעגהעני, זיינען שרעקליך ווידערשפּרעכענד. יע־דער צד פארזיכערט, אז ער איז דורך און דורך באקאנט מיט דעם פאל און פאזיטיוו איבערצייגט ווער די שולדיגע זיינען. אבער אזוי ווי די כלומר׳שטע שפּורען ווייזען זיך ארויס צו זיין פאלש, ווערט די גאנצע אנגעלעגענהייט סוף כל סוף פארווארפען. דער טונעל איז אנגעפילט געווארען מיט צעמענט, און די אפיציעלע אויספארשונג איז צו ענד.

די זיכערקייט פון מיינע קאמעראדען לאזט אריין א שטראהל פון ליכט אין דער פינסטערניש פון מיין לעבען. ס׳איז א טרייסט צו דענקען דערפון, אז ווי שרעקליך דער דורכפאל איז פאר מיר אליין, וועלען אבער מיינע פריינד ניט געמאכט ווערען פאר די אפּפער פון מיין שמאכטען נאך פרייהייט. אין קיין צייט, זינט דער טונעל איז ענטדעקט געווארען, איז ניט געפאלען קיין פאר־דאכט אויף די ריכטיגע פערזאנען. דער שמאלער האריזאנט פון די בעאמטע געהט נישט אריבער די באקאנטע נעמען פון דער מיידעל, פון נאלד און באוער. אויף אט די דריי האט די באשול־דיגונג איין מאל נאכ׳ן אנדערען געטייטעלט מיט׳ן פינגער, אבער די מענער, וועלכע האבען ווירקליך געהאט צו טאן מיט דעם גע־היימען פארזוך, זיינען ניט דערמאנט געווארען. קיין געפאהר סטראשעט זיי ניט פונ׳ם דורכפאל פון מיינע פּלענער. אין א לאקא־

לער ציימונג האָט נאָלד אויף אַן אומבאַשטרייטבאַרען אופן באַ־וויזען, אַז ער האָט כסדר געוואוינט אין סט. לואיס אַ יאָהר צייט פאַר דעם טונעל און נאָכדעם. באָווער האָט ניט לאַנג צוריק חתונה געהאַט; די פּאָליציי האָט די גאַנצע צייט געוואוסט וואו ער גע־פינט זיך, און זי ווייסט גאַנץ גוט, אַז מיין געוועזענער חבר־אַרעס־טאַנט קאָן ניט גערעכענט ווערען אַלס איינער פון די אַנטייל־נעהמער אין דעם פאַרזוך צו אַנטלויפען. די געפּענגנים־בעאַמטע האָבען אודאי געמוזט ערפאַהרען פון די בריעף וואָס זיינען מיר אָנגעקומען, אַז דער גרויסער דייטש ווערט פון מיינע פריינד באַ־טראַכט בלויז אַלס „געוועזענער געפאַנגענער“. אָבער דער חשד פון די בעאַמטע האָט זיך געריכטעט געגען דער מיידעל — מיט אַ געפיהל פון ביטערקייט טראַכט איך וועגען איהר אומגליקליכער אָבוועזענהייט פונ'ם לאַנד אין פאַרלויף פון דער וויכטיגער צייט, ווען עס איז אָנגעגאַנגען די אַרבייט אונטער דער ערד. מיט פאַר־דרוס דענק איך דערפון, אַז ווען ניט דאָס, וואָלט איך שוין אפשר איצט געווען אויף דער פריי! איהר פעהיגקייט אַלס אָרגאַניזאַ־טאָרין, איהר וואַקסענדער איינפלוס אין דער באַוועגונג, איהר ענערגיע און איבערגעבענהייט, וואָלטען פאַרזיכערט דעם ערפאָלג פון דער אונטערנעהמונג. אָבער אַ דאַנק דעם וואָס טאָני האָט אויף אַזאַ אומפאַרשטענדליכען אופן אָבגעצויגען די זאַך, איז זי אוועקגעפאָהרען אָהן דעם זי זאָל אַפילו ווייסען וועגען מיינע פּלע־נער. ווי עהרליך און טריי ער זאָל ניט זיין, אָבער איהם, זיין עקשנות און זיין איינגעבילדקייט האָט מען דאָס צו פאַרדאַנקען דעם דורכפאַל פון דעם פּראָיעקט.

אזוי וואַרף איך אַרויף די שולד אויף דעם און אויף יענעם פריינד, זיך אַנציגדענדיג מיט ווילדען כעס געגען רענעגאַט, וועל־כער האָט פאַרנומען אַ היבשע סומע פונ'ם געלד, וואָס איז געווען באַשטימט פאַר דער פאַרזעצונג פון דער אונטערערדישער אַרבייט. אָבער אַזוי גיך ווי די אויסברוכען פון כעס פאַרגעהן, זוך איך צו געפינען טרייסט אין דער קאָרעקטקייט פון דעם קלאָר־זעהענדען אורטייל, וואָס האָט געפיהרט צו דער אויסקלייבונג פון מיינע „אַדוואָקאַטען“, די איבערגעבענע גענאָסען, וועלכע האָבען אַזוי העראָאיש געאַרבייט פון מיינעטוועגען אין די טיעפענישען פון דער ערד. האַלב־נאַקעטע האָבען זיי געאַרבייט דורך די שווערע

טעג און נעכט, אויסגעצויגענע אין זייער גאנצער לענג אין דעם שמאלען דורכגאנג; זייערע קערפערס האבען אט געשוויצט און אט זיך פארקיהלט, זייערע הענט האבען געבלוטיגט ביי דער שרעקליכער ארבייט. און דורך די אלע וואכען און מאנאטען פון מורא־דיגער, נערוועןֿ־צוטרייסלענדער ארבייט און איינשפארונג אין דעם טונעל, פון שטענדיגען שרעק ענטדעקט צו ווערען און אומרוהיגקייט וועגען דעם רעזולטאט, האבען מיינע קאמעראדען ניט אויסגערעדט קייןווארט פון צווייפעל אדער מורא, אין פולען צוטרוי צו זייער אומזיכטבארען פריינד. וואס פאר א זעלבסט־אויפאפפערונג פאר איינעם, וועמען איינער פון אייך האבען זאגאר קיינמאל ניט געקאנט! טייערע, געליעבטע קאמעראדען, ווען אייער ארבייט געלינגט, וואלט מיין לעבען קיינמאל נישט געקאנט אייך צוריקצאהלען אייערע כמעט איבערמענשליכע אנשטרענגונגען און ליעבע. בלויז די צוקינפטיגע יאהרען פון אקטיווער איבערגעבענהייט פאר אונזער גרויסער געמיינשאפטליכער זאך, וואלט גע־וויסערמאסען געקאנט אויסדריקען מיין דאנקבארקייט און דעם שטאלץ וואס איך פיהל אין אייך, וואו איהר זאלט ניט זיין. אויך איז אייער העלדענמוט, אייער פעהיגקייט און אייער אומבאזיעגבארער אויסדויער ניט געווען ארויסגעווארפען. איהר האט געגעבען אן אומשאצבארע דעמאנסטרירונג פון דער עלעמענטארער ווירקליכקייט פונ'ם אידעאל, פון דער וואונדערליכער קראפט און מוט, וואס ווערען געבוירען פון א סאלידארישען צוועק, פון די הויכען, צו וועלכע די איבערגעבענהייט צו א גרויסען אידעאל קאן זיך דערהויבען. און דער לעסאן איז ניט פארלארען געגאנגען. כמעט איינשטימיג איז די מיינונג פון דער פרעסע — בלויז אנאר־כיסטען וואלטען געקאנט אויפטאן די וואונדערבארע שטיקעל ארבייט.

די טעמא פון דעם טונעל באאיינפלוסט שטארק מיין מוח. ווי וועניג האב איך אין זינען געהאט מיינע קאמעראדען, וואס האבען געארבייט אונטער דער ערד, אין די אומרוהיגע טעג פון מיין אייגענער מורא און צווייפעל! מיט וואקסענדער לעבעדיג־קייט שטעל איך מיר פאר זייער שרעק, זייער מורא ענטדעקט צו ווערען, די ריעזיגע אנשטרענגונגען, ניט קוקענדיג אויף דער שטענ־

דיגער געפאהר. ווי שרעקליך האט געמוזט זיין ז י י ע ר פאר־צווייפלונג, ווען זיי זיינען ניט אימשטאנד געווען פארטצוזעצען די ארבייט צו אן ערפאלגרייכען סוף!...

מיינע געדאנקען פילען מיך אן מיט באנייטע כוחות. איך מוז לעבען! איך מוז לעבען, כדי זיך צו טרעפען מיט יענע העד־ראאישע מענער, זיי צו דריקען די האנט, און מיט שטיל־שווייגענ־דיגע ליפען אויסגיסען מיין הארץ אין זייערע אויגען. איך וועל זיין שטאלץ מיט זייער חבר'שאפט, און שטרעבען עס די ווערטה צו האבען.

## 3.

די שורות פארמירען זיך אין דעם קארידאר, און זיי מאר־שירען שטיל צו די ווערקשטאטען. איך קוק ארום דורך די גראַ־טעס, ווארים דער אנבליק פון א באקאנטען פנים ברענגט ערמונטע־רונג, און עס דערמאנט אן די טעג, ווען איך האב אויפגעפאסט אלס קארידאר־מאן אויף די צעלען. א סך פריינד, וואס איך האב שוין יאהרען ניט געזעהן, געהען פארביי מיין צעלע. ווי דער גרויסער דזשעק איז דאס איינגעדארט געווארען! דער טיעפער ברוסט־קאסטען איז איינגעזונקען, דאס געזיכט אויסגעצעהרט און געל, מיט רויטליכע פלעקען ארום די באקען־ביינער. ארעמער דזשעק, אזוי שטארק און ענערגיש, ווי פארמאטערט און שוואך זיין טראט איז איצט! און דזשימי איז אינגאנצען צובראכען פון רהומאטיזם, און געהט אויף קוליעס. מיט שוועריגקייט דער־קאן איך הערי פישער. די צוויי יאהר האבען פאלשטענדיג פאר־ענדערט דעם יונגעל פון מארגאנזא. ער קוקט אויס אלט צו זיבע־צעהן יאהר, די ראזעווע באקען טויטען־בלייך, די דעליקאטע גע־זיכט־צוגען אומבאוועגליך, שטרענג, די גרויסע ליכטיגע אויגען מוטנע און גלעזערן. לעבהאפטיג שטעהען מיינע פריינד פאר מיר אין דער יוגענד און שטארקייט פון זייער ערשטען אנקומען. ווי פארענדערט איז זייער אויסזעהן! מיינע ארעמע קאמפאניאנען, לעזער פון די „צוכטהויז־בליטען“, העלפער אין אונזער ארבייט פאר דער אונטערזוכונג, וואס פאר חורבות די מאטערניש פון גיהנום האט פון אייך געמאכט! מיט אומעטיגקייט דערמאן איך זיך אן די ערשטע יאהרען פון מיין איינשפארונג און מיין קאלטע

אַבשאַצונג פון סאָציאַלע אַפּפער. אַט איז איוועגס, דער אַלטער גנב, שמייכלענדיג בגנבה צו מיר פון דער ליניע. יענער טאָג קוקט אוים אַזוי לאַנג, לאַנג צוריק, ווען איך האָב געלעזען זיין צונגע־שריבענע באַמערקונג ביי דער זייט פון אַ זשורנאַל־אַרטיקעל, וואָס איך האָב איהם צוגעשיקט, מכח די אומגעהייערע קאָסטען פון פאַרברעכען. איך האָב זיך געפיהלט גאַנץ באַליידיגט דורך דער לייכטזיניגער העזה׳דיגקייט פון זיין באַמערקונג: „מיר קאָסטען טייער, אַבער זיי מוזען אונז האָבען“. מיט דער ערנסטער אינ־טעלעקטואַליטעט פון רעוואָלוציאָנערער טראַדיציע האָב איך גע־קוקט אויף איהם און זיין גלייכען, ווי אויף אומפאַרמיידליכע קראַנקהאַפטע געוויקסען, די פאַרפוילטע פרוכט פון אַן אַבשטאַר־בענדער געזעלשאַפט. אומגליקליכע פאַרבלאַנדזשעטע, דאָס איז אמת, אַבער דאָך פּאַראַזיטען, כמעט אָהן מענשליכקייט. אַבער די פעדים פון חבר׳שאַפט זיינען לאַנגזאַם אויסגעוועבט געוואָרען דורך געמיינשאַפטליכער נויט. דאָס געפיהל פון סימפּאַטיע האָט ענטדעקט דעם מענשען אונטער דעם פאַרברעכער; דאָס האַרטע אייז פון פינסטערען פאַרדאַכט איז צוגאַנגען ביי דעם הויך פון פריינדשאַפט, אַנוואַרמענדיג דאָס צאַפּעלדיגע מענשליכע האַרץ. דער אַלטער איוועגס און סעמי און באַב, — וואָסערע ליידען און שמערצען האָבען געמוזט אָבקיהלען זייערע פייעריגע נשמות אין דעם ווינטער פון ווילדער ביטערקייט! און די ווידער־אויפלעבונג, דער „תחית המתים“ ציטערט אינעווייניג! ווי שרעקליך איז דעם מענשענ׳ס אומוויסענהייט, וואָס פאַראורטיילט זיך אליין אויף אייביג געשמיסען צו ווערען פון איהר אייגענער בלינדער מוראַ׳דיגקייט! און אַט די פריינד מיינע, דייווים און ראַסעל, אַט די אומשולדיגע שולדיגע, — וואָס פאַר אַן ערגערע שטראַף האָט די געזעלשאַפט געקאָנט אַרויפלעגען אויף זיך אַליין, איידער דעם פאַרלוסט פון זייער באַהאַלטענער נאָבעלקייט, וואָס זי האָט אין זיי געטויט?... ניט אינגאַנצען אומזיסט זיינען די יאָהרען פון ליידען, וועלכע האָבען אויפגעוועקט מיין פאַרוואַנדשאַפט מיט דער מענש־הייט פון „לע מיזעראַבל“, פון די אומגליקליכע, וועמען די סאָ־ציאַלע דומהייט האָט אַריינגעשליידערט אינ׳ם טאָל פון טויט.

קאַפּיטעל 39.

# אַ נייער פּלאַן צו אַנטלויפן.

## 1.

מיין נייער שכן קערט אָפּ מיינע געדאַנקען אין אַן אַנדער ריכטונג. עס איז דער „פּיטינג טאָם", וועלכער האָט זיך אומגע־קערט נאָך עטליכע יאָהר פון אַבוועזענהייט. דורך אַ שטריקעל, אַנגעבונדען אָן אַ דראָט, „הוידען" מיר אריבער צעטעלאָך איינער צו דעם אַנדערען ביי דער נאַכט, און טאָם איבערראַשט מיך, דורכ־דעם וואָס ער איז זיך מודה, אַז ער איז דאָס געווען דער שרייבער פון דעם מיסטעריעזען צעטעלע, וואָס איך האָב ערהאַלטען באַלד נאָך מיין אַנקומען אין צוכטהויז. ער לאָזט מיר וויסען, אַז עט־ליכע ארעסטאַנטען האָבען דאַן געפּלאַנט צו אַנטלויפען, און איך האָב געזאָלט „אריינגענומען" ווערען, אויף זיין רעקאָמענדאַציע. אָבער אַזוי ווי איינער פון די קאָנספּיראַטאָרס האָט געקראָגען „קאַלטע פיס", איז די פאַרשווערונג פאַרראַטען געוואָרען צו דעם פאַרוואַלטער. גלייך נאָכדעם האָט טאָם „אָפּגעשיקט דעם מוסר אין האָספּיטאַל". דערפאַר אָבער איז ער געהאַלטען געוואָרען אין איינזאַמקייט ביז זיין באַפרייאונג. אין געפענגנים האָט ער גע־מאַכט גוטע פאָרטשריטע אַלס בעזים־מאַכער, און עס איז געווען זיין אַבזיכט צו אַרבייטען ווייטער ביי דעם פאַך. עס קומט גאָרנישט אַרויס פון שווינדעל און באַטרוג, האָט ער געטראַכט; און ער האָט באַשלאָסען צו זיין אַן עהרליכער מאַן. אָבער אין דעם טאָג, ווען ער איז באַפרייט געוואָרען, האָבען איהם אַ פּאָר פּאָליציי־בעאַמטע פון אילינאָיס אָפּגעוואַרט ביים טויער און

איהם ווידער אַרעסטירט אויף אַן אַלטער קלאַגע. ער האָט גע־שוואָרען צו נעהמען ראַכע פון געהילפּס־דעפּיוטי האַפּקינס, פאַר וועמען ער האָט אַמאָל צופעליג געלאָזט פאַלען אַ באַמערקונג, אַז ער וועט קיינמאָל ניט אומקערען זיך נאָך אילינאָיס, ווייל מען „דאַרף" איהם דאָרט. ער האָט פאַרבראַכט די פינף יאָהר אין דעם דזשאָליעט געפענגניס מיט דער איינציגער האָפנונג, אַז ער וועט זיך „אויסגלייכען" מיט דעם מאַן וואָס האָט איהם אַזוי גע־מיין פאַראַטען. גלייך ווי ער איז באַפרייט געוואָרען, האָט ער זיך אומגעקערט קיין פּיטסבורג, מיט דעם באַשלוס צו טויטען האַפּקינס'ן. אין דער נאַכט פון זיין אַנקומען האָט ער זיך אריינ־געבראַכען אין האַפּקינ'ס וואוינונג, גרייט צו נעהמען נקמה פאַר זיינע קריוודעס. אָבער דער געהילפּס־דעפּיוטי איז מיט אַ טאָג פריהער אַוועק אויף זיין „וואַקיישאַן". אויסער זיך פאַר כעס וואָס ער איז אַזוי אָפּגענאַרט געוואָרען, האָט טאָם באַשלאָסען אונטערצוצינדען דאָס הויז, ווען דאָס ליכט פון זיין שוועבעלע איז געפאַלען אויף אַ זילבערנע שטיקעל ציערונג אויפ'ן קאָמאָד פון דעם שלאָפציממער. עס האָט איהם באַצויבערט. ער האָט ניט געקאָנט אַראָפּנעמען זיינע אויגען דערפון. פּלוצלינג איז ער דורכ־גענומען געוואָרען פון אַ פאַרלאַנג דורכצוזוכען דאָס הויז און זעהן וואָס דאָרט געפינט זיך. די אַלטע לײדענשאַפט איז געקומען איבער איהם. ער האָט ניט געקאָנט ווידערשטעהן. קוים וויסענ־דיג וואָס ער טהוט, האָט ער צוזאַמענגענומען דאָס זילבערוואַרג אין אַ טישטוך, און האָט זיך שטיל אַרויסגע'גנב'עט פון הויז. ער איז אַרעסטירט געוואָרען אויף מאָרגען, ווען ער האָט געפּרואווט פאַר'משכונ'ען זיין רויב. זייענדיג אַן אַלטער פאַרברעכער, האָט ער געקראָגען אַ שטראָף פון צעהן יאָהר. זינט ער איז אַנגעקומען, מיט אַכט מאָנאַטען צוריק, איז ער געהאַלטען געוואָרען אין איינ־צעלהאַפט. זיין געזונט איז געבראָכען; ער האָט קיין האָפנונג ניט איבערצולעבען זיין טערמין, אָבער אויב ער דאַרף שטאַרבען — שווערט ער — דאַן וועט ער מיטנעמען „זיין מאַן" מיט זיך.

וויסענדיג וועגען דער ענטשלאָסענקייט פון „פּייטינג" טאָם, באַגרייף איך, אַז דער פאַרהאַסטער באַאַמטער האָט צו פאַרדאַנקען זיין זיכערקייט נאָר דאָס, וואָס טאָמ'ען פעהלט דערוויייל די גע־לעגענהייט אויסצופיהרען זיין נקמה־פּלאַן. איך האָב װעניג סימ־

פאטיע פאר האפקינס׳ן, וועמעס נעשיקטקייט ארויסצוציהען די סודות פון ארעסטאנטען האט איהם געמאכט פאר א רעגעלמעסיג באצאהלטען מיטגליעד פון דער פינקערטאן אגענטור; אבער איך שטרענג זיך אן איינצורײדען טאמ׳ען, אז עס וואלט געווען א ריינער שגעון אזוי מיט די אייגענע הענט ארײנצולײגען זיין קאפ אין דער פעטליע. ער איז נאך א יונגער מאן: קוים דרייסיג. עס איז ניט ווערט צו אפפערען זיין לעבען פאר א גארנישט פון א וועכטער.

אבער טאם בלייבט פאר׳עקשנ׳ט. עס קוקט אויס, אז מיינע ארגומענטען פארגרעסערען בלויז זיין ווידערשטאנד און פארשטאר־קען זיין באשלוס. אבער א נאהענטערע באקאנטשאפט מיט איהם ענטדעקט פאר מיר זיין גרויסע איינבילדונג איבער זיין קונסט און טעכניק, אלס אן עקספערט צוצוקומען צו א צווייטען עטאזש. איך שפיעל אויף זיין אייטעלקייט, לאבענדיג פון דער רויהקייט פון זיינע נקמה־פלענער. וואלט עס ניט געווען מעהר אין איינ־קלאנג מיט זיין רעפוטאציע אלס א געניטער גנב, ארגומענטיר איך, צו „טאן די זאך" אויף א „גלאטערען" אופן? טאם נעמט אן א סקעפטישע האלטונג, אבער שטופענווייז ווערט ער מעהר פאראינטערעסירט. גאר אין גיכען ווערט ער, מיט אן אונער־ווארטעטען ענטוזיאזם פארקאכט אין דעם פארשלאג פון אן אנט־לויפען. קוים ווערט ער נאר זיין אויף דרויסען, נו — „וועל איך איהם שוין קריגען", זאגט ער מיט א צופרידענעם געלעכטער.

## .2

דער פלאן צו אנטלויפען פארשלינגט אונז פאלשטענדיג. יעדע נאכט האט אן אנדערער פון אונז די אויפגאבע צו פארצייכענען גענוי די צייט און דעם שטח, וואס די וועכטער געהען ארום, דאס ערשיינען פון דעם נאכט־קאפיטאן, דאס עפענען פון דער ראטונדע־טיר. צאהלרייכע דעטאלען, וואס זיינען בלומר׳שט ניט וויכטיג אבער קאנען דאך זיין פאטאל, מוזען באמייסטערט ווערען. פיעל הינדערניסען פארשטעלען דעם וועג צו ערפאלג, אבער צייט און אויסדויער וועלען זיי בייקומען. טאם איז דורך און דורכגענומען פון דעם פראיעקט. איך באגרייף די פארצווייפלונג פון דער אונ־

טערנעהמונג, אָבער די איינציגע ברירה, א חוץ דעם, איז אַ לאַנג־זאָמער טויט אין דער איינזאַמקייט. עס איז דער לעצטער אויסוועג.

מיט דער גרעסטער פּאָרזיכטיגקייט מאַכען מיר אונזערע פּאָר־בּאַרייטונגען. דער זומער איז שוין אַוועק; די געדיכטע נעבּלען פון דעם סעזאָן וועלען העלפען אונזער אַנטלויפען. מיר איילען זיך צו פאָרענדיגען אַלע דעטאַלען, אין גרויסער נערוועזער אָנ־שטרענגונג און אין דער אויפגערעגטקייט פון דער אַרבּייט. באַלד קומט שוין די צייט, ווען מען מוז באַשטימען אַ פּאָזיטיווען דאַ־טום. אָבער טאָמ'ס גייסטיגער צושטאַנד פילט מיך אָן מיט שרעק. ער איז לעצטענס געוואָרען שטיל־שוויגענדיג. נעכטען האָט ער אויסגעקוקט מאָדנע טרויעריג, און האָט בשום אופן ניט געוואָלט ענטפערען אויף מיין סיגנאַל. איין מאָל נאָכ'ן אַנדערען קלאַפּ איך אין דער וואַנט, פאָרלאַנגענדיג אַן ענטפער אויף מיין לעצטען בּריוועל. טאָם בּלייבּט שטיל. פון צייט צו צייט קומט אַרויס אַ טיעפער קרעכץ פון זיין צעלע, אָבער מיינע ווידערהאָלטע סיג־נאַלען בּלייבען ניט געענטפערט. אין שרעק בּלייב איך אויף די גאַנצע נאַכט, אין דער האָפנונג צו בּאַוועגען אַ וועכטער אויסצור־געפינען די אורזאַך פון דעם קרעכצען. אָבער מיין פּאָרזוך צו רעדען צו די בּעאַמטע ווערט איגנאָרירט. אויף מאָרגען אין דער־פריה זעה איך, ווי טאָם ווערט געטראָגען אויף אַ בּעטעל פון זיין צעלע, און מיט שרעק ווער איך געוואָהר, אַז ער האָט אין פאָר־לויף פון דער נאַכט פאָרבּלוטעט אויף טויט.

## 3.

דער זאָנדערבּאָרער טויט פון מיין פריינד ענבּערט מיין מוח. איז עס געווען זעלבּסטמאָרד אָדער אַן אומגליקס־צופאַל. טאָם איז אָפּגעשוואַכט געוואָרען פון לאַנגער איינשפּאָרונג; ווי עס איז האָט פּיליכט געפּלאַצט ביי איהם אַ בּלוט־אָדער, און ער איז געשטאָר־בּען אויס מאַנגעל אין מעדיצינישע הילף. ס'איז אונמעגליך, אַז ער זאָל האָבען בּאַגאַנגען זעלבּסטמאָרד גראַד אין אַזאַ מאָמענט, ערב,אונזער פּאָרזוך. דאָך, געוויסע אַנדייטונגען אין זיינע צעטע־לאָך פון די לעצטע טעג, וועלכע איך האָב דאַן איגנאָרירט, נעהמען איצט אָן אַ נייע בּאַדייטונג. ער איז, ווייזט אויס, געווען אונטער

דעם איינדרוק, אז האפקינס פארפאלגט איהם. איין מאל אדער צוויי מאל האט מיין פריינד אויסגעדריקט מורא פאר זיין זיכער־קייט. ווער וויים? ער קאן נאך פאר׳סם׳ט ווערען, האט ער גע־געבען אנצוהערען. איך האב זיך געהאט אויסגעלאכט דערפון, קענענדיג די איינבילדונג פון אזעלכע וואס געפינען זיך אין איינ־צעלהאפט. דאס זיין פארשפארט אין איינזאמקייט האט אן עהנ־ליכע ווירקונג אויף די מעהרסטע פון די ארעסטאנטען. מאנכע זיינען איבערהויפט געניינט צו זעלבסט־היפנאזע: דער יונגער סיד פלעגט ארויסצייגען יעדען סימפטאם פון די קראנקהייטען, וועגען וועלכע ער האט געלעזען. פיליכט איז דעם ארימען טאמ׳ס איינ־בילדונג געווען פאראנטווארטליך פאר זיין טויט. אויך ספענסער האט באגאנגען זעלבסטמארד מיט א מאנאט פאר דעם איידער ער איז באפרייט געווארען, אין דער פעסטער איבערציוגונג, אז דער פארוואלטער וועט ניט ערלויבען מען זאל איהם ארויסלאזען. עס קאן זיין, אז אין א פלוצלינגען אנפאל פון האפנונגסלאזיגקייט, האט טאם נעענדיגט זיין לעבען. אפשר האב איך געקאנט ראטע־ווען מיין פריינד: איך האב ניט באגריפען ווי ער פלעגט בסדר זיך גריבלען איבער דער געפאהר, וועלכע איז, לויט זיין מיינונג, געהאנגען איבער זיין קאפ. ווי ווייניג האב איך געוואוסט וועגען דעם שרעקליכען קאמף, וואס האט געמוזט אנגעהן אין זיין גע־פייניגט הארץ! דאך זיינען מיר געווען אזוי אינטים באקאנט; איך האב געגלויבט, אז איך פארשטעה יעדעס געפיהל זיינס, יעדען ציטער פון זיין זעעלע.

דער געדאנק וועגען טאמ׳ען באהערשט מיין מוח. די נייעס פון דער מיידעל וועגען דעם אז ברעססי האט היגגעריכטעט דעם קעניג פון איטאליען דערוועקט א קליינעם אינטערעס אין מיר. ברעססי האט גענומען ראכע פאר די בויערען און די פרויען און קינדער וואס זיינען דערשאסען געווארען פאר דעם קעניגליכען פאלאץ, דערפאר וואס זיי האבען הכנעה׳דיג געבעטען ברויט. ער האט גוט געטאן, און די אגיטאציע וואס וועט ארויסקומען פון זיין אקט וועט פיליכט ברענגען נוצען אונזער אידעאל. אבער עס וועט ניט האבען קיין שום ווירקונג אויף מיין שיקזאל. די לעצטע האפ־נונג צו אנטלויפען איז אוועק מיט מיין ארעמען פריינד. איך בין

פאַראורטיילט דאַ אומצוקומען. און ברעסשי וועט אומקומען אין געפענגנים, אַבער די קאַמעראַדען וועלען ליבען איהם און זיין טהאַט, און פאַרטזעצען זייער פאַרזוך צו באַנייען די וועלט. דאָך פיהל איך, אַז אין געוויסע פעלע איז דער איינצעלנער וויכטיגער ווי די מענשהייט. וואָס איז די מענשהייט אויב ניט דער סך־הכל פון אינדיווידועלע עקזיסטענצען — און זאָלען די דאָזיגע, די בעסטע פון זיי, אימער געאָפּפערט ווערען פאַר דער מעטאַפיזישער קאָלעקטיוויטעט? דאָ, אַרום און אַרום מיר, ליידען טויזענד אומגליקליכע טאָג־טעגליך די גרעסטע יסורים, זיינען פאַרשטויסען פון גאָט און מענשען. זיי בלוטען און קעמפען און באַגעהן זעלבסטמאָרד, מיט דעם פאַרצווייפעלטען געשריי נאָך אַ ביסעל זונשיין און לעבען. ווי אַזוי זאָלען זיי געהאָלפען ווערען? ווי זאָלען זיי געהאָלפען ווערען אינמיטען דער אונגערעכטיגקייט און ברוטאַליטעט פון אַ געזעלשאַפט, וועמעס הויפּט מאָנומענטען זיינען טורמעס? און אַזוי מוזען מיר ליידען און זיך נעמען דאָס לעבען, און צאַהללאָזע אַנדערע נאָך אונז, ביז דאָס שפּיעל פון סאָציאַלע כחות וועט פאַרוואַנדלען די מענשליכע געשיכטע אין דער געשיכטע פון אַן אמת׳ער מענשהייט, — און דערווייל וועלען אונזערע ביינער פאַרבלאַסען אויף דעם לאַנגען, פינסטערען וועג.

בארויבט פון דער לעצטער האָפנונג פאַר פרייהייט, ווער איך גלייכגילטיג צום לעבען. די מאָנאָטאָנקייט פון דער שמאָלער צעל ווערט פון טאָג צו טאָג אַלץ עקעלהאַפטער. מיין גאַנצעס וועזען שמאַכט נאָך רוה. רוה, קיינמאָל מעהר ניט צו ערוואַכען. איך וועל דער וועלט נישט פעהלען. אַז אַטאָם פון שטאָף, וועל איך זיך אומקערען צום ענדלאָזען רוים. אַלעס וועט זיך געהן זיין געוועהנליכען וועג, אַבער איך וועל מעהר ניט וויסען פון ביטערען קאַמף און שטרייט. מיינע פריינד וועלען טרויערען, און דאָך זיין צופרידען וואָס מיין שמערץ איז פאַרביי, און זיך געהן ווייטער זייער וועג. און נייע ברעסשיס וועלען אויפשטעהן, און נאָך קעניגע וועלען פאַלען, און דאַן וועלען אַלע, פריינד און פיינד, געהן מיין וועג, און נייע דורות וועלען געבוירען ווערען און שטאַרבען, און די מענשהייט און די וועלט וועלען אַריינגעצויגען ווערען אין דעם רוים און פאַרשווינדען, און ווידער וועט די קליינע ביהנע אויס־

געשטאט ווערען, און די זעלבע געשיכטע און די זעלבע פאקטען וועלען קומען און פארגעהן, די שפיעלצייגען פון קאסמישע קרעפ־טען, וואס האלטען אייביג אין איין באנייען און אין איין פאר־וואנדלען זיך.

ווי אומבאדייטענד איז דאס אלעס אין דעם אויג פון פארנונפט, ווי קליין און עלענד איז דאס לעבען און זיין גאנצער שמערץ און מאטערניש!... מיט פארמאכטע אויגען זעה איך זיך אויפגעהאנ־גען ביים האלז און נאקען אן די אויבערשטע שטאנגען פון מיין צעל. מיין קערפער וויגט זיך לייכט אנטקעגען דער טיר, זיך אנ־שלאגענדיג לאנגזאם אן איהר, איין מאל, צוויי מאל, — פונקט ווי פאסקואלע, וועלכער האט זיך אויפגעהאנגען אין דער צעלע נעבען מיינער, מיט עטליכע מאנאטען צוריק. עטליכע ציטערען, און דער לעצטער אטהעם איז אוועק. מיין געזיכט ווערט שווארץ־בלוי, מיין קערפער ווערט שטייף; לאנגזאם קיהלט ער זיך אפ. דער נאכט־וועכטער געהט פארביי. „וואס איז דאס, עה?“ ער קלינגט דעם ראטונדע־גלאק. שליסלען קלינגען; מיין טיר ווערט אויפ־געשלאסען. א בעאמטער ציהט ארויס א מעסער, טהוט א שארפען שניט איבער דעם שטריק ביי די שטאנגען. מיין קערפער זינקט אראפ צום דיל, מיין קאפ שלאגט זיך אן דאס אייזערנע בעטעל. דער דאקטאר קניעט ביי מיין זייט; איך פיהל זיין האנט איבער מיין הארץ. אצינד הויבט ער זיך אויף.

„נאך אלעמען, דאקטאר?“ דערקאן איך דעם דעפיוטי'ס שטימע.

דער דאקטאר שאקעלט צו מיט'ן קאפ.

„קיין גרעסער אומגליק זאל נישט זיין!“ לאכט האפקינס.

דער פארוואלטער קומט אריין, מיט א ברייטען שמייכעל אויף זיין פארמעטענעם פנים. מיט א קללה שפרינג איך אויף אויף מיינע פיס. אין שרעק לויפען די בעאמטע ארויס פון צעל. „אה, איך האב אייך אפגענארט„ אייך גוט אפגענארט, איהר מערדערם וואס איהר זיינט!“

. . . . . . . . . . . . . . . . .

דער געדאנק וועגען דעם שונא'ס טריאומף בלאזט פאנאנדער דעם הייסען זשאר פון לעבען. עס טרייבט צו ארויספאדערונג, און שטארקט דעם עקשנות'דיגען ווידערשטאנד.

## קאַפּיטעל 40.

# פאַרמוטשעט צום טויט.

### 1.

אין מיין פאַלשטענדיגער אָפּגעזונדערטקייט קומט מיר די דרויסענדיגע וועלט אויס ווי אַ שוואַכער אָנדענקען, ניט־רעאַל און נעבעלדיג. דאָס באַרויבען מיך פון צייטונגען האָט מיך אינגאַנצען אָפּגעשניטען פון די לעבעדיגע. בריעף פון מיינע קאַמעראַדען האָבען אָנגעהויבען קומען זעלטען און ניט רעגעלמעסיג; זיי קלינגען מאָדנע קאַלט און אַלגעמיין. אויך דאָס לעבען פונ׳ם געפענגניס טרעט אָפּ אויף צוריק; איך הער גאָרנישט פון מיינע פריינד. דער „פרומער" דזשאָהן, דער קאָרידאָר־מאַן איז אונסימפּאַטיש; ער טראָגט נאָך אויף מיר אַ שטיקעל כעס זינט די טעג פון דער טורמע. בלויז דער יונגער ראָסעל געדענקט מיך נאָך. איך ציטער פאַר דעם אומבאַרעכענטען יונג, הערענדיג זיין שוואַכען הוסט, און וויסענדיג, אַז גלייך נאָכדעם קומט די „שטייפע זאַך", וואָס עס שיסט אריין קונציג צווישען די גראַטעס, בעת די דאָפּעלטע רייהע פון די אָרעסטאַנטען מאַרשירט פאַרביי מיין טיר. ער זעהט אויס בלייך און מאָגער, די אָמאָליגע לייכטע טריט זיינען איצט שלעפּעדיג און שווער. אַ טאָן פון שרעק נעהמט דורך זיינע צעטעלאַך. די בעאַמטע האַלטען איהם אין איין באַאומרוהיגען, שרייבט ער; זיין אַרבייט איז פאַרגרעסערט געוואָרען; ער איז נערוועז און שוואַך, און זיין געזונד פאַרלאָזט איהם. אין די געבראָכענע זאַצען פיהל איך עפּעס אַ מין אומבאַשטימטע פאַראויסזאָגונג, אַזוי ווי אַ גרויס אומגליק, וואָס מוז קומען.

מיט טיפער דאנקבארקייט דענק איך וועגען ראסעל׳ן. איך לעב ווידער דורך די האפנונגען און שרעקען וואס האבען אונז צוזאמענגעבראכט אין ענגער פריינדשאפט, וועגען די טעג פון שרעקליכער אנגסט, וואס זיינען פארבונדען מיט דעם טונעל־פראיעקט. מיין הארץ איז פול מיט סימפאטיע פאר דעם געטרייען יונג, וועמעס איבערגעבענהייט און פארזיכטיגקייט האבען אזוי פיעל געהאלפען צו האלטען מיינע קאמעראדען אין זיכערקייט. א מאדנע בענקשאפט נאך איהם, נאך זיין חבר׳שאפט, באהערשט מיך. אין דער נאגענדער איינזאמקייט שווימט זיין געזיכט ארויס פאר מיינע אויגען, מיט דעם צויבער פון א פריינדליכער ערשיינונג. איך זעה זיינע שטארקע ציגע, וואס זיינען ווייך געמאכט דורך טרויער, זיינע אויגען גרויס און אפען, מיט דעם זעלבען זיסען אומעט פון דעם קליינעם „פעליפע“. א כאראקטעריסטישע צערטליכקייט גנב׳עט זיך אריין אין מיינע געדאנקען וועגען דעם יונג; נייגעריג קוק איך ארויס אויף זיינע בריוועלאך. אומגעדולדיג פארש איך די געזיכטער אין דער פארבייגעהענדער ליניע, שמאכטענדיג נאך דעם אנבליק פון דעם בחור׳ל, און מיין הארץ קלאפט שנעלער, ווען איך באמערק זיין פארביילויפענדען שמייכעל.

ווי טרויעריג ער זעהט אויס! אט איז ער אוועקגעגאנגען. די שטונדען זיינען ערמידענד, ציהען זיך אין שטילקייט און איינזאמקייט. גלייכגילטיג מיש איך די בלעטער פון מיין ביליאטעקבוך. ווען איך וואלט כאטש געהאט ד פויגעלאך! איך וואלט געפונען א טרייסט אין זייערע געדאנקען־פולע אויגען: דיק און סים וואלטען מיך פארשטאנען און מיטגעפיהלט מיט מיר. אבער מיינע ארעמע קליינע פריינד זיינען פארשוואונדען; בלויז ראסעל איז געבליבען. מיין איינציגער פריינד! איך וועל איהם ניט זעהן, ווען ער וועט זיך אומקעהרען אין צעל מיטאג־צייט: די ליניע געהט פארביי אנטקעגען אויף דער אנדערער זייט פון קארידאר. אבער נאכמיטאג, ווען די ארעסטאנטען ווערען ווידער ארויסגעלאזט צו דער ארבייט, וועל איך אריינקוקען אין זיינע אויגען פאר א ווײַלע, פאר א גליקליכען מאמענט, און פיליכט וועט דער ליבער יונג האבען עפעס א מיטטיילונג פאר מיר. ער איז אזוי ווייכהארציג: זיינע בריוועלאך זיינען פול מיט סימפאטיע און ערמוטיגונג, און ער שטרעבט מיך אויפצומונטערן מיט די גוטע נייעס:

נאָך אַ טאָג איז פאַרביי, זיין גֶעפּענגנים־שטראָף דערנעהענטערט זיך צום סוף; ער וועט גלייך קריגען אַ שטעלע, און אָפּשפּאַרען יעדע פּעני צו העלפען אין מיין באַפּרייאונג. שטיל־שווייגענדיג ווירק איך מיט אין זיין שטאַרקער האָפנונג, — זיין האַרץ וואָלט צובראָכען געוואָרען, ווען אָט די האָפנונג זיינע ווערט צו נישט געמאַכט.

## 2.

די פאַרבייגעהענדע וואָכען און מאָנאַטען ברענגען נים קיין אונטערברעכונג אין דער פינסטערער מאָנאָטאָנקייט. דער רוף פונ'ם פויגעל אויפ'ן ברעג טייך דערוועקט נים קיין ווידער־קלאַנג אין מיין האַרץ. קיין צייכען פון ערוואַכענדען פריהלינג באַלייכט נים דעם שטענדיגען האַלב־דונקעל פון דער איינצעלהאַפט. די פייכטקייט פון דער צעלע נעהמט דורך מיינע ביינער; ביי יעדען ריהר פיהל איך אַ וועהטאָג אין מיין קערפּער. מיינע אויגען ווערען געמאַטערט פון דער אייביגער ווייסקייט פון די ווענט. פינסטערע שאָטענס לויערען אַרום מיר.

איך בענק נאָך אַ ברעקעל זונשיין. איך וואַרט מיט אומגעדולד ביי דער טיר: אפשר איז היינט אַ שעהנער טאָג. מיין צעלע קוקט אַרויס צו מערב צו; מעגליך, אַז די אונטערגעהענדע זונן וועט בגנבה כאַפּען אַ בליק אויף מיר. שטונדען־לאַנג שטעה איך מיט אַ נאַקעטער ברוסט ביי די גראַטעס: איך טאָר נים פאַרלירען קיין פריינדליכען שטראַהל. ווער וויים? ער קאָן נאָך פּלוצלינג אַריינקוקען אין צעל, און זיך גלייך אויפ'ן שטעל אָפּ־קעהרען פון מיר, אומגעזעהן אין דעם חושך. אָט איצט שפּיעלט זיך אַ העלער ליכט שטראַהל אויף מיין נאַקען און מיינע שולטערען, און איך דריק זיך פעסטער צו דער טיר צו באַגריסען דעם טייערען פרעמדען. ער גלעט מיך מיט ווייכער באַריהרונג, — אפשר איז דאָס די נשמה פונ'ם קליינעם דיק, אויסגיסענדיג זיין צערטליכע באַגריסונג אין דעם דאָזיגען ליעד פון ליכט, — אָדער פּילייכט די שטערענדיגע אַטמאָספערע פון מיין באַליעבטען אָנקעל מאַקסים, ברענגענדיג מיט זיך וואַרעמקייט און האָפנונג. די זיסע איינ־בילדונג פונ'ם מזרח־געדאַנק, אויסגעטאָן פון פרייד אין לעבען... די זון פאַרגעהט עס פיהלט זיך קאַלט אין דעם בין־השמשות־

ליכט, — און אט איז די איינזאמקייט אין דעם פארשלאסענעם קעמערל ווידער אמאל פינסטער און קאלט.

אזוי ווי זיין באפרייאונג דערנעהנטערט זיך, ווערט דער טאן פון איינגעבוירענער צוטרויליכקייט זיכערער אין ראסעל׳ס בריעף. דער יונג איז פרעהליך און פול מיט לעבענס־קראפט: אין דריי חדשים צייט וועט ער אטעמען די לופט פון פרייהייט. א נאטע פון טרויער, דערפאר וואס ער מוז מיך דא איבערלאזען, דרינגט דורך זיינע בריוולאך, אבער ער איז ענטוזיאסטיש איבער זיין פראיעקט מיר צו העלפען פאר מיין באפרייאונג.

יעדען טאג ערווארט איך נייגעריג זיין שטומע באגריסונג, ווען ער געהט פארביי אין דער ליניע. היינט אין דער פריה האב איך איהם געזעהן אויפהויבען צוויי פינגער, דעם דריטען אויסגעדרעהט, אלס א צייכען פאר די געבליבענע „צוויי און א שטיקעל“. א ליכט פון פרייד איז אין זיינע אויגען, זיינע טריט פעסטער, עלאסטישער.

אבער נאכמיטאג פעהלט ער אויס אין דער ליניע. מיט פלוצ־לינגען שרעק וואונדער איך מיך אויף זיין אבוועזענהייט. זאל איך האבען פארזעהן איהם אין די ענג־מארשירענדע רייהען? ס׳איז קוים מעגליך. אפשר איז ער פארבליבען אין דער צעלע, ווייל ער פיהלט ניט גוט. ס׳קאן זיין, אז עס איז גאר נישט ערנסט; ער וועט זיכער זיין אין דער ליניע מארגען.

דריי טעג נאכאנאנד, יעדען אין־דערפריה און נאכמיטאג, בא־טראכט איך אומגעדולדיג די געזיכטער פון די פארבייגעהענדע ארעסטאנטען, אבער ראסעל איז צווישען זיי ניטא. זיין אבווע־זענהייט באאומרוהיגט מיך מיט א טויזענד שרעקען. ווער ווייס? אפשר האט דער פארוואלטער באנייט זיין אינקוויזיציע איבער דעם יונג — פיליכט האט ער זיך געשלאגען מיט עמיצען אין ווערקשטאט און געפינט זיך איצט אין פינסטערען קעלער — ער וועט פארלירען די צייט, וואס מען דארף איהם שענקען פאר גוטער אויפפיהרונג... ניט קאנענדיג מעהר אריבערטראגען די אומזיכערקייט פון דער לאגע, האב איך בדעה צו אפעלירען צו דעם גייסטליכען, ווען א פריינדליכער „לויפער“ גיט מיר בגנבה איבער א צעטעלע.

מיט שווערקייט דערקאָן איך מיין פריינד'ס האַנדשריפט אין דער ניט־גלייכער, נערוועזער פּאַטשקעריי. ראסעל איז אין האָס־פּיטאַל! ביי דער אַרבייט אין שאַפּ, שרייבט ער, האָט ער זיך פאַרקיהלט. דער דאָקטאָר האָט איהם אָפּגעשיקט אין דער אָפּ־טיילונג פאַר בעאָבאַכטונג, אָבער די בעאַמטע און די אַרעסטאַנט־סקע קראַנקען־וועכטער באַשולדיגען איהם, אַז ער וויל זיך אויס־דרעהען פון דער אַרבייט. זיי סטראַשען איהם, אַז זיי וועלען איהם צוריקשיקען אין שאַפּ, און ער בעט מיך צו זעהן, אַז דער גייסטי־גער זאָל זיך אָננעהמען פאַר איהם. ער פיהלט זיך שוואַך און פיבערדיג, און דער געדאַנק, אַז ער וועט איבערגעלאָזט ווערען אַליין אין זיין צעלע אין זיין איצטיגען צושטאַנד פילט איהם אָן מיט שרעק.

איך שיק אַ דרינגענדע ביטע צו זעהן דעם גייסטליכען. אָבער דער וועכטער זאָגט מיר, אַז מר. מיללּיגאַן איז אַבוועזענד; ער ווערט ניט ערוואַרטעט אין אָפיס ביז קומענדע וואָך. איך פּרואוו ווירקען אויף דעם פריינדליכען מיטשעל, וואָס איז ניט לאַנג צוריק איבערגעפיהרט געוואָרען אין דעם דרום־פליגעל, איבערצוגעבען דעם פאַרוואַלטער אַ צעטעלע, וואו איך אַפּעליר צו גונסטען פון ראסעל'ן. אָבער עטליכע טעג געהען פאַרביי, און קיין ענטפער פון קעפּטיין רייט איז אַלץ ניטאָ. ענדליך מאַך איך זיך בלומר'שט קראַנק, אַ שטאַרקער וועהטאָג אין בויך, כדי צו געבען אַ געלעגענהייט פראַנק'ן, דעם דאָקטאָר'ס געהילף, זיך אָפּצושטעלען ביי מיין צעלע. אין דער צייט וואָס דער „מעדיצין יונג“ גיסט אַריין די פאַרשריבענע האַלבע קוואָרט „פערד־זאַלץ“ דורך דער רעהר וואָס שטעקט צווישען די גראַטעס, פרעג איך שנעל:

„איז ראסעל נאָך אַלץ אין דעם האָספּיטאַל, פרענק? וואָס מאַכט ער?“

„וועלכער ראסעל?“ פרעגט ער גלייכגילטיג.

„ראסעל שראַיער, אַריינגעגעבען אין האָספּיטאַל מיט פיער טאָג צוריק אונטער בעאָבאַכטונג“.

„אָ, אָט דער אָרימער יונג! נאָ, ער איז פאַראַליזירט“.

פאַר אַ ווייַלע בלייב איך שטום פאַר שרעק. עס קען ניט זיין. עס מוז זיין אַ טעות.

„פרענק, איך מיין דעם יונגען שראיער, פון דעם קאנסטרוק־ציאנס־שאפ. ער איז נומער 2608“.

„אייער פריינד ראסעל; איך וויים וועמען איהר מיינט. עס טהוט מיר לייד פאר דעם יונג. ער איזווירקליך פאראליזירט“.

„אבער... ניין, עס קאן ניט זיין! וואס רעדט איהר, פרענק, ס'איז דאך בלויז געווען א פארקיהלונג און א קליינע אפשוואכונג“.

„הערט אוים, אלעק, איך וויים איהר זיינט אן אנשטענדיגער מענש, און איהר קענט האלטען א סוד. איך וועל אייך דערצעהלען עפּעס, אויב איהר וועט מיך ניט אויסגעבען.“

„יא, יא, פרענק. וואס איז דאס?“

„ש־ש. איהר קאנט פלעם, דעם בייזנאכטיגען קראנקען־וועכ־טער? פאר׳משפּט אויף פינף יאהר פאר מארד. זיין פאטער און דער פארוואלטער זיינען אלטע באקאנטע. אט אזוי איז דאס איהם געלונגען צו ווערען א קראנקען־וועכטער; הויבט ניט אן צו וויסען וואס קראנקען־וועכטעריי איז, און נאכלעסיג — א שרעק. האלט אין איין מאכען טעות׳ן. נו, דער דאקטאר האט געהייסען מאכען ראסעל׳ן אן איינשפּריצונג. נא, איהר זאלט אקארשט ניט זאגען, אז איך האב אייך דערצעהלט. פלעם האט גענומען דאס ניט ריכטיגע פלעשעל; געגעבען דעם ארעמען יונג עפּעס א גיפט אין דער איינשפּריצונג. האט פאראליזירט דעם „קיד“; ער האט עס געטאן, דער פארדאמטער מערדער“.

איך פארברענג די נאכט אין אנגסטען, זיך אנהאלטענדיג פאר־צווייפעלט אן דער שוואכער האפנונג, אז עס קאן ניט זיין — ס׳מוז זיין א טעות — אפשר האט פרענק איבערטריבען. אבער אויף מארגען אין דער פריה באפעסטיגט דער „מעדיצין־יונג“ מיינע ערגסטע שרעקען: דער דאקטאר האט געזאגט, אז דער בחור וועט שטארבען. ראסעל באגרייפט ניט זיין לאגע: עפּעס איז ניט גלאט מיט זיינע פיס, שרייבט דער ארימער יונג; ער איז ניט אימשטאנד זיי צו באוועגען, און ליידעט פון א גרויסען וועהטאג. עס קאן ניט זיין קיין פיבער, דענקט ער; אבער דער דאקטאר וויל איהם ניט זאגען, וואס איז דער מעהר מיט איהם...

דער פריינדליכער פרענק איז סימפּאטיש, מיטפיהלענד; יע־

דען טאג גיט ער איבער אונזערע צעטעלאך, און איך באמיה זיך צו ערמוטיגען ראסעל׳ן. ער וועט ווערען בעסער, פארזיכער איך איהם; זיין טערמין אין געפענגניס ענדיגט זיך באלד, און פרישע לופט און פרייהייט וועלען איהם גאר אין גיכען געזונט מאכען. ס׳קוקט אויס, אז מיינע ווערטער האבען א גוטע ווירקונג אויף מיין פריינד, און ער ווערט מונטערער. אבער אומערווארטעט ווערט ער געוואהר דעם אמת פון די שטרייטענדע קראנקען־וועכטער. זיינע בריוולאך ווערען אלץ הארצרייסענדער, פול מיט טרויער. טרעהרען פילען אן מיינע אויגען, ווען איך לייען זיין פארצווייפעלטען געשריי: „א, אלעק, איך בין אזוי יונג. איך וויל ניט שטארבען!" ער בעט מיך, איך זאל איהם באזוכען; ווען איך זאל נאר קאנען קומען צו איהם און איהם פלעגען, איז ער זיכער, אז ער וואלט זיך געבעסערט. ער טרויט ניט די פארברעכער־וועכטער, וואס מוטשען און שפאטען פון דעם פראווינציעלען בחור׳ל. זייער גרויזאמע באליידיגונג צורייצט אזוי שטארק דעם קראנקען יונג, אז ער פארלירט די געדולד. אויפגעבראכט אויף דעם ביינאכטיגען קראנקען־וועכטער פאר זיינע זידלערייען, האט ראסעל נעכטען געווארפען אן אונטערשטעל שאל אויף איהם. מען האט איהם פאר׳מסר׳ט פאר׳ן דאקטאר, וועלכער האט געסטראשעט, אז ער וועט דעם פאראליזירטען יונג אראפשיקען אין פינסטערן קעלער. געפלאגט און געמוטשעט, אין גרויסע ליידען, ווערט ראסעל שטארק פארביטערט. די קראנקען־וועכטער און די בעאמטע פארפאלגען איהם, שרייבט ער; זיי וועלען איהם באלד פארמוטשען צום טוידט, אויב איך וועל איהם ניט קומען צו הילף. ווען ער וואלט געקאנט אנקומען אין א שפיטאל, אויסער דעם געפענגניס, איז ער זיכער, אז ער וואלט געזונט געווארען.

יעדען אווענד ברענגט פרענק אלץ טרויעריגערע נייעס: ראסעל פיהלט זיך ערגער; ער איז אזוי נערוועז, אז דער דאקטאר האט געהייסען די קראנקען־וועכטער זיי זאלען טראגען שטעק־שיך; די טירען אין דעם קראנקען־צימער זיינען ארומגעלעגט געווארען מיט וואטע, כדי אפצוטויטען דעם גערויש וואס זיי פאראורזאכען ביים עפענען און פארמאכען. אבער אפילו דער אנבליק פון א בעוועגענדער פינגער ווארפט אריין ראסעל׳ן אין קאנוואולסיעס. ס׳איז ניטא קיין האפנונג, כ׳עקדעט ברענק; דער קערפער האט שוין

אנגעהויבען פוילען; דער יונג איז אין א שרעקליכער אגאניע; ער האלט אין איין שרייען פאר װעהטאג, אויסרופענדיג מיין נאמען.

צומישט פון אנגסט און בענקשאפט צו זעהן מיין קראנקען פריינד, ענטשליס איך זיך אויף א מיטעל צו באזוכען דעם האס־פיטאל. אין דער פריה, װען דער װעכטער דערלאנגט מיר די ברויט־פארציע און מאכט צו מיין צעלע, שטופ איך אריין מיין האנט צווישען דער שוועל און דער טיר. מיט אן אומפרייוויליגען געשריי ציה איך צוריק מיינע צודריקטע בלוטענדע פינגער. דער אויפזעהער פיהרט מיך אוועק אין דער שפיטאל־אפטייק. אויף א געהיים־אפגעמאכטער ערלויבניש פון דעם פריינדליכען „מעדי־ציז יונג״ געה איך ארויף אויפ׳ן צווייטען שטאק, וואו די קראנקען־צימערען געפינען זיך און פאר׳גנב׳ע זיך אויף גיך צו ראסעל׳ס בעט. דער בליק פון שטומען פרייד אויף דעם אויסגעמוטשעטען געזיכט איבערוועלטיגט דעם פיינליכען װעהטאג אין מיין האנט. „א, טייערער אלעק״, שעפטשעט ער, „איך בין אזוי צופרידען, וואס זיי האבען אייך געלאזט קומען. איך װעל װערען געזונט, אויב איהר וועט אויף מיר אכטונג געבען״. דער שאטען פון טוידט איז אין זיינע אויגען; דער קערפער שוויצט אויס פארפוילטקייט. אהן לשון, דריק איך שוואך זיין וויַיסע, דארע האנט. די מידע אויגען מאכען זיך צו, און דער יונג פאלט אריין אין א דרעמעל. שטיל ריהר איך אן זיינע טרוקענע ליפען, און גנב׳ע זיך אוועק.

נאכמיטאג ווענד איך זיך צום פארוואלטער מיט א בקשה, ער זאל מיר ערלויבען צו פלעגען מיין פריינד. ס׳איז דעם יונג׳ס שטארבענדער וואונש; עס וועט איהם פארגרינגערען זיינע לעצטע שטונדען. דער קעפטיין שיקט מיך אפ צו די אינספעקטארס, אבער מר. ריד לאזט מיר וויסען, אז עס וואלט געווען ׳געגען דער דיסציפ־לין צו באוויליגען מיין פארלאנג. דאן בעט איך ערלויבניש צו ארראנזשירען א געלט־זאמלונג צווישען די ארעסטאנטען: ראסעל גלויבט פעסט, אז ער וואלט געזונט געווארען אין א דרויסענדיגען האספיטאל, און די „פארדאן באארד״ וועט מעגליך באוויליגען די פעטיציע. פריינדלאזע ארעסטאנטען קריגען אפט די ערלויבניש צו צירקולירען זאמלונג־ליסטען צווישען די ארעסטאנטען, און צוויי יאהר צוריק האב איך צוזאמענגעקליבען הונדערט און דריי־און־

צוואַנציג דאָלאַר פאַר דער באַגנאַדיגונג פון אַ לעבענסלענגליכען. אָבער דער פאַרוואַלטער ענטזאַגט קורץ און שאַרף מיין פאַרשלאַג, באַמערקענדיג, אַז עס איז אַ געפאַהר מיר צו ערלויבען צוזאַמענ־צוקומען זיך מיט די אַרעסטאַנטען. איך שלאָג פאַר דעם גייסט־ליכען אַלס דעם געלט־זאַמלער, אָדער וואָס פאַר עס איז אַרעסטאַנט, וואָס וועט אויסגעקליבען ווערען פון דער פאַרוואַלטונג. אָבער אַט דער אָנבאָט ווערט אויך צוריקגעוויזען; דער פאַרוואַלטער זידעלט מיך נאָך דערצו אויס דערפאַר וואָס איך האָב זיך באַנוצט מיט דער געלעגענהייט, זיך געפינענדיג אין דער שפּיטאָל־אַפּטייק, אַרויפ־צוגעהן זעהן ראַסעלין אין געהיים, און ער סטראַשעט מיך צו באַ־שטראָפען מיט דעם פינסטערען קערקער. איך בעט זיך ווידער ביי איהם ער זאָל מיר ערלויבען צו באַזוכען דעם קראַנקען יונג, וועלכער שמאַכט נאָך אַ פריינדליכען געזיכט און האַלט אין איין רופען מיך. גערירט ווארשיינליך פון מיינע טיעפע, אינערליכע געפיהלען, גיט זיך דער קעפּטיין אונטער. ער וועט מיר ערלויבען צו באַזוכען ראַסעלין, לאָזט ער מיר וויסען, אָבער אויף דעם באַדינג, אַז אַ וועכטער זאָל זיין אָנוועזענד דערביי. פאַר אַ מאָמענט קווענ־קעל איך זיך. דער וואונש צו זעהן מיין פריינד קעמפט געגען דער מורא, אַז ער וועט צורייצט ווערען דורך דעם אָנבליק פון דער פאַרהאַסטער יוניפאָרם; אָבער איך קאָן ניט פאַראורזאַכען דעם שטאַרבענדען יונגעל אַט די באַליידיגונג און שמערץ. אין כעס פאַר מיין ענטזאָגונג, פיליכט ענטווישט אין זיין האָפנונג צו דער־געהן דעם סוד וועגען דעם טונעל דורך דעם באַזוך, פאַרבאָט מיר דער פאַרוואַלטער פון היינט אָן און ווייטער אַריינצוקומען אין האָס־פּיטאַל.

שפּעט אין דער נאַכט באַוויזט זיך פרענק ביי מיין צעלע. ער זעהט אויס זעהר טרויעריג, בעת ער שעפּטשעט:

„אַלעק, איהר מוזט זיך שטאַרקען“.

„ראַסעל — ?“

„יאַ, אַלעק“.

„ערגער? זאָגט מיר, פרענק“.

„ער איז טויט. שטארקט זיך, אלעק. זיין לעצטער געדאנק איז געווען פון אייך. ער איז געווען באוואוסטלאז דעם גאנצען נאכמיטאג, אבער פונקט פאר'ן סוף — ס'איז געווען 4.33 — האט ער זיך אויפגעזעצט אין בעט אזוי פלוצלינג, אז ער האט מיך דערשראקען. זיין ארעם אויסגעשטרעקט, און ער האט געשריען: „גוד ביי, אלעק".

## קאפיטעל 41.

# די אויפטרייסלונג אין באפאלא.

### 1.

דעם 10טען יולי, 1901.

טייערע מיידעל:

דאס איז פון דעם האספיטאל, „סוב ראזא“, געהיימע פאסט. איך בין נאר וואס ארויס פון דער צוואנגס־יאק, נאך אכט טעג.

איבער א יאהר צייט בין איך געווען אין דער שטרענגסטער איינצעלהאפט; פאר א לאנגער צייט זיינען ניט צוגעלאזט געווארן צו מיר קיין בריף און קיין שום לעזע־שטאף. איך האב ניט קיין ווער־טער אויסצודריקען דעם שרעק פון די לעצטע חדשים... איך האב דורכגעלעבט א גרויסען קריזיס. צוויי פון מיינע בעסטע פריינד זיינען געשטארבען אויף א מורא׳דיגען אופן. דער טויט פון ראסעל, איבער־הויפט, האט שטארק געווירקט אויף מיר. ער איז געווען זעהר יונג, און מיין טייערסטער און איבערגעבענסטער פריינד, און ער איז געשטארבען א שרעקליכען טויט. דער דאקטאר האט דעם יונג באשולדיגט, אז ער מאכט זיך, אבער איצט זאגט ער, אז עס איז געווען „ספיינאל מענעדזשיטיס“, ענטצינדונג פונ׳ם רוקען־ביין. איך קען דיר ניט זאגען דעם שרעקליכען אמת, — ס׳איז געווען פשוט׳ער מארד, און מיין ארימער פריינד איז פארפוילט געווארען אינטשעס־ווייז. ווען ער איז געשטארבען, האבען זיי בעפונען, אז זיין רוקען איז באדעקט דורך און דורך מיט בעט־וואונדען. ווען דו וואלסט געקענט לעזען די הארצרייסענדע בריעף, וואס ער האט געשריבען, זיך בעטענדיג איך זאל איהם קומען זעהן און איהם

פלעגען! אבער דער פארוואלטער האט דאס ניט געוואלט ער־לויבען. אויף א געוויסען אופן האט זיין אגאניע געהאט א ווירקונג אויף מיר, און איך האב אנגעהויבען פיהלען די שמערצען און די סימפטאמען, וואס ראסעל האט באשריבען אין זיינע בריוו־לאך. איך האב געוואוסט, אז דאס איז ניט מעהר ווי מיין קראנקע פאנטאזיע; איך האב געקעמפט געגען דעם, אבער באלד האבען זיך אויף מיינע פיס געוויזען צייכענס פון פאראליז, און איך האב געליטען א מורא׳דיגען וועהטאג אין דעם רוקען־ביין, פונקט ווי ראסעל. איך האב מורא געהאט, אז איך וועל פארמוטשעט ווערן צום טויט ווי מיין ארעמער פריינד. איך בין געווארען פארדעכטיג אויף יעדען וועכטער, און האב זיך כמעט ניט צוגעריהרט צום עסען, פאר מורא עס זאל ניט זיין פארגיפטעט. „דער קאפ האט זיך איהם פארדרעהט“, האבען זיי געזאגט. און די גאנצע צייט האב איך געוואוסט, אז עס איז מיין קראנקע איינבילדונג, און איך בין געווען אין שרעק איך זאל ניט משוגע ווערען... איך האב גע־זוכט מיט אלע כוחות עס צו באקעמפען, אבער יעדעס מאל איז דאס ארויסגעקראכען פון דאס ניי און געקראגען די מאכט איבער מיר אלץ שטארקער און שטארקער. נאך א וואך פון איינזאמער פארשפארונג וואלט מיך אוועקגעה׳רג׳עט.

איך האב שוין געהאלטען דערביי צו באגעהן זעלבסטמארד. איך האב געפאדערט מען זאל מיך ארויסלאזען פון דער צעלע, און דער פארוואלטער האט באפעהלען מיך צו באשטראפען. מען האט מיר אנגעטאן די צוואנגס־יאק. זיי. האבען געבונדען מיין קער־פער אין גראבע לייווענט, צוגעשנורעוועט מיינע ארעמס צום בעט, און מיט קייטען פארקאוועט מיינע פיס צו די פיס פון בעט. אזוי האט מען מיך געהאלטען אכט טעג, כ׳בין ניט געווען אימשטאנד זיך צו באוועגען, פוילענדיג אין מיין אייגענעם שמוץ. באפרייטע ארעסטאנטען האבען געצויגען די אויפמערקזאמקייט פון דעם נייעם אינספעקטאר אויף מיין לאגע. ער האט זיך ענטזאגט צו גלויבען, אז אזעלכע זאכען ווערען געטאן אין דעם צוכטהויז. עס האבען זיך פארשפרייט קלאנגען, אז איך האלט דערביי בלינד און משוגע צו ווערען. האט דער אינספעקטאר באזוכט דעם האספיטאל און מיך באפרייט פון דער צוואנגס־יאק.

איך זעה אויס גאנץ שלעכט, אבער איצט האבען זיי מיך ארוי־

בערגענומען אין דער אלגעמיינער אפטיילונג פון האספיטאל, און איך בין צופרידען וואס איך האב די געלעגענהייט דיר צו שיקען דאס דאזיגע בריוועל.

ס א ש א.

2.

באקס „איי" 7,
אלעגהעני סיטי, פא.
25טען יולי, 1901.

טייערע סאניא!

איך קאן דיר גאר ניט זאגען, ווי גליקליך איך בין וואס עס איז מיר ווידער ערלויבט צו שרייבען צו דיר. מיינע פריווילעגיעס האב איך צוריקגעקראגען דורך אונזער נייעם אינספעקטאר, א זעהר פריינדליכער מענש. ער האט מיך באפרייט פון צעל, און איצט בין איך ווידער אן אויפזעהער אין קארידאר. דער אינספעקטאר האט מיך געבעטען אפצולייקענען פאר מיינע פריינד די באריכטען, וועלכע זיינען ערשט ניט לאנג ערשינען אין די צייטונגען אין פאר־בינדונג מיט מיין צושטאנד. איך בין ניט געוועזען איבעריגס גע־זונד לעצטענס, אבער אצינד האף איך מיך צו פאפראווען. מיינע אויגען זיינען אין א שלעכטען צושטאנד. דער אינספעקטאר האט מיר געגעבען ערלויבניש צו קריגען א ספעציאליסט וואס זאל זיי עקזאמינירען. זיי אזוי גוט און באזארג דאס דורך אונזערע ארטיגע קאמעראדען.

עס איז דא נאך א שטיקעל גוטע נייעס, טייערע פריינדין. א נייער געזעץ וועגען פארלייכטערען די שטראפען איז דורכגעגאנ־גען, — א געזעץ, וואס פארקלענערט מיין געפענגניס־שטראף אויף צוויי און א האלב יאהר. עס לאזט מיר נאך איבער א לאנגע צייט, נאטירליך; כמעט פיער יאהר דא, און נאך א יאהר אין דעם „ווארק־הויז". יעדענפאלס, ס'איז א באדייטענדער געווינס, און אויב איך זאל נאר ווידער ניט אריין אין דער איינצעלהאפט, קאן איך — איך האב פשוט מורא צו טראכטען דערפון — קאן איך דערלעבען ארויסצוקומען. איך פיהל אזוי ווי איך וואלט פון טויט לעבעדיג געווארען.

דאס נייע געזעץ ברענגט פּראָפּאָרציאָנעל מעהר נוצען פאר די וואס זיינען דא אויף קורצע טערמינען, איידער פאר די ארעסטאַנטען מיט לענגערע געפענגניס־שטראָפען. די אָרעמע לעבענס־לענגליכע האָבען קיין חלק ניט אין דעם. מיר זיינען א שטיקעל צייט געוועזען שטאַרק אומרוהיג, ווייל עס זיינען ארומגעגאַנגען פיעל קלאַנגען, אז דאס געזעץ וועט ערקלערט ווערען אונקאָנסטיטוציאָנעל. צום גליק, זיינען די פאַרזוכען צו נישט צו מאכען די גוטע נוצען פון דעם געזעץ געבליבען אָהן ווירקונג. שטעל זיך פאר מענשען, פאר וועמען ס'איז אונקאָנסטיטוציאָנעל צו ערלויבען די אַרעסטאַנטען אביסעל מעהר פרייע צייט ווי עס גיט זיי דאס פאַרלייכטערונג־געזעץ פון פאר 40 יאָהר צוריק. אזוי ווי אביסעל פריינדליכקייט צו די אומגליקליכע — באמת געדעדט, גערעכטיגקייט — איז ניט אין איינקלאַנג מיט דעם גייסט פון דזשעפערסאָן! מיר זיינען געוועזען שטאַרק באַזאָרגט איבער דעם שיקזאַל פון דעם דאָזיגען געזעץ, אבער ענדליך איז די ערשטע גרופּע אַרעסטאַנטען באפרייט געוואָרען, און מען פרעהט זיך שטאַרק איבער דעם.

ס'איז פאַראַן אַן אייגענטימליכע געשיכטע וועגען אַט דעם נייעם געזעץ, וואס קאָן דיר פיליכט אינטערעסירען; עס וואַרפט א באַדייטענדע זייטען־ליכט. ס'איז ספּעציעל געוועזען באַשטימט פאַר'ן נוצען פון א הויכען פעדעראַלען בעאַמטען, וועלכער איז ניט לאַנג צוריק פאַר'משפט געוואָרען פאר העלפען צוויי רייכע פילאַדעלפיער טאַבאַק פאַבריקאַנטען צו באַשווינדלען די רעגירונג אויף עטליכע מיליאָן דאָלאַר, זיך באַנוצענדיג מיט פאַלשע שטייער־מאַרקען. א דאַנק זייער אײנפלוס איז דאס פאַרלייכטערונג־געזעץ אַריינגעטראָגען און שנעל דורכגעפיהרט געוואָרען. דאס געזעץ וואָלט צושניטען זייערע שטראָף־טערמינען כמעט אויף העלפט, אבער געוויסע צייטונגען האָבען זיך אַפּנים געפונען באַליידיגט וואס זיי זיינען איגנאָרירט געוואָרען, און מען האָט זיי נישט געלאָזט וויסען וועגען דעם „עסק“, און פּראָטעסטען האָבען זיך געלאָזט הערען. די זאַך איז ענדליך געקומען פאַר דעם „אַטוירני דזשענעראַל“, דעם יוסטיץ־מיניסטער פון די פאַראייניגטע שטאַאַטען, וועלכער האָט גע'פּסק'ענט, אז די מענער, אין וועמעס ספּעציעלע אינטערעסען דאס דאָזיגע געזעץ איז דורכגעפיהרט געוואָרען, קאָנען ניט בענעפיטירען דערפון, ווייל א שטאַאַט־געזעץ קאָן ניט

אַנגעווענדעט ווערען אויף יונייטעד סטייטס אַרעסטאַנטען, ווייל די דאָזיגע פּאַלען אַרונטער אונטער׳ן פּעדעראַלען פּאַרלייכטערונגס־געזעץ. שטעל זיך פאָר די ענטווישונג פון די פּאָליטישענס! אַ פּאַרזוך איז אפילו געמאַכט געוואָרען אָפּצושטעלען די אַרבייט פון דעם נייעם געזעץ. צום גליק, איז עס דורכגעפאַלען, און איצט ווערען די „פשוט׳ע״ שטאַאַט־אַרעסטאַנטען, וועלכע מען האָט אפילו ניט אין זינען געהאַט אַ טובה צו טאָן, — זיי ווערען באַפרייט. ניט וויסענדיג האָט די געזעצגעבונג געבראַכט פיעל גליק פאַר מאַנ־בע אומגליקליכע דאָ.

איך בין איבערגעשלאָגען געוואָרען אין מיטען שרייבען אַט דעם בריעף, דורכדעם וואָס מען האָט מיך אַרויסגערופען פאַר אַ באַזוך. איך האָב זיך קוים געקאָנט גלויבען: דער ערשטער גענאָסע, וואָס איז מיר ערלויבט געוואָרען צו זעהן אין משך פון ניין יאָהר! ס׳איז געווען הערי גאָרדאָן, און איך בין געווען אַזוי איבערוועלטיגט פון דעם אָנבליק פון מיין טייערען פריינד, אַז איך האָב קוים געקאָנט אויסריידען אַ וואָרט. ער האָט אודאי גע־מוזט ווירקען אויף דעם נייעם אינספּעקטאָר אַרויסצוגעבען אַן ערלויבניש. אַט דער אינספּעקטאָר איז איצט במקום פּאַרוואַלטער, צוליעב דער ערנסטער קראַנקהייט פון קעפּטיין רייט. אפשר וועט ער מיר ערלויבען צו זעהן מיין שוועסטער. ווילסטו זיין אַזוי פריינד־ליך און זיך גלייך שטעלען מיט איהר אין פאַרבינדונג? דערווייל־וועל איך זיך באַמיהען צו קריגען אַ „פּעס״. מיט באַנייטער האָפנונג, און אימער מיט פרישע עראינערונגען וועגען דיר

א ל ע ק ס.

## 3.

„סוב ראָזאַ״.
דעצעמבער 20, 1901.

טייערסטע מיידעל!

איך וויים גאַנץ גוט, ווי דיין באַזוך און מיין מאָדנע האַלטונג האָט געווירקט אויף דיר... דער אָנבליק פון דיין געזיכט נאָך אַט די אַלע יאָהרען האָט מיך אינגאַנצען צושרויפט. איך האָב ניט געקענט דענקען, איך האָב ניט געקענט רעדען. מיר איז פאָר־געקומען, אַזוי ווי אַלע מיינע טרוימען פון פרייהייט, די גאַנצע

וועלט פון די לעבעדיגע, וואָלטען געוועזן קאָנצענטרירט אין דעם גלאַנציגען קליינעם מעדאַליאָן, וואָס איז אַראָפּגעהאַנגען פון דיין זייגער־קייטעל... איך האָב ניט געקאָנט אַראָפּנעמען מיינע אויגען דערפון. איך האָב ניט געקאָנט צוריקהאַלטען מיין האַנט פון צו שפּילען זיך דערמיט. ס'האָט פאַרשלונגען מיין גאַנצען וועזען... און די גאַנצע צייט האָב איך געפיהלט, ווי נערוועז דו ביזט געווען איבער מיין שטילקייט, און איך האָב ניט געקאָנט אַרויסריידען קיין וואָרט.

עס וואָלט פיליכט געווען בעסער פאַר אונז ניט צו האָבען געזעהן זיך איינס דאָס אַנדערע אונטער די איצטיגע אומשטענדען. ס'איז געווען אַ גליק וואָס זיי האָבען דיך ניט דערקאָנט: זיי האָבען דיך אָנגענומען פאַר מיין „שוועסטער", הגם איך גלויב, אַז נאָכדעם ווי דו ביזט אַוועק, האָבען זיי פאַרדעכטיגט, אַז דאָס ביזטו דאָס געווען דער גאַסט. מען וואָלט דיר געווים ניט ערלויבט דעם באַזוך, ווען דער אַלטער פאַרוואַלטער וואָלט געווען דאָ. ער איז גראָד קראַנק געווען אין יענער צייט. ער האָט אויף קיין פאַל ניט געקאָנט זיך באַפרייען פון דעם שרעק וועגען דעם טונעל, און סוף כל סוף האָט ער זיך געלאָזט איבעררעדען פון דעם גע־פענגנים־דאָקטאָר (וועלכער שטרעבט אין געהיים .צו פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון דעם פאַרוואַלטער), אַז די זאָרגען פון זיין אַמט זיינען אַ געפאַהר פאַר זיין הויכען עלטער. אויסער דעם האָט זיך לעצטענס אַנטוויקעלט אַ היבשע אומצופרידענקייט געגען דעם פאַרוואַלטער צווישען די אינספּעקטאָרס. נו, האָט ער ענדליך רעזיגנירט, אַ דאַנק דעם גוטען שיקזאַל! די אַרעסטאַנטען האָבען יאָהרען לאַנג געבעטען גאָט דערפאַר, און איינציגע פון די חברה אויף דער צעלען־רייה האָבען געפייערט די פּאַסירונג דורכדעם וואָס זיי האָבען זיך אָנגעג'שכור'ט מיט „האַלץ־אַלקאָהאָל". דער נייער פאַרוואַלטער האָט נאָר וואָס איבערגענומען דעם אַמט, און מיר האָפען אויף פאַרבע־סערונג. ער איז אַ דאָקטאָר ביי פּראָפעסיע, מיט דעם טיטול פון „מיידזשאָר" אין דער פענסילווייניאַ מיליץ.

עס איז געווען דורכאויס ניט ריכטיג פון דעם אָפיציעלען פריינד, וועד ער זאָל ניט האָבען געווען, דיר צו פאַרשאַפען אומ־נויטיגע זאָרג איבער מיין געזונט, און איבער מיין באַנייטע פאַר־פּאַלגונג. דו געדענקסט דאָך, אַז אין יולי האָט מיך דער נייער

אינספעקטאר באפרייט פון דער צוואנגס־יאק און מיר באשטימט צו ארבייטען אלס קארידאר־מאן. אבער מען האט מיך ווידער איינגעשפארט אין אקטאבער, נאך דעם מעקינלי־אינצידענט. דער פרעזידענט פון דער אינספעקטארען־באארד איז גראד דאן געווען אין ניו יארק. ער האט אנגעפרעגט דורכ'ן טעלעגראף וואס איך טהו. זיך דערוויסענדיג, אז איך ארבייט אויפ'ן „רײינדזש“, האט ער געהייסען מיך אריינזעצען אין איינצעלהאפט. ווען דער נייער פארוואלטער האט איבערגענומען דעם אמט, האט ער געשיקט נאך מיר. „זיי גיבען אייך א שלעכטע רעפוטאציע“, האט ער געזאגט; „אבער איך וועל אייך ארויסלאזען פון דער צעלע, אויב איהר וועט מיר פארשפרעכען צו טאן וואס איך געפין פאר ריכטיג“. ער האט גערעדט גראב, אויף דעם אופן ווי עס רעדט א מאן וואס שליסט אפ א געשעפט, מיט דער מאכט פון דיקטירענדע טערמינען. ער האט מיך דערמאנט אן ביסמארק'ען אין ווערסאיל. דאך האט ער ניט אויסגעזעהן אומפריינדליך; דער געדאנק וועגען מיין ווילען אנטלויפען איז איהם וואהרשיינליך ארויף אויפ'ן זינען. אבער דער נייער געזעץ האט אין מיר דערוועקט די האפנונג, אז איך וועל עס קאנען דורכלעבען; מיין אפגעשוואכטער צושטאנד און די ניט ערווארטעטע פארקירצונג פון מיין געפענגניס־שטראף האבען מיך סוף כל סוף געפיהרט צו דעם באשלוס אוועקצואווארפען די אידעע פון אנטלויפען. איך האב דארום געענטפערט דעם פארוואלטער: „איך וועל טאן וואס איהר געפינט פאר ריכטיג, אויב איהר וועט מ י ך באהאנדלען ריכטיג“. גלייך נאכדעם האט ער מיר באשטימט צו ארבייטען אויף דער צעלען־רייה. עס איז כמעט אזוי ווי זיין פריי, ווען מען האט די פרייהייט פונ'ם צעלען־הויז נאך איינזאמער פארשפארונג.

און דו, טייערע פריינדין? אין דיינע בריעף פיהל איך, ווי שרעקליך צוריסען דו ביזט דורך די געשעהענישען פון די לעצטע חדשים. איך האב געלעבט אין גרויסען שרעק פאר דיין זיכערקייט, און איך קאן קוים גלויבען די גוטע נייעס, אז דו ביזט פריי. ס'קוקט כמעט אויס ווי א נס.

איך האב נאכגעפאלגט די צייטונגען מיט גרויסער אומרוהיגקייט. ס'האט אויסגעזעהן, ווי דאס גאנצע לאנד וואלט פארכאפט געווארען פונ'ם ווילדען שטורם פון ראכע. ביז א היבשען גראד

האָבען די צייטונגען פאַנאַנדערגעבלאָזען די פייערען פון פאַרפאַלגונג. דאָ אין געפענגניס האָט די געשיכטע ארויסגערופען זעהר װעניג ערנסטען טרויער. אַז די װעכטער זיינען נאָר ניט געװען דערביי, האָבען די אַרעסטאַנטען געמאַכט זעהר ניט קיין שמייכעלהאַפטע באַמערקונגען װעגען דעם טויטען פּרעזידענט. דער דורכשניטליכער אַרעסטאַנט איז אומגעפעהר װי דער דורכשניטליכער בירגער — זייער פּאַטריאָטיזם איז זעהר פּאַסיװ, סיידען ער װערט אָנגעטריבען דורך פּערזענליכע אינטערעסען, אָדער אויף אַ קינצליכען אופן אויפגעריייצט. אָבער אויב די פּרעסע האָט אָפּגעשפּיגעלט די געפיהלען פון פאָלק, דאַן האָט דאָס לאַנד זיך געמוזט פּלוצלינג פאַרװאַנדלען אין קאַניבאַליזם. עס זיינען געװען מאָמענטען, װען איך האָב זיך געשראָקען צום טויט פאַר דיין לעבען, און פאַר דער זיכערקייט פון די אַנדערע אַרעסטירטע קאַמעראַדען. אין פריהערדיגע בריעף האָסטו געגעבען אָנצוהערען, אַז דאָס איז ניט מעהר װי אָפּיציעלע קאָנקורענץ און אַייפערזוכט, און אַז נאָר אַ דאַנק דעם װאָס דו ביזט געװען אָבװעזענד פון נויאָרק, ביזטו געבליבען פריי. עס קאָן זיין, אַז דו ביזט גערעכט; דאָך גלויב איך, אַז דיין שטאָלצע, זעלבסט־אַכטענדע האַלטונג און דיין װאונדערליכער זעלבסט־קאָנטראָל האָבען פיעל ביינגעטראָגען צו דעם רעזולטאַט. דו ביזט געװען פּראַכטפול, טייערע; און איך בין געװען באַזונדערס געריהרט דורך דיין באַמערקונג, אַז דו װאָלסט טריי געפּלעגט דעם פאַרװאונדעטען מאַן, װען ער װאָלט געדאַרפט דיין הילף, אָבער אַז דער אָרעמער יונג, װאָס איז פאַר׳משפּט און פאַרלאָזען פון אַלעמען, נויטיגט זיך און פאַרדיענט דיין סימפּאַטיע און הילף מעהר װי דער פּרעזידענט. שטאַרקער, בולט׳ער װי דיינע בריעף, האָט יענע באַמערקונג ענטדעקט פאַר מיר די גרויסע ענדערונג װאָס איז פאָרגעקומען אין אונז דורך די רייף־געװאָרענע יאָהרען. יאָ, אין אונז, איןביידען, װאָרים דיין שעהנער געפיהל האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג ביי מיר אין הארצען. װי אונמעגליך אַזאַ געדאַנק װאָלט געװען פאַר אונז אין יענע טעג, אַ צעהנדליג יאָהר צוריק! מיר װאָלטען דאָס באַטראַכט פאַר אַ פאַרראַט צו דעם גייסט פון רעװאָלוציאָן; עס װאָלט פאַרלעצט אַלע אונזערע טראַדיציעס, װען מיר גיבען זאָגאַר צו, אַז אַן אָפּיציעלער פאַרשטעהער פון קאַפּיטאַליזם איז אויך אַ מענש. איז עס ניט באַ־

דייטונגספול, אז מירביידע — דו, לעבענדיג אין סאמע הארץ פון אנארכיסטישען געדאנק און אנארכיסטישער טעטיגקייט, — און איך, אין דער אטמאספערע פון אבסאלוטער אונטערדריקונג און איינזאמקייט — זאלען האבען צוגעקומען צו דעם זעלבען עוואלו־ציאנערען פונקט, נאך א צעהנדליג יאהר פון פאנאנדערגעטיילטע וועגען?

אין א פאריגען בריעף האסטו גערעדט וועגען דעם אויס־ערלענדען און אויסברייטענדען איינפלוס פון טרויער. דאך ניט אויף יעדען איינעם מאכט עס אן עהנליכע ווירקונג. א טייל מענ־שען ווערען פארביטערט און שרומפען איין מיט דעם גיפט פון אומגליק. איך וואונדער זיך אפט וואס איך פיהל נישט קיין ביי־טערניש און פיינדשאפט, זאגאר געגען דעם אלטען פארוואלטער — און איך האב דאך זיכער א גוטען גרונד איהם צו האסען. איז עס דערפאר ווייל איך בין איצט רייפער, ענטוויקעלטער? איך דענק, אז דאס האט גיכער צו טאן מיט'ן טעמפעראמענט. די ליעבע צום פאלק, דער האס צו אונטערדריקונג, וואס מיר האבען געפיהלט אין אונזערע יונגערע טעג, לעבענסוויכטיג ווי די דאזיגע סענטי־מענטען זיינען געווען פאר אונז, זיינען זיי דאך געוועזען שכל'דיגע, ניט קיין עמאציאנעלע, זיינען געקומען מעהר פון קאפ, ווי פון הארצען. ס'איז א גליק, דענק איך, וואס דאס איז אזוי געווען. ווא־רים ביי אזעלכע ווי פעדיא און לואיס און פאולין, און א סך אנדערע ווערט זייער עמאציאנעל אויפגעבלאזענער אידעאליזם גאר אין גיכען דורכגעלעכערט אויף דעם דערגנער־וועג פונ'ם סאציאלען פרא־טעסטאנט. בלויז שטרעבונגען וואס ברויזען ארויס ספאנטאן פון דער טיפעניש פון אונזער נשמה, זיינען אימשטאנד אויסצוהאלטען געגען די אנטאגאניסטישע קרעפטען. דער רעוואלוציאנער ווערט געבוירען. אונטער אונזער ליעבע און האס פון געוועזענע טעג איז געלעגען איינגעבוירענע רעבעליאן און דער ליידענשאפטליכע'ר פארלאנג צו פרייהייט און לעבען.

אין די לאנגע יאהרען פון אפגעזונדערטקייט האב איך אריינ־געקוקט טיעף אין מיין הארץ. מיט אן אפענעם מוח און ערנסטען ציעל האב איך רעווידירט יעדען געפיהל און יעדען געדאנק. ווייט אוועק פון מיין פריהערדיגער אטמאספערע און פונ'ם שטערענדען איינפלוס פון דעם וועלט־טומעל, האב איך זיך אויסגעטאן פון

אלע טראדיציעס און אנגענומענע גלויבענס. איך האב געשטודירט די וויסענשאפטען און די מענשהייטען, באטראכט דאס לעבען און זיך געגריבעלט איבער דעם מענשליכען שיקזאל. וואכען און מא־נאטען לאנג פלעג איך זיין פארטיעפט אין דעם געביט פון דער „ריינער פארנונפט“, אדער איך פלעג דיסקוטירן מיט ל י י ב נ י צ׳ן די פראגע וועגען דעם פרייען ווילען, און זוכען אריינצודרינגען ווייטער נאך פון ס פ ע נ ס ע ר׳ן, אין דאס אונוויסבארע. פא־ליטישע וויסענשאפט און עקאנאמיע, געזעץ און קרימינאלאגיע — איך האב זיי שטודירט אהן וואס פאר עס איז פאראורטייל, און געזוכט צו לעשען דעם דארשט פון מיין זעעלע, זיך פארטיעפענ־דיג אין רעליגיאן און טהעאלאגיע. כ׳האב געזוכט דעם „שליסעל צום לעבען“ ביי די פיס פון מרס. עדדי, זיך צוהערענדיג מיט ערוואַרטונג, פיליכט וועל איך פארנעהמען די שטימע פון די קערפערלאזע, שטערענדיגע „קארעשאניטי“ און „טע־אזאפיע“. און נאך יאהרען פון נאכדענקען און שטודירען, גע־שטראפט מיט אזו פיעל טרויער און ליידען, הויב איך זיך אויף פון די צוריסענע קייטען פון דער וועלט׳ס שגעון און נארערייען צו דערזעהן די שוועל פון א ניי לעבען פון פרייהייט און גלייכהייט. מיין יוגענד־אידעאל פון א פרייער מענשהייט אין דער אומבא־שטימטער צוקונפט האט זיך אויסגעלייטערט און קריסטאליזירט אין דעם לעבעדיגען אמת פון אנארכיע, אלס די אנהאלטענדע עלעמענטארע קראפט פון מיין טאג־טעגליכער עקזיסטענץ.

אפט, אין די פארגאנגענע יאהרען, האב איך זיך געפרעגט: צי איז די מענשליכע וויזהייט ניט טייער אין פארגלייך מיט דעם פרייז פון ענטוזיאזם? צו דרייסיג איז א מענש ניט אזוי אומ־בארעכענט, הפקר׳דיג, ניט אזוי פאנאטיש און איין־זייטיג ווי צו צוואנציג. מיט דער רייפקייט פון די יאהרען ווערען מיר מעהר אוניווערזאל; אבער דאס לעבען איז א שיילאק, וואס קאן ניט באשווינדעלט ווערען, וועלכער מוז קריגען וואס איהם קומט. פאר יעדער לעקציע וואס עס לערענט אונז, האבען מיר א וואונד אדער א שניט צו ווייזען. מיר ווערען ברייטער; אבער צו אפט ציהט זיך דאס הארץ איין, בעת דער מוח שפרייט זיך פאנאנדער, און די פייערען ברענען אויס, בעת מיר לערנען. אין אזעלכע מאמענטען קערט זיך מיין געדאנק צוריק צו די טעג, ווען דאס באלד־ערוואר־

טעטע אנקומען פון דער סאציאלער רעוואלוציע האט פארשלונגען אונזער גאנצען אינטערעס. די ברויזענדע געגענווארט און איהרע צוזאמענשטויסענדע שטראמען זיינען פארבייגעלאפען פארביי אונז. אין דער צייט וואס אונזערע אויגען זיינען געווען אנגעשטעלט אויף דעם פריה־מארגען, דורכגענומען פון ערווארטונג אויף דעם אויפגאנג פון דער זון. דאס לעבען אין זיינע פיעלפאכיגע אויס־דרוקען זיינען געווען פיינליך פאר דעם גייסט פון רעוואלט; און פאעזיע, ליטעראטור און קונסט זיינען פאראכטעט געווארען אלס שטערונגען צום פראגרעס, סיידען זיי האבען געקלונגען דעם אלארם־גלאק פון באלדיגער רעוואלוציע. די מענשהייט איז געווען צו־טיילט אין צוויי קריגערישע לאגערען — דאס נאבעלע פאלק, די פראדוצירער, וועלכע שמאכטען נאכ'ן ליכט פון דעם נייעם גלוי־בען, און די פארהאסטע אונטערדריקער, די עקספלואטאטארס, וועלכע שטרעבען מיט ביטרעקייט צו פארטונקלען דאס אויפגעהענ־דע ליכט, וואס דארף צוריקגעבען דעם מענשען זיין ירושה. ווען „דאס גוטע פאלק“ וואלט נאר געקריגען א געלעגענהייט צו הערען דעם גרויסען אמת, — מיט וואס פאר א פרייד זיי וואלטען דאס אומארעמט די אנארכיע און מיט טריאומף אריינמארשירט אין דעם פארשפראכענעם לאנד!

די גלענצענדע נאאיוויטעט פון די טעג, אין וועלכע דער מינ־דעסטער צווייפעל אין דער צוקונפט האט אפגעקלונגען ווי א פער־זענליכע באליידיגונג; דער ענטוזיאזם וואס האט ניט געוואלט וויסען פון דער מאכט פון איינגעבוירענעם פאראורטייל און פאר־ליעבע! הערליך איז געווען דער טאג, ווען די הערצער האבען גע־ברענט ווי פייער, מיט האס פאר אונטערדריקונג און ליעבע צו פרייהייט! וועה, ווירקליך וועה צו דעם מענשען אדער צו דעם פאלק, וועמעס זעעל האט זיך קיינמאל ניט געווארעמט מיט דעם פונק פון פ ר א מ ע ט ע א ו ס, — ווארים ס'איז די יוגענד, וועלכע האט ארויפגעקלעטערט אויף די הויכקייטען... אבער די רייפקייט פון די יאהרען האט באלויכטען דעם וועג, און די ריעזיגע אויפגאבע פון מענשליכער ווידערגעבורט וועט דורכגעפיהרט ווערן בלויז דורך דער געלייטערטער זעהונג פון הערצער, וואס ווערען ניט קאלט.

און דו, מיין טייערע פריינדין, מיט דעם טיעפערן איינבליק אין

דער צייט, דו האָסט פונדעסטוועגען גליקליכערווייז געהאַלטען דיין האַרץ יונג. איך האָב זיך געפרעהט דערמיט אין דיינע בריעף פון די לעצטע יאָהרען, און עס איז באַזונדערס קענטיג פון די סענטי־מענטען וואָס דו האָסט אויסגעדריקט בנוגע צו דער געשעהניש אין באַפאַלאָ. איך טייל פאַלשטענדיג דיין מיינונג; טאָקע צוליעב דעם אַליין איז דאָס פאַר מיר נאָך פיינליכער זיך פאַנאַנדערצוגעהן מיט דיר אין איין זעהר וויכטיגען פּרט: דעם ווערטה פון לעאָנ׳ס טהאַט. איך ווייס די שרעקליכע צרות וואָס דו האָסט דורכ־געמאַכט, די גרויזאַמע פאַרפאָלגונג, צו וועלכער דו ביזט געוועזען אונטערוואָרפען. ערגער פון אַלעם האָט געמוזט זיין פאַר דיר דאָס וואָס די מענשען בכלל האָבען ניט געהאַט קיין שום פאַר־שטענדניס פאַר אַזאַ ערשיינונג; און טרויעריגער נאָך, די פער־אַכטליכע שטעלונג פון אַ טייל אויך־מיר־ראַדיקאַלען, וועלכע האָבען פאַרדאַמט דעם מאַן און זיין טהאַט. אָבער איך בין זיכער, אַז דו וועסט ניט מאַכען קיין טעות און אָננעהמען מיין ניט־איינשטימען מיט דיר אין דעם איינציגען פונקט אַלס אַ פאַרדאַמונג.

ס׳איז ניט נויטיג צו רעדען איבער דער פאַזע פון דעם אַטענ־טאַט, וועלכער האָט מאַניפעסטירט דאָס רעבעלירען פון אַ געפּיי־ניגטע נשמה, דעם אינדיווידועלען פּראָטעסט געגען סאָציאַלען אומ־רעכט. אַזעלכע ערשיינונגען זיינען דער נאַטירליכער רעזולטאַט פון שלעכטע צושטענדע, אַזוי אומפאַרמיידליך ווי די פאַרפליצונג פון די ברעגען פון טייך דורך די אויפלויפענדע באַרג־שטראָמען. אָבער איך קאָן ניט זיין איינפאַרשטאַנען מיט דיר בנוגע צו דעם סאָ־ציאַלען ווערטה פון לעאָנ׳ס טהאַט.

איך האָב געלייענט וועגען דער שעהנער פּערזענליכקייט פון דעם יונגען מאַן, וועגען דעם אַז ער האָט זיך ניט געקאָנט צופּאַסען צו די ברוטאַלע צושטענדע, און וועגען דער רעבעלירונג פון זיין זעעלע. עס וואַרפט אַ באַדייטענדען ליכט אויף די אורזאַכען פון דעם אַטענטאַט. ס׳איז באמת אי די גרעסטע טראַגעדיע פון מאַרטי־רערטום, אי די שרעקליכסטע פאַראורטיילונג פון דער געזעלשאַפט, וואָס צווינגט די עדעלסטע מענער און פרויען צו פאַרגיסען מענש־ליך בלוט, הגם זייערע הערצער שוידערען אויף דערפון. אָבער דערפאַר טאָקע איז דאָס נאָך וויכטיגער, אַז אַזעלכע שטרענגע מעטאָדען זאָלען אַנגעווענדעט ווערען בלויז אַלס אַ לעצטער מיטעל.

אום זיי זאָלען זיך אַרויסציינען אַלס ווערטפול, מוזען זיי זיין מאָ־טיווירט דורך סאָציאַלער, גיכער איידער דורך אינדיווידועלער נויטיגקייט, און דאַרפען זיין געציעלט געגען אַן אמת'ן און דירעק־טען שונא פון פאָלק. די באַדייטונג פון אַזאַ טהאַט ווערט פאַר־שטאַנען פון די איינפאַכע פאָלקס־מענשען — און אין דעם אַליין ליגט די פּראָפּאַגאַנדיסטישע, ערציהערישע וויכטיגקייט פון אַן אַטענטאַט, סיידען עס איז אויסשליסליך אַן אַקט פון טעראָריזם.

נו, איך גלויב ניט,אַז אָט די טהאַט איז געווען טעראָריסטיש; און איך צווייפעל, צי זי איז געווען ערציהעריש, ווייל מען האָט ניט געזעהן די סאָציאַלע נויטיגקייט פאַר איהר דורכפיהרונג. כדי דו זאָלסט מיך ניט מיספאַרשטעהן, זאָג איך נאָך אַ מאָל: אַלס אַן אויסדריק פון פּערזענליכען רעוואָלט איז דאָס געווען אומפאַר־מיידליך, און אין זיך אַליין אַן אַנקלאַגע געגען די עקזיסטירענדע צושטענדע. אָבער דער הינטערגרונד פון סאָציאַלער נויטיגקייט האָט געפעהלט, און דעריבער איז דער ווערטה פון דער טהאַט ביז צו אַ גרויסען גראַד צו נישט געוואָרען.

אין רוסלאַנד, וואו די פּאָליטישע אונטערדריקונג ווערט גע־פיהלט צווישען פאָלק, אין די מאַסען, — דאָרט וואָלט אַזאַ טהאַט געווען פון גרויסען ווערטה. אָבער אין אַמעריקאַ ווערט די פּאָלי־טישע אונטעריאָכונג געמאַכט אויף אַ פיינערן, ביטערען אופן. און כאָטש מעקינלי איז געווען דער הויפּט פאַרשטעהער פון אונזער מאָדערנער שקלאַפעריי, האָט מען איהם דאָך ניט געקאָנט באַטראַכ־טען אַלס דירעקטען און אונמיטעלבאַרען שונא פון פאָלק; בעת ווען אין אַן אַבסאָלוטיזם איז דער זעלבסטהערשער זיכטבאַר און מען קאָן איהם אַנטאַפּען מיט די הענט. דער ווירקליכער דעספּאָטיזם פון רעפּובליקאַנישע אינסטיטוציעס איז פיעל טיעפער, הינטערליס־טיגער, ווייל ער האַלט זיך אויף דער איינרעדעניש פון פאָלק, אַז עס איז אונאָבהענגיג און רעגירט זיך אַליין. דאָס איז דער פיינער, ביטערער קוואַל פון דעמאָקראַטישער טיראַניי, און אַלס אַזעלכע קאָן זי ניט דערגרייכט ווערען מיט אַ קויל.

אונטער דעם מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם איז די אויסבייטונג, גיכער איידער די אונטערדריקונג, דער אמת'ער שונא פון פאָלק. די אונטערדריקונג איז בלויז איהר דיענסט־מויד. דעריבער דאַרף דער קאַמף אָנגעפיהרט ווערען אויף דעם עקאָנאָמישען גיכער ווי

אויף דעם פאליטישען פעלד. דערפאר באטראכט איך מיין אייגענע טהאט אלס ווייט באדייטענדער און ערציהערישער איידער לעאנ׳ס. זי איז געציעלט געווארען געגען א ממשות׳דיגען, ווירקליכען אונטערדריקער, אזוי ווי דאס פאלק האט געקוקט אויף איהם.

אזוי לאנג ווי נויט און טיראניי פילען אן די וועלט, וועלען אנהאלטען די סאציאלע קאנטראסטען און דער האס, וואס פאלגט דערפון, און די נאבעלסטע פון די מענשען — אונזערע טשאלגאשעס — פלאצען ארויס אין „ראקעטען פון אייזען“. אבער אילומינירט אט דער בליץ ווירקליך דעם סאציאלען האריזאנט, אדער ער צוטומעלט בלויז די מוחות מיט דער נאכפאלגענדער פינסטערניש? דער קאמף פון ארבייט געגען קאפיטאל איז א קלאסענקאמף, אין עצם און הויפטזעכליך אן עקאנאמישער. אין יענער ארענא מוזען די שלאכטען געפיהרט ווערען.

פארשטעהט זיך, אז ניט די דאזיגע באטראכטונגען האבען דאס ארויסגערופען די מענשען־יאגד איבער׳ן גאנצען לאנד, אדער די שטעלונג אפילו פון כלומר׳שטע ראדיקאלען. זייער פייגהייט האט מיך אנגעפילט מיט עקעל און טרויער. די ברוטאלע קאמעדיע פונ׳ם פראצעס, די היפאקריטסטווא פון דער גאנצע צערעמאניע, דער דארשט נאכ׳ן בלוט פון דעם מארטירער, — אז מען באטראכט אט די אלע זאכען קאן מען כמעט פארצווייפלען אין דער מענשהייט.

איך מוז שליסען. דער פריינד, וואס דארף ארויסשמוגלען דעם דאזיגען בריעף, וועט זיין אומרוהיג צוליעב זיין גרוים. שיק מיר א צייכען אז דו האסט איהם ערהאלטען, און איך האף, אז דו וועסט דאך געפינען אביסעל רוה און פריערען, צו ערהאלען זיך פון דעם קאשמאר פון די לעצטע מאנאטען.

ס א ש א.

## קאפיטעל 42.

# צושטערטע לעבענס.

### 1.

די דיסקוסיאָן מיט דער מיידעל פאַרשאַפט מיר פיעל ערגער־ניש. באַאומרוהיגט אויף שריט און טריט, פאַרפאָלגט פון דער פאָליציי, און געיאָגט זאָגאר אין גאַס, פאַרשטעהט מיין פריינדין ניט אויף ריכטיג מיין ניט איינשטימיגקייט וועגען דעם סאָציאַלען ווערטה פון דעם אַקט פון באַפּאָלאָ. אין איהר שטונדע פון בי־טערקייט מישט זי עס צונויף מיט דער פאַרדאַמונג פון דומהייט און אונטעטיגקייט. איך באַגרייף די מאַנגעלהאַפטיגקייט אין דעם געשריבענעם וואָרט, און איך ווער פאַרצווייפעלט פון דער האָפנונגסלאָזיגקייט פון דעם מענשליכען פאַרשטעהן, ווען איך זוך אומזיסט צו באַלייכטען און ערקלערען די מיינונג פון דער באַפּאַלער טראַגעדיע פאַר איינינע פריינדליכע וועכטער און אַרעסטאַנטען. וואָס ווייטער איך קאָרעספּאָנדיר מיט דער מיידעל, אַלץ שטאַרקער, אַלץ דייטליכער ווערט דאָס פאַנאַנדערגעהן פון אונזערע אַנזיכטען, און מיט שמערץ געפין איך אויס דעם פונדאַמענטאַלען אונטער־שייד אין אונזער שטעלונג, וואָס בעאיינפלוסט זאָגאר געמיינזאַמע שליסע.

ביסלעכווייז האָבען די אָנשטרענגענדע טעטיגקייטען פון מיין פריינדין געווירקט אויף איהר קאָרעספּאָנדענץ. אונזער דיסקוסיאָן ווערט שוואַכער, און באַלד הערט זי גאָר אינגאַנצען אויף. די דרויסענדיגע וועלט, וועלכע איז צייטווייליג געבראַכט געוואָרען נע־העגטער צו מיר, טרעט ווידער אָפּ צוריק, און איך ווער פון דאָס ניי פאַרשלונגען אין דעם לעבען פונ׳ם געפענגניס.

## .2

א גייסט פון האפנונגספולקייט אטעמט אין דעם צעלענהויז. דאס נייע געזעץ צו פארלייכטערן די געפענגניס־שטראפען ברענגט די פרייהייט א סך נעהענטער. אין די ווערקשטאטען און אין הויף רעדען די ארעסטאנטען מיט היץ איבער די פארגרעסערטע „גוטע צייט“, און איינינגע פון זיי לויפען ארום מיט פאפיער און בלייפעדער, זוכענדיג א „געלערנטען“ פריינד, וואס זאל זיי אויף ריכטיג „אויסרעכענען“ די צייט, ווען זיי דארפען באפרייט ווערען. זאגאר די איינצעלהאפטע, וועלכע האלטען ביים פארצווייפלען, און די וואס זיינען פאר׳משפט אויף לאנגע טערמינען מיט אן אויסזיכט פון טרויעריגע יאהרען פאר זיך, — אפילו זיי ווערען דורכגעדרונגען פון נייעם מוט און האפנונג.

דער געשפרעך פון די ארעסטאנטען נעהמט אן אן אנדער אינהאלט און אן אנדער זין. מיט׳ן אנקומען פונ׳ם נייעם פארוואלטער הערט אויף די שטענדיגע מורמלעריי איבער די שפייז. אן אנגענעהמע איבערראשונג לאזט זיך מערקען ביי דער גוטער ענדערונג פונ׳ם עסען. איך וואונדער זיך אויף דער טאלעראנטער שטילקייט אין באצוג צו דעם ענטוישטען קריסטמאס־מיטאג. די ארעסטאנטען קאנען ניט הערען, ווי איינער באקלאגט זיך צופעליג דערויף. דער פארוואלטער איז נאך „גרין“, ארגומענטירען זיי; ער האט ניט געוואוסט, אז מיר דארפען קריגען וויינפערל־ברויט פאר די ימים־טובים; ער וועט בעסער ווערען, „איהר גיט איהם נאר א טשאנס“. מען האלט אין איין רעדען מכח דער פארבעסערונג פון די טעגליכע מאהלצייטען, און די ארעסטאנטען ווערען דורכגענומען מיט א וואונדערליכען געפיהל פון ערוואַרטונג ביי דעם אונגלויבליכען קלאנג מכח „איסטערס פאר דעם ניי־יאהר׳ס דינער“! מיט צופרידענקייט הערען מיר, ווי דער מיידזשאר דריקט זיך אויס מיט עקעל איבער דעם שמוציגען צושטאנד פונ׳ם געפענגניס, ווי ער פארדאמט די „קארב־צעלע“ און דעם פינסטערען קעלער אלס בארבאריש, און פארשפרעכט איינצופיהרען ראדיקאלע רעפארמען. אלס ערנסטען אנפאנג פון זיין רעזשים האט ער באפרייט פון איינצעלהאפט די ארעסטאנטען, וועמען דער געוועזענער פארוואלטעקעפטיין רייט, האט באשטראפט דערפאר וואס זיי זיינען ערשינען

אַלס עדות אין פאַרטיידיגונג פון מוירפי און מאַנג. וועלענדיג קריגען די גרויסע באַלוינונג, האָבען האָפּקינס און זיינע שפּיאָנען באַשולדיגט די צוויי מענער אין אַ געהיימניספולע מאָרד, וואָס איז מיט עטליכע יאָהר פריהער באַגאַנגען געוואָרען אין עלק סיטי. דער קרימינעלער פּראָצעס, מיט וועלכען ס'איז פאַרקניפּט געוואָרען דער זעלבסטמאָרד פון אַ בעאַמטען*), ווען דער פּאַרוואַלטער האָט געצוואונגען עדות צו זאָגען געגען די אַנגעקלאַגטע, האָט זיך געענדיגט מיט דער באַפרייאונג פון די אַרעסטאַנטען. דאַן האָט קעפּ־טיין רייט באַפוילען, אַז די אַרעסטאַנטען־עדות פאַר דער פאַר־טיידיגונג זאָלען באַשטראָפט ווערען.

דער נייער פּאַרוואַלטער, וועלכער איז אַליין אַ דאָקטאָר, פיהרט איין היגיענישע רעגלען, שאַפט אָפּ דעם פּראָצעס פון אויסוייסען דעם דיל פּונ'ם צעל־הויז מיט דין־צומאַלענע זאַמד, צוליעב דער שעדליכער ווירקונג פונ'ם שטויב, און ער באַשליסט אָפּצושיידען די שווינדזיכטיגע און סיפיליטישע אַרעסטאַנטען פון די געזונטע. נאָך אַן אונטערזוכונג שטעלט זיך אַרויס, אַז פערציג פּראָצענט פון די אַרעסטאַנטען זיינען אין פאַרשידענע גראַדען פון שווינד־זוכט, און צוואַנציג פּראָצענט זיינען משוגע. די טויטענפעלע פון שווינדזוכט באַטרעפען פון 25 ביז 60 פּראָצענט. ביי לייכטע אַר־בייטען אין דער געפענגנים־אָפּטיילונג און אין הויף געפינט דער מיידזשאָר באַשעפטיגונג פאַר די קרענקליכע אַרעסטאַנטען; ספּע־ציעלע גרופּען ווערען באַשטימט צו האַלטען דאָס געפענגנים ריין, די איבעריגע אַרעסטאַנטען אַרבייטען אין די ווערקשטאַטען. מיט אויסנאַהם פון אַ צאָהל געפעהרליכע משוגעים, וועלכע דאַרפען אָפּ־געשיקט ווערען אין אַ דול־הויז, איז יעדער אַרעסטאַנט אין דעם צוכט־הויז ביי דער אַרבייט, און דאָס פּראָבלעם פון לעדיג־געהן,

*) בעאַמטער ראָבערט ג. האַנטער, וועלכער איז באַגאַנגען זעלבסט־מאָרד דעם 30טען אויגוסט 1901, אין קלאַריאָן, פּאַ. (וואו דער פּראָצעס איז פאָרגעקומען). ער האָט איבערגעלאָזט אַ געשריבענע ערקלערונג, אין וועלכער ער האָט באַשולדיגט דעם פּאַרוואַלטער ע. ס. רייט, אַז ער האָט איהם געצוואונגען עדות צו זאָגען געגען אַרעסטאַנטען, וואָס ער האָט געוואוסט אַז זיי זיינען אומשולדיג.

וואס האט זיך גענומען פונ׳ם אנטי־ארעסטאנטען־ארבייט געזעץ, ווערט אויף אזא׳ן אופן געלייזט.

די ענדערונג פון עסען, בעסערע היגיענישע צושטענדע און די אפשאפונג פונ׳ם פינסטערען קערקער ברענגען אריין א באדייטענדע פארבעסערונג אין דעם לעבען פונ׳ם געפענגניס. די מרה־שחורה פונ׳ם צעל־הויז ווערט בּיסלעכווייז אויפגעהויבען, און באלד ווערען די ארעסטאנטען איבעראשט מיט פרעהליכע „רעגטיים״־נומערען, וואס די ניי־ארגאניזירטע קאפעליע פונ׳ם צוכטהויז גיט זיי אין דער מוזיק־שטונדע, צווישען זעקס און זיבען אזייגער אין אווענד.

## 3.

נייע געזיכטער גריסען מיך אויף דער צעלען־רייה. אבער א סך אלטע פריינד פעהלען. בילי רייאן איז טויט פון שווינדזיכט; „פרענטשי״ און בען זיינען משוגע געווארען; קליינער מאט, דער דיוקען־סטרייקער, איז באגאנגען זעלבסט־מארד. אין טרויעריגען אנדענקען טראכט איך פון זיי, וועלכע זיינען מיר געווען נאהענט און טייער אין די יאהרען פון געמיינשאפטליכען ליידען. א טייל פון די אלטע ארעסטאנטען זיינען לעבען געבליבען, אבער זיי זיינען צובראכען אין גייסט און אין געזונט. „פרעאינג״ אנדי איז נאך אלץ אין דער אפטיילונג, א צודרעהטער, דער מוח פארוואלקענט. זיינע ליפען באוועגען זיך שטענדיג אין געבעט. „איך אומשולדיג״, האלט דער אלטער מאן אין איין איבערזאגען, „גאט ער וויים״. לעצטען מאנאט האט די „באארד״ ווידער ענטזאגט צו באגנאדיגען דעם לעבנס־לענגליכען, און איצט איז ער געבליבען אהן האפנונג. „איך האב ניט מעהר קיין געלט. מיינע קינדער, זיי שפארען און שפארען, און ברייננגען עס מיר פאר באגנאדיגונג. און איצט ניטא מעהר קיין געלט״. אלעק קילעין איז אויך ענטזאגט געווארען פון דער „באארד״ אויף דער זעלבער זיצונג. ער איז דער עלטסטער מאן אין געפענגניס, אזוי לאנג זיצט ער שוין דא, און איז דער פאפולערסטער לעבנס־לענגליכער. אז ער איז אומשולדיג אין דעם מארד, פאר וועלכען ער איז פאר׳משפט געווארן, איז איינע פון די טראדיציעס פון ריווערסייד. אין דעם שיפעל, וואס ער האט פארדונגען צו א פארטיע פיקניק־לייט, איז א פרוי געפונען געווארן

טויט. קיין שפור האָט ניט געקאָנט ענטדעקט ווערען. און אַלעק איז פאַר׳משפּט געוואָרען אויף לעבענס־לאַנג, ווייל ער האָט אויף קיין פאַל ניט געוואָלט אַרויסגעבען די נעמען פון די מענער, וועלכע האָבען געדונגען זיין שיפעל. ער שטעלט זיך אָפּ מיר צו דערצעה־לען די טרויעריגע נייעס: די רעגירונגס־בעאַמטע זיינען געווען דאַגעגען זיין באַגנאַדיגונג, פאַרלאַנגענדיג פון איהם, ער זאָל צו־שטעלען די אינפאָרמאַציע וואָס זיי ווילען האָבען. ער קוקט אויס פאַרדאַרט, אויסגעמאַרעט פון דער פאַרשפּאַרונג, זיינע אויגען פול מיט אַ שטומען אומעט וואָס קאָן ניט געפינען קיין ווערטער. זיין פּנים איז טיעף אַרומגעצוימט, זיינע געזיכט־ציגע ערנסט, כמעט אומבאַוועגליך. אין די לאַנגע יאָהרען פון אונזער פריינדשאַפט האָב איך קיינמאָל ניט געזעהן אַלעק׳ן לאַכען. איין מאָל אָדער צוויי מאָל האָט ער געשמייכעלט, און זיין גאַנצער וועזען האָט ווי גע־שטראַהלט מיט זעלטענער זיסקייט. ער רעדט אַבגעהאַקט, מיט אַ באַמערקבאַרער אַנשטרענגונג.

„יאַ, אַלעק", זאָגט ער, „עס איז אמת. זיי האָבען מיר ענט־זאָגט".

„אָבער זיי האָבען באַגנאַדיגט מעקי׳ן", זאָג איך מיט היץ. „ער האָט זיך מודה געווען אין אַ קאַלט־בלוטיגען מאָרד, און ער איז בלויז געזעסען פיער יאָהר".

„ס׳איז מזל", באַמערקט ער.

„וואָס הייסט מזל?"

„מאַק׳ס פאָטער האָט צופעליג ענטדעקט אויל אויף זיין פאַרם".

„נו, איז וואָס?"

„דריי הונדערט פעסלעך אַ טאָג. רייך, געקראָגען פאַר זיין זוהן אַ באַגנאַדיגונג".

„אָבער אויף וואָס פאַר אַ גרונט האָבען זיי ענטזאָגט אייער אַפּליקאַציע? זיי וויסען דאָך, אַז איהר זיינט אומשולדיג".

„דער דיסטריקט אַטוירני איז געקומען צו מיר. „איהר זיינט אומשולדיג, מיר וויסען עס. זאָגט אונז, ווער האָט באַגאַנגען דעם מאָרד". איך האָב ניט געהאַט וואָס צו דערצעהלען. באַגנאַדיגונג ענטזאָגט".

„איז דאָ וואָס פאַר עס אַז האָפנונג שפּעטער־צו, אַלעק?"

„ווען די איצטיגע אדמיניסטראציע וועלען אלע זיין טויט, פיליכט“.

לאנגזאם געהט ער זיך אוועק, אזוי גיך ווי עס קומט אן א וועכטער. ער געהט שוואכליך, מיט לאנגזאמע טריט.

דער „אלטער סעממי“ איז דא צוריק, זיין הינקען שווערער, די אקסלען נידעריגער. „איך בין ווידער דא, פריינד אלעק“, שמייכעלט ער אזוי ווי ער וואלט זיך ענטשולדיגען. „וואס האב איך געקאנט טאן? די אלטע איז געשטארבען, און מיינע יונגלאך זיינען אוועק ערגעצוואו. די פארם איז פארקויפט געווארען — די פארם, וואו איך בין געבוירען געווארען“. זיין שטימע ציטערט פון געריהרטקייט. „איך האב ניט געקאנט געפינען די יונגען, און קיינער האט מיך ניט געוואלט צונעהמען, און ניט געוואלט געבען מיר קיין ארבייט. „גענ אין בעטעלהויז“, האבען זיי מיר געזאגט. איך האב ניט געקאנט, אלעק. איך האב געארבייט מיין גאנצען לעבען; איך וויל ניט קיין נדבות. כ׳האב געמאכט א בלאף“, ער שמייכעלט צווישען טרעהרען, — „זיך אריינגעבראכען אין א קראם, און אט בין איך דא“.

מיט איבערראשונג דערקאן איך „טאף“ מאנק צווישען די ערשטע־קלאסע מענער. פאר יאהרען האט מען איהם געהאלטען אין שטריפען, און איהם שטענדיג באשטראפט פאר שלעכטע ארבייט אין דער זאקען־אפטיילונג. מען האט איהם גערופען דער גרעסטער פוילענצער אין געפענגניס: קיין איין מאל אין פינף יאהר צייט האט ער ניט אויפגעטאן זיין באשטימטע ארבייט. אבער דער נייער פארוואלטער האט איהם אריבערגעפיהרט אין דער בוי־ווערקשטאט, וואו מאנק איז באשעפטיגט געווארען ביי זיין פאך אלס שמיעד. „איך האב פיינט געהאט יענע פארדאמטע זאקען־מאכעריי“, זאגט ער מיר. „איצט האב איך געטראפען ריכטיג, און דער מיידזשאר זאגט, אז איך בין דער בעסטער ארבייטער אין דעם שאפ. איהר וואלט דאס ניט געגלויבט, עה, וואלט איהר? דער מיידזשאר האט מיר פארשפראכען א „צעהנערל“ פאר די שעהנע אייזען־ארבייט, וואס איך האב געמאכט פאר די עלעקטריק־סלופעס אין הויף. ער זאגט, ס׳איז ארטיסטיש, פארשטאנען? דאס איז פאר מיר ווי געוואונשען; ס׳איז ארבייט וואס איך האב ליעב.

דער פארוואלטער זאגט, דער אלטער סאנדי איז געוועזען א נאר, וואס ער האט מיך אוועקגעשטעלט שטריקען זאקען מיט די גרויסע לאפעס מיינע. דער מיידזשאר איז א־רייט, א־רייט".

מיט א געפיהל פון פארגעניגען טרעף איך דעם „שמייכעל־דיגען" אל, מיין נעגער־פריינד פון דער טורמע. דער גוט־הארציגער יונג זעהט אויס אלט און קראנק. זיין פריינדליכקייט האט איהם געבראכט א סך צרות; ער פלעגט כסדר באשטראפט ווערען דערפאר, וואס ער פלעגט אויף זיך נעהמען די שולד פון אנדערע, און איצט האבען די אינספעקטארס איהם געלאזט וויסען, אז ער וועט פארלירען דעם גרעסטען טייל פון זיין צייט, וואס דארף איהם אראפגערעכענט ווערען פאר גוטער אויפפיהרונג. ער איז געווארען בלייך פון שטענדיגער זארג איבער דער אומזיכערקייט פון זיין באפרייאונג. יעדען פריהמארגען איז ער פול מיט ער־ווארטונג. „מעגליך, איך געה היינט, אלעק", שמייכעלט ער האפ־נונגספול, ווען איך שטעל זיך אפ ביי זיין צעלע. אבער די וואכען געהען פארביי. די אונזיכערקייט מאטערט דעם יונגען נעגער, און מען זעהט, ווי ער געהט איין פון טאג צו טאג.

א באקאנטע שטימע גריסט מיך. „העלאו, בערק, זיינט איהר ניט צופרידען צו זעהן אן אלטען חבר?" דער גרויסער דייוו קוקט אויף מיר מיט זיין מונטערן שמייכעל.

„ניין, דייווי. איך האב געהאפט, איהר וועט ניט מעהר קומען צוריק".

ער ווערט זעהר ערנסט. „יא, איך האב געשווארען, אז איך וועל זיך גיכער הענגען איידער קומען צוריק. ניט געקריגען קיין טשאנס. איהר פארשטעהט", ערקלעהרט ער, און זיין טאן איז פול מיט ביטערניש. „כ'לאז זיך ארויס זוכען ארבייט און קריג א פלאץ, און טאקע א גוטען פלאץ; און איך האלט זיך צוריק פון שכור'ן, און ווייך פון מיינע חברים. אבער די פארדאמטע שפיאנען האבען מיך פארפאלגט. האבען געמאכט מען זאל מיך ענטזאגען פון דער ארבייט דריי מאל, און דאן האב איך איינעם פון זיי דערלאנגט א זעץ איבער'ן קאפ. פארפוילט זאל זיין זעל ווערען אין גיהנום, הלואי וואלט איך איהם געוועזען דער־הרג'עט.

„אלטער פארברעכער“, זאגען זיי צום ריכטער, און ער זייפט מיר איין אויף זיבען יאהר. איך בין געוועזן נישקשה פון א יאלד, וואס איך האב געפרואווט זיין עהרליך“.

.4

אין דער גרויסער שטייג אין צענטער פונ׳ם געפענגניס־פליגעל, קלייבען זיך צונויף אין זייערע פרייע מאמענטען די ארעסטאנטען, וואס זיינען באשעפטיגט ארום צעל־הויז. די שאטענס גנב׳ענען זיך שטיל אריין און ארויס פון דעם פארצאמטען פלאץ, האלטענדיג אפען די אויגען פאר דאס אנקומען פון א וועכטער. אינעווייניג קלינגט אפ׳ דאס זומען פון א שטילען, איינגעהאלטענעם געשפרעך. די ארעסטאנטען ליגען ארום דעם פאס מיט זעג־שטויב, פארטיעפט אין „סנייקס“ ווילסאן׳ס ערצעהלונג וועגען זיין לאנג־יאהריגען קאמף מיט דעם „אלטען סאנדי“. אין א לעבהאפטען טאן דער־צעהלט ער, ווי ער פלעגט כסדר אויפזיין גאנצע נעכט, קלאפען מיט די פיס אן דער פאדלאגע און שרייען: „ראטעוועט! „סנייקס“— שלאנגען! איך זעה שלאנגען!“ מיט באוואונדערענדע בליקען קוקען די יונגע ארעסטאנטען אויף די ליפען פון דעם אלטען פאר־ברעכער, וועלכער האט אזוי לאנג און מיט אזא אויסדויער געמאכט דעם אנשטעל, אז ער שרעקט זיך פאר שלאנגען, אז דאס האט סוף כל סוף געצוואונגען דעם געוועזענעם, פארוואלטער אפצושיקען „סנייקס׳ן“ אין א ספעציעלען צימער אין געפענגניס־שפיטאל, וואו ער האט ביסלעכווייז אויפגעהערט צו זעהן זיינע „שלאנגען“. אבער אזוי גיך ווי מען האט איהם נאר צוריק אריינגעזעצט אין א צעלע, פלעגען זיך זיינע ביינאכטיגע קולות און געוואלדען ווידער באנייען. צעהן יאהר האט דער קאמף אנגעהאלטען; אונטער דער צייט האט דער ארעסטאנט מעהר ווי איין מאל געקראגען געשלאגען מיט בולאוועס איבער׳ן קאפ, מען האט איהם ארונטער־געזעצט אין פינסטערען קעלער, אנגעטאן אין דער צוואנגס־יאק, ביז דער פארוואלטער האט זיך ענדליך אונטערגעגעבען, און „סנייקס“ האט אויף שטענדיג געקראגען די פארהעלטניסמעסיגע פרייהייט פון דעם ספעציעלען צימער.

אין קליינע גרופען שטעהען זיי ארום שטייג, לאכענדיג הויך אויפ׳ן קול איבער די וויצען פון דעם „פיער־אויגיגען יעג“, וואס

רופט זיך „ביל נאָי", אדער רעדענדיג מיט היץ איבער די פּלאַנ־טערס פון דעם נייעם פאַרלייכטערונגס־געזעץ, איבער די שאַנסען פון פּיטסבורג צו געווינען די „בייז־באַל"־שפּיעל נעקסטען סעזאָן, און איבער דעם דינער פון קומענדען זונטאָג. מיט פיעל לעבהאַפ־טיגקייט ווערט גערעדט וועגען דעם קלאַנג, אַז דער „דעפּיוטי"־פאַרוואַלטער האָט רעזיגנירט. דער מיידזשאַר, שמועסט מען, וואַרצעלט ביסלעכווייז אויס די גאַנצע „אַלטע קליקע". אַ קאַלאַ־נעל פון דער מיליץ איז באַשטימט צו קריגען די שטעלע פון גע־הילף צום פאַרוואַלטער. דער קוואַל פון די געשפּרעכען וויל זיך גאַר ניט אויסשעפּען; יעדער דעטאַל פון'ם געפענגניס־לעבען דיענט אַלס מאַטעריאַל פאַר אומענדליכע דיסקוסיעס און היציגע דעבאַטען. אַבער אַזוי גיך ווי דער „וואַכמאַן" וואָרנט מיט אַ שטילער, שעפּטשענדיגער שטימע, אַז אַ וועכטער קומט, ברעכט זיך דער קרייז אָפּ, און יעדער איינער מאַכט זיך כלומר'שט, ווי ער איז פאַרנומען מיט אַבשטויבען און רייניגען. בעאַמטער מיט־שעל געהט פאַרביי; מיט קורצע פיס, ברייט פאַנאַנדערגעטיילט, שטעהט ער, אַפּמעסטענדיג די פאַרזאַמעלטע לידיג־געהער פון הינטער זיינע בייז־אויסזעהענדע אויגען־ברעמען.

„שטיל ווי מיין באָבע אין קירכע, עה? גאָר פלוצלינג שטיל געוואָרען. און שטאַרק פאַרנומען, יעדער פאַרדאַמטער איינער פון אייך. איהר „סנייקס" דאָרט, וואָס פאַר געשעפטען האָט איהר דאָ, עה?"

„איך בין בלויז געקומען נעהמען אַ בעזים".

„איהר אַלטער אויסוואָורף וואָס איהר זיינט, איך האָב געזעהן ווי איהר האָט זיך אַריינגעגנב'עט אַהין מיט אַ שטונדע צוריק, און איהר האָט געפּלאַפּעלט און דערצעהלט מעשיות. איהר מיינט, דאָס איז אַ שענק, מיינט איהר? געהט אין אייערע צעלען, יעדער איינער פון אייך".

ער שלעפּט זיך לאַנגזאַם אַוועק, מורמלענדיג: „איהר לויפערס, ווען איך כאַפּ אייך דאָ ווידער, ניט דערוועגען זאָלט איהר זיך צו רעדען אַזוי הויך".

איינער נאָכ'ן אַנדערען גנב'ענען זיך די אַרעסטאַנטען צוריק אַריין אין שטיג, שפּאַסענדיג איינער מיט'ן צווייטען איבער זייער גליקליכען אַפּשניט. אין אַ ווייליע אַרום שליסען זיך אַן עטליכע

קארידאר־לייט אין דער גרופע. דאס געשפרעך ווערט באלעבט; מען רעדט הויך אויפ'ן קול, מען רייסט זיך ארום. אבער דער כעס פארגעהט און א שטילקייט פאלט אין אויף די ארעסטאנטען, ווען דער בלינדער טשארלי זוכט זיין וועג, טאפענדיג מיט די הענט אין דער וואנט. ביל נאי נעהמט איהם אין ביי דער האנט, און פיהרט איהם צו צו דער פאס, וואו ער זעצט אוועק דעם בלינדען. „איהר פיהלט זיך בעסער היינט, טשארלי?" פרעגט ער מיט א זאנפטען טאן.

„יא, איך — דענק אביסעל — בעסער", זאגט דער בלינדער מאן מיט א ניט זיכערער, קווענקלענדער שטימע. זיין פנים טראגט אן אויסדרוק פון צוטומעלטקייט, אזוי ווי ער וואלט נאך ניט געווען געפאסט אויף זיין גרויסען אומגליק. עס האט געטראפען בלויז מיט א פינף חדשים צוריק. אין קאמפאניע מיט צוויי פריינד, וואס האבען גארניט פיינט געהאט א ביסעל משקה, איז ער פארבייגע־גאנגען א הויז אין דער אומגעגענד פון אלעגהעני. עס האט אנגע־פאנגען ווערען פינסטער, און זיי האבען געוואלט א טרונק. טשארלי האט אנגעקלאפט אין דער טיר. א קאפ האט זיך באוויזען אין אויבערשטען פענסטער. „רויבער!" האט עמיצער פלוצלינג אויס־געשריען. ס'האט א בליץ געטאן. מיט א געשריי פון שמערץ האט זיך טשארלי געכאפט פאר זיינע אויגען. ער האט זיך אנ־געהויבען וואקלען, דאן האט ער זיך געדרעהט ארום און ארום, הילפלאז, אין א צומישטען צושטאנד. ער האט ניט געקאנט זעהן זיינע באגלייטער, דאס הויז און די גאס זיינען פארשוואונדען, און אלעס ארום איהם איז געווען לויטער פינסטערניש. איהם האט זיך געדוכט, אז די ערד זינקט אונטער זיינע פיס, און טשארלי איז אנידער געפאלען מיט'ן פנים אראפ, קרעכצענדיג און רופענדיג זיינע פריינד. אבער זיי זיינען אנטלאפען פאר שרעק, און ער איז געבליבען אליין אין דער פינסטער, — אליין און בלינד.

„איך בין צופרידען, וואס איהר פיהלט בעסער, טשארלי", זאגט ביל נאי פריינדליך. „ווי אזוי זיינען אייערע אויגען?"

„איך דענק — א ביסעלע — בעסער".

דער שאס האט איבערגעריסען די אפטישע נערוועז איןביידע אויגען. זיין ראיה איז צושטערט אויף אימער; אבער טשארלי באגרייפט ניט פאלשטענדיג דעם פלוצלינגען אומגליק, וואס איהם

האט געטראפען; ער גלויבט, אז זיין ראיה איז בלויז צייטווייליג געשעדיגט.

„בילי“, רופט ער זיך אן אין א ווײַלע ארום, „ווען איך האב זיך אויפגעכאפט היינט אין דערפריה, האט — עס ניט אויסגעקוקט צו זיין אזוי — פינסטער. ס'איז געווען אזוי ווי — א הייטעל איבער מיינע אויגען. פיליכט — עס קאן — נאך בעסער ווערען“. זיין שטימע ציטערט אין דער ערווארטונג, אז זיין האפנונג וועט פארווירקליכט ווערען.

„א, וואס מאכט איהר זיך אזוי קינדעריש“, פאלט „סנייקס“ אריין אין די רייד.

„שטיל, דו גרויסער דראנג!“ צינדען זיך ביי ביל'ען אן די אויגען פאר כעס און ער כאפט אן „סנייקס'ן“ ביים האלז. „טשארלי“, ווענדעט ער זיך צום בלינדען. „מיר איז אמאל פאראליזירט געווארען מיין לינק אויג. ס'האט אויסגעקוקט פונקט ווי אייערע איצט, און איך האב געפיהלט, אזוי ווי עס וואלט געווען א הייטעל דערויף. זעהט איהר די זאכען אזוי ווי אין א נעבעל, טשארלי?“

„יא, יא, פונקט אזוי“.

„נו, אזוי איז עס געווען מיט מיר. אבער ביסלעכווייז האבען די זאכען גענומען ווערען ליכטיגער, און איצט איז דאס אויג אזוי גוט ווי אימער“.

„איז דאס אמת, בילי?“ פרעגט טשארלי נייגעריג. „וואס האט איהר געטאן?“

„נו, דער דאקטאר האט אריינגעטאן געוויסע זאכען אין מיין אויג. דער בורטשענדער אויפזעהער דא גיט אייך דאך געוויסע הייל־מיטלען, ניין?“

„יא; אבער ער זאגט, דאס איז פאר דער ענטצינדונג“.

„דאס איז ריכטיג. דאס איז וואס די דאקטוירים האבען מיר געזאגט. איהר נעהמט דאס אקארשט לייכט, טשארלי, זארגט ניט. איהר וועט געזונט ווערען, איהר וועט זעהן אויב ניט“.

ביל רויטעלט זיך שולדיגליך ביי דעם ניט בעאבזיכטיגטען אויסדרוק, אבער הויבט גיך אויף א ווארנונגס־פינגער צו מאכען שטיל דעם קייכענדען „שנעע־באל יונג“. דאן רופט ער פלוצלינג אויס מיט א העפטיגען טאן: „ביי גאט, טשארלי, אויב איך וועל ווען עס איז באגעגענען יענעם ריכטער אייערען אין א פינסטערער

נאכט, וועל איך איהם דערוואַרגען מיט אַט די הענט דאָ, אזוי העלף מיר — ! ס'איז אַ שמאַך און שאַנד אייך צו שיקען אהער אין דעם דאָזיגען צושטאַנד. איהר וואָלט באַדאַרפט געהן אין אַ האָספּיטאַל, דאָס איז וואָס איך זאָג. אָבער נאָר מונטער זיין, אַלטער יונג! איהר וועט ניט דאַרפען אָפּזיצען אייערע דריי יאָהר; איהר קאָנט וועטען דערויף. מיר וועלען זיך אַלע צוזאַמענלעגען און ברענגען אייער פאַל פאַר דער „פּאַרדאָן־באָארד“, ווען מיר ניט, קינדער?“

מיט אומגעוועהנליכער ענערגיע געהט דער אַלטער ארום איבער דער שטייג, נעמענדיג פאַרשפּרעכונגען בייצושטייערן צו דעם פאַנד. „דאָקטאָר דזשאַרדזש“ באַווייזט זיך ביים ווינקעל פון צעל־הויז, פליסיג פאַלירענדיג די מעשענע שטאַנגען, און ביל אַפּעלירט צו איהם צו אונטערשטיצען זיין דיאַגנאָזע וועגען דעם בלינדען מאַנ'ס צושטאַנד. אַ שמייכעל פון שרעקעדיגער פרייד צוגיסט זיך איבער דאָס בלינדע געזיכט, ווען ביל נאָך גיט איהם אַ קלאַפּ אויף דער פּלייצע, אויסרופענדיג מונטער: „וואָס האָב איך אייך געזאָגט, עה? איהר וועט זיין „אָ־קעי“, גאָר אין גיכען, און דערווייל האַלט אייער מאַרך באַשעפטיגט, ווי אזוי צו נעהמען ראַכע פאַר דער אומגערעכטיגקייט וואָס איז אייך געטאָן געוואָרען“. און מיט אַ שטאַרקען וואונק אין דער זייט פון „סנייקס“, לאָזט זיך דער „יעג“ אריין אין אַן עראינערונג פון זיין יוגענד. אזוי ווייט ווי ער קאָן געדענקען, דערצעהלט ער, איז דער גייסט פון ראַכע געוועזען זעהר שטאַרק אין איהם. ער האָט זיך שטענדיג, אויף אַ רעליגיעזען אופן, אָפּגערעכענט פאַר יעדען אומרעכט וואָס איז געגען איהם באַגאַנגען געוואָרען און פון וועלכען ער האָט געהאַט צו ליידען; אָבער דער אינצידענט, וואָס האָט איהם פאַרשאַפט די גרעסטע פרייד, איז געוועזען אַן ערפאַהרונג פון זיינע יונגעלשע יאָהרען. ער איז דאַמאָלס אַלט געוועזען פופצעהן יאָהר, און האָט געוואוינט צוזאַמען מיט זיין מוטער, אַן אַלמנה, און זיינע דריי עלטערע שוועסטער אין אַ קליין שטעטעל. איין אָווענד, ווען די פאַמיליע איז געזעסען צוזאַמען אין גרויסען גאַסט־צימער, האָט זיין שוועסטער מערי געזאָגט עפּעס, וואָס האָט איהם טיעף באַליידיגט. אין גרויסער אויפרעגונג האָט ער פאַרלאָזט דאָס הויז. אזוי ווי ער איז נאָר אַריבער אויף דער אַנדער זייט גאַס, איז איהם אַנטקעגען

געקומען א הויכער פיין־געקליידעטער דושענטעלמאן, קענטיג א פרעמדער איינ'ם שטעדטעל. דער מאן האט זיך פארזיכטיג נאכ־געפרעגט, צי וואלט דער יונגעל איהם ניט געקאנט געבען אן אדרעס, וואו מען זאל קאנען פארברייינגען דעם אווענד אין פארגעניגען. „ניך ווי א בליץ איז מיר איינגעפאלען א בריליאנטענער געדאנק", דערצעהלט ביל, זיך נעהמענדיג מיט חשק צו זיין געשיכטע. „זיי פעהלען מיר איבערהויפט קיינמאל ניט אויס, די בריליאנטענע אידעען", באמערקט ער פארבייגעהענדיג, „אבער דא איז געלעגען מיין נקמה! „איהר מיינט א הור־הויז, דאס מיינט איהר דאך?" פרעג איך דעם מאן. יא, דאס איז וואס ער וויל, זאגט מיין מאן. „ווארט אקארשט", זאג איך צו איהם, אזוי ווי פלוצלינג, „איהר זעהט דאס הויז דארט פונקט איבער דער גאס? דאס איז דער פלאץ וואס איהר דארפט", און איך צייג איהם אן אויפ'ן הויז, וואו די אלטע און מיינע דריי שוועסטער זיצען אלע ארום טיש, ווי ערווארטענדיג אימיצען — אויסקוקענדיג אויף מיר, פארשטעהט איהר מיך. שעהן, דער מאן גיט מיר א פערטעלע און ער געהט גלייך אריבער די גאס, קלאפט אן אין טיר, געהט אהן צערעמאָ־ניעס אריין אינעווייניג. איך באהאלט זיך אין א פינסטערען ווינ־קעל, כדי צו זעהן וואס וועט זיין, פארשטעהט איהר מיך. נו, וואס פרעגט איהר? אין א ווייל'ע ארום עפענט זיך די טיר מיט א קראך און עפעס קומט ארויס מיט א געלאף, און פאלט אנידער אויף דער ווערענדע, און די מאמע זי האלט א בעזים אין דער האנט, און די מיידלאך, יעדע איינע פון זיי קומען ארויס, ווער מיט א פלעט־אייזען און ווער מיט א מיסט־פאן, און פלים, פלעם, זיי שליידערען עס אויף יענער זאך, וואס געפינט זיך אויף די טרעפ. כ'האב געמיינט איך וועל צופלאצט ווערען פון געלעכטער. שפע־טער־צו קעהר איך זיך אום אהיים, און די מוטער און די שוועסטער זיינען עפעס אויפגערעגט, און איך רוף זיך אן מיט אן אומשולדיגער מיענע: „וואס איז געשעהן, מיידלאך?" נו, איהר האט זיי באַ־דארפט הערען! גערעדט, איהר פרעגט נאך? „דאס הייסט אבי־סעל א בעסטיע, א שמוציאן, וואס איז אריינגעקומען אין הויז און האט אונז באליידיגט מיט —" זיי האבען ניט געקאנט דער־מאנען די שרעקליכע זאכען וואס ער האט געזאגט; און מערי — דאס איז די שוועסטער, וואס איך בין געווארען אין כעס אויף

איהר — זי שרייט, „א, בילי, דו ביזט אזוי גרויס און שטארק. ווען דו וואלסט געווען דא, ווען יענער שמוציגער אלטער חברה־מאן איז ארויפגעקומען אהער!“

די ערעסטאנטען קוועלען אן פון דער געשיכטע, און „דאקטאר דזשארדזש“ רופט מיך אוועק אן א זייט צו רעדען איבער „אלטע צייטען“. מיט א הארציגען האנט־דרוק באגריסט איך מיין פריינד, וועמען איך האב ניט געזעהן זינט די טעג פון דער ערשטער אונ־טערזוכונג. פארדעכטיגט אלס מיטשולדיגער, איז ער אריבערגע־פיהרט געווארען צו די ווערקשטאטען, און בלויז ניט לאנג צוריק האט ער זיך אומגעקערט צו זיין פריהערדיגער שטעלע אין דעם געפענגניס־פליגעל. זיינע שעהנע דיקע האר זיינען געווען שיטער און גרוי; ער זעהט אויס פארעלטערט און אויסגעמאטערט. מיט טרויער באמערק איך זיין טאן פון ביטערקייט. „זיי האבען מיך שיעור ניט דער׳הרג׳עט, אלעק!“ זאגט ער; „ווען איך וואלט ניט געדענקט פון מיין פרוי, וואלט איך דער׳הרג׳עט יענעם אלטען פאר־וואלטער“. אין פארלויף פון דער גאנצער לאנגער צייט וואס ער איז איינגעשפארט, איז זיין ווייב טריי געשטאנען ביי זיין זייט. איהר שטענדיגער מוט און איבערגעבענהייט האט איהם אויפגע־האלטען אין די שטונדען פון פינסטערניש און פארצווייפלונג. „די טייערע מיידעל!“ זאגט ער ווי צו זיך אליין. „איך וואלט שוין געווען טויט, ווען ניט זי“. אבער זיין באפרייאונג דערנעהנטערט זיך. ער איז שוין כמעט אפגעזעסען די זעכצעהן יאהר, צו וועלכע ער איז פאר׳משפט געווארען פאר אנגעגעבענער מיטשולדיגקייט אין דער באנק־רויבעריי אין ליטשבורג, אין פארלויף פון וועלכער דער קאסירער איז דער׳הרג׳עט געווארען. די אנדערע צוויי מענער, וואס זיינען געפונען געווארען שולדיג אין דעם פארברעכען, זיינען ביידע געשטארבען אין געפענגניס. דער דאקטאר אליין איז לעבען גע־בליבען, „א דאנק דער טייערער מיידעל“, ווידערהאלט ער. אבער די זעקס חדשים, וואס ער דארף נאך פארברענגען אין „ווארקהויז“, פילען איהם אן מיט מורא. מען האט איהם געגעבען צו וויסען, אז דער פלאץ איז אן אמת׳ער גיהנום, זאגאר ערגער ווי דאס צוכט־הויז. אבער זיין ווייב ארבייט געטריי און אונערמידליך; זי זוכט צו ווירקען, אז מען זאל איהם שענקען די צייט וואס ער דארף זיין אין „ווארקהויז“. און עס קאן זיין, אז ער וועט באלד נאר אין גאנצען זיין פריי.

## קאַפּיטעל 43

# „איבער די ליעבע צו דער פרוי".

די אַנוועזענהייט פון מיין אַלטען פריינד פאַרשאַפט מיר פיעל פאַרגעניגען. דזשאַרדזש איז אַן אינטעליגענטער מענש; די לאַנגע יאַהרען וואָס ער איז געווען אין געפענגניס האָבען ניט באַשרענקט זיין אינטעלעקטועלען האָריזאָנט. די דערנעהענטערונג פון זיין באַפּרייאונג פאַרשטאַרקט זיין אינטערעס אין׳ם לעבען פון דער אַנדער זייט פון די געפענגניס־טויערען, און מיר פאַרברענגען די לעדיגע שטונדען ריידענדיג איבער ענינים, וואָס האָבען פאַר אונז ביידען אַן אינטערעס, דיסקוטירענדיג איבער סאָציאַלע טעאָריען און פראַגען פון טאָג. ער האָט אַ ברייטען בליק אויף זאַכען, אָבער זיין טעמפּעראַמענט און זיינע קאַטוילישע טראַדיציעס זיינען אַנ־טאַגאָניסטיש צו די אידעען, וואָס זיינען מיר טייער. דאָך איז זיין האַלטונג פריי פון פערזענליכקייט און שמאָלקעפּיגע פאָראור־טיילען, און אונזערע געשפּרעכען ווערען געפיהרט אויף אַ וויסענ־שאַפטליכען און פילאָזאָפישען וועג. די נייעס וועגען ליעבקנעכט׳ס טויט און פּעטער קראַפּאָטקינ׳ס לעקטשור־טור איבער אַמעריקאַ גיבען אונז אַ געלעגענהייט צו פיהרען אַ דיסקוסיע איבער מאָדערנע סאָציאַלע פראַגען. עס זיינען דאָ אַ סך טעמאָס פון געמיינשאַפט־ליכען אינטערעס, און מיין פריינד, וועמעס עלטער־זיידע איז גע־ווען צווישען די, וואָס האָבען אונטערגעשריבען די דעקלאַראַציע פון אונאָבהענגיגקייט, לאָזט זיך פאַנאַנדער אין אַ פליסיגער שעהן־ריידעריי, פערדאַמענדיג זיין לאַנד פאַר דער טאַקטיק פון אויסראָ־טונג אין די פיליפּינען און פאַר די וואַקסענדע אימפּעריאַליסטישע

שטרעבונגען פון דער רעפובליק. א דעמאקראט פון דעם דזשעפערסאן־טיפ, שפריצט ער מיט גיפט קעגען דעם אלטען פארוואלטער פאר זיין פאוואריטיזם און זייןאויסנאהם־באהאנדלונג. די ערפאהרונגען, וואס ער האט געהאט אין געפענגניס, זאגט ער מיר, האבען באדייטענד געענדערט די מיינונגען, וואס ער האט געהאט וועגען דעמאקראטיע.

„יא, אלעק, ס'איז ניטא קיין גערעכטיגקייט“, זאגט ער מיט פייער; „ניין, ניט אפילו אין דער בעסטער דעמאקראטיע. מיט צעהן יאהר צוריק וואלט איך געשטעלט מיין לעבען פאר די גערעכטס־הייזער. היינט צו טאג ווייס איך, אז זיי זיינען א דורכפאל; אונזער גאנצע יוריספרודענץ איז ניט אין ארדנונג. ווי איהר זעהט מיך, בין איך שוין דא ניין יאהר. איך האב געטראפען און געשלאסען פריינדשאפט מיט הונדערטער פארברעכער. א טייל זייענען געווען גאנץ געפעהרליך, און פיעלע פון זיי שורקען. אבער דערווייל איך האב נאך ניט בעגעגענט קיין איינעם, אין וועמען מען זאל ניט קאנען אנטדעקען עפעס א גוטע אייגענשאפט, אויב מען גיט איהם נאר א ריכטיגען קראץ. זעהט נאר יענעם מאן דארט“, ער ווייזט אן אויף א יונגען ארעסטאנט, שייערענדיג אן אויבערשטע צעלען־רייה, „דאס איז „דזשאני דהי האנק“. ער געפינט זיך דא פאר א מארד, וואס ער איז באגאנגען. נו, וואס האט דער ריכטער און די דזשורי געוואוסט וועגען איהם? בלויז דאס: ער איז געווען א יונגער חברה־מאן, וואס האט געארבייט שווער אין די פאבריקען. איין שבת איז ער געווען אויף א חתונה מיט זיינעם א חבר. זיי זיינען ביידע געווען שכור, ווען זיי זיינען ארויס אין גאס. זיי האבען געמאכט א ליארם, און א פאליציי־מאן האט זיי געוואלט ארעסטירען. דזשאהניס חבר האט זיך געשטעלט אנטקעגען. דער פאליציאנט האט געמוזט פארלירען דעם קאפ — ער האט דעם יונג דערשאסען אויף טויט. ס'איז געווען גראד נעבען דזשאהני'ס היים, איז ער אריינגעלאפען אינוועניג, געכאפט א רעוואלווער, און געטויטעט דעם פאליציי־מאן. ער איז אודאי געווען פארריקט פון צופיעל טרינקען. נו, זיי האבען איהם געזאלט הענגען, אבער ער איז נאך געווען כמעט א קינד, קוים זעכצעהן יאהר. איצט איז ער א פארטיגער — זיי האבען איינפאך רואינירט דעם יונגעל'ס לעבען. ווייסט איהר, וואס פאר א סארט

יונגעל ער איז? טרעפט וואס ער האט געטאן. ס׳איז בלויז געוועז מיט עטליכע מאנאטען צוריק. איינער פון די „שרייפלאד“ האט איהם דערצעהלט, אז די אלמנה פון דעם פאליציסט, וואס ער האט געשאסען, איז אויף צרות; זי האט דריי קינדער און וואשט פרעמדע וועש. ווייסט איהר, וואס דזשאהני האט געטאן? ער איז ארומגעגאנגען צווישען די ארעסטאנטען, און האט צוזאמענגענומען פופציג דאלאר פאר די שעהנע פאפיער־ארבייט וואס ער מאכט; ער איז א קינסטלער דערויף. ער האט אוועקגעשיקט דער פרוי דאס געלט און זי געבעטען זי זאל איהם מוחל זיין“.

„איז דאס אמת, דאקטאר?“.

„יעדעס ווארט, וואס איך זאג איז אמת. איך בין גראד געוועז אין מיליגאנ׳ס אפיס ווען א געווויסען געשעפט, און דער יונג האט גראד דאן אוועקגעשיקט דאס געלט צו דער פרוי. דער גייסטליכער איז געוועזן שטארק גערירט דערפון, אז ער האט מיר דערצעהלט די גאנצע געשיכטע. אבער ווארט אקארשט, דאס איז נאך ניט אלעס. ווייסט איהר, וואס די פרוי האט געטאן?“

„וואס?“

„זי האט געשריבען צו דזשאהני׳ן, אז ער איז א שמוציגער מערדער, און אויב ער וועט ווען עס איז אפעלירען פאר באגנאדיגונג, וועט זי ארויסטרעטען געגען דעם. זי וויל גאר נישט האבען וואס צו טאן מיט איהם, האט זי געשריבען. אבער דאס געלד האט זי פונדעסטוועגען צוגענומען“.

„ווי אזוי האט דאס געווירקט אויף דזשאהני׳ן?“

„די מענשליכע נאטור איז ווירקליך צו באוואונדערען. דער יונג האט געוויינט איבער דעם בריעף, און האט געזאגט דעם גייסטליכען, אז ער וועט מעהר ניט שרייבען צו איהר. אבער יעדע מינוט וואס ער קאן נאר אפשפארען, ארבייט ער אויף די שעהנע פאפיר־ארבייט, און יעדען מאנאט שיקט ער איהר געלט. דאס איז דער „פארברעכער“, וועמען דער ריכטער האט פאר׳משפט צו פופצעהן יאהר אין אט דעם גיהנום!“

מיין פריינד איז פשוט איבערצייגט, אז דאס געזעץ איז לחלוטין ניט בכח צו העלפען געגען אונזערע סאציאלע איבלען. „גיט א קוק אויף די גערינכטס־הייזער!“ רופט ער אויס. „זיי אינטערעסירען זיך גאר ניט מיט׳ן פארברעכען. זיי באשטראפען בלויז

דעם פארברעכער, אבסאָלוט גלייכגילטיג צו זיינע פאַרגעגנגער און זיין אומגעבונג, און צו די אורזאכען, וועלכע האבען ארויסגערופען אין איהם די נייגונג צו פארברעכען".

„אבער, דזשארדזש", רוף איך זיך אן, „דאס עקאנאמישע סיס־טעם פון עקספּלואטאציע, דאס זיין אבהענגיג פונ'ם באלעבאס פאַר אייערע לעבענס מיטעל, נויט און די מורא פאר דער נויט, — אט די זאכען זיינען פאראנטווארטליך פאר די מעהרסטע פאר־ברעכענס".

„דאס איז בלויז טיילווייז אזוי, אלעק. ווען ניט די קארופּציאן אין אונזער עפענטליכען לעבען, און די קאמערציעלע אנשיקעניש, וואס האלט אלעם פאר פארקויף, און דער גייסט פון מאטעריאליזם, וואס האט פארביליגט דאס מענשליכע לעבען, וואלטען ניט געווען אזוי פיעל גוואלדטאטען און פארברעכען, אפילו אונטער דעם וואס איהר רופט דאס קאפּיטאליסטישע סיסטעם. יעדענפאלס איז ניטא קיין צווייפעל, אז דאס געוועץ איז אן אבסאלוטער דורכפאל בנוגע פארברעכען. דער פארברעכער געהערט צו דער ספערע פון קראנקע. שיקט איהם צום דאקטאר אנשטאט צום געפענגניס־וועכטער".

„איהר מיינט, דזשארדזש, אז דער פארברעכער דארף באטראכט ווערען אלס פראָדוקט פון אנטראפּאלאגישע און פיזישע פאקטארען. אבער זעהט איהר ניט איין, אז מען מוז אויך עקזאמינירען די געזעלשאפט, כדי צו באשטימען אויף וויפיעל די סאציאלע צו־שטענדע זיינען פאראנטווארטליך פאר קרימינעלע האנדלונגען? און ווען דאס זאל געטאן ווערען, גלויב איך, אז מען וואלט אויס־געפונען, אז די מעהרסטע פארברעכענס זיינען ניט קיין אנדער זאך, נאר שלעכט־געלייטעטע ענערגיע — שלעכט־געלייטעט א דאנק פאלשע מוסטערען, פאלשע אומגעבונג און אומאויפגעקלער־טער זעלבסט־אינטערעס".

„נו, איך האב זיך ניט אריינגעטראכט גענוג אין אט דער פאזע פון דער פראגע. אבער סאציאלע צושטענדען אן א זייט, זעהט וואס פאר א פארטאטשעריי די שטראף־אינסטיטוציעס מאכען דער־פון. איין זאך איז זיכער, דאס אויסמישען פון יונג און אלט, אהן א סדר, ניט אכטענדיג אויף פארהעלטניסמעסיגע פארדארבענקייט און פארברעכען, פארוואנדעלט די געפענגניסען אין אמת'ע שולען פון פארברעכען און אויסגעלאסענקייט. דער „בלעקדזשעק" און

דער פינסטערער קערקער זיינען זיכער ניט די ריכטיגע מיטלען פון אויסבעסערונג. אלצאיינס וואס עס זיינען די סאָציאלע אורזאַכען פון פארברעכען. צוואַנג און שטראָף־מעטאָדען קאָנען ניט רעפאָרמירען. די סאַמע אידעע פון באשטראָפונג שליסט אויס פאַרבעסערונג. אמת׳ע בעסערונג קאָן ארויסקומען בלויז פון פרייוויליגען אימפּולס, וואס ווערט אינספּירירט און קולטיווירט פון שכל׳דיגע עצות און פריינדליכע באהאנדלונג. אבער בעסערונג וואס איז דער רעזולטאַט פון מורא, האָט קיין האַפט ניט, און וועט פארשווינדען ווי רויך אין דעם מאָמענט ווען די מורא פאַלט אוועק. און איהר ווייסט, אלעק, די „רעפאָרמאַטאָרים“, די בעסערונגס־אנשטאַלטען זיינען נאָך ערגער פון די געפענגניסען. קוקט זיך אַקאָרשט איין אין די חברה־לייט, וואס זיינען דאָ פון די פארשיידענע רעפאָרם־שולען. ס׳איז דאָך איינפאַך א שאַנדע! די יונגען וואס קומען אהער פון דרויסען זיינען אַנשטענדיגע לייט. אבער יענע בחורים פון די „רעפאָרמאַטאָרים“ זיי זיינען שרעקליך. איהר קאָנט זיי דערקאָנען גלייך אויפ׳ן קוק. זיי זיינען ערגער ווי די פּראָסטיטוטקעס פון גאַס“.

מיין פריינד איז זעהר פארביטערט געגען דעם געפענגניס־עלעמענט, וואס איז באוואוסט אונטער פארשידענע נעמען, ווי „די מיידלאַך“, „סאַלים“ און „פאַנקס“, וועלכע האנדלען פאר געלט אין געשלעכטליכער באפרידיגונג. אבער ער קוקט מיט א ברייטען בליק אויף דעם מאָראַלען כאַראַקטער פון האָמאָ־סעקסואַליטעט; ער פאַרדאַמט בלויז דעם האנדעל אין קערפּערליכע תאוות. אלס מעדיצינער און סטודענט, איז ער שטאַרק פאַראינטערעסירט אין די מאַניפעסטאַציעס פון אונטערדריקטען געשלעכטס־טריעב. ער רעדט מיט טיעפער סימפּאַטיע וועגען דעם בריליאַנטען ענגלישען שריפטשטעלער, וועמען די וועלט פון צבוע׳סטווע און דומהייט האָט געטריבען צום געפענגניס און צום טוידט, ווייל זיין געשלעכטליך לעבען איז ניט געווען אין איינקלאַנג מיט די אָנגענומענע מוסטערען. באריכות, אין איינצעלהייטען, לאָזט זיך מיין פריינד אריין אין די פארשיידענע פאַזען פון זיין פּסיכאָלאָגישער אנטוויקלונג זינט ער איז אין געפענגניס, און מיין הארץ ווערט צוגעצויגען צו איהם מיט א געפיהל פון טיעפער מענשליכקייט, בעת ער דעקט אויף פאר מיר די אינטימסטע עמאָציעס פון זיין וועזען. אין זיין פּראַק־

טיקע אלס מעדיצינער, איז ער ניט געקומען אין פערזענליכער בעריהרונג מיט פעלע פון האמא־סעקסואליטעט. ער האט געהערט פון „משכב־זכור"; אבער ווי דאס רוב פון זיינע קאלעגען, האט ער ניט געהאט קיין פארשטענדניש דערפאר און אויך ניט קיין סימפאטיע מיט די געשלעכטליכע פארקעהרען, וועלכע ער האט באטראכט אלס אבנארמאל און אויסגעלאסען. אין געפענגניס איז ער איינפאך אויפגעשוידערט געווארען דורך דער פארדארבענקייט, וואס איז איהם אפט געקומען פאר די אויגען. צוויי יאהר צייט האט דער סאמע געדאנק וועגען אזעלכע זאכען איהם אנגעפילט מיט עקעל; ער האט זיך זאגאר ענטזאגט צו ריידען מיט די מענער און יונגלאך, וועלכע ער האט געקאנט אלס האמא־סעקסור־עלע טיפען, זיי אבסאלוט פארדאמענדיג — „מיט מיינע פאר־אורטיילען גיכער איידער מיט מיין פארנונפט", באמערקט ער. אבער די כוחות פון אונטערדריקונג האבען געטאן זייער ארבייט. „נו, דאס וואס איך וויל אייך איצט זאגען, זאל בלייבען צווישען אונז, אלעק", ווארנט ער מיך. „איך ווייס, איהר וועט פארשטעהן. ווארשיינליך האט איהר אליין דורכגעמאכט די זעלבע זאך. איך בין צופרידען וואס איך קען ריידען צו עמיצען וועגען דעם; די אנדערע חברה־לייט דא וואלטען דאס ניט פארשטאנען. עס קערט מיר די גאל צו זעהן, ווי זיי אלע ווערען אויפגעבראכט אויף איי־נעם, וואס ווערט געכאפט. און די באאמטע אויך, הגם איהר ווייסט אזוי גוט ווי איך, אז א היבשע צאל פון זיי טוען אפ די זעלבע מעשים. נו, איך וועל אייך זאגען. איך שטעל מיר פאר, אז עס איז די זעלבע געשיכטע מיט יעדען איינעם דא, באזונדערס די וואס זיצען שוין דא לאנג. איך בין געוועזען שרעקליך דערשלאגען און האפנונגסלאז ווען איך בין געקומען אהער. זעכצעהן יאהר — איך האב ניט געגלויבט פאר איין מאמענט, אז איך וועל דאס קאנען איבערלעבען. איך פלעג זיך זעהר שטארק מיסברויכען דורך אנאניזם. שפעטער אביסעל, ווען איך האב געקראגען ארבייט און אנגעהויבען נעהמען אן אינטערעס אין דעם דאזיגען לעבען, בין איך דאס איבערגעקומען. אבער מיט דער צייט האט דער גע־שלעכטליכער אינסטינקט אויפגעוואכט. איך בין געוועזען יונג: ארום פינף־און־צוואנציג, שטארק און געזונט. צייטענווייז האב איך מורא געהאט, אז איך וועל משוגע ווערען פאר לײדענשאפט.

איהר געדענקט, ווען מיר זיינען געווען צוזאמען אין די צעלען אויף דער אויבערשטער גאלעריע, אויף „אר“; איהר זיינט דא־מאלס געווען אין דער זאקען ווערקשטאט, ניט אמת? געדענקט איהר דאס?“

„געוויס געדענק איך, דזשארדזש. איהר זיינט געווען אין דער צעלע נעבען מיינער. מיר האבען געקאנט ארויסקוקען אויפ'ן טייך. ס'איז געווען זומער־צייט; מיר האבען געקענט הערען די שפא־ציר־שיפלאך, און די מיידלאך, וואס האבען געזונגען און געטאנצט“.

„יא, אויך דאס האט געהאלפען מיך טרייבען צוריק צו אנאניזם. איך גלויב ווירקליך, אז די גאנצע פארדאמטע גאלעריע האט זיך דעמאלט אפגעגעבען דערמיט. בארעכענט נאר, וואס פאר א טייערער מאטעריאל דאס איז געווען צו שפייזען די פיש“, גיט ער צו מיט א שמייכעל; „די פריוועטס, ווי איהר ווייסט, ליידיגען זיך דאך אוים אין טייך אריין“.

„מאנכע זשעניען זיינען פיליכט פארלארען געגאנגען פאר דער וועלט אין יענע ארגיעס“.

„יא, ארגיעס; אט דאס איז דאס געווען. אין גרונד גענומען, ווייס איך ניט, צי עס איז פאראן איין איינציגער מאן אין דעם גע־פענגניס, וואס זאל זיך ניט ווען עס איז מיסברויכען דורך אנאניזם“.

„אויב עס איז דא אזעלכער, איז ער געוויס אן אויסנאהם. איך האב געקאנט געוויסע ארעסטאנטען, וואס פלעגען אנא־נירען פיער און פינף מאל א טאג. און האבען עס נאך דערצו אנגעהאלטען מאנאטען־לאנג“.

„יא, און אדער זיי קריגען די שווינדזוכט, אדער זיי געהען אראפ פון זינען. אלס דאקטאר דענק איך, אז דאס זעלבסט־מיס־ברויכען זיך, אויב עס ווערט נאר ניט פראקטיצירט עפטער ווי געוועהנליכער געשלעכטליכער פארקעהר, וואלט ניט געווען שעד־ליכער ווי דאס לעצטע. אבער מען קאן זיך ניט קאנטראלירען. עס ציהט און עס טרייבט אייך מורא'דיג. און די צווייטע פאזע איז געפעהרליכער ווי די ערשטע“.

„וואס רופט איהר אן די צווייטע?“

„נו, די ערשטע איז די פאזע פון דערשלאגענקייט. זייענדיג האפנונגסלאז און פארצווייפעלט, זוכט איהר פארגעסענהייט אין אנאניזם. איך ארט ניט וואס עס וועט טרעפען. ס'איז, אזוי צו

זאגען, מעכאנישע זעלבסט־מיסברויכונג, וואס ווערט ניט ארויסגע־רופען דורך דעם פאקטישען געשלעכטס־פארלאנג. אט דער צו־שטאנד געהט אוועק צוזאמען מיט אייער דערשלאגענקייט, אזוי גיך ווי איהר הויבט אן צו נעהמען אן אינטערעס אין דעם נייעם לעבען, ווי מיר אלע זיינען, פריהער אדער שפעטער, געצוואונגען צו טאן. די צווייטע פאזע איז די פסיכישע און גייסטיגע. ס׳איז ניט דער רעזולטאט פון דערשלאגענקייט. זיך צופאסענדיג בים־לאכווייז צו די נייע צושטענדען, הויבט זיך אן א פארהעלטניס־מעסיג נארמאל לעבען, און עס יאווען זיך געשלעכטליכע פארלאנגען. אין דער דאזיגער פאזע ווערט אייער זעלבסט־מיסברויכונג אנ־געטריבען דורך פאקטישער נויטווענדיגקייט. ס׳איז די געפעהר־ליכערע פאזע, ווייל די אפטקייט פון דער מיסברויכונג וואקסט מיט דעם צוריקקערענדען געדאנק וועגען דער היים, וועגען אייער ווייב אדער געליעבטע. בעת ווען די ערשטע איז געוועזען מעכאניש, ניט געבענדיג קיין ספעציעלען פארגעניגען, און פיהרענדיג בלויז צו אלץ א גרעסערער מיעדקייט, דרעהט זיך די צווייטע פאזע ארום דעם צויבער פון וואס פאר עס איז געליעבטער פרוי, אדער פון איינער וואס מען גלוסט, און דאס פארשאפט אינטענסיווע פרייד. אין דעם ליגט איהר פארפיהרונג און איהר געפאהר; און מחמת דעם ווערט די געוואוינהייט אלץ שטארקער און שטארקער. וואס קלעגליכער דאס לעבען איז, אלץ עפטער וועט איהר זיך אנכאפען אן אייער איינציגען קוואל פון פארגעניגען. א סך ווערען הילפלאזע אפפער. איך האב באמערקט, אז ארעסטאנטען פון נידעריגער אינ־טעליגענץ זיינען אין דעם פרט אין דער ערגסטער לאגע".

„איך האב געהאט די זעלבע ערפאהרונג. וואס שמאלער עס איז אייער גייסטיגער האריזאנט, אלץ מעהר שטעלט איהר זיך אפ אויף אייערע פערזענליכע צרות און עולות. דאס איז ווארשיינליך די אורזאך, פארוואס די אומוויסענדסטע ארעסטאנטען ווערען משוגע אין געפאנגענשאפט".

„קיין צווייפעל וועגען דעם. איהר האט געהאט אויסערגע־וועהנליכע געלעגענהייטען צו באאבאכטען די איינצעלהאפטע און די נייע ארעסטאנטען. וואס האט איהר געמערקט, אלעק?"

„נו, אין געוויסע הינזיכטען איז די עקזיסטענץ פון אן ארעס־טאנט אזוי ווי דאס לעבען פון א פאבריק־ארבייטער. ס׳איז א כלל,

אז ארעסטאנטען, וואס זיינען געוואוינט צו דרויסענדיגען לעבען, ליידען אם מעהרסטען פון איינצעלהאפט. זיי זיינען ווייניג אימשטאנד זיך צו צופאסען צו דער אפגעשלאסענקייט, און די שלעכטע לופט אטאקירט שנעל זייערע לונגען. אויסערדעם, די וואס האבען ניט קיין אינטערעס א חוץ זייער פערזענליכען לעבען, פאלען באלד אלס קרבנות פון וואהנזין. איך האב אימער געראטען נייע ארעסטאנטען צו פאראינטערעסירען זיך אין וואס פאר עס איז שטודיום אדער אין שעהנע ארבייט, — ס'איז זייער איינציגע ערלייזונג".

„אויב איהר אליין זיינט לעבען געבליבען, איז דאס דערפאר, וואס איהר האט געלעבט אין אייערע טעאריעס און אידעען; איך בין זיכער אין דעם. און איך האב פארטגעזעצט מיינע מעדיצינישע פארשונגען און געזוכט זיך צו פארטיעפען אין וויסענשאפטליכע געגענשטענדען".

פאר א מאמענט ווערט דזשארדזש אנשוויגען. די אדערען פון זיין שטערען סטארטשען ארויס, אזוי ווי ער וואלט דורכגעמאכט א שטארקען גייסטיגען קאמף. אין א ווייל ארום רופט ער זיך אפ: „אלעק, איך וויל דא ריידען גאנץ אפען מיט אייך. איך בין שטארק פאראינטערעסירט אין דעם ענין. איך וועל אייך איבערגעבען מיינע אינטימע ערפאהרונגען, און איך וויל איהר זאלט זיין פונקט אזוי אפענהארציג מיט מיר. איך דענק, אז עס איז איינע פון די וויכטיגסטע זאכען, און איך וויל דערגעהן אלעס וואס איך קאן נאר מכח דעם. זעהר ווייניג ווייסט מען, און א סך ווייניגער נאך פארשטעהט מען וועגען דעם".

„וועגען וואס, דזשארדזש?"

„וועגען האמא־סעקסואליטעט. איך האב גערעדט מכח דער צווייטער פאזע פון אנאניזם. מיט א שטארקער אנשטרענגונג בין איך עס איבערגעקומען. ניט אין גאנצען, פארשטעהט זיך. אבער ס'איז מיר געלונגען צו רעגולירען די מיסברויכונג, זיך אפגעבענדיג בלויז פון צייט צו צייט. אזוי זיינען אריבער מאנאטען און יאהרען. אבער ביסלאכווייז האבען זיך מיינע הייסע, ליידענשאפטליכע גע־פיהלען געגומען ארויסווייזען, ס'איז געווען ווי א פסיכישע ערוואכונג. די לוסט עפעס צו ליעבען האט מיך זעהר שטארק באהערשט. איינמאל האב איך געכאפט א מייזעל אין מיין צעלע, און איך

האב עס אביסעלע דרעסירט, צוגעוועהנט צו מיר. עס פלעגט עסען פון מיין האנט ארויס, און קומען צו מיינע מאהלצייטען, און ביסלאכווייז פלעגט עס פארבלייבען דעם גאנצען אווענט זיך צו שפילען מיט מיר. איך האב עס ליעב געקראגען. עהרענוואָרט, אלעק, כ׳האב געוויינט, ווען עס איז געשטארבען. און דאן האב איך פאר א לאנגע צייט געפיהלט, אזוי ווי עס וואלט עפעס פוסט געווארען ביי מיר אין הארץ. איך האב געדארפט עפעס צו ליעבען. עס האט מיך איינפאך געטריבען מיט א ווילדען פארלאנג נאך צערטליכקייט. אויף א געוויסען אופן איז דער געדאנק וועגען פרויען לאנגזאם פארשוואונדען פון מיין מוח. ווען איך האב גע־זעהן מיין ווייב, איז זי מיר פארגעקומען ווי א טייערער פריינד. אבער איך האב ניט געפיהלט צו איהר קיין געשלעכטליכע תאוה. איין טאג, ווען איך בין דורכגעגאנגען דעם קארידאר, האב איך באַ־מערקט א יונגען בחור׳ל. ער איז בלויז געווען א קורצע צייט אין געפענגניס, און ער האט געהאט רויטע בעקעלאך, מיט א גלאט קליין פנים׳על און זיסע ליפען — ער האט מיך דערמאנט אן א מיידעל, מיט וועלכער איך האב געשפיעלט א ליעבע, איידער איך האב חתונה געהאט. נאכדעם האב איך זיך אפט אליין געכאפט ביי דער האנט, טראכטענדיג וועגען דעם יונגעל. איך האב ניט געפיהלט קיין לוסט צו איהם, בלויז נאר איהם צו קאנען און ווערען באפריינדעט מיט איהם. איך האב זיך באקאנט מיט איהם, און ווען ער האט געהערט, אז איך בין א דאקטאר־מעדיצין, פלעגט ער אפט קומען צו מיר און מיך אויספרעגען וועגען דער מאגען־קראנק־הייט, וואס ער האט געליטען. דער געפענגניס־דאקטאר האט דעם ארעמען יונג געהאלטען אין איין געבען ביטער־זאלץ און אנדערע רפואות. נו, אלעק, איך האב עס אליין קוים געקאנט גלויבען, אבער איך בין געווארען אזוי פארליעבט אין דעם בחור׳ל, אז איך האב זיך געפיהלט אומגליקליך ווען עס פלעגט אריבערגעהן א טאג און איך האב איהם ניט געזעהן. איך פלעג ריזיקירען מיט מיין פאר־העלטניסמעסיגער פרייהייט, אבי צו זיין נאהענט נעבען איהם. איך בין דאן געווען א קארידאר־מאן, און ער איז געוועזען געהילף אויף אן אויבערשטער אפטיילונג. מיר האבען אפט געהאט געלע־גענהייטען צו שמועסען. איך האב איהם פאראינטערעסירט אין ליטעראטור, און איהם געראטען וואס צו לעזען, ווארים ער האט

ניט געוואוסט וואס צו טאן מיט זיין צייט. ער האט געהאט א פיינעם כאראקטער, אט דער יונג, און ער איז געווען שארף און אינטעליגענט. צוערשט איז דאס בלויז געווען א פריינדליכע ניי־גונג צו איהם, אבער ס׳האט געהאלטען אין איין וואקסען, ביז איך האב ניט געקענט מעהר דענקען פון קיין פרוי. אבער, פארשטעהט מיך ניט שלעכט, אלעק; ס׳איז ניט געווען דערפאר, ווייל איך האב געוואלט א „יונגעל". איך שווער אייך, די אנדערע בחורים האבען ניט געהאט קיין שום צוציהונג פאר מיר; אבער אט דער יונגעל — זיין נאמען איז געווען פלאיד — ער איז מיר געווארען אזוי טייער, ווירקליך, איך פלעג איהם אוועקגעבען אלעס וואס איך האב נאר געקאנט קריגען. איך האב געהאט א פריינדליכען וועכטער, וואס פלעגט מיר ברענגען פרוכט און אנדערע זאכען. צייטענווייז פלעג איך איינפאך אויסגעהן פאר לוסט דאס אויפצו־עסען, אבער איך האב עס שטענדיג אוועקגעגעבען פלאיד׳ן. און, אלעק — איהר געדיינקט, ווען איך בין געווען אונטען אין פינסטערן קעלער זעקס טעג? נו, דאס איז געווען צוליעב אט דעם יונגעל. ער האט געטאן עפעס, און איך האב גענומען די שולד אויף מיר. און דאס לעצטע מאל — האבען זיי מיך געהאלטען ניין טעג צו־געשמידט צו דער וואנט — כ׳האב געשלאגען א חברה־מאן דער־פאר וואס ער האט באליידיגט פלאיד׳ן: ער איז געווען קליין און האט זיך ניט געקאנט פארטיידיגען. איך האב עס דאן ניט בא־גריפען, אלעק, אבער איצט ווייס איך, אז איך בין פשוט געווען פארליעבט אין דעם יונג; אויף א ווילדען משוגע׳נעם אופן פאר־ליעבט. עס איז געקומען זעהר לאנגזאם. צוויי יאהר צייט האב איך איהם געליעבט אהן דעם מינדסטען פונק פון געשלעכטליכען פארלאנג. ס׳ איז געוועזען די ריינסטע ליעבשאפט וואס איך האב ווען געפיהלט אין מיין לעבען. ס׳איז געווען אן אלעס־פארשלינ־גענדע ליעבע, און איך וואלט מיין לעבען מקריב געווען פאר איהם, ווען ער פארלאנגט עס פון מיר. אבער שטופענווייז האט די פסיכישע פאזע אנגעהויבען מאניפעסטירען די אלע אויסדרוקען פון ליבע צווישען די געגענזעצטע געשלעכטען. איך דערמאן זיך דאס ערשטע מאל, ווען ער האט מיר א קוש געטאן. ס׳איז געווען איינמאל אין א פריה־מארגען; בלויז די קארידאר־אויפזעהער זיי־נען געווען אויף דרויסען, און איך האב זיך פאר׳גנב׳עט צו זיין

צעלע, כדי איהם צו געבען אַ גוטע זאַך. ער האָט אַריינגערוקט ביידע הענט צווישען די גראַטעס, און צוגעפּרעסט זיינע ליפּען צו מיינע. אַלעק, איך זאָג אייך, קיינמאָל אין מיין לעבען האָב איך ניט געפיהלט אַזאַ גליקזעליגקייט, ווי אין יענעם מאָמענט. ס'איז שוין פינף יאָהר זינט דאַן, אָבער עס נעהמט מיך דורך יעדעס מאָל וואָס איך דענק דערפון. ס'איז געקומען פּלוצלינג; איך האָב עס ניט ערוואַרט. ס'איז געווען דורכאויס ספּאָנטאַן: אונזערע אויגען האָבען זיך באַגעגענט, און עס האָט אויסגעזעהן, ווי עפּעס וואָלט אונז צוזאַמענגעצויגען. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט מיך זעהר ליעב. פון דאַן אָן זיינען מיר געוואָרען געליעבטע. איך פלעג פאַרנאַכלעסיגען מיין אַרבייט, און ריזיקירען מיט גרויס געפאַר צו קריגען אַ געלעגענהייט איהם צו קושען און איהם אַרומנעהמען. איך בין אויך געוואָרען שטאַרק אייפערזיכטיג, כאָטש איך האָב ניט געהאַט קיין אורזאַך דערצו. איך בין דורכגעגאַנגען יעדע פּאַזע פון אַ ליידענשאַפטליכער ליעבע. דאָך, מיט דעם דאָזיגען אונטערשייד, — איך האָב נאָך געפיהלט אַביסעל פון דעם אַלטען עקעל ביי דעם געדאַנק פון פאַקטישער געשלעכטליכער באַריהרונג. דאָס האָב איך ניט געטאָן. ס'איז מיר פאָרגעקומען, ווי אַ פאַרשוועכונג פון דעם יונג, און פון מיין ליעבע צו איהם. אָבער שפּעטער אַביסעל איז אויך דער געפיהל אַוועק, און איך האָב געוואונשען צו האָבען געשלעכטליכען פאַרקעהר מיט איהם. ער האָט געזאָגט, ער האָט מיך ליעב גענוג צו טאָן זאָגאָר דאָס פאַר מיר, הגם ער האָט דאָס קיינמאָל פריהער ניט געטאָן. ער איז ניט געווען אין קיין בעסערונגס־אַנשטאַלט, פאַרשטעהט איהר מיך. און דאָך, איך וויים ניט פאַרוואָס, נאָר איך האָב ניט געקאָנט פועל'ן ביי זיך עס צו טאָן; אַך האָב דעם יונג צו שטאַרק ליעב געהאַט דאָס צו קאָנען טאָן. איהר וועט אפשר שמייכלען, אַלעק, אָבער ס'איז געווען ווירקליכע, אמת'ע ליעבע. ווען פלאַיד איז אונערוואַרטעט אַריבערגעפיהרט געוואָרען אין דעם אַנדערען פליגעל, האָב איך געפיהלט, אַז איך וואָלט געווען דער גליקליכסטער מענש, ווען איך וואָלט געקאָנט בלויז ווידער אַנריהרען זיין האַנט, אָדער קריגען נאָך איין קוש. איהר — איהר לאַכט?״ פרעגט ער קורץ, מיט אַ טאָן פון אומרוהיגקייט אין זיין שטימע.

„ניין, דזשאָרדזש. איך בין אייך דאַנקבאַר פאַר אייער צוטרוי.

איך דענק עס איז א וואונדערבארע זאך און, דזשארדזש — איך האב געפיהלט דעם זעלבען שוידער און עקעל פאר אט די זאכען, פונקט ווי איהר. אבער איצט דענק איך גאנץ אנדערש וועגען זיי“.

„ווירקליך, אלעק? איך בין אזוי צופרידען דאס צו הערען. איך בין אפט געווען באאומרוהיגט — איז דאס אויסגעלאסענקייט אדער וואס? האב איך זיך געפרעגט. איך האב קיינמאל ניט גע־קאנט ריידען צו עמיצען וועגען דעם. זיי נעהמען אלעס דא אין אזא שמוציגען זינן. דאך האב איך געוואוסט אין מיין הארצען, אז עס איז געווען אן אמת עהרליך געפיהל“.

„דזשארדזש, איך דענק, עס איז א זעהר שעהן געפיהל. פונקט אזוי שעהן ווי די ליעבע פאר א פרוי. איך האב געהאט א פריינד דא; זיין נאמען איז געווען ראסעל; אפשר געדענקט איהר איהם. איך האב ניט געפיהלט קיין פיזישע ליידענשאפט צו איהם, אבער איך מיין, איך האב איהם געליעבט מיט מיין גאנצען הארצען. זיין טויט איז פאר מיר געווען א זעהר שרעקליכער קלאפ. ס'האט מיך כמעט געטריבען צו משוגעת“.

שטיל שטרעקט דזשארדזש אויס זיין האנט.

## קאפיטעל 44.

# ליעבע׳ס געוואגטקייט.

שלאס אויף דעם אחייא,
אויגוסט 18, 1902.

מיין טייערער קאראלוס:

דו קאנסט דאס ווערטעל: „איינער האט דעם בייטעל, דער אנדערע דאס געלט“. איך געפין, אז עס איז א שווערער פראבלעם צו שטעהן אין באריהרונג מיט מיינע קארעספאנדענטען. איך האב, אמת, פרייע צייט, אבער זיי האבען דעם פארצוג וואס עס פעהלט זיי נים קיין פאפיר. אזוי געהט די וועלט. אבער דו, א זעהר גע־טרייער קארעספאנדענט, — דו ביזט א היבשע צייט פארנאכלע־סיגט געווארען. דארום איז אט דער „סוב ראזא“ שאנס פאר דיר.

מיין טייערער יונג. וואס דיינע ערפאהרונגען זאלען נים האבען געווען זינט דו האסט מיך פארלאזען, מאדעליר נים דיין פילא־זאפיע אין דער געשטאלט פון אנטוישונג. דאס גאנצע לעבען איז א גע׳כפל׳טער שמערץ; זיינע העכסטע אויסדרוקען, ליעבע און פריינדשאפט, זיינען קוואלען פון דעם הארצרייסענדסטען טרויער. דאס איז געווען מיין ערפאהרונג; קיין צווייפעל, דיינע אויך. און דו ווייסט, אז דא, אונטער געפענגנים־צושטענדע זיינען די אנטוישונגען, די שמערצען און אנגסטען שארפער, ביטערער און דויערהאפטער. וואס זשע טוט מען אלזא? זאל מען פארזיגלען די געפילען, אדער באריקאדירען דאס הארץ? אה, ווען עס וואלט מעגליך געווען, וואלט עס געווען קליגער, דענקען מאנכע מענשען. אבער געדענק, טייערער קארל, בלויזע קלוגשאפט איז א טרוקען, וויסט לעבען.

איך דענק, עס איז א נאטירליכע רעאקציע געגען דעם גע־פעננגים־לעבען, וואס דו פיהלסט איצט די נויטיגקייט צו זיין מיט זיך אליין. אדער עס איז א צייטווייליגע פאזע, האף איך. דו ווילסט לעבען און געניסען, זאגסטו! אבער ס'איז דאך זיכער א טעות פון דיין זייט צו גלויבען, אז די צייט איז פארביי, ווען מיר האבען מיט פרייד מקריב געווען אלצדינג פאר די נויטען פון דעם אידעאל. דער ערשטער בליץ פון קאכענדען ענטוזיאזם איז פי־לייכט פארביי, אבער אויף זיין פלאץ איז דא די טיעפערע און דויערהאפטערע איבערצייגונג, וואס נעהמט דורך דאס גאנצע וועזען. עס קומען מאמענטען, ווען מען פרעגט זיך אליין, וואס איז די בארעכטיגונג פון דער עקזיסטענץ, די מיינונג פון לעבען. קיין מאטערניש איז ניט אזוי פיינליך און איבערוועלטיגענד ווי דאס וואס מען קאן ניט געפינען קיין ענטפער. דו וועסט דאס ניט ענטדעקען ניט אין פיזישע תענוגים, ניט אין קאלטען אינטעלעק־טועלען פארגעניגען. עפעס שטאנדהאפטיגערעס איז נויטיג. אין דעם פרט אונטערשיידעט זיך דאס לעבען אויף דרויסען ניט זעהר פיעל פון דער געפענגנים עקזיסטענץ. וואס שמאלער דיין האָ־ריזאנט — אלץ מעהר פארשלונגען ביזטו אין דיין אונמיטעלבארער אומגעבונג, און אפהענגיג דערפון — אלץ גיכער שטארבסטו אפ, מאראליש און גייסטיג. דו קאנסט זיך געוויסער מאסען אויסדרע־הען פון די געמיינהייטען פון לעבען, בלויז לעבענדיג פאר עפעס העכערס.

דאס איז פיליכט דער סוד פון מיין לעבען־בלייבען. ברייט־טערע אינטערעסען האבען מיר געגעבען די כוחות דערצו. און אנדערע פאזען זיינען דא. פון דיין אייגענער ערפאהרונג ווייסטו, וואס פאר א שטארקע צופרידענקייט עס ווערט געפונען אין גע־פעננגים אין דעם שטענדיגען קאמף פאר דעם געפיהל פון מענש־ליכער ווירדיגקייט, צוליעב דעם שטענדיגען פארזוך צו דערשטי־קען דיין געפיהל פון זעלבסט־רעספעקט. איך האב געזעהן ארעס־טאנטען, ארויסווייזענדיג דעם פארצווייפעלטסטען ווידערשטאנד אין פארטיידיגונג פון זייער מענליכקייט. ביי מיר איז דאס געווען א שטענדיגער קאמף. געדיינקסטו דאס לעצטע מאל, ווען איך בין געווען אין פינסטערען קעלער? ס'איז געווען ביי דער געלעגענ־הייט פון געגאסע קראפאטקינ'ס אנוועזענהייט דא אין לאנד, אין

פארלויף פון זיין לעצטען לעקטשור־טור. דער אלטער פארוואלטער איז נאך דאן געווען דא; ער האט געגעבען צו וויסען, אז איך וועל נים קריגען די ערלויבניש צו זעהן אונזער גרויסען אלטען. איך האב געהאט א שטרייט מיט איהם, אבער ס'איז מיר נים געלונגען צו קריגען א באזוך־קארטע. אין עטליכע טעג ארום האב איך ער־האלטען א בריעף פון פעטער'ן. אויף דעם קאנווערט, אונטער מיין נאמען, זיינען געשטאנען די ווערטער: „פאליטישער ארעסטאנט". דער פארוואלטער איז געווען אויפגעבראכט. „מיר האבען נים קיין פאליטישע ארעסטאנטען אין א פריי לאנד", האט ער געדור־נערט, צערייסענדיג דעם קאנווערט. „אבער איהר האט פאליטישע כאבארניקעס", האב איך אפגעענטפערט. מיר האבען זיך ביידע געקאכט, און איך האב פארלאנגט מיין קאנווערט. דער פארוואל־טער איז באשטאנען דערויף, אז איך זאל זיך אנטשולדיגען. פאר־שטעהט זיך, אז איך האב ענטזאגט, און איך האב געמוזט פאר־ברענגען דריי טעג אין פינסטערען קעלער.

עס זיינען פארגעקומען א סך ענדערונגען זינט דאן. דיין קו־מען קיין פיטסבורג לעצטעס יאהר, און דער סטראשונאק בלויז צו שטעלען אט דעם פלאץ (זיי האבען געוואוסט, אז דו האסט גע־האט די פאקטען) — דאס האט געהאלפען ברענגען די זאכען אין א געוויסער ארדנונג. זיי האבען מיך באשטימט צו ארבייטען ביי א צעלען־רייה און איך האלט נאך אן די שטעלע. דער נייער פאר־וואלטער באהאנדעלט מיך אנשטענדיגער. ער וויל נים האבען „קיין סקאנדאלען מיט מיר", האט ער מיר ערקלערט. אבער ער האט זיך ארויסגעצייגט אלס א גרויסע אנטוישונג. ער האט אנגע־פאנגען מיט פארשפרעכענדע רעפארמעס, אבער ביסלאכווייז איז ער אריינגעפאלען אין די אלטע וועגען. אין געוויסע פרטים איז זיין רעזשים נאך ערגער זאגאר ווי דער פריהערדיגער. ער האט איינגעפיהרט א סיסטעם פון „עקאנאמיע", וואס גיט אונז קוים גענוג צו עסען. דער פינסטערער קעלער און די „קארב־צעלע", וועלכע ער האט פריהער געהאט אפגעשאפט, זיינען ווידער אין קראפט, און די דיסציפלין ווערט מיט יעדען טאג שטרענגער. דער רעזולטאט איז אלץ מעהר ברוטאליטעט און מערדערישע קלעפ מיט די בולאוועס, אלץ אפטערע געשלעגען און אלגעמיינע אומצופרידענ־קיים. די נייע פארוואלטונג קאן נים האבען דעם אויסרייד, אז

זי האָט ניט געוואוסט, וואָרים דעם לעצטען 4טען יולי האָבען די ארעסטאַנטען געוויזען וואָס עס זיינען די ווירקונגען פון מענש־ליכער באהאַנדלונג. דער פּאַרוואַלטער האָט צונויפגערופען די אַרעסטאַנטען אין קירכע, און האָט פאַרשפּראָכען צו לאָזען זיי פאַרברייגנען דעם טאָג אין הויף, אויב זיי וועלען זיך גוט אויפ־פיהרען. די אינספּעקטאָרס און די אַלטע וועכטערס האָבען זיך אויסגעשפּראָכען געגען דעם, טענה׳נדיג אַז עס איז דאָ אַ „גרויסע ריזיקע" אין אַזאַ האַנדלונג. אָבער דער „מיידזשאָר" האָט באַשלאָ־סען צו מאַכען דעם עקספּערימענט. ער האָט גענומען ביי די אַרעסטאַנטען זייער עהרענוואָרט, און האָט זיי אַרויסגעלאָזט פריי אין הויף. ער איז ניט אַנטוישט געוואָרען; דער טאָג איז אַריבער שעהן, אָהן אַ שום אויסערגעוועהנליכע פּאַסירונג; עס איז ניט געווען אַפילו קיין איינציגער אַנצייג. מיר האָבען אָנגעהויבען אָטהעמען לייכטער, אָבער באַלד האָט זיך דאָס גאַנצע סיסטעם איבערגעדרעהט. ס׳איז טיילווייז געווען אַ דאַנק דעם איינפלוס פון די אַלטע באַאַמטע אויפ׳ן פּאַרוואַלטער; און אַט דער פּאַר־וואַלטער האָט אינגאַנצען פאַרלאָרען זיין קאָפּ, ווען אַ „טראַסטי" איז אַנטלאָפען פון האָספּיטאַל. אַפנים אַז דאָס האָט אַרויפגע־וואָרפען אויף איהם אַזאַ שרעק, אַז ער האָט אויפגעגעבען אַלע רעפאַרמעס. ער איז אויך געטאַדעלט געוואָרען פון די אינספּעק־טאָרס צוליעב די פאַרקלענערטע פּראָפיטען פון די אינדוסטריען. איצט איז די אַרבייט פאַרגרעסערט געוואָרען, און אַפילו די קראַנקע און שווינדזיכטיגע זיינען געצוואונגען צו אַרבייטען. די אַרבייטער־אָרגאַניזאַציעס פון דעם שטאַאַט האָבען אומזיסט פּראָ־טעסטירט. ווי קלעגליך שוואַך איז דער ריעז פון אַרבייט, וויי־ל ער ווייסט ניט ווי שטאַרק ער איז!

די אַרעסטאַנטען קרעכצען און וואַלטען שוין בעסער געוואָלט האָבען דעם אַלטען סאַנדי צוריק. אין קורצען, די לאַגע איז פּונקט אַזוי ווי זי איז געווען אין זיין צייט. אַרעסטאַנטען און פּאַרוואַל־טערס קאָנען קומען און אַוועקגעהן, אָבער דאָס סיסטעם ענדערט זיך ניט. אַלץ מעהר און מעהר איבערצייג איך זיך אין דעם גרוי־סען אמת: ניט מען מענשען די אויטאָריטעט און די געלעגענהייט צו עקספּלואַטירען, מוזען די רעזולטאַטען אין עצם זיין דיזעלביגע, עס מאַכט ניט אויס וואָס פאַר אַ באַזונדערע גרופּע פון מענשען,

אדער פון „פרינציפען“ עס האלט גראד די לייצעס אין די הענט.

צום גליק בין איך אויף דעם „היים־לויף“. איך בין צופריעדען וואס דו האסט געפיהלט, אז דער דורכפאל פון מיין אפליקאציע צו דעם העכערען געריכט וועט מיך ניט דערשלאגען. איך האב ניט געבויט קיין שלעסער דערויף. דאך בין איך צופרידען וואס עס איז געמאכט געווארען א פארזוך. ס'איז געווען א גוטע זאך צו ווייזען נאך אמאל, אז ניט די נידעריגע געריכטען, ניט פארדאן־באארדס און ניט העכערע טריבונאלען זיינען ניט פאראינטערעסירט צו טאן גערעכטיגקייט. מיינע אדוואקאטען האבען געהאט אזא שטארקע טענה, פון דעם געזעצליכען שטאנדפונקט, אז די „פארדאן באארד“ פונ'ם שטאאט האט זיך באנוצט מיט יעדען מעגליכען קונצשטיק כדי ניט צו דערלאזען, אז די פראגע זאל פארגעלעגט ווערען. און איצט האט דאס העכערע געריכט געפונען פאר פראקטיש צו איגנארירען דעם ארגומענט, אז מען האלט מיך אין געפענגניס אויף אן אומגעזעצליכען אופן. זיי האבען איינפאך אנטזאגט די אפליקאציע, מיט עטליכע פוסטע פראזען, וואס מיידען אינגאנצען אוים די הויפט פראגע.

נו, צום טייפעל מיט זיי. איך האב נאך „2 מיט א שטיקעל“ (דאס שטיקעל — 11 חדשים) און איך פיהל אין זיך דעם מוט פון אויסדויער. אבער איך האף, אז די קומענדע לעגיסלאטור וועט ניט צוריקרופען דאס געזעץ וועגען דער פארקירצונג פון די שטראף־טערמינען. עס ווערט זעהר פיעל גערעדט דערפון, ווארים די פאליטישענס זיינען בייז דערפאר וואס זייערע אנשטרענגונגען צו גונסטען פון די רייכע אמעריקאנער כאבארניקעס אין דער „איסטערן פעניטענשערי“ זיינען דורכגעפאלען. זיי פארגינען ניט דעם „פראסטען“ ארעסטאנט די פארגרעסערטע „גוטע צייט“, וואס מען שענקט איהם. יעדענפאלס, איך וועל עס „מאכען“. געוויס, איהר פארשטעהט דאך, אז דא קאן איצט קיין רייד ניט זיין פון „פראנצויזישער באפרייאונג“, ניט פון „האלענדישער האנדלונג“. איך האב באשלאסען צו בלייבען דא — ביז איך וועל קאנען פריי ד ו ר כ ג ע ה ן דורך די טויערן פון געפענגנים.

מכח דער „פראנצויזישער באפרייאונג“. האסטו געלעזען וועגען דער בידל־אפערע? איך מיין, ס'איז געווען דער מעבקוויר־דינסטער פארזוך צו אנטלויפען אין דער געשיכטע פון דעם לאנד.

בארעכענ נאר, די פרוי פונ׳ם געפענגניס־פארוואלטער, וואס העלפט ארעסטאנטען צו אנטלויפען! די חברה־לייט דא זיינען פשוט געווען ווילד פאר פרייד. יעדער איינער האט געהאפט, אז זיי וועט געלינגען צו אנטלויפען אין זיכערקייט, און דער אלטער סעמי האט מיר געזאגט, אז ער האט גאט געבעטען מען זאל זיי ניט כאפען. אבער אלע בלוט־הינט פונ׳ם געזעץ זיינען אפגעלאזט געווארען פון די קייטען די בידעל־יונגען האבען גאר קיין שום שאנס ניט געהאט.

אט וואס די מעשה איז געווען. די ברידער בידעל, דזשעק און עד, און וואלטער דארמאן, בעת זיי זיינען געווען ביי דער אר־בייט, בארויבענדיג א מאגאזין, האבען גע׳הרג׳עט א מענשען. דאר־מאן איז געווען דער וואס האט אויסגעשאסען, אבער ער איז גע־ווארען אן עדות פאר׳ן שטאאט. דער שטאאט באלוינט פארראט. דארמאן האט זיך אויסגעדרעהט פון דער פעטליע, אבער די צוויי ברידער זיינען פאראורטיילט געווארען צום טויט. ווי דער שטיי־גער איז, זיינען זיי אין טורמע באזוכט געווארען פון די פרומע „ביבעל־דאמען", צווישען זיי די פרוי פון דעם פארוואלטער. דו געדענקסט איהם נאך וואהרשיינליך — סאפעל; ער איז געווען „דעפיוטי"־פארוואלטער, ווען מיר זיינען געווען אין טורמע, און א פאסקודניאק דערצו. נו, עד איז געווען א שעהנער יונגערמאן, מיט עדעלע, צארטע מאניערען, און אזוי ווייטער. מרס. סאפעל האט זיך פארליעבט אין איהם. ס׳איז געווען א געגענזייטיגע ליעבע, גלויב איך. נו, בארעכען פארט די העלדישקייט, צו וועלכער א פרוי איז פעהיג, ווען זי ליעבט! מרס. סאפעל האט באשלאסען צו ראטעווען די צוויי ברידער; אט אפנים זיי האבען איהר פאר־שפראכען אויפצוגעבען זייער פארברעכערישען לעבען. יעדען טאג פלעגט זי באזוכען די פאראורטיילטע ארעסטאנטען, זיי צו טרייס־טען. מיט דעם אויסרייד כלומרשט, אז זי קומט זיי לייענען די עוואנגעליע, פלעגט זי שטעהן הארט ביי זייערע טירען, כדי זיי צו געבען א מעגליכקייט דורכצוזעגען די גראטעס. זי האט זיי באזארגט מיט רעוואלווערען, און זיי האבען איינגעוויליגט צו אנטלויפען צוזאמען. פארשטעהט זיך, זי האט ניט געקאנט געהן צוריק צו איהר מאן, ווארים זי האט ליעב געהאט עד׳ן, איהם ליעב געהאט אזוי שטארק, אז זי האט גע׳פועל׳ט ביי זיך זאגאר קיינ־

מאל מעהר ניט צו זעהן איהרע קינדער. ס'איז באשטימט געווארען די נאכט, אין וועלכער זיי זאלען אנטלויפען. די ברידער האבען געהאט בדעה זיך צו שיידען באלד נאך דעם אנטלויפען, און שפע־טער זיך ווידער טרעפען צוזאמען מיט מרס. סאפעל. אבער זי האט ניט אנדערש נאר געוואלט געהן מיט זיי. ער האט זי גע־ראטען דאס ניט צו טאן. ער האט געוואוסט, אז דאס מיינט פשוט'ער זעלבסטמארד פאר אלעמען. אבער זי איז פעסט בא־שטאנען, און ער האט איינגעוויליגט, באגרייפענדיג פאלשטענדיג, אז זיי וועלען אריינפאלען. דענקסטו ניט, אז דאס איז געווען א נאבעלער שטריך פון דעם יונג? ער האט ניט געוואלט זי זאל דענקען, אז ער ווארפט זי אוועק. דאס אנטלויפען פון טורמע איז דורכגעגאנגען מיט ערפאלג; זיי האבען אפילו געהאט עטליכע שטונדען צייט צו אנטלויפען. אבער א שניי איז אויסגעפאלען, און ס'איז געווען לייכט צו געפינען די שפורען פון צוויי מענער און א פרוי אין א שליטען. די ברוטאליטעט פון די מענשען־יעגערס איז פשוט אומגלויבליך. ווען די געהיים־פאליציסטען האבען דער־טאפט די יונגען, האבען זיי אפגעפייערט זייערע רעוואלווערס אויף די צוויי ברידער. אפילו ווען די פארוואונדעטע זיינען געלעגען אויסגעצויגען אויף דער ערד, בלוטענדיג און הילפלאז, האט א דע־טעקטיוו אויסגעליידיגט זיין רעוואלווער אין עד'ן, דער'הרג'ענדיג איהם אויף טויט. דזשעק איז געשטארבען שפעטער, און מרס. סאפעל איז אריינגעזעצט געווארען אין געפענגניס. דו קענסט זיך פארשטעלען די מענשען־פרעסערישע ווילדקייט פון אנשטענדיגען המון. מרס. סאפעל איז פארדאמט געווארען פון איהר מאן און אלע די גוטע קריסטליכע פרויען האבען געשריען „אומריין!“ און געפאדערט צו באשטראפען זייער אומגליקליכע שוועסטער. זי איז איצט דא, פאראורטיילט אויף צוויי יאהר פאר העלפען אין דעם אנטלויפען. איך האב געכאפט א בליק אויף איהר, ווען זי איז אנגעקומען אהער. זי האט א סימפאטיש געזיכט, וואס טראגט סימנים פון טיעפע ליידען. זי האט געמוזט דורכמאכען שרעק־ליכע צרות. שטעל זיך פאר דעם קאמף, איידער זי האט זיך אנט־שלאסען אויף דעם פארצווייפעלטען טריט; דאן די טעג און וואכען פון אנגסטען, ווען די יונגען האבען דורכגעזוכט די גראטעס און זיך צוגעגרייט צו דעם לעצטען שאנס! איך מוז אנערקענען און

שעצען די ליעבע פון א פרוי, וואס איז שטארקער ווי די אייזערנע קאנווענציאנעלע קייטען. אין געוויסע הינזיכטען דערמאנט מיר אט די פרוי אן דער מיידעל — דער טיפ וואס באזיצט דעם מוט און די קראפט זיך אויפצוהויבען איבער אלע אויסרעכענונגען, וועןעס האנדעלט זיך צו טאן עפעס פאר דעם מאן אדער דעם אידעאל, וואס איז ליעב און טייער. ווי וועניג די וועלט פארשטעהט די סאמע וויכטיגע קרעפטען פון לעבען!

א.

## קאַפּיטעל 45.

# די בלום פון דער וויסטעניש.

### 1.

ס'איז דער ניינצענטער סעפּטעמבער. דאָס צעל־הויז איז שטיל און גרוי אין דעם דונקעל פונ'ם נאָכמיטאָג. אין הויף געהט דער רעגען מיט לאַנגע טריט, איילענדיג זיך אין דעם טונקעלען בין־השמשות־ליכט, איילענדיג זיך אהין, וואו די שאָטענס זיינען אוועק. איך שטעה ביי דער טיר, פאַרטיעפט אין רעיונות. אין דעם טונ־קעלען ליכט זעה איך זיך אליין, ווי מען האָט מיך דורכגעפיהרט דורכ'ן טויער דאָרט, — ס'איז געווען פונקט מיט צעהן יאָהר צוריק. די ווענט האָבען זיך אויפגעהויבען אין דער פינסטער, וואָרפענדיג אַ שרעק, דאָס אייזען האָט געדריקט מיין האַרץ, און איך האָב זיך געפיהלט פאַרלאָרען אין פאַרצווייפלונג. ס'האָט זיך מיר דעמאָלט ניט געגלויבט, אַז איך וועל קאָנען איבערלעבען די לאַנגע יאָהרען פון עלענד און יסורים. אָבער די פלינקע פיס פונ'ם רעגען באַוועגען זיך האָפנונגספול; זיינע טרעהרען טרייבען פאַנאַנדער די וואָלקענס, און ברענגען ליכט; און אָט באַלד וועל איך אריינ־טרעטען אין זונענשיין, און אַרויסקומען אויסגעוואַקסען און צייטיג, ווי די וועלט האָט געמוזט אויסוואַקסען אין דעם קאַמף פון ליידען —

„פרישע העכט!” אַנאָנסירט אַ קאָרידאָר־מאַן, אַנווייזענדיג אויף דער שורה פון געשטרייפטע אַרעסטאַנטען, געהענדיג דער־שלאָגענע איבער'ן הויף, און זיך אָנשלאָגענדיג איינער אָן דעם

אנדערען אין די ניט־געוועהנטע געשלאָסענע טרים. די טיר עפענט זיך, און אַלעק קילעין, דער לעבענס־לענגליכער, ווינקט צו מיר. ער געהט מיט געמאָסטענע, גלייכע טריט איבער׳ן קאָרידאָר. קאָרידאָר־מאַן „קאַז״ און הערי, מיין יונגער געהילף, כאַפּען זיך בגנבה אַריין מיט איהם אין מיין צעל. די אַטמאָספערע פון געהיימנים אַרום זיי וועקט אויף מיין אומרוהיגקייט.

„וואָס איז געשעהן, קינדער?״ פרעג איך.

זיי קווינקלען זיך און קוקען איינער אויפ׳ן אַנדערען, מיט אַ באַשיידענעם שמייכעל.

„רעדט א י ה ר, קילעין״, שעפּטשעט הערי.

דער לעבענס־לענגליכער וויקעלט פאַרזיכטיג פאַנאַנדער אַ קליין פּעקעל, און איך דערשפיר דעם זיסען ריח פון בלומען, פאַרשטמעקענדיג די צעלע. דער אַלטער אַרעסטאַנט שטאַמעלט אין צוטרמעלטקייט, בעת ער דערלאַנגט מיר אַ גרויסע, רויטע רויז. „מיר האָבען עס אַראָפּגעפּליקט אין גרינהויז״, זאָגט ער.

„פאַר, איך, אַלעק״, זעצט הערי צו.

„פאַר אייער צעהנטען יאָהרטאָג״, פאַרבעסערט „קאַז״. „זאָל זיין מיט גליק, אַלעק״.

שטום נעהמען זיי מיין האַנט, און גנב׳ענען זיך אַרוים פון צעל.

אין איינזאַמקייט דענק איך איבער דעם ריהרענדען אַנדענקען. אָט די מענער — זיי זיינען די שאַנד, וואָס די געזעלשאַפט באַהאַלט צווישען די גרויע ווענט. אָט די, און אַנדערע ווי זיי. טעגליך קומען זיי באַגראָבען צו ווערען לעבעדיגערהייט אין דעם דאָזיגען קבר; אין משך פון די אַלע לאַנגע יאָהרען זיינען זיי געקומען, און עס נעהמט נאָך אַלץ קיין סוף ניט. באַרויבט פון פרייד און פון לעבען, ווערט זייער לעבען ניט אַריינגערעכענט אין דער עקאָנאָמיע פון עקזיסטענץ. און אין דער זעלבער צייט האָט די וועלט געהאַלטען אין איין מאַכען פאַרטשריט, זאָגט מען; די וויסענשאַפט און די פילאָזאָפיע, די קונסט און די ליטעראַטור האָבען געמאַכט גרויסע שפּריינגען. אָבער וואו ליגט דאָ די פאַרבעסערונג, וועלכע פאַרמעהרט אומגליק און פילט אָן די געפענגניסען? די אַנטדעקונג פון דעם „עקס־שטראַהל״ וועט פאַרברייטערן די וויסענשאַפטליכע פאַרשונג, זאָגט מען מיר. אָבער וואו איז דער

„עקס־שטראהל“ פון סאציאלען איינבליק וואס וועט ענטדעקען אין מענשליכען איינפארשטענדניש און אין גענענזייטיגער הילף די עלעמענטען פון אמת׳ען פראגרעס? פאלש איז דער פארטשריט, וואס ברענגט מיט זיך די אומ׳ברחמנות׳דיגע אויפאפפערונג פון פרידען און געזונד און לעבען; אויבערפלעכליך און ניט שטאנד־האפט איז די ציוויליזאציע וואס שטעהט אויף די פארררעטערישע זאמדען פון שטרייט און קריג־פיהרונג. דער פראגרעס פון דער וויסענשאפט און דער אינדוסטריע, ווייט דערפון צו דערהוי־בען דעם מענשענ׳ס גליק און די סאציאלע הארמאניע, זעצט בלויז פארט אומצופרידענקייט און פארשארפט די קאנטראסטען. דאס וויסען, וואס ווערט געוואונען מיט אזוי פיעל ליידען און אפפער טראגט ביטערע פרוכט, צוליעב דעם וואס עס פעהלט די ווייזהייט אנצוואווענדען אין לעבען דאס וואס מען האט געלערנט. ס׳איז ניטא קיין גרענעץ צו דעם מענשענ׳ס עררייכונגען, ווען די מענשהייט וואלט נאר ניט געוועזן צוטיילט קעגען זיך אליין, פאר־צערענדיג איהרע בעסטע ענערגיען און בלוטיגען שטרייט, זעלבסט־מערדעריש און אומנויטיג. און אט די טויזענדער, וואס ווערען ווי שטיעפקינדער באהאנדעלט פון גרויזאמער דומהייט, זיינען די קרבנות, וואס די געזעלשאפט באשטראפט פאר איהר אייגענעם שגעון און איהרע זינד. אט איז דער יונגער הערי. א קינד פון עלענד און נויט, האט ער קיינמאל ניט געפיהלט די באריהרונג פון א ליעבענדער האנט. א פאר׳יתומ׳טער, אהן א מוטער, זיין פאטער א שכור, אזוי איז דער שווערער ארם פון דעם געזעץ ארויפגע־לייגט געווארען אויף איהם אין עלטער פון צעהן יאהר. פון דער רעפארם־שולע צו דער „רעפארמאטארי“ איז דער סאציאלער יתום ארומגעטריבען געווארען. — „איהר ווייסט, אלעק“, זאגט ער, „איך האב קיינמאל ניט געהאט קיין ריכטיגען מאלצייט, אזוי אז איך זאל זיין זאט, פארשטעהט איהר מיך; אויסער איין מאל, אום קריסט־מאס, אין דער „רעפארמאטארי“. איצט איז ער אלט נייצעהן יאהר, און ער האט ניט געזעהן קיין טאג פון פרייהייט זינט זיין פריהע קינדהייט.

מיט דריי יאהר צוריק איז ער אריבערגעפיהרט געווארען אין צוכט־הויז, פאר׳משפט אויף זעכצעהן יאהר פאר א פארזוך צו אנט־לויפען פון דער מארגאנזא רעפארם־שולע, וואס האט זיך געענדיגט

מיט דעם טויט פון אן אויפזעהער. אט דער מאן איז געווען פארמאן אין דעם שניידער ווערקשטאט, וואו הערי האט געארבייט צוזאמען מיט א צאהל אנדערע יונגען. דער באאמטער האט איינגערעדט הערי׳ן צו מאכען איבער־ארבייט, דאס הייסט מעהר ווי עס איז געוועהנליך געפאדערט געווארען. דערפאר האט ער פון צייט צו צייט דעם יונג באלוינט מיט א רייפטעל פוטער־ברויט אדער א שטיקעל קארן־קוכען. ביסלאכווייז איז הערי׳ס פרייוויליגע אנשטרענגונג געווארען א טייל פון זיין רוטינע־ארבייט, און די באלוינונג פלעגט קומען זעלטענער. אבער ווען זי האט אינגאנצען אויפגעהערט צו קומען, האט דער יונג רעבעלירט, און זיך אנטזאגט ארויסצוגעבען מעהר ארבייט וויפיעל די אנדערע פלעגען ארויסגעבען. ער איז פאר׳מסר׳ט געווארען, אבער דער סופעריטענדענט האט געטאדעלט דעם אויפזעהער פאר דער ניט ערלויבטער פארמעהרונג פון ארבייט. הערי איז געווען מלא שמחה; אבער באלד האט זיך אנגעפאנגען א סיסטעמאטישע פארפאלגונג וואס האט געמאכט דעם יונג׳ס לעבען פון טאג צו טאג אלץ אונערטרעגליכער. אויף אומצעהליגע אופנים האט דער פיינדליכער וועכטער געזוכט צו נעמען נקמה פון דעם יונג פאר זיין נידערלאגע, ביז ער האט איהם ענדליך געטריבען צו פארצווייפלונג. הערי׳ האט באשלאסען צו אנטלויפען. מיט עטליכע אנדערע ארעסטאנטען האט דער פערצעהן יאהריגער יונגעל געפלאנעוועט צו אנטלויפען צו די „ראקי בערג“, דארט צו יאגען די „ווילדע“ אינדיאנער, און לעבען פון דעם זעלבסטשטענדיגען און פרייען לעבען פון „דזשעס דזשיימס“. „ווייסט איהר, אלעק“, פארטרויט מיר הערי, „מיר האבען דאס געקאנט מאכען לייכט עלף זיינען מיר געווען. אבער די „קידס“ זיינען אלע געווען אויפגעטראגען אויף דעם אויפזעהער. ער האט אונז באליידיגט און געשלאגען און א טייל פון די יונגען האבען ניט געוואלט אוועקגעהן פון דארט, סיידען מיר זאלען אפריהער דערשלאגען דעם „שרייפעל“ אויף טויט. ס׳איז געווען מיין חבר נאקי, וואס האט איהם דערלאנגט דער ערשטער, גוט און שטארק, און דאן האב איך איהם א לייכטען זעץ געטאן. אבער זיי האבען אלע געזאגט אין געריכט, אז איך האב איהם געשלאגען ביידע מאהל. נאקי׳ס פאמיליע האט געהאט געלט, און ער האט געוואונען דעם פראצעס, אבער מיך האט מען איינגעוויקט אויף

זעכצעהן יאהר". זיינע אויגען פילען זיך אן מיט טרעהרען און ער זאגט קלעגליך: „איך האב ניט געזעהן די ליכטיגע וועלט, זינט איך בין געווען א קליינער יונגעל, און איצט בין איך קראנק און וועל דא וואהרשיינליך שטארבען".

## 2.

ריידענדיג אין נידריגע טענער, קערען מיר אוים דעם קארידאר. איך קער לאנגזאם, כדי צו געבען הערי'ן א מעגליכקייט אנצוהאל־טען גלייך מיט מיר. שוואך שלעפט ער דעם בעזים איבער'ן דיל. זיין אויסזעהן איז מאדנע און רופט ארוים מיטלייד. די קראנק־האפטע צונגען, בלייך ווי דער קאליר פון די געקאלכטע געפענגניס־ווענט, זיינען עהנליך צו די געזיכטס־צוגען פון א קליין קינד. אבער די אויגען קוקען מיט דעם בליק פון אן אלטען מאן אין זייערע צוקארטשעטע לעבער, דער קאפ איז מורא'דיג גרוים, גאר ניט אין פראפארציע מיט דעם אויסגעמאטערטען, צוקריפעלטען קערפער. אלע ווײלע שטעלט ער אן זיין בליק אויף מיר, און אויף זיין פנים ליגט א מין מעלאנכאלישעס וואונדערן, אזוי ווי ער וואלט געזוכט עפעס וואס איז איהם פארבייגעגאנגען. אפט טראכט איך ביי זיך: צי איז דא א פארברעכען, וואס איז מורא'דיגער און אבשייליכער ווי דער פארברעכען, וועלכען די געזעלשאפט האט בעגאנגען געגען איהם, וואס איז ניט קיין מאן, ניט קיין יונגער בחור און איז קיינ־מאל קיין קינד ניט געווען? צוקוועטשט פונ'ם קנאפעל פון ברוטאליטעט, האט אט די פלאנץ קיינמאל ניט אויפגעשפראצט. דאך איז דא דער שטאף פון אן אמת'ן מענשען אין איהם. זיין שכל איז אויף א ריהרענדיגען אופן פרימיטיוו, אבער ער באזיצט כא־ראקטער און מוט, און שלאפענדע אומאנטוויקעלטע כוחות. זיין געפיהלפולע אויפריכטיגקייט גרענעצט זיך מיט דעם אונגלויבלי־כען; ער איז אונמאראליש און אונסאציאל, ווי עס וואלט געווען א פעלד־בלום, וואס איז ארומגערינגעלט פון ריזיגע בוימער, וואס שרעקט זיך, אבער דאך האלט זי זיך פעסט אן איהר אייגענער עק־זיסטענץ. עס מאכט מיך טרויעריג צו זעהן די בענקשאפט, וואס פילט אן זיינע אויגען ביי דעם דערמאנען פון דעם „דרויסען". אפט פרעגט ער מיך: „זאגט מיר, אלעק, ווי פיהלט זיך דאס

ארומצוגעהן אין דער גאס, צו וויסען אז איהר זיינט פריי צו געהן וואו איך געפעלט און קיין „שרייפעל" זאל אייך ניט נאכגעהן?" אה, ווען ער וואלט נאר געהאט א געלעגענהייט, פארזיכערט ער, דאן וואלט ער געווען אזוי פארזיכטיג ניט ארייצופאלען אין נייע צרות! ער וואלט גערן ארומגעהן מיט א שעהן מיידעל, פארטרויט ער מיר, ווערענדיג רויטליך דערביי; — ער האט קיינמאל ניט געהאט קיין מיידעל. אבער ער האט מורא, אז זיינע טעג זיינען געצעהלטע. זיינע לונגען ווערען זעהר שלעכט, און איצט, אז זיין פאטער איז געשטארבען, האט ער קיינעם ניט, וואס זאל איהם העלפען קריגען א באגנאדיגונג. אפשר וואלט דער טאטע זיינער איהם אויך ניט געהאלפען; ער איז שטענדיג געווען שכור, און האט זיך קיינמאל ניט געקימערט פאר זיינע קינדער. „ער האט קיין רעכט ניט געהאט צו האבען קינדער", קאמענטירט הערי ליי־דענשאפטליך. און ער קאן ניט ערווארטען קיין הילף פון זיין שוועסטער; דאס ארימע מיידעל מאכט קוים א לעבען אין דער פאבריק. „זי ארבייט שוין אזוי לאנג אין דער פיקעל־פאבריק", ערקלערט הערי. „יענער חברה־מאן, דער בעל־הבית דארט, מוז זיין רייך; עס איז א גרויסע פאבריק". לעגט ער צו נאאיוו, „ער וואלט איהר באדארפט געבען גענוג זי זאל קאנען חתונה האבען". אבער ער האט מורא, ער וועט שטארבען אין געפענגנים. ס'איז ניטא קיינער וואס זאל איהם העלפען און ער האט ניט קיין פריינד. „איך האב קיינמאל ניט געהאט קיין פריינד", זאגט ער מיט אן ערנסטען טאן; „סאיז ניטא קיין ריכטיגער פריינד. די עלטערע יונגלאך אין דער רעפארמאטארי האבען מיך שטענדיג מיסברויכט, און זיי מיסברויכען אלע „קידס". אבער זיי זיינען ניט געווען קיין פריינד, און יעדער איינער איז געווען קעגען מיר אין געריכט, און זיי האבען ארויפגעלייגט די גאנצע שולד אויף מיר. יעדער איינער איז שטענדיג געווען קעגען מיר", ווידערהאלט ער מיט א ביטערען טאן.

ווען איך בין אליין אין דער צעלע, גריבעל איך זיך אין זיינע ווערטער. „יעדער איינער איז שטענדיג געווען קעגען מיר", הער איך ווי דער יונג זאגט. איך כאפ זיך אויף ביינאכט, און מיר דוכט זיך, אז איך הער דעם ציטערענדען געשריי אין דער פינסטער־

ניש: „יעדער איינער קענען מיר!“ געבליבען אלס קינד אהן א מוטער, אויפגעבראכט אין דער פארפעסטעטער לופט פון ברוטא־לער שכרות, ארייגעווארפען אין די שמוציגע הינטער־גאסען, אום דערנאך צודריקט צו ווערען אונטער די רעדער פון דעם געזעץ־וואגען, — דאס איז געוועזן דאס שיקזאל פון אט דעם סאציאלען יתום. איז דאס די פרוכט פון פראגרעס? דאס איז דער גייסט פון אונזער קריסטליכער ציוויליזאציע? אין די שטונדען פון איינזאמקייט, וויקעלט זיך דער פלאן פון עקזיסטענץ פאנאנדער ווי א קאליידאסקאפ פאר מיינע אויגען. אין פארשידענארטיגע פארמען און פון באזונדערע שטאנדפונקטען זעה איך פאר זיך אן ענדלאזע פאנאראמע פון צוקריפעלטע מוחות און פארמוטשעטע קערפערס, פון אוניווערזאלען עלענד און אומגליק, פארקערפערט אין דעם יונגעל׳ס פארוויסטעטען לעבען. און איך זעה, ווי די אלע ליידען און די אגאניע לעזען זיך אויף אין דער עטאבלירטער הערשאפט, אין טראדיציעס און מנהגים, וואס לייגען זיך אן אויף דער מענשהייט און אונטערדריקען אזוי שטארק די שוין געבונדענע, געשמידטע זעעלע, ביז איהרע פליגלען ברעכען זיך איבער און זי ראנגעלט זיך און קלאפט האפנונגסלאז אן די ארטיפיציעלע הינ־דערניסען.... דאס בלאסע געזיכט פון דער נויט שפיגעלט זיך אין דער פינסטערניש פון דער נאכט. די שטילקייט שלוכצט מיט דעם מאוים׳דיגען געוויין פון דעם צודריקטען יונג. און איך הער דאס געוויין, און עס פילט אן מיין גאנצען וועזען מיט דעם געפיהל פון מורא׳דיגען אומרעכט און אומגערעכטיגקייט, מיט דער חרפה פאר מיין מיט־מענשען, וואס פארגיסט קראקאדיל־טרערען, בעת ער שלינגט איין זיין הילפלאזען קרבן. די אונטערדריקטע קרעכצען אין דער פינסטער. איך וועל אפקלינגען זייער אגאניע, זייערע יסורים פון טויט, אין די אויערען פון דער וועלט. איך האב גע־ליטען מיט זיי, איך האב ארייגעקוקט דעם וועהטאג אין הארץ אריין, און מיט זיין שטימע און זיינע אנגסטען וועל איך רעדען צו דער מענשהייט, זי אויפצואוועקען פון לאנגזאמקייט און אפאטיע, און געבען האפנונג צו דער פארצווייפלונג.

די מאנאטען פארלויפען אין דער צוגרייטונג פון דער גרויסער ארבייט. איך מוז זיך אויסשטאטען פאר דער מיסיע, פאר דעם

קאמף מיט דער וועלט, וועלכע קעמפּט אזוי פאַרצווייפעלט צו פאַר־
טיידיגען איהרע קייטען. דער טאַג פון מיין „תחית המתים", פון
מיין ווידער־אויפלעבונג האלט אין קומען, און איך וועל אָפּגעבען
מיין נייע לעבען צו דינען מיינע מיט־ליידענדע. די וועלט וועט
הערען די געפּייניגטע; זי וועט זעהן די שאַנד, וואָס זי האָט
באַגראָבען צווישען אַט די ווענט, און וואָס איז נאָך ניט באַזיי־
טיגט. דער גייסט פון איהרע פאַרברעכערס וועט זיך אויפהויבען
און רוישען אין איהרע אויערען, ביז דער סאָציאַלער געוויסען וועט
ערוואַכען און דערהערען דעם געשריי פון איהרע קרבנות. און פיי־
ליכט, קוים וועלען די אויגען זיין געעפענט, וועט עס דערזעהן דעם
עלענד און די יסורים אין דער וועלט דאָרט אויף יענער זייט, און
דער מענש וועט זיך אָפּשטעלען אין זיין שטרייט, אין זיין וואַהנ־
זיניגע יאַגעניש און וועט זיך פרעגען: צו וואָס? וואוהין?

## קאַפּיטעל 46.

# אַ קינד'ס האַרץ־הונגער.

### 1.

מיט טיעפער צופריעדענקייט באַאָבאַכט איך די פאַנאַנדער־וויקלונג פון הערי'ס גייסט. מיין פריינדשאַפט האָט אויפגעוועקט אין איהם האָפנונג און אינטערעס אין לעבען. בלויז מיך צופריעדענ־צושטעלען האָט ער שמייכלענדיג ערקלערט, אַז ער וועט לעזען די זאַכען, וואָס איך האָב איהם אָנגעוויזען. אָבער מיט דער צייט איז ער געוואָרען אַריינגעטאָן אין דעם שטודירען, ענטוויקלענדיג אין זיך אַ דאָרשט נאָך וויסען, וואָס פאַרוואַנדעלט זיין פּרימיטיווע אינטעליגענץ אין אַ גייסטיגער פעהיגקייט פון גרויסער קראַפט און כאַראַקטער. אָפט וואונדער איך זיך אויף דעם אייגענאַרטיגען כח און שטרעבען, וואָס שטראָמט אַרויס פון די טיפענישען פון אַ נע־פענגנים־פריינדשאַפט. „איך האָב ניט געגלויבט אין פריינדשאַפט, אַלעק", זאָגט הערי, בעת מיר טוען אונזער אַרבייט, קערענדיג דעם קאָרידאָר. „אָבער איצט פיהל איך, אַז איך וואָלט ניט געווען דאָ, ווען איך וואָלט דאַן געהאַט אַ ווירקליכען פריינד: עס איז ניט בלויז דערפאַר, וואָס מיר ליידען צוזאַמען, נאָר איהר האָט מיך געמאַכט פיהלען, אַז אונזערע מוחות און אונזערע הערצער קאָנען זיך אויפהויבען איבער די דאָזיגע רעגלען און איבער די דאָזיגע שטאַנגען. איהר ווייסט, די „שרויפען" האָבען מיך געוואָרענט קעגען אייך, און איך האָב מורא געהאַט פאַר אייך. איך ווייס ניט, ווי אַזוי איך זאָל דאָס ערקלערען, אַלעק, אָבער דאָס ערשטע

מאָל וואָס מיר האָבען געהאַט יענעם לאַנגען געשפּרעך לעצטעס יאָהר, האָב איך געפיהלט, אַזוי ווי עפּעס איז אַריבערגעגאַנגען גלייך פון אייך צו מיר. און זינט דאַן האָב איך געהאַט עפּעס פאַר וואָס צו לעבען. איהר פאַרשטעהט, איך האָב זיך אַזוי פיעל אָנגעזעהן פון די פּריסטער, אַז איך האַלט ניט פון דער קירכע, און איך גלויב ניט אין אומשטערבליכקייט. אָבער די אידעע, וואָס איך האָב געקראָגען פון אייך, איז צוגעשטאַנען צו מיר, און זי איז געווען אַזוי צודרינגליך, אַז איך דיינק ווירקליך, אַז עס איז דאָ אַזאַ זאַך ווי אומשטערבליכקייט פון אַ אידעע".

פאַר אַ ווײַלע איז דער אַלטער קוק פון הילפלאָזע פאַרוואונדערונג אין זיין געזיכט, אַזוי ווי ער וואָלט ניט געקאָנט באַהערשען דעם געדאַנק. ער שטעלט זיך אָפּ אין זיין אַרבייט, זיינע אויגען אָנגעשטעלט אויף מיינע. „איך האָב עס, אַלעק", רופט ער זיך אָפּ, און אַ נייגעריגער שמייכעל שפּיגעלט זיך אָפּ אויף זיינע בלאַסע געזיכטסצוגען. „איהר געדענקט די געשיכטע, וואָס איהר האָט מיר דערצעהלט וועגען יענע חברה־לייט — אַה", — קאָרעגירט ער זיך שנעל — „ווען איך וועל אויפגערעגט, פאַל איך אַריין אין מיין פריהערדיגען שלעכטען ענגליש. נו, איהר ווייסט דאָך, די געשיכטע וואָס איהר האָט מיר דערצעהלט וועגען די אַרעסטאַנטען אין סיביר; ווי אַזוי זיי אַנטלויפען צייטענווייז, און די פּויערים, כאָטש ס'איז זיי פאַרבאָטען די אַרעסטאַנטען אַריינצונעמען צו זיך אין הויז, לעגען אַרויס עסען אויף דרויסען, ביי זייערע כאַטעס, כדי אַן אַנטלאָפענער אַרעסטאַנט זאָל ניט פאַרהונגערן צום טוידט. איהר געדיינקט, אַלעק?"

„יאָ, הערי. עס טוט מיר הנאה, וואָס איהר האָט עס ניט פאַרגעסען".

„פאַרגעסען? וואָס רעדט איהר, אַלעק, מיט עטליכע וואָכען צוריק, זיצענדיג ביי מיין טיר, האָב איך געזעהן אַ פויגעלע אַרומשפּרינגענדיג אין דעם קאָרידאָר. ס'האָט אויסגעקוקט קאַלט און הונגעריג. איך האָב איהם צוגעוואָרפען אַ שטיקעל פון מיין ברויט. אָבער דער פאַרוואַלטער איז גראָד פאַרבייגעגאַנגען, האָט ער מיך געצוואונגען עס אויפצוהויבען און אַוועקטרייבען דאָס פויגעלע. עפּעס איז מיר דאַן אַרויפגעקומען אויפ'ן געדאַנק די געשיכטע וועגען די פּויערים אין סיביר, און ווי אַזוי זיי טיילען זייער ברויט

מיט אנטלאפענע ארעסטאנטען. פארוואס זאל דאס פויגעלע הונ־גערן אזוי לאנג ווי איך האב ברויט? איצט לעג איך יעדע נאכט אוועק עטליכע שטיקעלאך ברויט נעבען דער טיר, און אין דער פריה, פונקט ווען עס הויבט אן טאגען, און יעדער איינער שלאפט נאך, גנב'עט זיך דאס פויגעלע צו און קריגט זיין אנבייסען. ס'איז די אומשטערבליכקייט פון א אידעע, אלעק".

## 2.

דער אומ׳ברחמנות׳דיגער ווינטער האט ארויפגעלעגט זיין שווע־רע האנט אויף הערי׳ן. די שלעכטע הייסע לופט פונ׳ם צעל־הויז פארשטארקט זיין קראנקהייט, און איצט האט איהם דער דאקטאר ערקלערט אין א הויכער שטופע פון שווינדזוכט. די קראנקהייט מאכט א תל פון דער געפענגניס באפעלקערונג. היגיענישע רעג־לען ווערען איגנארירט, און קיינע פארזיכטס־מיטלען ווערען נים אנגענומען געגען אנשטעקונג. הערי׳ס געזונט האלט אין איין שווינדען. ס׳איז קענטיג, אז ער שטריינגט זיך אן ביים געהן, אבער ווען ער באגעגענט מיין בליק, גלייכט ער זיך מוטיג אוים. „איך פיהל גאנץ שטארק, אלעק", זאגט ער, „איך גלויב נים, אז עס איז די שווינדזוכט. עס איז בלויז א שטארקע פארקיהלונג".

מיט עקשנות האלט ער זיך פעסט אן דער שווערער האפנונג; אבער פון צייט צו צייט קומט איהם ארויף א פארדאכט אויפ׳ן זינען און ער פרואווט אוים מיין גלויבען מיט ביטרעקייט. זיך מאכענדיג בלומרשט ווי ער וואשט זיך די הענט, פרעגט ער: „קאן איך געברויכען אייער האנטוך, אלעק? איהר האט דאך זיכער קיין מורא נים?" ס׳איז קענטיג, אז מיין אוינענשיינליכער צוטרוי פארטרייבט זיין שרעק, און ער נעהמט זיך אן מיט באנייטער האפנונג. איך שטרעב צו פארלייכטערען זיין ארבייט אויף דער צעלען־רייה, און זיין פריינד „קאז", וועלכער גרייט די באאמטע צום טיש, גיט דעם קראנקען יונגעל א טייל פון די „שיריים", פון די שטיקלאך פרוכט און געבעקס, וואס בלייבט פון זייערע מאהלצייטען. דער גוט־הארציגער איטאליענער, וועלכער איז פארשיקט געווארען אהער אויף צוואנציג יאהר, פארברענגט זיין לייזדיגע צייט ווע־בענדיג האר־קייטלאך אין דעם טונקעלען שיין פון דער צעלע, און

פארוועגדעט די פארדינסטען אויף ווארעמע אונטער־קליידער פאר זיין שווינדזיכטיגען פריינד. „איך דארף דאס אליין ניט האבען, איך בין סיי־ווי־סיי צו הייס־בלוטיג", מאכט ער לייכט אוועק הערי'ס איינווענדונגען. ער שוידערט אויף ווען דער טעמפּער הוסט צו־טרייסעלט דעם שוואכען קערפּער, און אנגסטליך פלאטערט ער אי־בער דעם יונג, און מונטערט איהם מיט מערקווירדיגער צערט־ליכקייט.

ביי דעם ערשטען צייכען פון פריהלינג, קאנספּירירט „קאז" מיט מיר צו קריגען פאר הערי'ן די פּריווילעגיע פון דעם הויף. די שווינדזיכטיגע האבען ניט קיין לופט, זיינען איינגעשלאסען אין ווערקשטאט אדער אין דעם געפענגניס־פליגעל, און אין אווענד פארשפארט אין די צעלען. צוליעב מיין לאנגען טערמין און דער קורצקייט פון מיין געבליבענער צייט, האבען די אינספּעקטארס מיר פארשפּראכען פופצעהן מינוט איבונג אין הויף. איך האב ניט געשטעלט מיין פוס אויף דער ערד פון הויף זינט די ענטדע־קונג פון דעם טונעל, אין יולי 1900, במעט פיער יאהר צוריק. אבער הערי נויטיגט זיך מעהר פון מיר אין פרישער לופט, און אפשר וועלען מיר האבען די מעגליכקייט, אנשטאט פאר מיר, ארויסצובאקומען די פּריווילעגיע פאר איהם. זיין געזונד וואלט זיך געבעסערט און דערוויילע וועלען מיר ברענגען זיין פאל פאר דער „פּארדאן־באארד". ס'איז געווען א סקאנדאל צו שיקען איהם אין צוכט־הויז, ערקלערט „קאז" מיט כעס. „הערי איז קוים אלט גע־ווען פערצעהן יאהר דאן, נאך גאר א קינד. שטעלט זיך פאר א ריכטער וואס וועט געבען אזא יונגעל זעכצעהן יאהר! עס מיינט דאך איינפאך דער טויט. אבער וואס קאנט איהר ערוואר־טען! איהר געדענקט דעם קליינעם יונגעל, וואס מען האט גע־בראכט אהער — ס'איז געווען אומגעפעהר ארום 1897 — ער איז אלט געווען פונקט צוועלף יאהר, און ער האט ניט אויסגעקוקט מעהר ווי צעהן. זיי האבען איהם געבראכט אהער אין מאיטקעס, און די חברה־לייט האבען זיך געמוזט איינבויגען אין צווייען, כדי זיך צו האלטען אין געשלאסענע טריט מיט איהם. ער האט אויס־געקוקט ווי א ביבי אין דער ליניע. די ערשטע פאר לאנגע הויזען, וואס ער האט ווען עס איז אנגעטאן, זיינען געווען שטרייפען,

און ער איז געוועזן אַזוי צושראָקען, ער פּלעגט שטעהן ביי דער טיר און וויינען די גאַנצע צייט. נו, אַביסעל שפּעטער האָבען זיי זיך אַליין פאַרשעמט און איהם אַוועקגעשיקט ערגעץ אין אַ „רעפאָרמאַטאָרי", אָבער ער האָט דעמאָלט פאַרבראַכט אומגעפעהר זעקס חדשים דאָ. אָה, וואָס קומט אַרויס פון ריידען", ענדיגט „קאָז" מיט אַ מינע פון האָפנונגסלאָזיגקייט; „ס'איז אַ פאַרפוילטע וועלט, זאָג איך אייך. אָבער פּיליכט וועלען מיר קאָנען אַרויסקריגען פאַר העריין אַ באַגנאַדיגונג. וואהרהאַפטיג, אַלעק, איך פיהל אַזוי ווי ער וואָלט געוועזן מיין אייגענע קינד. מיר זיינען געוועזן פריינד פונ'ם טאָג, וואָס ער איז געקומען אַהער, און ער איז אַ גוטער יונג, אָבער ער האָט קיינמאָל ניט געהאַט קיין טשאַנס. מאַכט אַ ליסטע, אַלעק. איך וועל פרעגען דעם גייסטליכען וויפיעל איך האָב דאַרטען אין דעם אָפיס. איך דענק, עס איז צוויי־און־צוואַנציג אָדער אפשר דריי־און־צוואַנציג דאָלאַר. ס'איז אַלעס פאַר העריין".

דער פריהלינג געהט אריין אין זומער, איידער די צעהן און פינף־און־צוואַנציג סענטיגע ביטראַגען שטעלען צוזאַמען די סומע, וואָס ווערט פאַרלאַנגט פון דעם אַדוואָקאַט אריינצובריינגען העריי'ס פאַל צו דער „פּאַרדאָן־באָארד". אָבער דער קראַנקער יונג איז ניטאָ אויף דער צעלען־רייהע. וואָכען־לאַנג האָט זיין טרוקענער, שטאַרקער הוסט אָפּגעקלונגען אין דער נאַכט, האַלטענדיג די מענשען וואַך, ביז דער דאָקטאָר האָט ענדליך געהייסען איהם אריבערפירען אין האָספּיטאַל. זיין פּלאַץ אויף דער צעלען־רייה איז פאַרנומען געוואָרען פון דעם „גרויסען שווייד", אַ הויכער, בלייךפּנים'דיגער מאַן, וועלכער שאַרט זיך איבער דעם קאָרידאָר, קרעכצענדיג פאַר וועהטאָג. די פאַרבייגעהענדע וועכטער קרימען איהם נאָך, און שטורכען איהם שפּאַסיג אין די זייטען. „העי, דו! גיב זיך אַ ריהר, און וואַרף אַוועק דיין אָנשטעל". ער ווערט אַ פאַרציטערטער; צודריקענדיג ביידע הענט צו זיין זייט, ווערט ער איינגעשרומפּען פון דעם וועכטערס באַריהרונג. „דו, בלאָפער, מיר קענען דיך, נישקשה". אַן אומפאַרשטענדליכער, קראַנקער שמייכעל שפּרייט זיך אויס איבער דעם טרוקענעם געזיכט, בעת ער מורמעלט קלעגליך: „יעס סער, איך קראַנק, זעהר קראַנק".

## קאַפּיטעל 47.

# אַ חבר אין נויט.

### .1

די קרעפטיגע מענער האָט מען אַרויסגענומען פאַר די ווערק־שטאַטען, און בלויז די אַלטע און קראַנקע בלייבען אין צעל־הויז. אָבער אַפילו די לייכטע פליכטען פון געהילף צייגען זיך אַרויס צו זיין צו שווער פאַר דעם שווייד. די וועכטער האַלטען אין איין טענה'ן, אַז ער מאַכט זיך. יעדע נאַכט טוט מען איהם אָן די צוואַנגס־יאַק, און מען פאַרשטאָפּט איהם דאָס מויל צו דערשטיקען זיינע קרעכצען. איך פּראָטעסטיר געגען דער מיסהאַנדלונג, און איך ווער גערופען אין אָפיס. דעם דעפּיוטי׳ס טיש איז פאַרנומען פון „גרויסקאָפּ״, דער באַאַמטער פון דער זאַקען־אָפּטיילונג, וואָס איז איצט דערהויבען געוואָרען צו דער שטעלע פון צווייטען געהילפס־דעפּיוטי. ער גריסט מיך מיט אַ בייזליכע מינע. „איך האָב געוואוסט, אַז דו וועסט זיך ניט גוט אויפפיהרען״, לאַכט ער אין זיך; „כ׳קאָן דיך פאַרדאַמט צו גוט פון דעם זאַקען־שאָפּ״.

דער גיגאַנטישער קאַלאַנעל, דער נייער דעפּיוטי, שפּאַנט ברייט אַריין מיט לאַנגע, וויגענדע טריט. ער קוקט דורך דעם ראַפּאָרט געגען מיר. „איז דאָס אַלעס?״ פרעגט ער דעם וועכטער, מיט אַ קאַלטער, גלייכגילטיגער שטימע.

„יעס סער״.

„געהט צוריק צו אייער אַרבייט, בערקמאַן״.

אָבער נאָכמיטאָג, שפּאַנט באַאַמטער „גרויסקאָפּ״ אַריין אין

צעל־הויז, אין אויפזיכט פון דער ראזיר־קאמפאניע. אזוי ווי ס'איז מיין רייה, זעץ איך זיך אריין אין דעם ערשטען שטוהל, אבער דער אויפזעהער לויפט צו צו מיר. „ארויס פון דעם שטוהל", באַפעהלט ער. „ס'איז ניט דיין רייה. דו נעהם י ע נ ע ם שטוהל". און ער ווייזט אן אויף דעם צווייטען ראזירער, א געוועזענער קעסעלמאכער, וואס אלע ארעסטאנטען האבען מורא פאר איהם און רופען איהם „קצב".

„ס'איז מיין רייה אין אט דעם שטוהל", ענטפער איך, בלייבענדיג זיצען אויף מיין ארט.

„עס איז ווירקליך אזוי, הער באאמטער", ווארפט אריין דער ניגער־ראזירער.

„האלט ס'מויל!" שרייט אויס דער באאמטער. „ווילסטו ארויסגעהן פון דעם שטוהל?" ער לאזט זיך געהן צו מיר סטראשענדיג.

„איך וועל ניט", ענטפער איך, קוקענדיג איהם גלייך אין די אויגען.

א פארשטיקטער קייכען געהט דורך די ווארטענדע ליניע. דער אויפזעהער ווערט פורפור־רויט, און שפרייזט צום אפיס מיך פאר'מסר'ן.

2.

„דאס איז שרעקליך, אלעק. עס טוט מיר לייד, איהר זיינט איינגעשלאסען. און איהר זיינט נאך דערצו געווען גערעכט אויך", שעפטשעט „קאז" ביי מיין צעלע. „אבער עס מאכט ניט, אלטער יונג", שמייכעלט ער פארטרויליך. „איהר קאנט רעכענען אויף מיר. און איהר האט אנדערע פריינד. אט איז א פאפירעל, וואס אימיצער שיקט אייך. ער וויל גלייך אן ענטפער. איך וועל קומען נאך דעם".

דאס בריוועל איז פאר מיר א געהיימניס. די גרויסע, שארפע שריפט איז אומבאקאנט. איך קאן ניט אויסגעפינען ווער עס איז דער אונטערשריבענער „דזשים מ.". דער אינהאלט איז רעטזעלהאפט. זיינע סימפאטיען זיינען מיט מיר, זאגט דער שרייבער. ער האט זיך דערוואוסט אלע איינצעלהייטען פון דעם סכסוך, און

ער פיהלט, אז איך האב געהאנדעלט אין דער פארטיידיגונג פון מיין רעכט. ס'איז א סקאנדאל מיך איינצושליסען פאר ניט וועלען ליידען די אונפארדינטע ערנידערונג פון אן אומפריינדליכען וועכטער; און ער קאן ניט פארטראגען צו זעהן ווי מען פארפאלגט מיך אזוי. מיין צייט איז קורץ, און די איצטיגע צרה, אויב זי וועט ניט גוט געמאכט ווערען, קאן נאך פיהרען דערצו, איך זאל פארלירען דאס רעכט אויף דער געשענקטער צייט, וואס דארף ארונטערגערעכענט ווערען פון מיין טערמין. ער וועט דארום באלד אפעלירען צו דעם פארוואלטער צו זיין גערעכט צו מיר; אבער ער וואלט וועלען אפריהער הערען פון מיר איידער ער טוט עפעס.

איך ברעך זיך דעם מוח טראכטענדיג, ווער עס קאן פארט זיין דער שרייבער פונ'ם בריוועל. קענטיג ניט קיין ארעסטאנט. אין דעם פאל וואלט קיין רייד ניט געקענט זיין וועגען פארמיטלונג מיט'ן פארוואלטער. דאך קאן איך ניט דענקען וועגען וואס פאר עס איז באאמטען, וועלכער וואלט גענומען אט די שטעלונג, אדער באנוצען זיך מיט אזעלכע מיטלען, כדי זיך מיט מיר צוזאמענריידען.

אין א וויילע ארום לויפט „קאז" פארביי מיין צעל. „האט איהר פארטיג אייער ענטפער?" שעפטשעט ער.

„ווער האט אייך געגעבען דאס בריוועל, „קאז" ?"

„איך ווייס ניט, צי איך דארף עס אייך זאגען".

„געוויס מוזט איהר מיר זאגען. איך וועל ניט ענטפערען אויף דעם דאזיגען בריוועל, סיידען איך ווייס צו וועמען איך שרייב".

„נו, אלעק", קווינקעלט ער זיך, „ער האט ניט געזאגט, צי איך מעג אייך דערציילען".

„דאן, בעסער געהט און פרעגט איהם צוערשט".

א היבשע צייט געהט פארביי, איידער „קאז" קומט צוריק. פון דעם פארשפעטיגען זיך אורטייל איך, אז דער מאן געפינט זיך אין א וויטען טייל פון געפענגנים, אדער אז מען קאן ניט אזוי לייכט צוקומען צו איהם. ענדליך באווייזט זיך דאס פריינדליכע געזיכט פון דעם איטאליענער ביי דער צעלע.

„ס'איז אלרייט, אלעק", זאגט ער.

„ווער איז ער?“ פרעג איך אומגעדולדיג.
„איך וועט, אז איהר וועט קיינמאל ניט טרעפען“.
„זאגט זשע מיר, ווער דאס איז“.
„גוט, איך וועל אייך זאגען. ער איז ניט קיין „שרויף“.“
„ס'קאן דאך ניט זיין קיין ארעסטאנט?“
„ניין“.
„ווער זשע דען?“
„ער איז א פיינער מאן, אלעק“.
„נו שוין, זאגט מיר“.
„ער איז א בירגער. דער אויפזעהער פון דעם נייעם שאפ“.
„די וועבעריי־אפטיילונג?“
„דאס איז דער מאן. אט איז נאך א פאפירעל פון איהם. ענט־פערט באלד“.

## 3.

טייערער מר. דזשיי מ.!

איך ווייס קוים, ווי איך זאל שרייבען צו אייך. ס'איז די מערק־ווירדיגסטע זאך, וואס האט מיר געטראפען אין פארלויף פון די אלע יאהרען פון מיין געפאנגענשאפט. צו דענקען, אז איהר, א פאלקאם פרעמדער — און ניט קיין ארעסטאנט דערצו — זאלט זיך אנבאטען ארייצומישען זיך פון מיין טובה וועגען דערפאר וואס איהר פיהלט, אז א אומגערעכטיגקייט איז באגאנגען געווארן! ס'איז כמעט אומגלויבליך, אבער „קאז“ האט מיר מיטגעטיילט, אז איהר זיינט אנטשלאסען צו זעהן דעם פארוואלטער וועגען אט דער אנ־געלעגענהייט. איך פארזיכער אייך, אז איך שעץ אייער געפיהל פון גערעכטיגקייט מעהר ווי איך קאן דאס אויסדריקען. אבער איך בעט אייך זעהר דרינגענד ניט דורכצופיהרען אייער פלאן. מיט אייערע בעסטע אבזיכטען, וועט אייער פארמיטלונג זיין אן אומגליק פאר אייך אליין, אזוי גוט ווי פאר מיר. אלס א שאפ־אויפזעהער דארפט איהר אייגענטליך ניט וויסען, וואס עס פאסירט אין דעם געפענגניס־פליגעל. דער פארוואלטער איז א שרעקליכער פעדאנט, און מאכט א זעהר גרויסען וועזען פון זיין אויטאריטעט. ער וועט ניט וועלען ליידען אייער אריינמישונג. איך ווייס ניט,

ווער איהר זיינט, אָבער אייער ענטריסטונג געגען דעם וואָס איהר האַלט פאַר אַן אומגערעכטיגקייט כאַראַקטעריזירט אייך אַלס אַ מאַן פון פּרינציפּ, און איהר זיינט אויגענשיינליך געניגט צו זיין פריינד־ליך צו מיר. איך וואָלט געוועזן זעהר אומגליקליך, ווען איך זאָל זיין די אורזאַך פון אייער אַנטזאַגונג. איהר נויטיגט זיך אין אייער פּלאַץ, אַז ניט וואָלט איהר ניט געוועזן דאָ. איך בין אייך זעהר, זעהר דאַנקבאַר, אָבער איך בעט אייך זעהר ערנסט אָפּצולאָזען די אַנגעלעגענהייט. איך מוז קעמפען מיינע אייגענע שלאַכטען. איבערהויפּט די סיטואַציע איז ניט זעהר ערנסט, און איך וועל אַרויסקומען פון דער צרה.

מיט פיעל אַכטונג,

א. ב.

טייערער מר. מ.!

איך פיהל זיך זעהר ערלייכטערט דורך אייער פאַרשפּרעכען נאָכצוגעבען מיין פאַרלאַנג. ס'איז בעסער אַזוי. איהר דאַרפט זיך ניט זאָרגען וועגען מיר. איך ערוואַרט צו קריגען אַ פאַרהער פאַר דעם „דעפּיוטי“, און ער וויזט אויס צו זיין אַן אַנשטענדיגער מענש. איהר וועט מיר ענטשולדיגען, ווען איך וועל זיך מודה זיין פאַר אייך, אַז איך האָב געשמייכעלט ביי אייער פראַגע, צי אייער קאָרעספּאָנדענץ איז מיר ווילקאָמען. אייערע בריוולאַך זיינען אַ שטראַהל פון זונען־שיין אין דער פינסטערניש, און איך בין שטאַרק פאַראינטערעסירט אין דער פּערזענליכקייט פון אַ מענשען, וועמעס געפיהל פון גערעכטיגקייט איבערשטייגט די אויסרעכענונגען פון פּערזענליכען אינטערעס. איהר פאַרשטעהט, עס פאָדערט זיך ניט קיין גרויסע העלדישקייט צו פאַרלאַנגען גערעכטיגקייט פאַר זיך אַליין, פאַר אונזער אייגענעם נוצען. אָבער דאָרט וואו עס האַנ־דעלט זיך וועגען אַן אַנדערן, באַזונדערס אַ פרעמדען, ווערט דאָס אַ פראַגע פון „אַבסטראַקטער“ גערעכטיגקייט — און בלויז גע־צעהלטע מענשען באַזיצען די מענליכקייט, דעם מוט צו ריזיקירען מיט זייער רעפּוטאַציע אָדער באַקוועמליכקייט פאַר דעם.

זינט אונזער קאָרעספּאָנדענץ האָט זיך אָנגעפאַנגען, האָב איך געהאַט געלעגענהייטען צו ריידען מיט אַ טייל פון די אַרעסטאַנטען וואָס זיינען אונטער אייער אויפזיכט. איך וויל אייך דאַנקען

אין זייער נאמען פאר אייער איינזעהענדע און מענשליכע באַ־האנדלונג, וואס איהר גיט זיי.

„קאז“ איז ביי דער טיר, און איך מוז מיך צואיילען. טרויט ניט קיין אנדערען מיט צעטעלאך אויסער איהם. מיר זיינען פריינד שוין זינט יאהרען לאנג, און ער קאן אייך דערצעהלען אלעס וואס איהר ווינשט צו וויסען וועגען מיין לעבען דא.

הארציג,

ב.

מיין טייערער מ.!

איהר האט זיך אבסאלוט ניט וואס צו שרעקען פאר די וויר־קונגען פון דער איינצעלהאפט אויף מיר. איך גלויב ניט, אז זיי וועלען מיך נאך האלטען לאנג פארשפארט; יעדענפאלס, גע־דענקט, אז איך וויל ניט איהר זאלט זיך אננעהמען פאר מיר.

איהר וועט זיין צופריעדען צו הערען, אז מיין פריינד הערי בעסערט זיך אין געזונד, א דאנק אייער גוט־הארציגקייט. „קאז“ האט באוויזען איהם איבערצוגעבען די נאשערייען און וויין, וואס איהר האט געשיקט. איהר קאנט די געשיכטע פון דעם יונג. ער האט קיינמאל ניט געוואוסט, וואס עס הייסט אזוינס די ליעבע פון א מוטער, אויך ניט די אויפפאסונג פון א פאטער. א טיפיש קינד פון די ענטערבטע, איז ער כמעט אלס פיצעל קינד, אנגעוואר־פען געווארען אויף דעם רחמנות פון דער וועלט. אין עלטער פון צעהן האט איהם דאס געזעץ ערקלערט אלס פארברעכער. זינט דאן האט ער קיינמאל ניט געזעהן קיין טאג פון פרייהייט. אין עלטער פון צוואנציג שטארבט ער פון געפענגניס־שווינדזיכט. איז די שפאנישע אינקוויזיציע ווען שולדיג געווען אין אזא ארגאניזיר־טער קינדער מערדעריי? מיט א פארצווייפעלטער ווילענס־מאכט האלט ער זיך פעסט אן דעם לעבען, האפענדיג אויף א באגנאדיגונג. ער איז פעסט איבערצייגט, אז פרישע לופט וואלט איהם אויסגע־היילט, אבער די נייע רעגלען האלטען איהם פארשפארט אין האס־פיטאל. זיינע פריינד דא האבען צוזאמענגעקליבען א פאנד, כדי צו ברענגען זיין פראצעס פאר דער „פארדאן־באארד“; עס דארף אויסגעהערט ווערען קומענדען מאנאט. אט די גוטע, איבערגעבענע נשמה, „קאז“, האט געווירקט אויפ'ן דאקטאר ארויסצוגעבען א צייג־

נים וועגען הערי׳ס קריטישען צושטאנד, און ס׳איז מעגליך, אז ער זאל אין גיכען באפרייט ווערען. איך האב זעהר ליעב געקראגען דעם יונג, געגען וועמען מען האט אזוי פיעל געזינדיגט. איך האב געזעהן, ווי זיין הארץ און זיין מוח האבען אויפגעלעבט אינ׳ם זונענשיין פון א ביסעל פריינדשאפט, און אצינד — איך האף, אז וועניגסטענס זיין לעצטער וואונש וועט ערפילט ווערען: כאטש איין מאל צו געהן אויף דער גאס, און ניט הערען דעם שטרענגען באפעהל פון דעם וועכטער. ער בעט מיך אויסצודריקען צו זיין אומבאקאנטען פריינד זיין טיפסטע דאנקבארקייט.

ב.

טייערער מ. I

דער „דעפיוטי״ האט מיך נאר וואס באפרייט. איך בין גליקליך, דאפעלט גליקליך; ווארים איך ווייס ווי צופרידען איהר וועט זיין פון דעם גוטען רעזולטאט. ס׳איז וואהרשיינליך צו פארדאנקען דעם פאקט, וואס מיין שכן, דער „גרויסער שווינד״ — איהר האט געהערט וועגען איהם — איז היינט אין דערפריה געפונען געווארען טויט אין דער צוואנגס-יאק. דער דאקטאר און די באאמטע האבען אלע פרעטענדירט, אז ס׳איז געווען אן אנשטעל, אז ער האט זיך געמאכט. ס׳איז געווען דער גרויזאמסטער מארד; אויף דעם פארוואלטער׳ס באפעהל איז דער קראנקער געהאלטען געווארען מיט א פארשטאפטען מויל און געבונדען יעדע נאכט. איך דענק, אז דער „דעפיוטי״ איז געווען געגען אזעלכע ברוטאלע מעטאדען, און איצט געהט ארום א קלאנג, אז ער האט בדעה צו רעזיגנירען. אבער איך האף, אז ער וועט פארבלייבען דא. ס׳איז פאראן עפעס גרויסעס און בריים-הארציגעס אין דעם גיגיאנטישען „קאלאנעל״. ער סטארעט זיך צו זיין אנשטענדיג, אונפארטייאיש, און ער האט געערעטעט מעהר ווי איין ארעסטאנט פון דער גרויזאמקייט פון דעם "מיידזשאר״. דער לעצטער האלט אין איין ערפינדען נייע וועגען ווי צו באשטראפען; עס איז כאראקטעריסטיש, אז צווישען זיינע מעטאדען קומט אויך אריין דאס פארקלערען פון די שפייז-פארציעס, און ממילא א שפארעריי, וועלכע לאזט זיך פונדעסטוועגען ניט מערקען אין די ביכער, וואו עס ווערען פארשריבען די הוצאות. דא ניט לאנג האט ער אפגעשניטען די פארציעס מילך, וואס מען פלעגט געבען די פאציענטען פון האס-

פיטאל, און ער האט דאס געטאן, ניט קוקענדיג אויף די פראטעס־טען פון דעם דאקטאר. ער האט אויך איינגעפיהרט א שטרענגע שטראף פאר רעדען. איהר פארשטעהט, ווען איהר האט ניט אויסגערעדט קיין ווארט פאר טעג און יאהרען, ווערט איהר אפט באפאלען פון אן אונקאנטראלירבארען פארלאנג אויסצודריקען אייערע געפיהלען. אט די איבערטרעטונגען פון די רעגלען ווערען איצט באשטראפט דורכדעם, וואס מען בארויבט אייך פון טאבאק און פון אייער זונטאגדיגען מיטאג. יעדען זונטאג ווערען פון 30 ביז 50 ארעסטאנטען איינגעשלאסען אויף דער אויבערשטער צע־לען־רייהע און זיי בלייבען אהן עסען דעם גאנצען טאג. דאס סיס־טעם ווערט אנגערופען „קיליקיור" („קיל אר קיור" — דאס הייסט: הרג'ע אדער הייל) און עס איז אין דעם פאראן א היבש ביסעל כאבאר. ווארים איך וויים פון א סך ארעסטאנטען, וועלכע האבען מאנאטען־לאנג ניט געקראגען קיין טאבאק אדער קיין זונטאגדיגען מיטאג.

פארוואלטער וויליאם דזשאנסטאן איז קענטיג א געבוירענער רשע, אן אכזר פון דער מאמע'ס מילך. ניט לאנג צוריק האט ער איינגעפיהרט די „בלינדע" צעל — די טיר באדעקט מיט מאסיווע פלאט־אייזען. ס'איז פיעל ערגער ווי די „קארב־צעלע", ווארים עס לאזט ווירקליך ניט דורך קיין לופט, און מענשען נוערען געהאלטען דארט פון 30 ביז 60 טעג. ארעסטאנט ווארנעל איז געווען פאר־שפארט אין אזא צעלע 79 טעג, און ער איז דארט פאראליזירט געווארען. אבער ערגער נאך ווי אט די באשטראפונגען איז די ראַ־פינירטערע ברוטאליטעט צו מאטערען די יונגען מיט דער אונזי־כערקייט וועגען זייער באפרייאונג און די אלץ גרעסערע בארוי־בונג פון זייער „גוטער צייט". דאס דאזיגע סיסטעם ענטוויקעלט וואהנזין צו א שרעקליכער שטופע.

אינמיטען פון אט דער הארצלאזיגקייט און גרויזאמקייט, איז דער גייסטליכער אן ערפרישענדער אאזיס פון מענשליכקייט. איך האב באמערקט אין איינעם פון אייערע בריף דעם אויסדרוק, „צו־ליעב עקאנאמישער נויטווענדיגקייט". און — איך האב זיך געוואונ־דערט. אהן צווייפעל, די ווירקונגען פון עקאנאמישע אורזאכען טארען ניט אונטערשאצט ווערען. אבער די עקסטרעמיסטען פון דער מאטעריאליסטישער אויפפאסונג רעכענען זיך ניט מיט'ן כא־

ראַקטער, און אויף אַזאַ'ן אופן העלפען זיי אים צו פאַרדאַרבען. דער פאַקטאָר פון פערזענליכקייט ווערט צו אַפט איגנאָרירט פון זיי. נעמט דעם גייסטליכען, צום ביישפּיעל. ניט קוקענדיג אויף דעם אַרומיגען זומפּ פון תּאוה און ברוטאַליטעט, ניט קוקענדיג אויף דער גאַנצער אַנטוישונג און אונדאַנקבאַרקייט, איז ער היינט, נאָך 30 יאָהר פון זיין אַמט, אַזוי פול מיט גלויבען אין דער מענש־ליכער נאַטור און אַזוי סימפּאַטיש און גרייט צו העלפען, ווי מיט יאָהרען צוריק. ער האָט געהאַט צו שטרייטען געגען פאַרשידענע אַדמיניסטראַציעס, און ער איז אַן אָרימאַן; די נויט האָט ניט דערשטיקט זיין איינגעבוירענע פריינדליכקייט.

און דערפאַר האָב איך זיך געוואונדערט. „עקאָנאָמישע נויט־טיגקייט" — האָט דער סאָציאַליזם דורכגעלעכערט די נעפּענגניס־ווענט?

ב.

ליעבער, ליעבער קאַמעראַד!

קאָנט איהר זיך פאָרשטעלען, ווי אייערע ווערטער: „איך בין סאָציאַליסטיש געניינט", האָט אַנגעוואָרימט מיין האַרץ? איך וואָלט געווען גליקליך, ווען איך קאָן אייך אויסדריקען די גאַנצע שטאַרקייט פון דעם, וואָס איך פיהל, מיין טייערער פ ר י י נ ד און ג ע נ אָ ס ע. דאָס וואָס איך האָב אַזוי אומגעריכטערהייט געפונען ביידעס אין אייך, — דאָס פאַרלייכטערט אויף אַן אומ־באַשרייבליכען אופן אַט די קלענליכע עקזיסטענץ. וואָס מאַכט עס אויס וואָס איהר טיילט ניט דורכאויס מיינע אַנזיכטען, — מיר זיינען קאַמעראַדען אין דער אַלגעמיינער באַוועגונג פון מענש־ליכער באַפרייאונג. ס'איז ווירקליך ווערט געווען אַריינצופאַלען אין דער צרה, אום אייך אויסצוגעפינען, טייערער פריינד. זיכער האָב איך גוטע גרינדע צו זיין צופרידען, זאָגאָר גליקליך. אייער פריינדשאַפט איז אַ קוואַל פון גרויסער קראַפט, און איך פיהל זיך בכח דורכצוקעמפען די צעהן מאָנאַטען, ערמוטיגט און אינספּירירט דורך אייער פריינדשאַפט און איבערגעבענקייט. יעדען אָוועגד מעק איך אויס דעם דאַטום פון מיין קאַלענדאַר, צופריעדען און פרעהלאַך מיט דעם געדאַנק, אַז איך בין אַ טאָג נעהענטער צו דעם טייערען מאָמענט, ווען איך וועל אומקערען מיין רוקען צו די דאָזיגע ווענט.

זיך אנשליסען אן מיינע פריינד אין דער גרויסער ארבייט, און זיך טרעפען מיט אייך, טייערער חבר, פנים אל פנים, דריקען אייער האנד און באגריסען אייך, מיין פריינד און גענאסע!

העכסט ברידערליך,

אלעקס.

## קאפיטעל 48.

# לעצטעג.

אויפ'ן היים־וועג,
„סוב ראָזאָ“, 15טער אפריל, 1905.

מיין טייערע מיידעל!

דער לעצטער פריהלינג איז דא, און א נעזאנג איז אין מיין הארץ. בלויז דריי חדשים נאך, און איך וועל זיך האבען פאנאנ־דערגערעכענט מיט „פאטער פענן“. עס בלייבט נאך דאס יאהר אין „ווארקהויז“, פארשטעהט זיך, און יענער געפעננגיס, זאגט מען מיר, איז זאגאר אן ערגערער ניהנום ווי דער דאזיגער. אבער איך פיהל זיך שטארק מיט די ליידען וואס זיינען אריבער און פיליכט מעהר נאך זאגאר מיט'ן וואונדערבארען דימענט וואס איך האב גע־פונען. דער מאן, וואס איך האב דערמאנט אין פריהערדיגע בריעף, האט זיך ארויסגעצייגט צו זיין א זעהר שעהנע נשמה און אן ערנסטער פריינד. אויף יעדען מעגליכען אופן האט ער זיך אלץ געמיהט צו מאכען מיין עקזיסטענץ וואס ערטרעגליכער. אויף וויפיעל ער וועט נאר קאנען, זאגט ער, וויל ער גוט מאכען די אונגערעכטיגקייט און די ברוטאליטעט פון דער געזעלשאפט. ער איז א סאציאליסט, מיט א ברייטען בליק אויפ'ן לעבען. אונזערע לענגערע דיסקוסיאנען (דורך בריוולאך) פארשאפען מיר א סך מאמענטען פון פארגעניגען און פרייד.

הויפטזעכליך זיינע אנשטרענגונגען וועל איך האבען צו פאר־דאנקען פאר דער אפלאז־צייט, וואס מען האט מיר ארונטערגערע־כענט פון מיין שטראף־טערמין. דער סענטימענט פון די אינספעק־

טארס איז ניט געווען גינסטיג. איך גלויב, זיי האבען געהאט בדעה צו רויבען ביי מיר צוויי יאהר „גוטע צייט“. שטעל זיך פאר, וואס דאס וואלט געמיינט פאר אונז! אבער מיין פריינד — מיין טייערער, הארציגער חבר, ווי איך רוף איהם מיט ליעבשאפט — האט שטיל אבער אהן אויפהער געארבייט, מיט דעם רעזולטאט, אז די אינספעקטארס האבען „אייגעזעהן זייער טעות“. ס'איז איצט באשטימט, אז איך וועל באפרייט ווערען אין יולי. דער דאטום איז נאך ניט זיכער. איך קאן זיך קוים פארשטעלען, אז איך וועל אין גיכען פארלאזען דעם דאזיגען פלאץ. די אנגסטען און די אומרוהיגקייט פון לעצטען מאנאט וואלטען געווען כמעט אונערטרעגליך, ווען ניט די טרייסטענדע אנוועזענהייט פון מיין איבערגעבענעם פריינד. איך האף, אז דו וועסט איהם ווען עס איז באגעגנען — מעגליך זאגאר אין גיכען, ווארים ער איז ניט פון די, וואס קאנען לאנג בלייבען הילפלאזע צושויער צו דער מאטערניש פון מענשען. ער וויל ארבייטען אין דעם ברייטערען פעלד, וואו ער זאל זיך קאנען אנשליסען אן די, וואס שטרעבען איבערצובויען, איבערצומאכען די צושטענדע, וועלכע זיינען באפעסטיגט מיט געפענגניס-גראטעס.

אבער דערוויילע, אזוי לאנג ווי די נויטווענדיגקייט צווינגט איהם צו פארבלייבען דא, ציינט זיך ארויס די גרויסקייט פון זיין כאראקטער. ער גיט אפ זיין צייט און זיינע מיטלען צו פארלייכטערען די לאסט פון די ארעסטאנטען. זיין גרויסמוטיגער אינטערעס האט אויפגעהאלטען מיין קראנקען פריינד הערי ביים לעבען, אין דער האפנונג אויף א באגנאדיגונג. עס וועט דיר פארשאפען טרויער צו הערען, אז די „באארד“ האט זיך אנטזאגט איהם צו באפרייען, אויפ'ן גרונד פון דעם, וואס ער איז ניט געווען „גענוג קראנק“. דער ארעמער יונג, וועלכער איז שטענדיג געווען אונטער דער שמירה פון א וועכטער, זינט ער איז געווען א קינד פון צעהן יאהר, איז געשטארבען א וואך נאכדעם ווי די באגנאדיגונג איז אנטזאגט געווארען.

אבער כאטש מיין חבר האט ניט געקאנט געבען פרייהייט צו הערי'ן, איז איהם געלונגען צו ראטעווען אן אנדער יונג'ס לעבען פון דעם תליון'ס הענט. ס'איז געווען דער פאל פון'ם יונגען פאול, א טיפ פון'ם געפענגניס אלס די ערציהונגס-שטוב פון פארברעכען.

דער יונגעל איז געצוואונגען געווען צו ארבייטען צוזאמען מיט א מאן, וואס האט איהם פארפאלגט און באליידיגט דערפאר, וואס ער האט מיט כעס צוריקגעוויזען אונאנשטענדיגע אנבאטען. פאול האט געהאלשען אן איין בעטען דעם פארוואלטעל איהם אריבערצו־פיהרען אין אן אנדער אפטיילונג; אבער זיינע בקשות זיינען איג־נארירט געווארען. די צוויי ארעסטאנטען האבען געארבייט אין דער בעקעריי. איין פריהמארגען, ווען זיי זיינען געבליבען אליין, האט דער מאן געמאכט א פארזוך צו פארגוואלטיגען דעם יונגעל. איז דעם קאמף, וואס האט געפאלגט נאכדעם, איז דער ערשטער דער־הרג׳עט געווארען. די געפענגנים־פארוואלטונג איז געווען אנט־שלאסען צו הענגען דעם יונגען בחור, „אין די אינטערעסען פון דיסציפלין". די באאמטע האבען אפען ערקלערט, אז זיי וועלען „איהם צורעכט מאכען". מען האט זיך אנטזאגט ארויסצוגעבען אן ערלויבניש פאר א געלט־זאמלונג, צו אנגאזשירען אן אדוואקאט פאר פאול׳ן. ארעסטאנטען, וועלכע האבען גערעדט צו גונסטען פון איהם זיינען שרעקליך באשטראפט געווארען; דער יונג איז אינגאנצען איזאלירט געווארען מיט א שטיקעל צייט פאר זיין פראצעס. ער איז געווען אבסאלוט הילפלאז, אליין. אבער מיין טייערער חבר איז געקומען פאול׳ן צו הילף און האט איהם גערא־טעוועט. די ארבייט האט געמוזט געטאן ווערען אין געהיים, און ס׳איז געווען א זעהר שווערע אויפגאבע צו קריגען עדות פאר דער פארטיידיגונג צווישען די ארעסטאנטען, וואס זיינען טעראריזירט געווארען פון די וועכטער. אבער דער חבר האט זיך אריינגע־ווארפען אין דער ארבייט מיט לייב און זעעל. טאג און נאכט האט ער געארבייט צו געבען דעם יונג א מעגליכקייט צו בלייבען לע־בען. ער איז כמעט צוזאמענגעבראכען, איידער דער יום־הדין איז אריבער. אבער דער יונג איז געראטעוועט געווארען; די געשווא־רענע האבען איהם באפרייט אויפ׳ן גרונד פון זעלבסט־פארטיידי־גונג.

דאס דערנעהענטערען זיך פון מיין באפרייאונג, ווען אפילו ניט מעהר ווי אריבערצוגעהן פון איין צעל אין אן אנדערער, מאכט מיך שרעקליך נערוועז. אבער זאגאר די בלויזע ענדערונג וועט זיין פאר מיר אן ערלייכטערונג. דערווייל טוט מיין איבערגעבענער פריינד אלעס וואס ער קאן נאר מיר צו העלפען אריבערטראגען

די שווערע משא. אויסער דעם, וואס ער זעהט עס זאלען מיר ניט פעהלען קיין פיזישע בעקוועמליכקייטען, פארזארגט ער מיר ברייטהארציג מיט ביכער און צייטשריפטען. עס העלפט צו פאר־טרייבען די שווערע, בלייענע טעג, און האלט מיך פארבונדען מיט דער וועלט׳ס ארבייט. דער חבר איז ענטוזיאסטיש איבער דער וואקסענדער קראפט פונ׳ם סאציאליזם, און מיר דיסקוטירען אפט דעם געגענשטאנד מיט פיעל פייער. מיר דוכט, אז דאס סאציא־ליסטישע יאגען זיך נאך ערפאלג פארדארבט ביסלאכוויז די וויכ־טיגסטע פרינציפען. מיט פיעל פארדרוס האב איך זיך דערוואוסט, אז די פאליטישע טעטיגקייט, וועלכע איז באטראכט געווארען בלויז אלס מיטעל צו פארשפרייטען סאציאליסטישע אידעען, איז ביס־לאכוויז געווארען א ציעל אן און פאר זיך אליין. דאס אנשטרענ־גען זיך צו קריגען פאליטישע מאכט שוואכט אפ דעם כאראקטער און די אידעאלען. דאס קומען טאג־טעגליך אין בארירונג מיט דער אויטאריטעט האט פארשטארקט מיין איבערצייגונג, אז דער קאנטראל פון דער רעגירונגס־מאכט איז א פוסטער, אן איינגע־רעדטער מיטעל פאר סאציאלע איבלען. אומפארמיידליכע פאל־גען פון פאלשע באגריפען קאנען ניט אפגעשאפט ווערען דורכ׳ן געזעץ. ניט בלויז די צושטענדען, נאר די פונדאמענטאלע אידעען פון דער איצטיגער ציוויליזאציע דארפען איבערגעשאצט ווערען, כדי צו מאכען פלאץ פאר נייע סאציאלע און אינדיווידועלע פאר־העלטעניסען. די עמאנציפאציע פון ארבייט איז דער נויטיגער ערשטער טריט אויף דעם וועג פון א נייגעבוירענער מענשהייט; אבער אויך דאס קאן דורכגעפיהרט ווערען בלויז דורך דעם ער־וואכטען באוואוסטזיין פון די ארבייטער, וועלכע זאלען האנדלען לויט זייער אייגענער איניציאטיווע און זייער אייגענער קראפט.

אין די דאזיגע און אנדערע פונקטען געהט מיין חבר זיך פא־נאנדער מיט מיר, אבער זיין שטארקע פריינדשאפט ווייסט ניט פון אינטעלעקטועלע אונטערשיידען. ער האט בדעה דיך צו בא־זוכען אין פארלויף פון זיין וואקאציע, אין אויגוסט. איך ווייס, דו וועסט איהם געבען צו פיהלען, ווי דאנקבאר איך בין איהם, ווארים איך קאן איהם קיינמאל ניט באצאהלען פאר זיין גרענעצ־לאזער איבערגעבענהייט.

ס א ש א.

טייערסטער חבר!

ס'האט אויסגעזעהן אזוי ווי יעדעס שטרעבען און יעדע האפנונג וואלט פלוצלינג ארויס פון מיין לעבען, ווען איהר זיינט פארשוואונדען אזוי געהיימניספול. איך האב זיך געפיהלט ווי געפייניגט, מורא האבענדיג פאר עפעס אן אומגליק. אייער אומ־קערען זיך האט מיך אנגעפילט מיט פרייד, און איך בין גליקליך צו וויסען, אז איהר האט געהערט און שנעל, אהן ישוב הדעת, געענטפערט אויף דעם רוף פון א הייליגער זאך.

איך בין אייך שטארק מקנא פאר אייער טעטיגקייט אין דעם פ. קרייז. די רעוואלוציע אין רוסלאנד האט מיך דורכגענומען ביז אין די סאמע טיפעניש'ן. דער ריעז וואכט אויף, דער שטו־מער ריעז, וואס האט געליטען אזוי געדולדיג, לאזענדיג הערען זיין אומגליק און זיין אגאניע בלויז אין דעם מיט פיין געלאדענעם ליעד און אויף די זייטלאך פון זיינע גארקי'ס.

טייערער פריינד, איהר געדענקט דאך נאך אונזער דיסקוסיע וועגען פלעווע'ן. פיליכט האב איך א טעות געהאט, ווען איך האב אויסגעדריקט די מיינונג, אז די היגריכטונג פון דעם מאנס־טער, וואס פאר אן ערמוטיגענדער צייכען פון אינדיווידועלער רע־וואלוציאנערער טעטיגקייט עס זאל נים זיין, קאן נים באטראכט ווערען אלס א מאניפעסטאציע פון סאציאלער ערוואכונג. אבער דער איצטיגער אויפשטאנד צייגט אהן צווייפעל אן אויף א ווייט פארשפרייטער רעבעליאן, וואס דריננט דורך דאס רוסישע לעבען. דאך וואלט עס וואהרשיינליך געווען צו אפטימיסטיש צו האפען אויף א זעהר ראדיקאלער ענדערונג. איך בין א סך יאהרען געווען אוועק פון מיין געבורטס־לאנד; אבער אין מיין יוגענד בין איך געווען נאהענט צו דעם לעבען און געדאנק פון דעם פויער. גרויסע שווערע קערפערס באוועגען זיך לאנגזאם. דער פראלעטאריאט פון די שטעדט איז זיכער דורכגענומען געווארען מיט רעוואלוציא־נערע אידעען, אבער דער הויפט עלעמענט פון רוסלאנד איז די אגראריש באפעלקערונג. אויסער דעם האב איך מורא, אז די הערשענדע רעאקציע איז נאך אלץ זעהר שטארק, הגם זי איז אהן צווייפעל אביסעל אפגעשוואכט געווארען דורך דער אומצופרידענ־קייט, וואס מאניפעסטירט זיך אין דער ארמעע און באזונדערס אין דער פלאטע. מיט מיין גאנצען הארצען האף איך, אז די רעווא־

לוציע וועט זיין ערפאלגרייך. מעגליך, אז א קאנסטיטוציע איז דאס העכסטע וואס מיר קאנען ערווארטען. אבער וואס עס זאל נים זיין דער רעזולטאט, דער בלויזער פאקט פון א רעוואלוציע אין דער לאנג־ליידענדער רוסלאנד איז אן אומגעהייערע אינספי־ראציע. איך וואלט געווען דער גליקליכסטער מענש אויף דער וועלט, ווען איך קאן זיך אנשליסען אן דעם ערליכען קאמף.

לאנג לעבען זאל די רעוואלוציע!

א.

טייערער חבר!

א דאנק פאר אייער פריינדליכען אנבאט. אבער איך בין אבסאלוט דאגעגען מען זאל נעהמען וואס פאר עס איז שריט צו באזייטיגען די „ווארקהויז״־שטראף. איך בין אפגעזעסען די אלע יאהרען, און איך וועל אויסהאלטען נאך איינעס. איך וויל נים בעטען קיין טובות ביי די שונאים. זיי וועלען זאגאר זייער אייגע־נעם געזעץ פארקריפלען, כדי ביי מיר אוועקצורייבען די פינף מא־נאטען „גוטע צייט״, צו וועלכע איך בין בארעכטיגט אין דעם לעצ־טען יאהר. ווי איך פארשטעה, וועט מען מיר ארונטערנעמען בלויז צוויי חדשים, אויף דעם לעבערליכען גרונד, אז דער „ווארקהויז״־טערמין בילדעט דאס ערשטע יאהר פון א נ י י ע ר שטראף! אבער איך וויל נים איהר זאלט זיך מיהען ווענגען דער אנגעלעגענ־הייט. איהר האט וויכטיגערע ארבייט צו טאן. גים אפ אייערע ענערגיען פאר דער גוטער זאך. גרייט צו דאס פעלד פאר דער מיסיע פון טשייקאווסקי און „באבושקא״, און איך וועל זיין מיט אייך אין גייסט, ווען איהר וועט אומארמען אונזערע בראווע קא־מעראדען פון דער רוסישער רעוואלוציע, וועמעס טייערע נעמען זיינען געווען א הייליגער אוצר פון מיין יוגענד.

מעג ערפאלג באלוינען די באמיהונגען פון אונזערע ברידער אין רוסלאנד.

א.

חבר!

נאר וואס געקראגען א ידיעה פון דעם „רעפיוטי״, אז מיינע פאפירען זיינען אונטערגעשריבען. איך האב נים געוואלט אייב

באאומרוהיגען, אבער איך האב מורא געהאט פאר עפעס אן אפ־האלט. אבער אצינד איז עס פאזיטיוו און באשטימט, — איך געה ארויס פון דאנען דעם 19טען. פונקט נאך איין וואך! דאס איז דער גליקליכסטער טאג אין דרייצעהן יאהר.

האנט־דרוק, קאמעראד.

א.

טייערסטער חבר!

מיין האנט ציטערט, בעת איך שרייב אט דעם לעצטען „זייגעזונד". אין א שטונדע ארום וועל איך שוין ניט זיין דא. מיין הארץ איז פול פאר פרייד. זייט אזוי גוט און שיקט איבער די איינגעשלאסענע בריוולאך צו מיינע פריינד, און אומארמט זיי אלע, אזוי ווי איך אומארעם אייך איצט. איך וועל לעבען אין דער האפנונג זיך צו טרעפען מיט אייך אלעמען איבער א יאהר. אדיע, טייערער, איבערגעבענער פריינד!

מיט מיין גאנצען הארצען,

אייער קאמעראד און חבר.

יולי 19. 1905.

טייערסטע מיידעל!

ס'איז מיטוואך אין דער פריה, דעם 19טען, ענדליך!

שטילער, שטילער, דו הארץ מיינס שלאג,

פארשליסט זיך אלע מיינע אלטע וואונדען;

ווארים דאס איז מיין לעצטער טאג

און דאס זיינ׳ן זיינע לעצטע שטונדען.

מיינע לעצטע געדאנקען צווישען די דאזיגע ווענט זיינען ווענגען דיר, מיין טייערע, טייערע סאניא, די אומפארענדערליכע!

ס א ש א.

## דריטער טייל

# די „וואָרקהויז"

# די „וואַרקהויז"

## 1.

די טויערען פון צוכט־הויז עפענען זיך, כדי מיך ארויסצולאָזען, און איך בלייב ניט ווילענדיג שטעהן ביי דעם צוביבערליכען אָנבליק. ס׳איז אַ גאַס: אַ רייהע הייזער שפּרייט זיך אויס פאַר מיר; אַ פרוי, יונג און מיט אַ וואונדערליך זיסען געזיכט, געהט פאַרביי אויף דער אַנדער זייט גאַס. מיינע אויגען פאָלגען נאָך איהרע חנ׳עוודיגע באַוועגונגען, בעת זי פאַרקירעוועט זיך אויפ׳ן ראָג. מענער שטעהען אַרום. זיי טראָגען ציווילע קליידער און באַטראַכטען מיך מיט נייגעריגע, דורכדרינגענדע בליקען.... די האַנט־קאַנדאַלען ווערען שטייף אָנגעצויגען אויף מיינע הענט, און איך פאָלג נאָך דעם שעריף צו דעם וואַגען, וואָס וואַרט אויף אונז. אַ קליין קינד לויפט פאַרביי. איך בויג זיך אַרויס פון פענסטער אַ קוק צו טאָן אויף דעם מערקווירדיג יונגען געזיכט מיט די ראָזעווע בעקעלאַך. אָבער דער וועכטער לאָזט אומגעדולדיג אַראָפּ דעם פאָרהאַנג, און מיר בלייבען זיצען אין טרויעריגען שטיל־שווייגען.

דער צויבער פון די ציווילע קליידער באַהערשט מיך. עס רופט אַרויס אַן ערפרעהענדען געפיהל פון מענליכקייט. ווידער און ווידער באַטראַכט איך מיינע קליידער, און טאַפּ די מעהרערע קעשענעס, אום צו איבערצייגען זיך אין דער ווירקליכקייט פון דער סיטואַציע. איך בין פריי, אַריבער די טרויעריגע גרויע ווענט! פריי? אפילו איצט נאָך אַ געפאַנגענער פונ׳ם געזעץ. דאָס געזעץ!...

דער לאקאמאטיוו סאפעט און קוויטשעט, און מיין געדאנק לויפט שנעל צוריק צו אן אנדער רייזע. ס׳איז היינט פונקט געוואָרן דרייצעהן יאהר מיט איין וואך זינט דאן. אויף די פליגלען פון א טיעפער, דורכדרונגענער ליעבע האט איך זיך געאיילט אנצושליסען אן דעם קאמף פונ׳ם אונטערדריקטען פאלק. איך האב פאר־לאזט מיין היים און מיינע פריינד, געאפפערט מיט דער פריהייט, און ריזיקירט מיין לעבען. אבער די מענשליכע גערעכטיקייט איז בלינד: זי זעהט ניט, ווי די זעעלע ברענט. בלויז דער שאס איז געהערט געוואָרען, פון דעם געזעץ, וואס איז טויב צו דער אגאניע פון ארביט. „מיין איז די ראכע״, זאגט ער. ביז דעם לעצטען טראָ־פען וועט ער פארגיסען בלוט, כדי ארויסצוקריגען זיין פולען פונט פלייש. צוועלף יאהר און צעהן מאנאטען! און איצט נאך א יאהר. וואס פאר א שרעקענס ערווארטען מיך אין דער נייער תפיסה? דער ארעמער, טרייער „פערד גנב״ וועט מיר שוין קיינמאל מעהר ניט צושמייכלען מיט זיין באגריסונג; ער האט ניט אויסגעהאלטען קיין זעקס חדשים אין דעם שרעקליכען „ווארקהויז״. אבער מיין גייסט איז שטארק; איך וועל ניט פארלירען קיין מוט. דאס דאזיגע קלייד איז דער זעהבארער, ממשות׳דיגער צייכען פון ווידער־אויפלעבונג. די איבערגעבענהייט פון אמת׳ע פריינד וועט מיך טרייסטען און אויפ־מונטערען. דער רוף פון דער גרויסער הייליגער זאך וועט געבען קרעפטען צו לעבען, צו קעמפען, צו זיעגען.

.2

א געפיהל פון ערנידעריגונג איבערוועלטיגט מיך, ווען איך דארף אנטאן דעם פארהאסטען אנצוג פון שווארצע און גרויע שטרייפען. דער חוצפה׳דיגער קוק פון דעם וועכטער דערוועקט מיין ביטערען צארן, ווען ער באטראכט פון נאהענט מיין נאקעטען קערפער. אבער אין א ווײלע ארום איז די אויספארשונג פאראיבער, און א געפיהל פון צופרידענקייט גנב׳עט זיך איבער מיר, ביי דער זיכערקייט פון מיין זעלבסט־רעספעקט.

די טאג־טעגליכע רוטינע איז פול מיט אומבאשרייבליכע יסורים. ווי צוגעוואוינט איך בין, דוכט זיך, צו געפענגעניס־באדינגונגען, גע־

פּין איך דאָך, אַז דאָס לעבען אין „וואָרקהויז" איז אַ קאָשמאַר פון גרויזאַמקייט, פּיעל, פּיעל ערגער ווי די ערגסטע, אונמענשליכסטע צושטענדען פונ'ם צוכט־הויז. די וועכטער זיינען בייז און ברוטאַל; די שפּייז שלעכט און ניט גענוג; באַשטראָפונגען פאַר דעם קלענס־טען חטא, מאַמענטאַן און אומ'ברחמנות'דיג. די צעלען זיינען זאָ־גאַר קלענער ווי אין צוכט־הויז און האָבען ניט קיין שטול און ניט קיין טיש. ס'הערט זיך פון זיי אַ מורא'דיג שלעכטער גערוך צוליב די אָפּטרעט־עמערס, וואָס געפינען זיך דאָרט און פאַר וועלכע עס ווערט ניט ערלויבט צו באַנוצען אַ שטיקעל פּאַפּיער. דאָס איינציגע וואַ־שען זיך פאַר אַ גאַנצען טאָג קומט פאָר אין דערפריה, ווען די אַרעס־טאַנטען שטעלען זיך אויס אין קאָרידאָר און מאַרשירען פאַרביי אַ קראַן פון לויפענדע וואַסער. דאַ כאַפּט יעדער איינער אין הויפען אביסעל וואַסער, פאַרבייגעהענדיג, ווארים די באַוועגענדע ליניע טאָר זיך ניט אָפּשטעלען. אבסאָלוטע שטילקייט הערשט אין צעלען־הויז און אין ווערקשטאָט. פאַר דער מינדעסטער באַוועגונג פון די ליפּען ווערט מען באַשטראָפט מיט דעם „בלעקדזשעק", אָדער אַריינגע־וואָרפען אין פינסטערען קעלער, וואָס ווערט מיט שפּאָס גערופען דאָס „ווייסע הויז".

די פאַרקערטע לאָגיק פונ'ם געזעץ, וואָס איבט אויס ביז אויפ'ן העכסטען גראַד דעם באַרבאַריזם אויף מענער, וואָס זיינען שולדיג אין קליינע חטאים! דורך דער גאַנצער בריט פונ'ם לאַנד זיינען די „וואָרקהייזער" באַריהמט אַלס גרויזאַמער אין יעדער הינזיכט ווי די צוכט־הייזער און די שטאַאַט־געפענגניסען, אין וועלכע עס זיצען מענשען, וואָס זיינען פאַראורטיילט פאַר גרויסע פאַרברעכענס. די „אַלעגהעני קאָונטי וואָרקהויז" פון דעם גרויסען שטאַאַט פּענסיל־וועניאַ, צייכענט זיך אויף אַז אומפאַרשעמטען אופן אויס אַלס דער שוואַרצסטער, פינסטערסטער גיהנום, וואו מענשען קומען אָפּ פאַר די זינד פון דער געזעלשאַפט.

ביי דער אַרבייט אין דעם בעזים־שאַפּ, געפין איך מיך אין אַ מערקווירדיג באַקאַנטער אומגעבונג. די געלט־גיעריגקייט פון דער פאַרוואַלטונג האָט אויסגעאַרבייט נאָך אונמענשליכערע מעטאָדען, איידער די, וואָס מען באַגעגענט אין דעם שטאַאַט־געפענגניס. אַר־בייטען, וואָס ווערען אַרויפגעלייגט אויף די אַרעסטאַנטען, טרייבען

זיי צו פיבערהאַפטער אַנשטרענגונג. ס׳איז קיין תירוץ ניט וואָס מען איז פיזיש ניט אומשטאַנד אָדער קראַנק, מען מוז אַרויסגעבען אַזוי פיעל וויפיעל ס׳איז באַשטימט, און די אַרבייט מוז זיין גוט געמאַכט. אין דער אַנפיהרונג פון די פאַרשידענע אינדוסטריען, ווערט דאָ געבראַכט יעדער מיטעל אויסצומיידען דאָס געזעץ, וואָס באַשרענקט אַרעסטאַנטען קאָנקורענץ, פונקט ווי עס ווערט געטאָן אין צוכט־הויז. די צאָהל פון אַרעסטאַנטען וואָס ווערען באַשעפ־טיגט ביי פּראָדוקטיווער אַרבייט שטייגט ווייט איבער דעם פּראָ־צענט, וואָס איז ערלויבט לויט׳ן געזעץ; די פאַרשריפטען צו באַ־שיצען פרייע אַרבייט ווערען אויף אַ געשיקטען אופן אויסגעמידען. די קאַרטלאַך, וואָס ווערען אַנגעטשעפּעט אַן די שאַפּ פּראָדוקטען, זיינען אַזוי געמאַכט, אַז זיי זאָלען קאָנען אַרונטערגענומען ווערען אַזוי גיך ווי די וואַארעס פאַרלאָזען דעם געפענגניס. די ווערטער „אַרעסטאַנטען־אַרבייט“, אַרויפגעדרוקט אויף דעם הענטעל פון בעזים, ווערען פאַרקלעפּט מיט צעטעלאַך, וואו עס ווערט ניט דערמאָנט קיין וואָרט וועגען דעם פּלאַץ, וואו די אַרבייט ווערט פאַבריצירט. דאָס אַנטי־אַרעסטאַנטען־אַרבייטס־געזעץ, וואָס איז אייגענטליך אַ סימבאָל פון פּאָליטישער עראָבערונג פון די אַרבייטער, ווערט צו־נישט געמאַכט אין יעדער הינזיכט.

וואָס פאַר אַ חוזק־מאַכעריי פון געזעץ אין זיין סאַמע הייליג־סטען אָרט, אין זיין „קודש־קדשים“! דאָ מויערט די געזעצליכע גע־רעכטיגקייט איין איהרע קרבנות; דאָ ווערען באַגראָבען די ענט־ערבטע, די אָרעמע, וועמעס שמאַטעס און לאַטעס שטערען דאָס פאַרגניגען פון די אַנשטענדיגע לייט; דאָ ווערען מענשען באַ־שטראָפט פאַר ברעכען דאָס געזעץ. און דאָ ווערט דאָס געזעץ יעדען טאָג און יעדע שעה איבערגעטראָטען פון זיינע פרומע הויב־פּריסטער.

3.

דאָס אונמיטעלבאַרע ציהט זיך אויס אויף דעם שטריקעל, וואָס האַלט אין זכרון די אומגעבונג פונ׳ם צוכט־הויז. דאָך ציטערן נאָך די אָדערן פון דער געגענדיגטער עקזיסטענץ מיט דעם אָנדענקען פון פריינד און געמיינשאַפטליכע ליידען. די בריוולאַך פון ריווערסייד

זיינען דורכגעווייקט מיט טרערען פון עלענד און נויט. נאָר דזשאָהני, דער יונגער אונגאַר, שלאָגט אַן אַ טאָן פון מונטערקייט, פון פרייד: זיין געפענגנים־טערמין האַלט ביים אויסגעהן; ער וועט זיך אָפּ־געבען צו שטיצען די קליינע קינדער, ביי וועמען ער האָט אַזוי אומ־גערן אוועקגערויבט זייער פאָטער. אינצווישען מונטערט ער מיך אויף, גיט מיר מוט און האָפנונג, און פון דעם ביסעל געלד, וואָס ער קריגט פאַר זיין פיינע האַנט־ארבייט, שיקט ער צוויי דאָלאַר „כדי מיר ארויסצוהעלפען". ס'האָט איהם זעהר לייד געטאָן, שרייבט ער, וואָס ער האָט מיר ניט געקאָנט זאָגען דעם לעצטען „אַדיע", ווייל דער פאַרוואַלטער האָט אָנטזאָגט די ביטע, וועלכע איז געווען אונ־טערשריבען פון צוויי הונדערט ארעסטאַנטען, אז מען זאָל מיר ער־לויבען דורכצוגעהן דורך די גאַלעריען און זיך געזעגענען מיט זיי. אָבער באַלד, באַלד וועלען מיר זיך זעהן אין פרייהייט.

ווערטער פון פריינדשאַפט גליהען מיט אַ הערליכען שיין אין דער פינסטערניש פון דער געגענוואַרט און באַצויבערען מיינע ווי־זיאָנען פון דער נאָהענטער צוקונפט. די קומענדע פרייהייט וואַרפט מיר צו ווארעמע שטראַהלען, און איך געפין זיך אין דער אַטמאָס־פערע פון מיינע קאַמעראַדען. דאָס מיידעל און מיין חבר ברענגען מיט די פייערן פון יונג־רוסלאַנד. מיין מוח איז שטאַרק פאַרנומען מיט די בילדער פונ'ם גרויסען קאַמף, וועלכע טראָגען מיך אריבער צו די טעג פון מיין יוגענד. אין דעם קליינעם אַפּאַרטמענט אין ניו יאָרק האָבען מיר דאָן אָנגעצייכענט מיט שאַרפע שטריכען דעם שיקזאַל פון דער וועלט — דאָס מיידעל, דער „צווילינג" און איך. אין דער פינסטערער, קליינער קיך, אין דעם רויך פון דעם קראַנקען אויווען, האָבען מיר געפּלאַנעוועט אונזער קאָנספּיראַטיווע ארבייט אין רוסלאַנד. אָבער די מאָמענטאַנע נויטיגקייט האָט אַנדערש גע־וואָלט. האָמסטעד האָט אויסגעקלונגען דעם פרעליוד פון ערוואַכונג, און מיין הארץ האָט אָפּגעענטפערט אויף די אינספּירירענדע קלאַנגען.

די פאַרשאָטענע פייערען פון שטרעבען גליהען זיך פאַנאַנדער, ווערען לעבעדיג. וואָס מאַכט עס אויס וואָס עס וועט זיין דער באַל־דיגער אויסגאַנג פון דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד? די בענקשאַפט פון מיין יוגענד לויפט אויף מיט ספּאָנטאַנע קראַפט. לעבען מיינע קעמפען! קעמפען געגען צ ע ז אַ ר, זייט ביי זייט מיט'ן פאָלק:

ליידען מיט זיי, און שטארבען, אויב נויטיג. דאס הייסט לעבען. עס וואלט מיר לייד טאן זיך צו שיידען מיט'ן חבר זאגאר בעפאר איך האב טיעף אריינגעקוקט אין דעם איבערגעבענעם געזיכט. אבער דאס מיידעל ברענט מיט דעם גייסט פון רוסלאנד: ס'וועט זיין א זיסע ארבייט צוזאמען. די ערד פון מאנאנגאהעלא, אנגעלאדען מיט יאהרען פון אנגסט און פיין, איז מיר געווארען טייער. ווי דער קרעכץ פון א צוריסענער סטרונע, אזוי קלאגט דער געדאנק וועגען צושיידען זיך. אבער קיין באנדען פון ליעבשאפט וועלען ניט שפי־לען אויף די סטרונעס פון מיין הארץ. דאך — דאס זיסע געזיכט פון א קליין מיידעל רייסט זיך אריין אין מיין וואכען טרוים, א בליק פון פארווארפענדען טרויער אין די גרויסע, פארטראכטע אוי־גען. ס'איז די קליינע סטעללא. די לעצטע יאהרען פון מיין לעבען אין צוכט־הויז האבען ארויסגעכאפט מעהר ווי איין שעהנקייט פון איהר באצובערענדער קארעספאנדענץ. גאנץ אפט האב איך גע־זוכט א טרייסט אין דער שעהנער פאטאגראפיע פון איהר נשמה'דיג געזיכט. מיט שטומער צערטליכקייט האט זי געטיילט מיין וועהטאג ביי דעם פארלוסט פון העריין; איהרע ליפען האבען געאטעמט מיט זיסען באלזאם. גרויע טעג האבען זיך אנגעווארעמט פון איהר שמייכעל, און איך האב איהר געשאנקען אלע צערטליכקייטען, מיט וועלכע איך בין געוועזען איבערפילט. דאס וועט אויף א געוואלטיגען אופן דערשטיקען איהר שטימע אין מיין הארץ, אבער דער רוף פון דעם מוזשיק קלינגט אפ קלאר, באצווינגענדיג. אבער דאך, ווער ווייס? די רעוואלוציע קאן זיין פאראיבער נאך פאר מיין ווידער־אויפלעבונג. אין דעם רעפובליקאנישען רוסלאנד, מיט איהר אויפ־געקלערטען סאציאלען פראטעסטאנטיזם, וועט ס'לעבען זיין פולער, רייכער ווי אין דער דאזיגער קלעגליכער בורזשואזער דעמאקראטיע. די פרייהייט וועט ברענגען מיט זיך דעם פראבלעם פון זעלבסט־ערהאלטונג, פון א לעבען מאכען. אבער ס'איז נאך צו פריה צו מא־כען באשטימטע פלענער. די לאנגע יאהרען פון מיין געפענגניס־לעבען האבען מיך וואהרשיינליך אונפעהיג געמאכט פאר שווערע ארבייט, אבער איך וועל געפינען מיטלען צו פארדינען אויף מיינע געוועהנליכע באדערפנישען, ווען איך וועל האבען ארפגעווארפען פון זיך די פענטעם פון מיין אומפרייוויליגען פאראזיטיזם.

דער געדאנק פון צערטליכקייט, די פרויען־ליעבע, נעמט מיך

דורך מיט עקסטאַז, און באַפאַרבט מיין עקזיסטענץ מיט געפיהלען פון אַ מאָדנער גליקזעליגקייט. אָבער די איינזאַמע שטונדען וועלען אָנגעפילט מיט שרעק, פיליכט וועט מיין לעבען פאַרבלייבען אויף אימער אָהן דער ליעבע פון אַ פרוי. אָפט באַהערשט מיך די מורא ביז דער שטאַרקסטער פאַרצווייפלונג, ווען מיין מוח איז פול מיט געדאַנקען וועגען דעם אַנדערן געשלעכט. די געדאַנקען וועגען דער פרוי פאַרטונקלען דעם אָנדענקען פון די געפענגניס-פריינדשאַפטען, און די פינסטערניש פון דער געגענוואַרט ווערט באַפעדימט מיט דער זילבערנער נאָדעל פון ליעבעס-האָפנונגען.

## 4.

די מאָנאָטאָנקייט פון דער טאָג-טעגליכער ארבייט, די דעגראַדירונג און ערנידערונג געפאַלט פיעל שווערער אין דעם שאָטען פון פרייהייט. איך האָב ניט קיין כוחות צו טאָן די שווערע ארבייט אין ווערקשטאָט, אָבער די האָפנונג, אַז איך וועל קריגען מיין פולע „גוטע צייט", האַלט מיך אויף. דאָס געזעץ ערלויבט אַרונטערצורעכענען פינף מאָנאַטען פון יעדען יאָהר, אָנפאַנגענדיג מיט דעם ניינטען יאָהר פון אַ געפענגניס-שטראָף. אָבער דער סופּערינטענדענט האָט מיר ערקלערט, אַז איך וועל פיליכט קריגען דעם בענעפיט פון בלויז צוויי מאָנאַטען, אַלס אַ „נייער" ארעסטאַנט, וואָס זיצט אָפּ דאָס ערשטע יאָהר פון אַ „וואָרקהויז"-שטראָף. די באָארד פון דירעקטאָרען וועט אָהן צווייפעל אָננעמען דעם שטאַנדפּונקט, רייצט ער זיך אָפט מיט מיר. מיין אויפגעבראַכטקייט געגען זיין באַהאַנדלונג, צוזאַמען מיט מיין פּראָטעסט געגען דאָס באַליידיגען פון אַ מיט-ארעסטאַנט, האָבען געפיהרט דערצו איך זאָל אריינגעזעצט ווערען אין איינצעהלאַפּט. מיין טייערער חבר וויל ניט אַנדערש נאָר אָננעמען געזעצליכע מיטלען צו קריגען מיין פולע „גוטע צייט"; ניט קוקענדיג אויף מיין אַבסאָליוטער אַנטזאָגונג זיך צו ווענדען צו די געריכט-הייזער, האָט ער אָנגעפאַנגען אַ געהיימען קאַמפּיין צו דערגרייכען זיין צוועק. די צייט שלעפּט זיך אין פייניגענדער אומזיכערקייט. וואָס אַ טאָג ווערט די איינצעלהאַפּט אַלץ שטיקענדער, זי טרייבט מיך צום וואַהנזין, אַזוי אַז מיין מוח קערט זי שיעור ניט איבער פאַר שרעק פון דער בית-עולם-שטילקייט. ווי פרעהליכע

מוזיק קלינגט דער שטרענגער באפעהל: „עקזערסייז!" וואס רופט די ארעסטאנטען צום שפאציר אין הויף.

טריט ביי טריט געהען מיר ארום דעם הויף, און דער קלאנג פון טשארלי'ס קייט קלאפט טרויעריג צו צום טאקט. ער האט געמאכט אן אונגעלונגענעם פרזוך צו אנטלויפען, און ער איז דערפאר באשטראפט געווארען מיט דער קייט. דאס אייזען שניידט זיך איין אין זיין קנעכעל, און ער שלעפט זיך מיט וועהטאג אונטער דעם שווערען געוויכט. לעבען מיר וואקעלט זיך בילי, זיין לינקע זייט איז אינגאנצען פאראליזירט, זינט ער איז ארויסגעלאזען געווארען פון דעם „ווייסען הויז". אלע ארום מיר זיינען קאליקעס. איך געפין זיך אין דער מיט פון'ם סאציאלען אבפאל: די געלוימטע און די הינקענדיגע, די געבראכענע אין קערפער און גייסט, וואס קאנען מעהר ניט ארבייטען, וואס קאנען זאגאר ניט באגעהן מעהר קיין פארברעכען. אט די זיינען געווען די געבענשטע פון דעם נוצרי, פון קריסטוס'ן; און אט די ווערען פון א קריסטליכער וועלט צובראכען, געמוטשעט צום טויט. אויך זיי זיינען א טייל פון מיין מיסיע, זיי מעהר ווי אלע אנדערע — אט די לעבעדיגע פאראורטיילונגען פון א קרעציגען סיסטעם, די אויסגעשטויסענע פון גאט און מענשען.

די שוועל פון פרייהייט איז געדיכט פארזעעט מיט נויט און פיין. די טעג זיינען אונערטרעגליך צוליעב דער נערוועזער אומרוהיגקייט, די נעכט שוידערליך איבער די שטונדען פון גרויזאמער שטילקייט, — די ענדלאזע, ענדלאזע שטונדען. פיבערהאפט שפאן איך ארום איבער דער צעלע. דער טאג וועט אריבערגעהן, ער מוז אריבערגעהן. מיט אן עהרווירדיגען געפיהל בענש איך די פארשעמטע זונן, בעת זי פארגעהט דארט הינטער דעם מערב הימעל. איין טאג נעהענטער צו דער פרייהייט, וואס ערווארט מיך, מיט אומבאשרענקטען זונען־שיין און לופט און לעבען הינטער די פארהאסטע גרויע ווענט, ארוים אין דעם טאג־ליכט, אין דער אפענקייט. די אפענע וועלט!... דער גערוך פון פריש־געשניטענעם העי איז אין מיינע נאזלעכער; גרינע פעלדער און וועלדער שפרייטען זיך אויס פאר מיר; אנגענעהם, זים מורמעלט דער בארג־קוואל. ארויף צו דעם שפיץ בארג, צו די ווינטעלאך און דעם זונען־שיין, וואו דער

שטורם ברעכט זיך אין זיין ווילדען אימפעט איבער מיין ניט באַ־
דעקטען קאָפּ. ווילקאָמען דער רעגען און דער ווינט, וואָס קערען
אַראָפּ דעם שמוציגען געפּענגנים־שטויב פון מיין האַרץ, און בלאָזען
אריין לעבען און קראַפט אין מיין וועזען! ציטערענדיג אין עקס־
טאַז איז דער געדאַנק פון פרייהייט. אַרויס אין די וועלדער, אַוועק
פון דעם עפּוש פון דער קאַניבאַלישער וועלט וועל איך וואַנדערן.
האַרט צו דעם אָטעם פון דער נאַטור וועל איך צודריקען מיינע
פאַרטריקענטע ליפּען. אויף איהר בוזעם וועל איך פאַרברענגען
מיינע טעג, טרינקענדיג זאַפט און קראַפט פון דער אַלוועלטליכער
מוטער. און דאָרט, אין פרייהייט און זעלבסטשטענדיגקייט, אין דער
וויזיאָן פון די בערג־שפּיצען, וועל איך אויסרופען דעם געשריי פון
די נעזועלשאַפטליכע יתומים, פון די באַגראַבענע און די באַרויבטע,
און איך וועל ווייזען די לעבעדיגע דאָס בענקענדע, דראָהענדע גע־
זיכט פון וועהטאָג און פּיין.

## פערטער טייל

# די ווידער־אויפלעבונג.

# די ווידער־אויפלעבונג

.1

די נאַנצע נאַכט קאַטשע איך זיך שלאַפלאָז אויפ׳ן געלעגער און שפאַן אַרום איבער דער צעלע אין נערוועזער אויפרעגונג, וואַר־טענדיג אויף דעם פריהמאָרגען. מיט אומרוהיגער פרייד זעה איך, ווי די פינסטערניש צוגעהט, פאַרשווינדט, אזוי גיך נאָר ווי די ערשטע שטראַהלען זאָגען אָן דאָס אַנקומען פון דעם טאָג. ס׳איז דער 18טער מאַי — מיין לעצטער טאָג, מיין סאַמע לעצטער! נאָך עטליכע שטונדען, און איך וועל דורכגעהן די טויערען, און איינזאַפּען אין זיך דעם וואַרעמען זונען־שיין און די באַלזאַמירטע לופט, און זיין פריי צו געהן און קומען וואו און ווען איך וויל, נאָך דעם קאַשמאַר פון דרייצעהן יאָהר און צעהן מאָנאַטען אין געפענגניס, צוכט־הויז און „וואָרקהויז“.

מיין טריט פאַרשנעלערט זיך וואָס מעהר איך טראַכט וועגען דער אויפרעגונג פון דער דרויסענדיגער וועלט, און איך פאַרזוך צו פאַרטרייבען די שווערע שטונדען, דענקענדיג וועגען דער פרייהייט און וועגען פריינד. אָבער מיין מוח איז ווי צומישט; איך קאָן ניט קאָנצענטרירען מיינע געדאַנקען. בילדער פון דער נאָהענטער צו־קונפט, געשטאַלטען פון דער פאַרגאַנגענהייט בליצען אויף פאַר מיינע אויגען און שטופּען איינס דאָס אַנדערע אין אַ ווילדער צומישעניש.

מיין געדאַנק קערט זיך אַלץ ווידער און ווידער אום צו דער אומ־ניצליכער גרויזאַמקייט, וואָס האָט מיך געהאַלטען אין געפענגניס דריי מאָנאַטען איבער מיין צייט. ס׳איז געווען בלויזער סאַפּיזם

מיך צו באטראכטען אלס א „נייער" ארעסטאנט, וואס איז בארעכ־טיגט בלויז צו צוויי חדשים „גוטע צייט". דער פאקט איז, אז איך בין דא אפגעזעסען דאס לעצטע יאהר פון א צוויי־און־צוואנציג יאה־ריגע געפענגניס־שטראף. און דערפאר האט מען מיר באדארפט ארונטעררעכענען פינף מאנאט. דער סופעריגטענדענט האט מיר גע־האלטען אין איין צוזאגען, אז ער וועט מיר לאזען וויסען וועגען דעם באשלוס פון דער „דירעקטארען־באארד", און יעדען טאג, אין פאר־לויף פון וואכען און חדשים, האב איך אומגעדולדיג געווארט אויף זייער ווארט. ס'איז קיינמאל ניט געקומען און איך האב געמוזט אפזיצען די פולע צעהן מאנאט.

אבער אה, ס'איז דאך שוין כמעט אריבער איצט! איך האב פארבראכט מיין לעצטע נאכט דא אין צעל, און דער פריהמארגען איז דא, דער טייערע, געבענשטער פריהמארגען!

ווי לאנגזאם די מינוטען קריכען! איך הער זיך צו אויפמערק־זאם און איך כאפ דעם קלאנג פון שלעסער, וואס ווערען אויפגע־שלאסען אין דער אונטערשטער צעלען־רייה: ס'איז דער נאכט־קעפטיין וואס לאזט ארויס די קיך־מענער צו צוגרייטען אנבייסען — פינף אזייגער אין דערפריה! נאך צוויי און א האלב שטונדען, איי־דער איך וועל גערופען ווערען; צוויי ענדלאזע שטונדען, און דאן נאך דרייסיג לאנגע מינוטען. וועלען זיי ווען עס איז אריבער־געהן?... און ווידער שפאן איך ארום איבער דער צעלע.

2.

דער גלאק קלינגט אלס צייכען, אז ס'איז צייט אויפצושטעהן. אין גרויסער אויפרעגונג נעהם איך צוזאמען מיינע דעקעס, דאס בלעכען קענדעל און לעפעל, וועלכע מוזען צוריק אפגעגעבען ווערען אין אפיס איידער איך ווער באפרייט. מיין הארץ קלאפט שטארק, בעת איך שטעה ביי דער טיר, ווארטענדיג מען זאל מיך רופען. אבער דער וועכטער שליסט אויף די טירען פון די צעלען און בא־פעהלט מיר „אריינצופאלען אין ליניע פאר אנבייסען".

די געשטרייפטע ליניע דרעהט זיך ארונטער די טרעפ, פארביי דעם שארף־אויגיגען „דעפיוטי", וואס שטעהט אינמיטען קארידאר,

און ציהט זיך לאנגזאם דורכ׳ן צענטער, וואו יעדער ארעסטאנט קריגט זיין פּארציע ברויט פאר׳ן טאג און קערט זיך אום צו זיין אפּטיילונג. דער שליסעל־מאן, מאכענדיג זיין טור איבער דער צעל־לען־רייה, ווארפט א בליק אין מיין צעלע. „ארבייטסט ניט“, זאגט ער מעכאניש, צוקלאפּענדיג די טיר מיר אין פּנים אריין.

„איך געה היינט ארויס“, פּראטעסטיר איך.

„ניט ביז וואנען מען וועט דיך רופען“, ענטפערט ער, מיך פאר־שליסענדיג אינעווייניג.

איך שטעה ביי דער טיר מיט געשפּאנטער אויפמערקזאמקייט. איך שפּיץ אן מיין אויער צו הערען דאס אנקומען פון א וועכטער, וואס זאל מיך רופען אין אפיס, אבער אלעס בלייבט שטיל. אן אומ־באשטימטער שרעק גנב׳עט זיך איבער מיר: ווער ווייס? אפשר וועלען זיי מיר גאר ניט באפרייען היינט; ס׳קאן זיין איך זאל פארלירען נאך צייט... א געפיהל פון איבעלקייט קומט איבער מיר, אבער מיט א שטארקער אנשטרענגונג ווארף איך אראפּ פון זיך די שרעקליכע איינבילדונג, און פארשנעלער מיינע טריט. איך טאר ניט טראכטען — ניט טראכטען...

ענדליך! דער ריגעל ווערט ארויסגערוקט, מיין צעל אפּגעשלאָ־סען, און צוזאמען מיט א טוץ אנדערע ארעסטאנטען מארשיר איך צו דעם קליידער־צימער, אין אן איינצעל־רייה און מיט געשלאסענע טריט. אומגעדולדיג ערווארט איך מיין רייה, בעת עטליכע ארעס־טאנטען טוען זיך אויס און זייערע נאקעטע קערפּערס ווערען עק־זאמענירט, צי זיי האבען נישט ביי זיך קיין קאנטראבאנד אדער באהאלטענע פּאפּירען. דער אויפזעהער ווארפט צו יעדען מאן א קליין זעקעל, וואו עס ליגען דעם ארעסטאנט׳ס ציווילע קליידער. דערביי שרייט ער אויס גראב: „העי דו! נעהם ארונטער די קליידער און טו זיך אן אין דיינע שמאטעס“.

איך טו זיך אן שנעל. א וועכטער באגלייט מיך אין אפיס, וואו מען קערט מיר אום מיינע זאכען: אביסעל געלד, וואס מיינע פריינד האבען צוגעשיקט, מיין זייגער און דאס שטיקעל עלפאנט־ביין, וואס דער שליסעל־מאן פון צוכט־הויז האט ביי מיר צוגע־גנב׳עט, און וואס איך האב דרינגענד פארלאנגט צוריקצוקריגען איי־

דער איך וועל פארלאזען ריווערסייד. דער אפיס־באאמטער דער־לאנגט מיר א באהן־בילעט קיין פיטסבורג. (די רייזע קאסט אן ערך דרייסיג סענט.) און איך ווער אפגעפיהרט צו דעם טויער פון גע־פענגנים.

## 3

די זון שיינט העל אין הויף, דער הימעל איז קלאר, די לופט איז פריש און דערקוויקענד. אט וועט זיך דער לעצטער טויער עפע־נען, און איך וועל זיין אויסער דער אויפזיכט פון דעם וועכטער, אויף דער אנדער זייט פון די גראטעס — אליין! ווי האב איך געהונ־גערט נאך דער דאזיגער שטונדע! ווי אפט אין די פארגאנגענע יאהרען האב איך געטרוימט פון דעם דאזיגען אנטציקענדען מאָ־מענט — צו זיין אליין, ארוים אין דער פריי, ווייט אוועק פון די באליידיגענדע אויגען פון מיינע שומרים! איך וועל אוועקלויפען פון די דאזיגע ווענט און קניען אויף דער ווארעמער גראז־ערד און קושען דעם באדען און אומארמען די בוימער, און מיט א געזאנג פון פרייד דאנקען דער נאטור פאר איהרע ברכות, פאר דעם זונשיין און די לופט.

די דרויסענדיגע טיר עפענט זיך אויף פאר מיר, און איך געפין זיך פנים אל פנים מיט רעפארטערס און קאמעראס. עטליכע הויכע מענער קומען צו מיר צו. איינער פון זיי ריהרט אן מיין אקסעל, קערט אוים דעם לאפעל פון זיין ראק, ווייזענדיג א צייכען, אז ער איז א פאליציי־באאמטער, און זאגט:

„בערקמאן, איהר דארפט פארלאזען די שטאדט איידער עס ווערט נאכט, לויט'ן באפעהל פון דעם משיעף״.

די דעטעקטיווס און רעפארטערס, וועלכע געהען מיר נאך צו דער דערבייאיגער באהן־סטאנציע ציהען די אויפמערקזאמקייט פון א נייגעריגען עולם. שנעל כאפ איך זיך אריין אין א קאר, כדי אויס־צומיידען זייער צודרינגליכען בליק. דערביי בין איך צופרידען, וואס איך האב געווירקט אויף מיינע פריינד, זיי זאלען מיך ניט אפוואר־טען ביים געפענגנים.

מיין מוח איז פארנומען מיט פלענער ווי אזוי צו איבערכיט־רעווען די געהיים־פאליציסטען, וועלכע זיינען אריין אין דעם זעל־

בען וואגאן. איך האב אפגעמאכט זיך צו טרעפען מיט דער מיידעל אין דעטראיט. איך האב ניט קיין באזונדערע אורזאך צו באהאל־טען מיינע באוועגונגען, אבער איך קאן ניט פארטראגען דאס שפיא־נירען. איך מוז אויף וואס עס פאר אן אופן פטור ווערען פון די שפיאנען; איך וויל ניט, אז זייערע פארהאסטע אויגען זאלען פארשוועכען מיין באגעגעניש מיט דער מיידעל.

איך פיהל ווי בארוישט. די קורצע רייזע קיין פיטסבורג איז אריבער, איידער איך קאן נאך צוזאמעננעהמען מיינע געדאנקען. דער ליארם און טומעל שניידען מיר אין די אויערען; די איילענדע קארס, די קלינגענדע גלעקלאך מאכען מיך ווילד. איך האב מורא אריבערצוגעהן די גאס; די פליהענדע שדים יאגען מיר נאך אויף יעדע זייט. די מענשען־מאסען שטופען מיך אויפ׳ן טראטואר, און איך שלאג זיך אלע וויילע אן אן א פארבייגעהער. דער טומעל, די ענדלאזע באוועגונג, שלאגט מיך ארויס פון גלייכגעוויכט. א וואגען אהן פערד זשוזשעט הארט נעבען מיר; איך דרעה זיך אום א קוק צו טאן אויף דעם ערשטען אויטאמאביל, וואס איך האב ווען געזעהן, אבער דער לעבעדיגער שטראם שלעפט מיך הילפ־לאז אוועק. א פרוי געהט פארביי נעבען מיר, מיט א קינד אין איהרע ארעמס. די בייבי זעהט אויס מאדנע קליין, א פי־צעלע, מיט א ראזעווע חן־געריבעלע אין דעם לאבענדען פנים׳על. איך שמייכעל צוריק צו דעם קליינעם מלאד׳ל, און מיינע אוי־גען באגעגענען דעם בליק פון די דעטעקטיווס. א ווילדער גע־דאנק צו אנטלויפען, זיך ארויסצודרעהען פון זיי, באהערשט מיך, און איך פארקירעווע זיך אין א זייטיגע גאס, און געה אהן א ציל, שנעלער און שנעלער. א פלוצלינגער אימפולס כאפט מיך ארום ביים אנבליק פון א פארביילויפענדער קאר, און איך לאז זיך לוי־פען נאך איהר.

„פעיר, פליעז!“ זינגט אויס דער קאנדוקטאר, און איך צולאך זיך כמעט אויפ׳ן קול ביי דעם דורכלויפענדען געפיהל וועגען דער מאטעריעלער ווירקליכקייט פון דער פרייהייט. זיך כאפענדיג גלייך ווי מאדנע מיין האנדלונג קוקט אויס, דערלאנג איך דעם קאנדוקטאר א דאלאר, און א געפיהל פון דערפרעהענדער זעלבסט־

שטענדיגקייט קומט איבער מיר, ווען דער מאן צעהלט אויס די זילבערנע מטבעות, וואס ער גיט מיר אויסגאב. איך קוק איהם נאך, אויסצוגעפינען צי ער דערקאנט מיך. פארשטעהט ער, אז איך בין נאר וואס ארויס פון געפענגניס? ער קערט זיך אפ, און איך פיהל דאנקבאר צו מיין טייערען חבר, וואס האט אין זינען געהאט מיך צו באזארגען מיט א נייעם אנצוג. ס'איז פונדעסט־וועגען זאנדערבאר, וואס דער קאנדוקטאר האט ניט באמערקט מיי־נע קורץ־געשוירענע האר. אבער דער מאן וואס זיצט אנטקעג־נען מיר קוקט אויס, ווי ער וואלט מיך געהאלטען אויפ'ן אויג. אפשר האט ער מיך דערקאנט דורך מיין בילד אין די צייטונגען; אדער מעגליך, אז מיין שטרוי־הוט האט גאר געצויגען זיין אויפ־מערקזאמקייט. איך ווארף א בליק ארום מיר. קיינער טראגט נאך ניט קיין זומער הוט; ס'מוז זיין נאך צו פריה אין סעזאן. איך וואלט דעם הוט באדארפט אומבייטען: די דעטעקטיווס וואל־טען מיר דאן ניט געקאנט נאכפאלגען אזוי לייכט. ווי געפעלט איך? אט זיינען זיי דאך דארט אויף דער הינטערשטער פלאט־פארמע!

ביים נעקסטען אפשטעל שפרינג איך אראפ פון קאר. א הוט־שילד קומט מיר פאר די אויגען, און איך געה אריין אין געוועלב, און דערנאך גנב'ע איך זיך שטילערהייט ארויס דורך א זייטיגער טיר, מיט א טונקעלען שטייפען הוט אויפ'ן קאפ. איך געה שנעל, פאר א היבשע, ווייל'ע, ב'געה אריין אין עטליכע קארס, און דאן געה איך ווייטער צו פוס, ביז איך געפין זיך אין א פאר־לאזענער גאס. קיינער געהט מיר איצט ניט נאך; די דעטעק־טיווס האבען געמוזט פארלירען יעדע שפור פון מיר. איך פיהל זיך שטארק פארמאטערט. וואו אשטייגער וואלט איך זיך גע־קאנט אויסרוהען? פרעג איך זיך אליין. פלוצלינג דערמאן איך זיך, אז איך האב באדארפט געהן גלייך פון געפענגניס צו דעם אפטייק פון געגאסע מ—. מיינע פריינד מוזען דארט זיין אומ־רוהיג, און מ—ווארט צו טעלעגראפירען צו דער מיידעל וועגען מיין באפרייאונג.

ס'איז שוין לאנג נאך האלבען טאג, ווען איך געה אריין אין אפטייק. מ— זעהט אויס צו זיין שטארק פארזארגט וועגען עפעס;

ער דריקט מיר קרעפטיג די האַנט, און פאַרוואָרפט מיך מיט פראַגען, בעת ער פיהרט מיך אַריין אין זיין וואוינונג, וואָס געפינט זיך הינטער דעם אַפּטייק. ס׳קוקט אויס מאָדנע צו זיין אין אַ ווירקליכען צימער: די ווענט זיינען באַצויגען מיט פּאַפּיר, און עס פיהלט זיך אַזוי אייגענאַרטיג ווען מען ריהרט זיי אָן, אַזוי אַנדערש ווי די אָפּגעקאַלכטע צעלע. איך לעג צו מיין האַנט צום פּאַפּיר פון וואַנט, גלעט עס מיט אַ טיפען געפיהל פון פאַרגעניגען. אויך די שטולען זעהען אויס זאָנדערבאַר, און אָט די פיינע זאַכען אויפ׳ן טיש. די פאַרשיידענע קלייניגקייטען פאַרשלינגען מיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט — די מענשען אין דעם צימער זעהען אויס טומאַנע, זייערע שטימען קלינגען ווייט און צעמישט.

„פאַרוואָס זעצט איהר זיך ניט, אַלעק?“ די טענער זיינען מורזקאַליש און צאַרט; אָהן צווייפעל די טענער פון אַ פרוי.

„יאָ“, ענטפער איך, אַרומגעהענדיג אַרום טיש און נעהמענדיג אין דער האַנט אַ שעהן שטיקעל שפּילצייג. עס שטעלט פאָר אַ וואַסער־גערטין, זיך אויפהויבענדיג פונ׳ם וואַסער, די טראָפּענס פינקלען אין דער זון...

„זיינט איהר מיעד, אַלעק?“

„נ־נ־ניי־ן“.

„איהר זיינט נאָר וואָס אַרויסגעקומען?“

„יאָ“.

עס פאָדערט זיך אָנשטרענגונג צו ריידען. דאָס לעצטע יאָהר אין „וואָרקהויז“, האָב איך אפשר אויסגערעדט אַ טוץ ווערטער; דאָרט איז שטענדיג געווען אַבסאָלוטע שטילקייט. די שטימען באַאומרוהגען מיך. די אָנוועזענהייט פון אַזוי פיל מענשען — עס זיינען דאָ אַרום מיר דריי אָדער פיער פּערזאָן — איז דריקענד. דאָס צימער דערמאָנט מיך אָן דער צעל, און עס כאַפּט מיך אָן אַ פאַרלאַנג אַרויסצולויפען אין גאַס, און אָטהעמען די לופט און זעהן דעם הימעל.

„איך געה“, זאָג איך, נעהמענדיג שנעל מיין הוט.

4.

דער צוג טראָגט מיך שנעל קיין דיטראָיט, און איך קאָן זיך קוים אָפּגעבען רעכענונג, ווי אַזוי איך בין צוגעקומען צו דעם באַהנ־

הויף. מיין מארך ארבייט נים; איך קאן נים דענקען. פעלד און וואלד שוועבט פארביי אין דער אנהויפענדער טונקעלקייט, אבער די אומגעבונג דערוועקט נים קיין שום אינטערעס אין מיר. „איך בין פטור פון די געהיים־פאליציסטען" — האקט מיר דער געדאנק אין מוח, און איך פיהל, ווי עפעס וואלט זיך אפגעטשעפעט אין מיר, און מיך איבערגעלאזט קאלט, אהן געפיהל אדער פארלאנג.

מיט אן אנשטרענגונג געה איך ארונטער אויף דער פלאט־פארמע, און קער זיך פון איין זייט צום אנדערען, ווען איך שפאן דורך דעם וואקזאל אין דיטראיט. א מאן און א מיידעל לויפען צו צו מיר און כאפען מיך אן ביי דער האנט. איך דערקאן קארל'ען. דער טייערער יונג, ער איז געוועזען א זעהר געטרייער און אויפ־מונטערענדער קארעספאנדענט די אלע יאהרען זינט ער האט פאר־לאזט דעם צוכט־הויז. אבער ווער איז דאס מיידעל מיט איהם, פרעג איך זיך, ווען מיין בליק פאלט אויף א פרוי, וואס שטעהט אנגעשפארט אן א סלופ. זי קוקט אויפמערקזאם אויף מיר. די כוואליע פון איהרע האר, די באקאנטע אויגען — יא, ס'איז דאך דאס מיידעל! ווי ווענינ זי האט זיך געענדערט! איך מאך א פאר טריט פאראויס, אביסעל איבערראשט, וואס זי איז נים צוגעלאפען צו מיר, ווי די אנדערע. איך פיהל זיך צופרידען פון איהר זעלבסט־באהערשונג: די אויפגערעגטע שטימען, די שנעלע באוועגונגען באאומרוהיגען מיך. איך לאז זיך געהן לאנגזאם צו איהר, אבער זי ריהרט זיך נים. עס קוקט אוים, אזוי ווי זי וואלט געוועזען צוגעווארצעלט צו דעם פלאץ. מיט איהר האנט האלט זי פעסט דעם סלופ, א בליק פון עהרפורכט און שרעק אין איהר גע־זיכט. פלוצלינג פארווארפט זי איהרע ארעמס ארום מיר. איהרע ליפען באוועגען זיך, אבער קיין קלאנג דערגרייכט נים צו מיין אויער.

מיר געהען און שווייגען. דאס מיידעל דריקט אריין א בוקעט אין מיין האנט. מיין הארץ איז פול, אבער איך קאן נים ריידען. איך האלט די בלומען ביי מיין געזיכט, און מעכאניש ביים איך די בלעטלאך.

### .5

דיטראָיט, שיקאַגאָ און מילוואָקי גערהען מיר פאַרביי, אַזוי ווי אַן אומרוהיגער חלום. שוואַך אין מיין זכרון שפּיגעלט זיך אָפּ אַ ים פון פּנים׳ער, אומרוהיג און טומלדיג, און איך אין דערמיטען. צעמישטע שטימען קלאַפּען ווי מיט האַמערס אויף מיין קאָפּ, און דאַן ווערט אַלעס זעהר שטיל. איך שטעה אַנטקעגען דעם עולם. אויגען ווענדען זיך צו מיר פון יעדער זייט, און איך ווער צוטומעלט. די מאַסע זעהט אויס נעבעלהאַפט, פאַרוואָלקענט; ס׳איז מיר היים און קאַלט, און איך פיהל אַ שטאַרקען פאַרלאַנג צו אַנטלויפען. דער שווייס רינט אַראָפּ איבער מיין רוקען; מיינע קניע ציטערען מוראַ׳דיג, דער דיל גליטשט זיך אַרויס פון אונטער מיינע פיס — ס׳איז אַ טומעל פון אַפּלאָדיסמענטען, פרעהליכע געשרייען און בראַוואָס.

מיר קערען זיך אום צו קאַרלען אין הויז, און מענער און פרויען דריקען מיר די האַנט און קוקען אויף מיר מיט אויגען פון נייגעריגער עהרפורכט. איך פיהל אַ מין רחמנות אין זייערע טענער, און קאָן ניט אריבערטראָגען זייער סימפּאַטיע. ווען איך בין אינעווייניג אין הויז באַהערשט מיך אַ דריקענד געפיהל, ווי צום דערשטיקט ווערען, און איך ציטער פאַר דער אַנוועזענהייט פון מענשען. ס׳איז אַן אָפּקומעניש צו ריידען; דער קלאַנג פון שטימען מאַטערט מיך צום טויט. איך קוק אַרויס אויף אַ געלעגענהייט זיך אַרויסצוגנב׳ענען פון הויז. ס׳איז מיר אַנגענעהם זיך צו פאַרלירען צווישען די גרויסע מחנות מענשען, און אַ געפיהל פון באַרוהיגונג דרינגט מיך דורך ביי דעם געדאַנק, אַז איך בין אַ פרעמדער צו יעדען איינעם אַרום מיר. איך וואַנדער אַרום איבער דער שטאָדט ביינאַכט, און זוך די אַרומיגע געגענד, מיט דעם בלויזען פאַרלאַנג צו זיין אַליין.

### .6

איך בין אין וואַלדהים, דאָס מיידעל ביי מיין זייט. אַלעס איז שטיל אויפ׳ן בית עולם, און איך פיהל אַ טיעפען פרידען. קיין עמאַציאָן באַוועגט מיך ניט ביי דעם אַנבליק פונ׳ם

מאנומענט, אויסער א געפיהל פון שטילען טרויער. עס שטעלט פאר א פרוי, וואס מיט איין האנט לעגט זי אוועק א קראנץ אויף די געפאלענע, און אין דער אנדערער האלט זי א שווערד. די מארמאר צוגען שפיגלען אפ אומבאשרייבליכען שמערץ און שטאל־צע ארויספאדערונג.

איך גיב א קוק אויף ז'ער מיידעל. איהר געזיכט איז אפגעקערט, אבער איהר געבויגענער קאפ רעדט פון ליידען. איך שטרעק אויס מיין האנט צו איהר, און מיר שטעהען ביידע אין שטומען טרויער ביי די קברים פון אונזערע מארטירער־קאמעראדען... אין מיין געדאנק שווימט ארויף דאס בילד פון סטענקא ראזין, ווי איך האב איהם געזעהן אויסגעמאלט אין מיין יוגענד, און ביי זיין זייט הענגען די קערפערס פון די מענער, וואס זיינען באגראבען אונ־טער מיינע פיס. פארוואס זיינען זיי טוידט? פרעג איך זיך. פארוואס זאל איך לעבען? און א גרויסער פארלאנג זיך אוועק־צולעגען מיט זיי קומט איבער מיר. איך האלט זיך אן פעסט אן דעם אייזערנעם סלופ ניט צו פאלען.

טריט קלינגען אפ הינטער מיר, און איך דרעה זיך אויס און דערזעה א מיידעל צולויפענדיג צו אונז. זי שטראהלט מיט יונ־גער ווייבליכקייט; איהר אנוועזענהייט אטהעמט מיט לעבען און מיט דער פרייד פון לעבען. איהר בוזים הויבט זיך בעת זי סאַ־פעט; איהר געזיכט קעמפט מיט א פייערליכען בליק.

„איך בין געלאפען דעם גאנצען וועג", זאגט זי מיט א נידער־ריגער, ווייכער שטימע; „איך האב מורא געהאט, איך וועל אייך שוין דא ניט טרעפען".

דאס מיידעל שמייכעלט. „לאמיר ערגעץ אריינגעהן זיך אפ־רוהען, עלים". זיך אומדרעהענדיג צו מיר, לעגט זי צו: „זי איז געלאפען אהער, כדי — דיך צו זעהן".

ווי מאדנע דאס איז, אז דאס מיידעל זאל קומען אויף אזא געדאנק! ס'איז לעכערליך. פארוואס זאל עלים זיין נייגעריג מיך צו זעהן? איך קוק אויס אלט און אויסגעמוטשעט; מיין טריט איז שוואך, ניט שטאנדהאפטיג... ביטערע געדאנקען פילען אן מיין מוח, ווען מיר פאהרען צוריק מיט דער באהן קיין שיקאגא.

„דו ביזט טרויעריג", באמערקט דאס מיידעל. „עלים איז

שטארק פאראינטערעסירט אין דיר. ביזטו ניט צופרידען?"

„דו האסט א טעות", ענטפער איך.

„איך בין זיכער דערויף", באשטעהט דאס מיידעל אויף איהרע ווערטער. „זאל איך איהר פרעגען?"

זי דרעהט זיך אום צו עליס׳ן.

„אה, איך האב אייך אזוי שטארק האלט, סאשא", שעפטשעט עלים. שרעקעדיג הויב איך אויף די אויגען צו איהר. זי שפארט זיך אן אן מיר פול מיט נאטירליכער ניט־געקינצעלטער צערט־ליכקייט, און א גרויסע פרייד קומט שטיל איבער מיר, בעת איך לייען אין איהרע אויגען דעם אויסדרוק פון אויפריכטיגער ליב־שאפט.

## 7.

ניו יארק קוקט אוים אזוי מערקווירדיג היימיש, הגם עס פעהלען מיר פיעלע אלטע באקאנטע פלעצער. ס׳איז א מאטערניש פאר מיר צו זיצען אין שטוב, און איך וואנדער ארום איבער די גאסען, און עס נעהמט מיך דורך א מין געפיהל פון פארוואנדשאפט, ווען איך געפין אוים איינעם פון מיינע אלטע אפט־באזוכטע ערטער.

איך פיהל א קנאפען אינטערעס אין דעם גרויסען מיטינג, וואס ווערט אראנזשירט צו באגריסען מיין צוריקקעהר צו דער וועלט. דאך שפיר איך אין זיך א געוויסע גייגעריגקייט וועגען די גענאסען, וואס איך קאן דארט טרעפען. וועניג פון דער אל־טער גווארדיע זיינען געבליבען. א טייל זיינען ארויסגעפאלען פון די רייהען; אנדערע זיינען געשטארבען. יאהאן מאסט וועט ניט זיין דארט. איך האב געלעבט מיט דער האפנונג איהם ווידער צו זעהן אבער ער איז געשטארבען עטליכע מאנאט פאר מיין בא־פרייאונג. ער איז געווען אומגערעכט צו מיר; אבער ווער איז דאס פריי פון מאמענטען פון שוואכקייט? דער לויף פון דער צייט האט אוועקגענומען די ביטערקייט פון מיין כעס, און איך דענק וועגען איהם, מיין ערשטען לעהרער פון אנארכיע, מיט דער־זעלבער אמאליגער באוואונדערונג. זיין זעלטענע פערזענליכקייט הויבט זיך אויף הויך איבער דעם פלאכען הינטערגרונד פון זיין

ציים. זיין לעבען איז געווען די טראגעדיע פון דעם אומפאפולערען פיאניר. א סאציאלער ל י ע ר, האבען זיינע אלטע, גרייז־גראע יאהרען איהם געבראכט בלויז מעהר אפגעזונדערטקייט און א גרעסערען מאנגעל פון פארשטענדניש, זאגאר אין זיין אייגענעם קרייז. ער האט פיעל געקעמפט און פיעל געליטען; ער האט אפגעגעבען זיין גאנצען לעבען פאר דער זאך, און סוף כל סוף האט ער געמוזט אויסגעפינען, אז דער וואס געהט אריבער די שוועל, מוז איבערלאזען אלצדינג הינטער זיך, זאגאר פריינדשאפט, זאגאר חבר׳שאפט.

מיין אלטער פריינד יוסטוס שוואב איז אויך אוועק, און ברעידי, דער גרויסער עסטרייכער. ווייניג פון די קאמעראדען פון מיין ציים זיינען לעבען געבליבען. דער יונגער דור שיינט צו זיין אנדערש, ניט צופרידענשטעלענד. די גהעטא וואס איך האב גע־קאנט איז אויך פארשוואונדען. די פרימיטיווע ארטשארד סטריט, די סצענע פון אונזערע פיאניר־פארזאמלונגען, איז געווארען א בכבוד׳יגע געשעפטס־גאס; דער היסטארישער זאאל, וואו מיר פלעגען האלטען אונזערע רעפעראטען, און וועלכער האט אפגעקלונ־גען מיט די ברעכענדע קייטען פון דעם ערוואכענדען פאלק, איז פארוואנדעלט געווארען אין א טאנץ־שולע; דאס קליינע קאפע־הויז, „ביים ווינקעל״, די אינטעלעקטועלע ארענא פון אמאליגע יאהרען איז איצט א געשעפטס־קאנטאר. דער פייערדיגער ענטו־זיאזם פון דער פארגאנגענהייט, די ספאנטאנע חבר׳שאפט אין דער אלגעמיינער זאך, דאס פאר׳שכור׳ען זיך מיט וועלט־באפרייענדער באגייסטערונג — אט די אלע זאכען זיינען אוועק מיט די טעג פון מיין יוגענד. איך שפיר דעם גייסט פון קאלטער איבערלע־גונג אין דעם נייעם עלעמענט, און א טאן פון אויסגעניכטערטער ווייזהייט, וואס בלאזט אויף מיר מיט א קאלטען פרעמדען ווינט.

דאס מיידעל האט זיך אויך געענדערט. דער „קליינער מאט־ראז״, מיין קאמפאניאן פון די טעג, וואס האבען אונז דורכגענומען מיט דעם אנקומען פון דער סאציאלער רעוואלוציע, איז געווארען א פרוי פון דער וועלט. איהר גייסט איז רייף געווארען, אבער איהרע ברייטע אינטערעסען זיינען אין קאנפליקט מיט מיינע אלטע רעוואלוציאנערע טראדיציעס, וועלכע פלעגען אונז אינספי־

רירען יעדען טאג און באפארבען אונזער יעדע האנדלונג מיט דער דירעקטער אויפפאסונג פון דער גרויסער איבערקערעניש, וואס איז ערווארטעט געווארען יעדע מינוט. איך פיהל אן אינ־סטינקטיווע אומצופרידענקייט מיט א סך זאכען, הגם ספעציעלע ביישפילען זיינען ניט גרייפבאר און איך קאן זיי ניט אנאליזירען. איך שפיר א פרעמדען עלעמענט אין דעם קרייז, וואס זי האט ארומגעקליבען ארום זיך. איך פיהל זיך אליין ווי א פרעמדער צווישען זיי. איהרע פריינד און פארעהרער זיינען אימער דא ביי איהר אין הויז, און זיי פארוואנדלען עס אין א מין סאלאן. זיי רעדען איבער קונסט און ליטעראטור; דיסקוטירען איבער וויסענשאפט און פילאזאפירען איבער דער דיסהארמאניע פונ׳ם לעבען. אבער די קרעכצען פון דעם פינסטערען קערקער געפינען ניט קיין שטארקען אפקלאנג דארט. די מיידעל איז די רעוואָ־לוציאנערסטע פון זיי אלעמען; אבער אפילו זי איז אנגעשטעקט געווארען פון דער אינטעלעקטועלער גדלות, פאלשער טאלעראנץ און אייביגען פעסימיזם. איך קאן ניט אריבערטראגען די סיטואציע, וואס מעהר איך דערפיהל דעם אבגרונד צווישען דער מיידעל און מיר. עס קוקט אויס פארצווייפעלט, ניט מעהר גוט צו מאכען; מיר קענען ניט צוריקקריגען דעם אינטימען טאן פון אונזער פריהערדיגער חבר׳שאפט. מיט וועהטאג זעה איך, ווי זי ליידט, ווי אומגליקליך זי פיהלט זיך. זי ווערט גארנישט מיעד אין איהר זארג און איהר ליעבשאפט. דער גאנצער קרייז נעהמט מיך ארום מיט סימפאטיע און צערטליכקייט. אבער דורך דעם אלעם פיהל איך די מיטליידפולע טאלעראנץ צו א קראנק קינד. איך מייד אויס די אטמאספערע פונ׳ם הויז, און לויף זוכען די איינזאמקייט פון די געפאקטע גאסען און די געזעלשאפט פון דער איינפאכער, ניט געלערענטער אונטער־וועלט.

אין א בוועריר־שענק טרעף איך זיך מיט דעניען, מיין געהילף אויף דער צעלען־רייהע אין פארלויף פון מיין לעצטען יאהר אין צוכט־הויז.

„העלאָ, אלעק“, זאגט ער, מיד אוועקנעהמענדיג אן א זייט, „כ׳בין זעהר צופרידען אייך צו זעהן ארויס פון דעם גיהנם. נעהמט עס אייך גוט?“

„אט, אזוי זיך, דען. און איהר?“

„פאסקודנע, אלעק, פאסקודנע. איהר ווייסט, ס'איז געווען מיין ערשטער פעהלער און איך האב געשווארען, אז איך וועל מעהר קיינמאל ניט באגעהן קיין פארברעכען. נו, האבען זיי מיך ארויס־גע'פטר'ט פון געפענגניס מיט א פינף־דאלאר ביל, נאך פיער יאהר רענעלמעסיגער ארבייט, מערקט אייך, און דריי יאהר האב איך געארבייט איבער די כוחות. מיינע פריינד האבען זיך אפגע־קערט פון מיר — דער פינף־דאלאר ביל איז געווען אלעס, וואס איך האב געהאט אין דער וועלט, און איך האב ווייס ניט געקאנט קומען דערמיט. פרייהייט איז ניט דאס, וואס עס קוקט אויס פאר איינעם, וואס געפינט זיך הינטער די גראטעס, אלעק. אבער ס'איז אן אומגליק צו געהן צוריק. איך וויים ווירקליך ניט וואס צו טאן“.

„ווי אזוי קומט איהר אהער, דען? האט איהר ניט געקאנט קריגען קיין ארבייט אין דער היים, אין איל סיטי?“

„נו יא, אין דער היים! איך וואלט געווען גליקליך, ווען איך האב א היים און פריינד, ווי איהר, אלעק. גאט מיינער, דענקט איהר, אז איך וואלט ווען נאך געמאכט עפעס א קונץ? אבער איך האב ניט קיין היים און קיין פריינד. מיין מוטער איז געשטארבען איידער איך בין ארויס, און איך האב שוין נישט געפונען קיין היים. איך האב געקראגען ארבייט אין איל סיטי, אבער די שפיאנען האבען געגעבען צו וויסען, אז איך בין א געוועזענער ארעסטאנט, און איך האב געשטעלט פיס אהער. איך האב זיך באמיהט צו געהן אויפ'ן גלייכען וועג, אלעק, אבער וואו זאל איך זיך קעהרען און ווענדען? איך האב ניט קיין סענט און ניט קיין פריינד אין דער גאנצער וועלט“.

ארעמער דען! איך פיהל זיך ניט בכוח איהם צו העלפען, אפילו מיט אן עצה. אהן פריינד און אהן געלט, איז זיין „פרייהייט“ א חוזק, זאגאר ערגער ווי מיינע. מיט פינף יאהר צוריק איז ער געווען א שטארקער, געזונטער יונגער מאן. ער איז באגאנגען א גנבה, און מען האט איהם ארייגעזעצט אין געפענגניס. איצט איז ער ארויס, זיין קערפער איז אפגעשוואכט, זיין גייסט גע־בראכען; ער איז איצט ווייניגער אימשטאנד ווי ווען עס איז אויסצוהאלטען אין דעם קאמף. וואס קומט איהם אויס צו טאן

אנדערש ווי צו באגעהן נאך א פארברעכען און צוריקגעשיקט ווערען אין געפענגנים? אפילו איך, מיט אזוי פיעל פארצוגען, וועלכע דען האט ניט, מיט פריינדליכע קאמעראדען און באריימ־ווילינע פריינד, — זאגאר איך קאן ניט געפינען קיין פלאץ אין אט דער וועלט פון דרויסען. איך בין ווי ארויסגעריסען געווארען, און מיר דוכט, אז איך בין שוין מעהר ניט אימשטאנד צוריק איינגעוואָרצעלט צו ווערען. אלעס זעהט אויס אזוי אנדערש, פארענדערט. און דאך פיהל איך א גרויסען הונגער נאך לעבען. איך וואלט געקאנט געניסען פון דעם זונענשיין, הנאה האבען פון דער אפענער וועלט און פון דער פרייהייט פון האנדלונג. איך וואלט געקאנט מיט מיין לעבען און מיין געפענגנים־ערפאהרונג ברענגען נוצען דער וועלט. אבער איך בין ניט פעהיג פאר דעם קאמף. איך פאס זיך מעהר ניט אריין, אפילו ניט אין דעם קרייז פון מיינע קאמעראדען. און דאס דאזיגע קאביגע לעבען, דער טומעל און גערויש פון דער שטאדט מאטערען מיך צום טויט. אפשר וואלט געוועזן פאר מיר דאס בעסטע זיך צוריקצוציהען אין א דארף, און דארט פיהרען אן איינפאכען לעבען, נאהענט צו דער נאטור.

## 8.

דער זומער שמעקט מיט א טויזענד פארפומען, און א גרויסער פריעדען הערשט אין די וועלדער. דער טייך האדסאן בלישטשעט אין דער ווייטענס, אן איינזאם זעגעל־שיף אויף זיין ברייטען בוזים. די פאליסאדען אויף דער אנדער זייט קוקען אויס אומפארענדער־באר, אייביג, זייערע וויברירינדע שפיצען צושמעלצען זיך אין דעם גרוי־בלויען האריזאנט.

וואלקענס פון רויך הויבען זיך אויף פונ׳ם טאל. אויך דא איז אריינגעדרונגען דער רוהלאזער גייסט. דער פארשטיקטער דו־נער פון אויפרייסונג ברעכט זיך אריין אין דער שטילקייט. די גיעריגע האנט פונ׳ם מענשען פארשוועכט די פאליסאדען, פונקט ווי זי האט פארשוועכט דאס מענשען־געשלעכט. אבער דער גרוי־סער טייך פליסט לאנגזאם, און דאס זעגעלשיף באוועגט זיך שטיל אויף זיינע וואסערען. עס שפרייזט אריבער די שוימענדע כוואַ־

ליעס, נעבען דעם פּלאַץ וואו איך שטעה, זיך גליטשענדיג צו דער גרויסער, באַשעפטיגטער שטאָדט. אַצינד שווימט עס פאַרביי די הויכע טורעמס, מיט זייער מוראדיגען אויסזעהן. ס'איז דאַס סינג סינג געפּענגניס. ארעסטאַנטען קרעכצען און ליידען דאָרט, און ווערען געפּייניגט אין דעם פינסטערען קעלער. און איך — איך בין א נוצלאָזע בריאה, א ליידיג־געהער, בעת אנדערע אַר־בייטען; און איך בין שטום, בעת אנדערע ליידען.

מיין געדאַנק טראָגט זיך אַריבער אין געפּענגניס. די שטיל־קייט קלינגט מיט דעם געשריי פון שמערץ; די ווילדער הילכען אָפּ מיט דער אַגאָניע פון דעם פינסטערען קעלער. איך ציטער אויף ביי דעם מורמלען פון די בלעטער; די בוימער מיט זייערע אויסגעשטרעקטע אַרעמס פאַרשטעלען מיר דעם וועג, סטראַשענדיג מיר ווי די וועכטער אויף די מויערען פון'ם געפּענגניס. זייערע מאויםדיגע געשטאַלטען פאָלגען מיר נאָך אין דעם טאָל.

ביינאַכט ליג איך וואַך, און א קאַלטער שרעק נעהמט מיך דורך. דער מוראדיגער געשריי פון דעם פאַרריקטען סמיטה, איז אין מיינע אויערען, און ווידער אַמאָל הער איך דאָס שרעקליכע קלאַפּען פון די בולאַוועס אויף דעם ארעסטאַנט'ס קאָפּ. די איינ־זאַמקייט פּייניגט מיך מיט די עראינערונגען פון דעם געפּענגניס; זי פאַרפאָלגט מיך מיט די שרעקען פון דער „קאַרב־צעלע". אַוועק, איך מוז אַוועק, זוכען ערלייכטערונג צווישען די מענשען.

צוריקקומענדיג אין שטאָט האָב איך פאַר זיך ווידער דאָס פּראָבלעם פון פאַרדיענען אויף צו לעבען. דאָס געפיהל פון אָפּ־העננגיקייט טאָטשעט מיך. די גאַסטפריינדליכקייט פון מיינע פריינד האָט נאָר קיין גרענעץ ניט, אבער איך קאָן ניט זיין ווייטער דער בענעפיציאַנט פון זייער גרויסמוט.. איך האָב זיך אַנט־זאָגט אָנצונעהמען די געלט־מתנה, וואָס מיינע קאַמעראַדען האָבען מיר אָנגעבאָטען, בעת איך בין באַפרייט געוואָרען: כ'האָב געפיהלט, אז איך קאָן ניט אָננעהמען אפילו זייער גוט־געמיינטען אָנבאָט. די פראַגע ווי צו פאַרדינען מיין לעבענס־מיטעל ווערט אַלץ שאַרפער. איך קאָן ניט אַרומגעהן ליידיג. אבער צו וואָס זאָל איך מיך נעהמען? איך בין צו שוואַך פאַר פאַבריק־אַרבייט.

איך האב געהאפט צו קרינען ארבייט אלס זעצער, אבער די לינא־טייפ מאשין האט מיך געמאכט איבערפליסיג. איך קאן פיליכט קרינען א שטעלע אלס א קארעקטאר. מיין אמאליגע מיטגלידער־שאפט אין דער טיפאגראפיקעל יוניאן וועט מיר געבען די מעג־ליכקייט ארייצוקומען אין די ארבייטער־רייהען.

אבער מיין פיזישער צושטאנד שליסט אויס די באלדיגע פאר־ווירקליכונג פון מיינע פלענער. דערווייל שלאגען געוויסע געדאנקען פאר, אז עס וואלט געווען ראטזאם, איך זאל אונטערנעהמען א קורצען לעקטשור־טור: עס וועט מיך ברייננען אין נעהענטערע באריהרונג מיט דער וועלט, און וועט דערוועקען אין מיר א נייעם אינטערעס אין לעבען. די אידעע אפעלירט צו מיר. איך וועל אויף אזא'ן אופן טאן ארבייט, ניצליכע ארבייט. איך וועל לאזען הערען דאס געשריי פון די טיפעניישען, און אפשר וועלען די מענשען הערען, און א טייל וועלען פיליכט פארשטעהן!

## 9.

מיט גרויס מיה האלט איך זיך אויפ'ן טור. די אנשטרענגונג נעהמט צו ביי מיר מיינע כוחות, און איך פיהל זיך מיעד און אומצופריעדען. מיין אינערליכע מורא צו רעדען פאר א פוב־ליקום, ווערט נאך פארשטארקט דורך דער נויטווענדיגקייט זיך שטענדיג צוזאמענצוקומען מיט מענשען. די קאמעראדען זיינען סימפאטיש און אויפמערקזאם, אבער זייער סאמע זארגזאמקייט איז פאר מיר א גרויסע לאסט. איך בענק נאך איינזאמקייט און שטילקייט. אין דער געזעלשאפט פון מענשען, קומט איבער מיר דער אלטער געפענגניס־אינסטינקט צו אנטלויפען. איין מאל אדער צוויי מאל איז מיר די ווילדע אידעע צו מאכען א סוף צום טור דורכגעלאפען אין קאפ. דער געדאנק איז לעכערליך, אוממעגליך. מיטינגען זיינען שוין ארגאנזירט געווארען אין פארשידענע שטעדט, און מיין ערשיינונג שטארק אנאנסירט. עס וואלט מיך געמאכט צו שאנד און געשעדיגט די באוועגונג, ווען איך זאל זיך ארויס־ציינען פאר אזא אומפאראנטווארטליכען מענשען. צוליעב דעם אידעאל און צוליעב מיינע קאמעראדען מוז איך האלטען מיינע באשטימטע פארזאמלונגען. איך מוז פארטרייבען פון זיך אט דעם קראנקהאפטען געדאנק.

מיין באשטעלונג צו האלטען א פארטראג אין פיטסבורג העלפט מיר צו אין מיין באשלוס. זייענדיג אין צוכט־הויז האב איך ווינציג וואס געטרוימט דערפון, אז איך וועל דערלעבען ווידער אמאל צו זעהן די דאזיגע שטאדט, און זאגאר צו ערשיינען דארט פאר דער עפענטליכקייט! ווארפענדיג א בליק צוריק איבער די לאנגע יאהרען, וואס איך האב פארבראכט אין געפענגניס, די לאנגע יאהרען פון ליידען און מאטערניש, וואונדער איך זיך וואס איך בין לעבען געבליבען. געווים איז דאס ניט געוועזען בלויז די פיזישע מעגליכקייט צו ליידען — ווי אפט בין איך געוועזען אויפ'ן שוועל פון טויט און געציטערט אויפ'ן ראנד פון וואהנזין און זעלבסט־פארניכטונג! וואס פאר א קראפט און אויסדויער איך זאל ניט האבען באזעסען, — דאס אליין וואלט ניט געקאנט רעטען מיין פארשטאנד אין דער פינסטערניש פון דעם קערקער, אדער אויפהאלטען מיך אין דער פארצווייפלונג פון דער איינזאמקייט. ארעמער ווינגיע, עד סלאון, „פייטינג טאם"; הערי, ראסעל, „קרעיזי" סמיטהי — וויפיעל פון מיינע פריינד זיינען אומגעקומען דארט! ס'איז געוועזען די וויזיאן פון אן אידעאל, דאס באוואוסטזיין, אז איך האב געליטען פאר א גרויסער זאך, וואס האט מיך דערהאלטען ביים לעבען. די סאמע איבערטרייבונג פון מיין זעלבסט־שעצונג איז געוועזען פאר מיר א קוואל פון קראפט: איך האב געקוקט אויף זיך ווי אויף א פארשטעהער פון א וועלט־באוועגונג; ס'איז געוועזען מיין פליכט מיט זיך צו געבען אביישפיעל פונ'ם גייסט און דער ווירדע פון די אידעען וואס זי פארקערפערט. איך בין ניט געוועזען בלויז אן ארעסטאנט; איך בין געוועזען אן אנארכיסט אין די הענט פון דעם שונא; אלס אזעלכער האב איך געמוזט אנהאלטען דעם מוט און די זעלבסט־אכטונג, וואס מיינע אידעאלען פאדערען. דער ביישפיעל פון די פאליטישע ארעסטאנטען אין רוסלאנד האט מיך אינספירירט, און מיין אויפהאלטען זיך אין צוכטהויז איז געוועזען אן אומאויפהערליכער קאמף, וואס איז געוועזען דער אטהעם פון לעבען.

איז עס געוועזען דער עקסטרעמער זעלבסט־באוואוסטזיין פון דעם אידעאליסט, די קראפט פון רעוואלוציאנערע טראדיציעס, אדער פשוט דער פעסטער ווילען צו זיין, צו עקזיסטירען? העכסט ווארשיינליך איז דאס געוועזען די צוזאמענגיסונג פון אלע דריי,

וואָס האָט פאָרמירט מיין האַלטונג אין געפענגינס און מיך דער־האַלטען ביים לעבען. און אַצינד, אויף מיין וועג קיין פּיטסבורג, פיהל איך אין זיך דעם זעלבען גייסט, וויסענדיג, אַז די פּאָליציי סטראַשעט ניט צו דערלאָזען, אַז איך זאָל אַרויסטרעטען פאַר אַ פּובליקום דאָ אין דער שטאָדט. אַ טייל פון מיינע פריינד זוכען מיך איבערצורעדען, איך זאָל אויפגעבען מיין פאָרטראַג דאָרט; זיי שרעקען זיך פאַר די פאַרבערייטונגען, וואָס די פּאָליציי מאַכט מיך צו אַרעסטירען. עס קאָן זיך עפּעס טרעפען, וואָרענען זיי מיך: געזעצליך בין איך נאָך אַלץ אַן אַרעסטאַנט, וואָס איז אַרויסגעלאָזט געוואָרען, אַזוי צו זאָגען, „אויף עהרענוואָרט“. מען קאָן מיך צוריקשיקען אין צוכטהויז, אָהן אַ פּראָצעס, אָפּצוזיצען מיין „גוטע צייט“, וואָס מען האָט מיר אַראָנטערגערעכענט — אַכט יאָהר און צוויי מאָנאַטען — אויב איך וועל געפונען שולדיג אין אַ פאַרברעכען איידער עס ענדיגט זיך מיין פולער שטראָף־טערמין פון צוויי־און־צוואַנציג יאָהר.

אָבער דעם שונא׳ס סטראַשונאַק וועקט מיך אויף פון מיין אַפּאַטיע, און מיין גאַנצע אַלטע רעוואָלוציאָנערע אַרויספאָדערונג ברויזט אויף אין מיר. דאָס ערשטע מאָל זינט איך געפין זיך אויף מיין טור, פיהל איך אַ שטאַרקען אינטערעס אין לעבען, און איך האָב לוסט אַרויסצוגעהן אויף דער פּלאַטפאָרמע.

אַן אומגליקליכער אַפּהאַלט אויפ׳ן וועג ברענגט מיך אַריין קיין פּיטסבורג מיט צוויי שעה שפּעטער ווי איך האָב געדאַרפט אָנקומען. גענאָסע מ— וואַרט אומגעדולדיג אויף מיר, און מיר איילען זיך צום מיטינג. אויפ׳ן וועג דערצעהלט ער מיר, אַז דער זאַאַל איז פול מיט פּאָליציי און געפענגנים־וועכטער; דער עולם איז שטאַרק אומרוהיג; ס׳האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז די רעגירונגס־באַאַמטע זיינען אַנטשלאָסען מיך ניט צו לאָזען רעדען.

איך שפּיר אַן אַמאָספערע פון אונטערדריקטער אויפרעגונג, בעת איך געה אַריין אין זאַאַל, און איך ברעך זיך דורך מיט מיינע עלענבויגענס אַ וועג דורך דער מאַסע. אימיצער כאַפּט מיך אַן פאַר׳ן אָרם, און איך דערקאָן „סויטסייד“ דזשאָהני, דעם פריינדליכען געפענגנים־דיענער. „אַלעק, זייט פאָרזיכטיג“, וואָרענט ער מיך, „די שפּיאָנען לויערען אויף אייך.“

## 10.

די פארזאמלונג איז אריבער, די געפאהר איז פארביי. איך פיהל זיך אויסגעמוטשעט און מיעד דורך דער אנשטרענגונג פון דעם אווענד.

מיין נעקסטער פארטראג דארף געהאלטען ווערען אין קליוולאנד, אהייא. דאס פאהרען א גאנצע נאכט אין דעם פארשטיקטען רויכערער־וואגאן פארגרעסערט נאך מיין אויסגעמאטערטקייט און צורייצט שרעקליך מיינע נערוועז. איך קום אן אין דער שטאדט, א פיבערדיגער, א קראנקער. נעהמען א צימער אין א האטעל וואלט זיך געפאדערט אויסצוגעבען עקסטרא געלט פון די איינקינפטע פון דעם טור, וועלכע זיינען באשטימט פאר דער באוועגונג; נאכמעהר, עס וואלט געווען א לוקסוס, אין גגענזאץ צו דער טראדיציאנעלער אויפפיהרונג פון אנארכיסטישע רעדנער. איך באשליס דארום אנצונעהמען די גאסטפריינדליכקייט פון וואס פאר עס איז פריינד פאר דער צייט, וואס איך וועל פארברייננגען אין דער שטאדט.

שטונדען לאנג זוך איך ארום דעם געגאסע, וואס ארגאנזשירט די פארזאמלונגען. ביי איהם אין דער היים זאגט מען מיר, אז ער איז ניטא. זיינע עלטערען, פרומע אידען, קוקען אויף מיר בייזליך און אנטזאגען זיך מיר צו זאגען וואו זייער זוהן געפינט זיך. די אומפריינדליכע האלטונג פון די אלטע לייט טרייבט מיך צוריק אין גאס אריין, און איך זוך אוים אן אנדער געגאסע. זיין פאמיליע פארזאמעלט זיך ארום מיר. זייערע נייגעריגע בליקען ברענגען מיך אריין אין א פארלעגענהיים; זיי שטעלען מיר פוסטע פראגען. מיין פולס איז פיבעריש, מיין קאפ שווער. איך וואלט געוואלט זיך אויסרוהען אביסעל פאר דעם פארטראג, אבער אן אומאויפהערליכער שטראם פון קאמעראדען פליסט אריין צו מיר, און דאס הויז קלינגט מיט זייער פרייד מיך צו זעהן. דאס רעדען פארמאטערט מיך; זייער ווארעמער אינטערעס טרייבערט מיין נשמה מיט גראבע הענט. אט די מענער און פרויען — אויך זיי זיינען אנדערש פון די קאמעראדען פון מיין צייט; זייער סאמע שפראך קלינגט אפ מיט דעם גייסט, וואס האט מיך אזוי טרויעריג געמאכט אין דער נייער גהעטא.

מיט א שווער הארץ געה איך אין אװענד ארויף אויף דער פלאטפארמע. ס'איז קאלטליך אויף דרויסען, און דער גרויסער זאאל, וואס איז ניט שטארק באזעצט און שלעכט באלויכטען, אטהעמט מיט דער קעלט פון א קבר איבער מיר. דער עולם איז גלייכגילטיג, אהן אינטערעס. דער פארטראג איבער פארברעכען און געפענגניסען, וואס האט אזוי אויפגעטרייסעלט מיינע צוהערער אין פיטסבורג, מאכט דא ניט קיין באדייטענדען איינדרוק. איך פיהל זיך אנטמוטיגט. מיין שטימע איז שוואך און אויסדרוקסלאז; צייטענוייז פאלט זי אראפּ צו א הייזעריגען שעפּטשען. מיר קומט פאר, ווי איך וואלט געשטאנען ביי דעם מויל פון א טיעפער היהל, און ס'איז פינסטער־חושך אינעווייניג. איך רעד אריין אין דער שווארצקייט; מיינע ווערטער שלאגען זיך אן מיט א מעטאל־קלאנג אן די ווענט, און ווערען צוריק געשליידערט אויף מיר מיט א שפאטענדער באטאנונג. א געפיהל פון פארמאטערטקייט און האפנונגסלאזיגקייט באהערשט מיך, און איך מאך שנעל א סוף צו דעם פארטראג.

די קאמעראדען רינגלען מיך ארום, דריקען מיין האנט, און פארווארפען מיך מיט פראגען וועגען מיין געפענגניס־לעבען, וועגען דער פרייד פון פרייהייט און פון ארבייט. זיי זיינען איינפאך אנטוישט צו הערען, אז איך וויל וואס גיכער אוועקגעהן ערגעץ שלאפען, אבער באלד ווערט באשלאסען, אז איך זאל אננעמען די אנגעמאטענע גאסטפריינדליכקייט פון א גענאסע, וואס האט א גרויס הויז ארום פון דער שטאדט.

מיר פאהרען און פאהרען אהן אן ענד; דער גענאסע וואוינט אפנים היבשע עטליכע מייל וויים פון דער שטאדט. אויפ'ן וועג רעדט ער אהן אויפהער, און פארזיכערט מיר אלע ווייל, אז ער האלט עס פאר א גרויסע פּריווילעגיע, וואס ער קאן רעדען מיט מיר. איך שאקעל צו שלעפעריג מיט'ן קאפּ.

ענדליך קומען מיר אן. דער פּלאץ איז גרויס, אבער זעהר שמור־ציג. די נידעריגע סטעליעס דריקען מיר אויפ'ן קאפּ; די צימערען זעהען אוים אומעטיג און אומבאוואוינט. פארמאטערט פון דער אנשטרענגונג פון א גאנצען טאג, פאל איך אריין אין א טיעפען שלאף.

זיך אויפכאפּענדיג אין דער פריה, ווער איך א פארציטערטער,

געפינענדיג אַ פרעמדען מאַן ביי מיר אין בעט. זיין מאַנטעל און זיין הוט זיינען אויפ'ן דיל, און ער ליגט כראַפּענדיג ביי מיין זייט, מיט דער אויבער־העמד און די הויזען אָנגעטאָן. ער האָט געמוזט אריינפאַלען זעהר מיעד אין בעט, און האָט אפילו ניט אראָפּ־גענומען די גרויסע מאַנקעטען, וואָס הענגען אראָפּ, צוריסענע און שמוציגע פון זיינע הענט.

דער אָנבליק פילט מיך אָן מיט אומבאַשרייבליכען עקעל. דורך די אַלע יאָהרען פון מיין געפענגניס־לעבען האָב איך פאַרבראַכט מיינע נעכט אין אַבסאָלוטער איינזאַמקייט. די אָנוועזענהייט פון אַן אַנדערען ביי מיר אין בעט איז פאַר מיר אַזוי שוידערליך, אַז עס לאָזט זיך גאָר נישט אויסדריקען אין ווערטער. איך טו זיך אַן שנעל, און לויף אַרויס פון הויז.

אויף דרויסען געהט אַ קליינער, אָבער געדיכטער רעגען; די לופט איז שטיקענד און פייכט. די געגענד קוקט אויס אומעטיג און כמורנע. אָבער איין געדאַנק באַהערשט מיך: צו אַנטלויפען פון דעם פרעמדען, וואָס כראַפּעט דאָרט אין מיין בעט, אַנטלויפען פון דער פאַרשטיקטער אַטמאָספערע פונ'ם הויז מיט די נידעריגע סטעליעס, אַרויסגעהן אונטער'ן פרייען, אָפענעם הימעל, אַוועק פון מענשענ'ס אויגען. דער אָנבליק פון אַ מענשליכען וועזען שטויסט מיך אָפּ, דער קלאַנג פון אַ שטימע איז אַ מאַטערניש פאַר מיר. איך וויל זיין אַליין, שטענדיג אַליין, האָבען פריעדען און שטילקייט, פיהרען אַן איינפאַכען לעבען אין נאָהענטער פאַרבינ־דונג מיט דער נאַטור. אָה, די נאַטור! אויך דאָס האָב איך דאָך געפּרופט און עס געפונען אונמעגליכער זאַגאַר ווי דער טומעל פון דער שטאָדט. די שטילקייט פון די וועלדער האָט מיך שיער ניט געטריבען צו וואַהנזין, פונקט ווי די איינזאַמקייט פון דעם פינס־טערען קערקער. פאַרשאָלטען זאָל ווערען דאָס, וואָס האָט מיך אומפעהיג געמאַכט פאַר'ן לעבען, וואָס האָט געמאַכט די איינזאַמ־קייט אַזוי פאַרהאַסט פאַר מיר, ווי דאָס געזיכט פון אַ מענשען, וואָס האָט געמאַכט דאָס לעבען אַליין אונמעגליך פאַר מיר! און נאָך דעם האָב איך ,דאָס געבענקט, פאַר דעם האָב איך דאָס גע־ליטען, פאַר דעם דאָזיגען געשפּענסט, וואָס פאַרפאָלגט מיינע טריט, און פאַרוואַנדעלט דעם טאָג אין אַ קאָשמאַר — פאַר אָט דער צו־קריפּלונג, דאָס לעבען? אָה, וואו איז די פרייד פון ערוואַרטונג,

די ציטערענדע אַנטציקונג, בעת איך בין געשטאַנען ביי דער טיר פון מיין צעל, באַגריסענדיג די רויטקייט פונ׳ם פריהמאָרגען, דעם טאָג פון ווידער־אויפלעבונג! וואו זיינען די גליקליכע מאָמענטען וואָס האָבען באַלויכטען די נאַכט פון אומגליק מיט דעם עקסטאַז פון דער פרייהייט, וועלכע האָט מיך געזאָלט צוריקגעבען צו אַרבייט און פרייד! וואו, וואו איז דאָס אַלעס? איז די פרייהייט זיס בלויז אין דער ערוואַרטונג, און דאָס לעבען אַ ביטערע ערוואַכונג?

דער רעגען האָט אויפגעהערט. די זון קוקט אַרויס דורך די וואָלקענס און וואַרפט איהר עשטראַהלען אויף אַ פענסטער פון אַ מאַגאַזין. מיין אויג פאַלט אויף דעם גלאַנציגען רעהר פון אַ רע־וואָלווער. איך געה אַריין אין געוועלב און קויף די וואַפע.

איך געה אַרום איבער די גאַסען, אָהן אַ ציעל, ווי צומישט. עס הויבט ווידער אָן צו רעגענען; מיין קערפּער איז דורכגענומען ביז ביין, און איך כאַפּ זיך אַריין אין אַ שענק ערגעץ אין אַ זייטיגער, פינסטערער גאַס.

אין ווינקעל פון דעם שמוציגען הינטערשטען צימער באַמערק איך אַ מיידעל. זי איז זעהר יונג, מיט אַ מיענע פון ערעלקייט, וואָס ווערט טיילווייז איבערגעפיהרט דורך איהר שנעלען, אומ־רוהיגען בליק.

מיר זיצען שטיל, באַאָבאַכטענדיג דעם שווערען גוס־רעגען אויף דרויסען. דאָס מיידעל שפּיעלט זיך מיט אַ גלעזעל בראַנפען.

בייזע שטימען דערגרייכען צו אונז פון דער גאַס. עס הערט זיך אַ שווערער קלאַפּען מיט די פיס, און אַ פאַרשטיקטער געשריי. אַ פרוי קומט אַריין וואַקלענדיג דורך דער ווינענדער טיר און פאַלט אַוועק ביי אַ טישעל.

דאָס מיידעל לויפט שנעל צו צו דער פרוי און העלפט איהר זיך אַוועקזעצען אויף אַ שטול. „ביזט פאַרוואונדעט, מאַדושי?“ פרעגט זי מיט אַ סימפּאַטישען טאָן.

די פרוי קוקט אַרויף צו איהר מיט פאַרנעבעלטע אויגען. זי הויבט אויף איהר האַנט, פיהרט זי לאַנגזאַם אַריבער איבער׳ן מויל, און טוט אַ שטאַרקען שפּיי.

„ער האָט מיך געשלאָגען, דער שמוציגער גראַביאַן“, זאָגט זי, וויינענדיג: „ער האָט מיך געשלאָגען, אָבער איך וועל איהם ניט געבען קיין געלט; איך וועל איינפאַך ניט געבען, פרענטשי“.

דאס מיידעל ווישט צערטליך אפ איהר פריינדינ׳ס פארבלור־טיגען פנים.

„ש—ש, מאדזשי, ש—ש!“ ווארענט זי איהר, מיט א בליק אויף דעם אנקומענדען קעלנער.

„שוין ווידער שכור, דו אלטע צויג“, בייזוערט זיך דער מאן, „טראג זיך בעסער אפ באלד“.

„אה, לאזט איהר צורוה, טשארלי, זאל זי זיין דא!“ בעט דאס מיידעל מיט א לאסטשענדער שטימע. „און — יא, ברענגט מיר א ביטערס“.

„דער שמוציגער לויפער! נאר געלט, אימער גיב איהם געלט!“ מורמעלט די פרוי: „און איך האב אזוי קיין גליק ניט געהאט, פרענטשי. דו ווייסט דאך, אז עס איז אמת. ניט ריכטיג, פרענטשי?“

„יא, יא, טייערע“, נעהמט איהר דאס מיידעל איין. „רעד ניט אצינד. שפאר אן דיין קאפ אויף מיין אקסעל, אט אזוי! דו וועסט באלד פיהלען בעסער“.

דאס מיידעל וויגט זיך אהין און אהער, זאנפט גלעטענדיג דער פרוי איבער׳ן קאפ, און אין צימער איז שטיל. דער פרוי׳ס אטעמען ווערט אלץ רעגעלמעסיגער און העכער. זי כראפעט, און דאס יונגע מיידעל לאזט זי לאנגזאם ארויס פון איהרע ארעמס און זעצט זיך ווידער אויף איהר פלאץ.

איך גיב א וואונק צו איהר. „ווילט איהר טרינקען עפעס מיט מיר?“

„מיט פארגעניגען“, שמייכעלט זי. „ארעמע פרוי“, שאקעלט זי מיט׳ן קאפ, אנווייזענדיג אויף דער שלאפענדער; „איהר חברה־מאן שלאגט זי און נעמט צו ביי איהר אלץ, וואס זי מאכט“.

„איהר האט א גוט הארץ, פרענטשי“.

„מיר מיידלאך מוזען זיין גוט איינע צו די אנדערע; ווער דען וועט זיין גוט צו אונז!! מאנכע מענער זיינען אזוי געמיין, איינפאך צו געמיין צו לעבען אדער לאזען אנדערע לעבען. אבער מאנכע זיינען פיין. פארשטעהט זיך, א טייל מיידלאך זיינען שלעכט, אבער מיר זיינען ניט אלע אזוי, און —“ האקט זי איבער אינמיטען.

„און וואס?“

„נו, א טייל פון אונז האבען געזעהן בעסערע טעג. איך בין

ניט אימער געוועזן אזוי", ליינט זי צו, אראפּשלינגענדיג איהר גע־טראנק.

איהר געזיכט איז פאַרטראַכט; איהרע גרויסע שוואַרצע אויגען קוקען אויס פאַר'חלומ'ט. פּלוצלינג טוט זי אַ פרעג:

„איהר האָט ליעב פּאָעזיע?"

„י—אַ. וואָס איז?"

„איך שרייב. אַה, איהר גלויבט מיר ניט, ווי? אָט איז מיינע אַ זאַך", און נאָכדעם ווי זי ניט אַ לייכטען הוסט, הויבט זי אָן דעקלאַמירען מיט איבערטריבענער געפּיהלפולקייט:

„מאַמע זיסע, די טעג זיינען יונגע געוועזן,
ווען אין גאָרטען ביי אונז האָב איך פון גליק געטרוימט;
מיין בלאָנדער קאָפּ געלעגען איז אויף דיין שויס,
און מיט אַ ריין הארץ האָב איך גאָט געלויבט".

„איך געדענק יענע טעג", לעגט זי צו מיט אַ טרויעריגען טאָן.

מיר זיצען אין דער פינסטער, ניט אויסריידענדיג קיין וואָרט. די ליכט ווערען אָנגעצונדען, און מיין אויג פאַלט אויף אַ צייטונג, וואָס ליגט אויפ'ן טיש. די גרויסע שוואַרצע בוכשטאַבען אַנאָנ־סירען אַ ביליגע לוסט־רייזע קיין באַפאַלאָ.

„ווילט איהר פאָהרען מיט מיר?" פרעג איך דאָס מיידעל, אָנווייזענדיג אויף דער אַנאָנסע.

„קיין באַפאַלאָ?"

„יאָ".

„איהר שפּאַסט".

„ניין. ווערט איהר פאָהרען?"

„געוויס".

אַליין מיט מיר אין דער קאַיוטע, ווערט „פרענטשי" צערטליך און אַמוזירענד. זי באַמערקט מיין אומעטיגקייט, און באַמיהט זיך מיר פרעהליך צו מאַכען. אָבער איך טראַכט וועגען דעם פאַר־טראַג, וואָס דאַרף גראַד איצט אין דער שטונדע געהאַלטען ווערען אין קליוולאַנד: די אומרוהיגקייט פון מיינע קאַמעראַדען, די אַנ־טוישונג פון דעם עולם, מיין אַבוועזענהייט, אַלעס ליגט מיר ווי אַ לאַסט אויפ'ן קאָפּ. אָבער ווער בין איך דען צו דענקען, אַז איך קאָן יענעם לערנען? איך האָב פאַרלוירען מיין גלייכגעוויכט;

ס׳איז ניטא קיין פלאץ פאר מיר אין לעבען. מיינע בריקען זיינען פארברענט.

דאס מיידעל איז אין א געהויבענער שטימונג. איהר לוסטיג־קייט מאכט מיך בייז. מיר ווילט זיך אזוי ריידען צו איהר, איהר דערצעהלען וועגען מיין עלענד און מיין וועהטאג. איך ווארף אריין א ווארט וועגען דער אונמעגליכקייט צו לעבען און אז איך פיהל זיך ווי אן איבעריגער אויף דער וועלט, אבער זי קוקט אויס געלאנגוויילט, ניט כאפענדיג די באדייטונג פון די ווערטער.

„רעדט ניט אזעלכע נארישקייטען, יונגערמאן“, זאגט זי מיט א שפאסיגען טאן. „וואס קימערט איהר זיך וועגען ארבייט אדער א פלאץ? איהר האט געלט; וואס נאך ווילט איקר? איהר געהט בעסער ארונטער און ברענגט ארויף עפעס צו טרינקען“.

ארויפקומענדיג אין דער קאיוטע, געפין איך, אז „פרענטשי“ איז ניטא. אין א באהאלטענעם ווינקעל אויפ׳ן פארדעק דערקאן איך זי אויפ׳ן שויס פון א פרעמדען. מיט א געקרענקט הארץ און פול מיט עקעל קער איך זיך אום צוריק צו מיין קאיוטע. אין דער פריה גנב׳ע איך זיך שטיל אראפ פון שיף.

די גאסען זיינען ליידיג; די שטאדט שלאפט. אין דעם נע־בעל און רעגען זיינען די גרויע געביידען עהנליך צו די געפענגניס־מויערען, די הויכע פאבריק קוימענס שטעהען אויף דער וואך ווי טייפלישע וועכטער. איך אנטלויף פון דער פארהאסטער סצענע און וואנדער ארום ביי די דאקס. דער נעבעל וועבט אויס פאנ־טאסטישע געשטאלטען, און איך זעה א מאסע פון מענשען און אינ־מיטען פון זיי א יונגעל בלייך, מיט גרויסע, בלישטשענדיגע אויגען. די מאסע פלוכט און שרייט אין וואהנזיניגער ליידענשאפט, און ארעמס הויבען זיך אויף, און קלעפ רעגענען אראפ אויף דעם יונ־געל׳ס קאפ. דער רעגען ווערט גרעסער, שווערער, און יעדער טראַ־פען איז א קלאפ. דער יונגעל וואקעלט זיך און פאלט אנידער אויף דער ערד. דאס טרויעריגע געזיכט, די פאר׳חלומ׳טע אויגען — זעה נאר, ס׳איז דאך טשאלגאש!

פארפלוכטער ארט! איך קאן ניט שטארבען דא. איך מוז לויפען נאך ניו יארק, צו שטארבען נעבען מיינע פריינד!

## .11

א שטארקער קלאפּען וועקט מיך אויף.

„הערט, מיסטער!“ רופט א שטימע הינטער דער טיר, „זיינט איהר אַלרייט?“

„יא“.

„ווילט איהר עפּעס צום עסען, אדער עפּעס אנדערש?“

„ניין“.

„נו, ווי איהר ווילט זיך. אָבער שוין צוויי טעג אַז איהר זיינט ניט ארויס פון אייער צימער“.

צוויי טעג און איך לעב נאך? דער וועג צום טויט איז אזוי קורץ, פאר וואס ליידען? איין אויגענבליק און איך וועל מעהר ניט זיין, און בלויז מיין אנדענקען וועט זיך אויפהאלטען פאר א קורצער ווײלע דא אויף דער וועלט אויף ד ע ר וועלט? איז דא נאך איינע? אויב עס איז פאראן עפּעס אין ספּיריטואליזם, וועט קארל וויסען דערפון. אין געפענגניס זיינען מיר געווען פאר־אינטערעסירט אין דעם ענין, און מיר האבען צווישען זיך אפּ־געמאכט, אז דער וואס וועט זיין דער ערשטער צו שטארבען, זאל זיך באווייזען אין גייסט צו דעם אנדערען. א שעהנע פאנ־טאזיע פון דעם נארישען מענשען, וואס איז געבוירען געווארען פון אומשטערבליכער אייטעלקייט! יענע וועלט, א לעבען נאכ׳ן טויט — קינדער פון דער ערד׳ס אומגליק. די דיסהארמאָניע פונ׳ם לעבען טראגט אין זיך טרוימען פון פריעדען און גליקזעליגקייט, אבער ס׳איז ניטא קיין הארמאָניע אויסער אין טויט. ווער ווייסט, פיליכט וועלען זאגאר דאן די אטאָמען פון מיין טויטען קערפּער ניט געפינען קיין רוה, וועלען ארומגעווארפען ווערען אין רוים צו פארמירען נייע געשטאלטען און נייע געדאנקען פאר אייביג־קייטען פון מענשליכע ליידען.

און קארל וועט מיך אלזא ניט זעהן נאכ׳ן טויט. אונזער אפּ־מאך וועט ניט געהאלטען ווערען, מחמת עס וועט גארנישט בלײ־בען פון מיין „נשמה“, ווען איך וועל זיין טויט, פונקט ווי עס בלייבט גארנישט איבער פון דער סומע, ווען איהרע איינציגע

טיילען געהען אוועק. טייערער קארל, ער וועט זיין אויסער זיך וואס איך בין ניט געקומען קיין דיטראיט. ער האט ארגאנזשירט א פארטראג דארט, נאך קליוולאנד. ס'איז מאדנע, וואס איך האב ניט אין זינען געהאט איהם צו שרייבען און איהם לאזען וויסען, אז עס איז אונמעגליך פאר מיר צו קומען. ער וואלט אפגעשטעלט די פארבערייטונגען. אבער ס'איז מיר גאר ניט איינגעפאלען, און איצט איז שוין צו שפעט.

אויך דאס מיידעל וועט זיין פארצווייפעלט איבער מיין פארשווינדען. איך קאן איהר איצט ניט לאזען וויסען וועגען מיין לאגע — איך בין אייגענטליך טויט. און דאך געהט מיר אויס דאס הארץ צו זעהן זי נאך איין מאל, איידער איך געה אוועק פון דער וועלט, זי זעהן כאטש פון דער וייטענס. אבער דאס איז אויך צו שפעט. איך בין כמעט טויט.

מעכאניש טו איך זיך אן און געה ארויס אין גאס. דער העלער זונענשיין, די מענשען וואס געהען מיר פארביי, די קינדער וואס שפיעלען זיך אויף די טראטוארען — דאס אלעס קומט מיר פאר אזוי אנגענעהם באקאנט. עס כאפט מיך אן א פארלאנג צו זיין איינער פון זיי, אנטייל צו נעהמען אין זייער לעבען. און דאך זעהט עס מיר אויס מאדנע צו דענקען וועגען זיך אלס א טייל פון אט דער באוועגענדער, אטעמענדער מענשהייט . בין איך ניט טויט?

איך שלייע זיך ארום דעם גאנצען טאג. פארנאכט כאפ איך זיך פלוצלינג, אז איך בין ניט ווייט פון דער מיידעל'ס היים. א שרעק באפאלט מיך, איך האב מורא, אז אימיצער קאן מיך זעהן און מיך דערקאנען. א געפיהל פון שולד פאר'גנב'עט זיך איבער מיר, און איך טראג זיך אפ, אבער איך קום אלץ ווידער און ווידער צוריק צו דעם היימישען ארט.

איך פארברענג די נאכט אין פארק. אן אלטער מאן, אן ארבייטסלאזער מאטראז, טוליעט זיך צו צו מיר, זוכענדיג די ווארעמקייט פון מיין קערפער. אבער איך בין קאלט און אהן לעבען, און דעם גאנצען קומענדען טאג בין איך ווידער דא אין דער מיידעל'ס נאכבארשאפט. אן אומווידערשטעהליכע קראפט ציהט מיך צו דעם הויז. איין מאל נאכ'ן אנדערען קער איך זיך

אום צו מיר אין צימער און כאפ דעם רעוואלווער, און דאן לויף איך ווידער ארויס. איך ציטער מען זאל מיך ניט זעהן נעבען דער „גרוב“, און איך מאך לאנגע אומוועגען צו דער „באטערי“ און די בראנקס, אבער ווידער און ווידער געפין איך זיך ניט ווייט פונ׳ם הויז און באטראכטענדיג די מענשען, וואס געהען אריין און ארויס פון דארט. אין מיין מוח שטעל איך זיך פאר דאס מיידעל מיט איהרע פריינד ארום איהר. איבער וואס רעדען זיי, פרעג איך זיך. „וואס הייסט, איבער מיר!“ פליהט עס מיר דורך אין מוח. דער געדאנק שוידערט מיך אויף. זיי מוזען זיין אויסער זיך פאר אנגסט און זארגען איבער מיין פארשווינדען. אפשר האלטען זיי מיך שוין גאר פאר טויט!

איך לויף צו צו א טעלעגראף־קאנטאר און שרייב אויף גיך אן א צעטעלע צו דער מיידעל: „קום, איך ווארט דא“.

אין אויפרעגונג און צווייפעל ווארט איך ביז דער שיק־יונגעל וועט צוריקקומען. א קליין מיידעל קומט אריין, און איך דערקאן עס, און עס קרענקט מיך מורא׳דיג, וואס דאס מיידעל אליין איז ניט געקומען.

„אלעק“, זאגט זי מיט א ציטערענדער שטימעלע, „סאניא איז ניט געוועזען אין דער היים ווען אייער מיטטיילונג איז געקומען. איך וועל לויפען זי געפינען“.

דער אלטער שרעק פאר מענשען איז ווידער איבער מיר, און איך לויף ארויס פון פלאץ, האפענדיג אויסצומיידען דאס טרעפען זיך מיט דער מיידעל. איך לויף איבער די גאסען, כ׳קוק זיך אלע ווייל אום צו דעם טעלעגראף־ביורא, און פלוצלינג שטעה איך פנים צו פנים אנטקעגען איהר.

איהר אויסזעהן צוטרייסעלט מיך. א טויט־שרעק ליגט אויף איהר געזיכט, א שטומער שוידער אין איהרע אויגען.

„סאשא!“ איהר האנט כאפט אן מיין ארעם און זי גלייכט אויס מיינע וואקלעדיגע טריט.

### 12.

איך עפען מיינע אויגען. דאס צימער איז ליכטיג און לופטיג; א מילדע שטילקייט פילט אויס דעם פלאץ. די גארדינען נעהמען זיך שטיל פאנאנדער, און דאס מיידעל קומט אריין.

„ביזט אויף, סאשא?“ איהר געזיכט שיינט אויף מיט א גליקליכען שמייכעל.

„יא. ווען בין איך געקומען אהער?“

„מיט עטליכע טעג צוריק. דו ביזט געווען זעהר קראנק, אבער דו פיהלסט בעסער איצט, ניט אמת, טייערער?“

עטליכע טעג? איך פרואוו זיך דערמאנען אן מיין רייזע קיין באפאלא, אן דעם צימער אויף דער בויערי. איז עס אלעס געוועזן א חלום?

„וואו בין איך געוועזן איידער איך בין געקומען אהער?“ פרעג איך.

„דו — דו ביזט געוועזן — אבוועזענד“, שטאמעלט זי, און אויף איהר געזיכט זעהט זיך אלעס וואס זי האט דורכגעלעבט איבער מיין פארשווינדונג.

מיט צערטליכער זארג פאסט דאס מיידעל אויף אויף מיר. איך פיהל אזוי ווי איינער וואס ערהוילט זיך פון א לאנגער קראנקהייט: זעהר שוואך, אבער מיט א געפיהל פון פרייד אין לעבען. קיינער ווערט ניט צוגעלאזט צו מיר, אויסער איינער אדער צוויי פון דער מיידעל׳ס נאהענטסטע פריינד, וועלכע גליטשען זיך אריין שטיל, גלעטען מיין האנט אין שטומער סימפאטיע, און געהען שטיל ארויס פון צימער. איך בין זיי דאנקבאר פאר זייער האלטונג, וואס זיי דערמאנען גארנישט וועגען די פאסירונגען פון די פאר־גאנגענע טעג.

די אויפפאסונג פון דער מיידעל איז אונערמידליך. שטופענ־וויז קריג איך צו קרעפטען. דאס צימער איז העל און מונטער; די שטילקייט פון דעם הויז טוט מיר אזוי גוט. די ווארעמע שטראהלען פון דער זונן שטראמען אריין דורך דעם אפענעם פענ־סטער; איך קאן זעהן דעם בלויען הימעל און די זילבערנע וואל־קענדלאך. א קליין פויגעלע שפרינגט ארום אויפ׳ן פענסטער־שוועל, קוקט רוהיג אויף מיר און באגריסט מיך. עס רופט ארויס אין מיר די עראינערונג פון דיק, מיין געפעדערטען ליעבלינג, און אן מיינע פריינד אין געפענגניס. איך האב גארנישט געטאן פאר די געפייניגטע ארעסטאנטען דארט אין דעם פינסטערען קערקער, — האב איך זיי פארגעסען? איך האב די געלעגענהייט; פארוואס טו איך גאר נשט?

דאָס מיידעל רופט אויס מונטער: „סאַשאַ, אונזער פֿריינד פילאַ איז דאָ, וואָלסט איהם וועלען זעהן?“

איך נעהם אויף מיט פרייד דעם קאַמעראַד, וועמעס עדעלע באַנעהמונג און טיעפע סימפּאַטיע האָט איהם באַליעבט געמאַכט אין מיינע אויגען אין די טעג זינט איך בין אַרויס פון געפענגניס. פאַראַן עטוואָס אומבאַשרייבליך צערטליכעס אין איהם. דער קרייז האָט איהם אַ נאָמען געגעבען „דער פילאָזאָף“, און די ברייטקייט פון זיין פאַרשטאַנד און זיין ניט־צודרינגליכע פערזענליכקייט האָבען מיר פאַרשאַפט גרויס פאַרגעניגען.

ער האָט אַ נידעריגע און לאַסטשענדע שטימע, וואָס קלינגט ווי דער ווייכער געזאַנג פון אַ מוטער, וואָס פאַרוויגט איהר קינד צום שלאָף. „דאָס לעבען איז אַ פּראָבלעם“, זאָגט ער, „אַ פּראָבלעם, וועמעס לייזונג באַשטעהט אין דעם צו פּרובירען עס לייזען. שאָפּענהויער איז פיליכט גערעכט געווען“, שמייכעלט ער, מיט אַ הומאָריסטישען פינטעל מיט די אויגען, „אָבער זיין ליעבע צום לעבען איז געווען אַזוי שטאַרק, זיין נויטווענדיגקייט זיך אויס־צודריקען אַזוי באַצווינגענד, אַז ער האָט געמוזט אָנשרייבען אַ גרוי־סען בוך צו באַווייזען, ווי נוצלאָז יעדע אָנשטרענגונג איז. אָבער זיין סאַמע אויפריכטיגקייט באַווייזט זיין טעות. דאָס לעבען איז זיין אייגענע בארעכטיגונג. די דיסהאַרמאָניע פונ׳ם לעבען איז מעהר אויגענשיינליך ווי רעאַל, ווירקליך; און דאָס ווירקליכע דער־פון איז די נאַרישקייט און די בלינדקייט פונ׳ם מענשען. קעמפּען געגען דער דאָזיגער נאַרישקייט, הייסט שאַפען אַ גרעסערע האַר־מאָניע, ברייטערע מעגליכקייטען. קינסטליכע באַגרענעצונגען באַ־שרענקען און פאַרקריפּלען דאָס לעבען און דערשטיקען זיינע מאַ־ניפעסטאַציעס. צוברעכען די דאָזיגע באַגרענעצונגען, די דאָזיגע שטערונגען, הייסט געפינען אַן אויסגאַנג, זיך אויסשפּרייטען, זיך אויסדריקען. און דאָס איז דאָס לעבען, אַלעק: אַ שטענדיגער, אומאויפהערליכער קאַמף פאַר אויסדרוק. עס שפּיגעלט זיך אָפּ אין דער נאַטור, פונקט ווי אין אַלע פאַזען פון דעם מענשענ׳ס עקזיסטענץ. באַטראַכט דעם קליינעם ווייגשטאַק וואָס קעמפּט געגען דער ווילדקייט פונ׳ם שטורם, און קלאַמערט זיך מיט אַלע כוחות צו בלייבען שטעהן אויף אַן אָרט. דאָן זעהט ווי ער שטרעקט זיך אויס צו דעם זונען־שיין, כדי איינצוזאַפּען אין זיך דאָס ליכט

און די וואַרעמקייט און דערנאָך פריינטליך צוריקגעבען פון זיך אין פיעלפאַכיגער פאָרם און אין רייכע פאַרבען. מיר רופען עס דאָן שעהן, וואָרים עס האָט געפונען אַן אויסדרוק. דאָס איז דאָס לע־בען אַלעק, און אַזוי מאַניפעסטירט עס זיך דורך די אַלע שטופען, וועלכע מיר רופען עוואָלוציע. וואָס העכער עס איז די וואָג־שאָל, אַלץ פאַרשידענאַרטיגער און קאָמפּליצירטער זיינען די מאַניפעסטאַציעס, און פון דער אַנדער זייט ווידער, אַלץ גרעסער איז די נויטיגקייט פאַר דעם אויסדרוק. עס אונטערדריקען אָדער פאַרהאַלטען, מיינט אָפּשטאַרבונג, טויט. און אין דעם, אַלעק, קאָן מען געפינען דעם הויפּט קוואַל פון ליידען, פון עלענד און בויט. דער לעבענס־הונגער שטורעמט ביי די טויערען, וועלכע שליסען עס אויס פון דער פרייד פון זיין, און די אינדיווידועלע זעעלע פאַרפיעלפאַכט אירע אויסדרוקען דורכדעם, וואָס זי שפּיגעלט זיך אָפּ אין דעם קאָלעקטיוו, פּונקט ווי דער קליינער ווייִנשטאָק שפּיגעלט זיך אָפּ אין זיינע פיעלע בליהונגען, אָדער ווי דער אייכעל־נוס אינדיווידואַליזירט זיך טויזענדפאַכיג אין דעם פיעל־בלעטער־דיגען אייכען־בוים. אָבער איך פאַרמאַטער אייך, אַלעק".

„ניין, ניין, פילאָ. זעצט פאָרט; איך וויל הערען נאָך".

„נו, אַלעק, פּונקט ווי מיט דער נאַטור, אַזוי איז מיט'ן מענ־שען. דאָס לעבען שטעלט זיך קיינמאָל ניט אָפּ; אומעטום און שטענדיג זוכט עס נייע מאַניפעסטאַציעס, מעהר אויסברייטונג. אין קונסט, אין ליטעראַטור, ווי אין די אַנגעלעגענהייטען פון די מענשען, נעהט אַן אַ שטענדיגער קאַמף פאַר העכערען און אינטי־מערען אויסדרוק. דאָס איז פּראָגרעס — דער ווייִנשטאָק, וואָס שטרעקט זיך אויס צו קריגען מעהר זונשיין און ליכט. אַריבער־געטראָגען אין דער שפּראַך פונ'ם סאָציאַלען לעבען, מיינט עס די אינדיווידואַליזאַציע פון דער מאַסע, דאָס געפינען אַ העכערען באָדען, דאָס קלעטערען איבער די צוימען, וועלכע שליסען אויס דאָס לעבען. איבעראַל זעהט איהר דאָס דאָזיגע שטרעבען. דער פּראָצעס איז אינדיווידועל און סאָציאַל אין איין און דערזעלבער צייט, וואָרים די גאַטונג, דער מין, לעבט אין דעם איינצעלנעם, אַזוי גוט ווי דער איינצעלנער איז דאָ אין דעם מין. דער איינצעל־נער קומט צוערשט; זיין קלאָרע וויזיאָן ווערט פאַרפיעלפאַכט אין זיין אונמיטעלבאַרער אומגעבונג, און דרינגט ביסלאַכווייז דורך

זיין דור און זיין צייט, פארטיעפענדיג דעם סאציאלען באוואוסט־זיין און ברייטער מאכענדיג דעם אומפאנג פון דער עקזיסטענץ. אבער פיליכט האט איהר עס ניט געפונען אזוי, אלעק, נאך די פיעלע יאהרען פון אייער אבוועזענהייט?“

„ניין, ליעבער פילא. דאס וואס איהר האט געזאגט אפעלירט צו מיר זעהר שטארק. אבער איך האב געפונען דעם צושטאנד אזוי אנדערש ווי איך האב זיך פארגעשטעלט. אונזערע קאמע־ראדען, די באוועגונג — ס׳איז ניט דאס, וואס איך האב ערווארט צו געפינען“.

„ס׳איז גאנץ נאטירליך, אלעק. אן ענדערונג איז פארגעקומען, אבער די מיינונג דערפון קאן פאלש אויסגעטייטשט ווערען דורך דער נעבעלהפטער וויזיאן פון אייער לאנגער אבוועזענהיים. איך ווייס וואס אייך פעהלט, טייערער פריינד: דער אמאליגער אופן פון עקזיסטענץ, דאס לעבען אויף דעם סאמע שוועל פון דער רע־וואלוציע, אזוי צו זאגען. און אלצדינג קוקט אויס מאדנע אין אייערע אויגען. אבער אז איהר וועט זיין אביסעל לענגער מיט אונז, וועט איהר זעהן, אז עס איז בלויז אן ענדערונג פון דער פארם; דער עצם איז געבליבען דערזעלבער. מיר זיינע דיזעלבע ווי פריהער, אלעק, נאר טיעפער און ברייטער געמאכט דורך די יאהרען און ערפאהרונג. דער אנארכיזם האט ארויסגעווארפען פון זיך נאכהעננענדע באנדען פון די קליינע, אינטימע קרייזען פון אמאליגע טעג; ער איז אויסגעוואקסען און געווארען א פאק־טאר אין דעם גרויסען לעבען פון דער געזעלשאפט. איהר געדענקט איהם בלויז אלס א קליינעם בארג־קוואל, ארום וועלכען עס האבען זיך פארקליבען עטליכע דארשטיגע רייזענדע אין דער וויסטקייט פון דעם קאפיטאליסטישען מדבר. זינט דאן האט ער זיך אויס־געברייט און פאנאנדערגעשפרייט אלס א שטארקער שטראם, וואס באדעקט א ווייטען, ברייטען שטח און ברעכט זיך דורך א וועג זאגאר אין דעם סאמע אקעאן פון לעבען. איהר פארשטעהט, ליע־בער אלעק, די פילאזאפיע פון אנארכיזם הויבט אן אריינדרינגען אין יעדער פאזע פון מענשליכען שטרעבען. אין דער וויסענשאפט, אין דער קונסט, אין דער ליטעראטור, איבעראל שאפט דער איינ־פלוס פונ׳ם אנארכיסטישען געדאנק נייע ווערטהען; זיין גייסט ניט אריין לעבען און קראפט אין סאציאלע באוועגונגען און גע־

פינט א פארטייטשונג אין לעבען. ווירקליך, אלעק, מיר האבען נישט געארבייט אומזיסט. איבער דער גאנצער וועלט קומט פאר א גרויסע ערוואכונג. זאגאר אין דעם דאזיגען סאציאל הינטער־שטעליגסטען לאנד הויבען אויך אן די פארזעעטע קערנער צו טראגען פרוכט. ס'איז אמת, די צייטען האבען זיך געענדערט; אבער צום גוטען, אלעק. די יווירענדע אומצופרידענקייט, אלץ באוואוסט־זיניגער און אינטעליגענטער, פארמירט א נייעם סאציאלען דענקען און נייע טעטיגקייט. היינט־צו־טאג זעהען אונזערע אינדוסטריעלע צושטענדע, צום ביישפיעל, אויס גאנץ אנדערש ווי די פון צוואנציג יאהר צוריק. דאן איז מעגליך געווען פאר די בעלי־בתים פון לעבען אויפצואפפערען פאר זייערע אינטערעסען די בעסטע פריינד פון'ם פאלק. אבער היינט איז די ספאנטאנע סאלידאריטעט און דאס ערוואכטע באוואוסטזיין פון די גרויסע ארבייטער־מאסען א גאראנטיע געגען דער ווידערהאלונג פון אזעלכע יוסטיץ־מארדען. ס'איז א באדייטונגספולער צייכען, אלעק, און א גרויסע אינספיראציע פאר באנייטער אנשטרענגונג".

דאס מיידעל קומט אריין. „וואס זשע, איהר פארזוינט סאשא'ן צום שלאפען, פילא?" לאכט זי.

„אה, ניין!" פראטעסטיר איך. „איך בין גאר נישט שלעפעריג און שטארק פאראינטערעסירט אין פילא'ס געשפרעך".

„עס ווערט שפעט", רופט ער זיך אפ. „איך מוז געהן צום מיטינג".

„וואס פאר א מיטינג?" פרעג איך.

„דער טשאלגאש יאהרצייט־פייער".

„איך מיין — איך וואלט אויך וועלען מיטגעהן".

„בעסער נישט, סאשא", ראט מיר מיין פריינד. „איהר נייטיגט זיך אין וואס פאר עס איז לייכטער צושטרייאונג".

„ווילסט אפשר געהן אין טעאטער?" שלאגט פאר דאס מיידעל.

„סטעלא האט בילעטען. זי וועט זיין גליקליך, ווען דו וועסט געהן מיט איהר, סאשא".

. . . . . . . . . . . . . . . .

אומקערענדיג זיך אהיים אין אווענט, געפין איך די „גרוב" אין גרויסער אויפרעגונג. די פארזאמעלטע קאמעראדען קוקען

אוים פאַרזאָרגט, שושקען זיך צווישען זיך, און ס׳איז קאַנטיג, אַז זיי זוכען אויסצומיידען מיין בליק. עס פעהלען מיר איינינע באַקאַנטע פּנים׳ער.

„וואו זיינען די איבעריגע?“ פרעג איך.

די קאַמעראַדען בייטען זיך איבער מיט אומרוהיגע בליקען און שווייגען.

„האָט עפּעס פּאַסירט? וואו זיינען זיי?“ וויל איך וויסען.

„איך דענק, איך קאָן עס אייך זאָגען“, ענטפערט פּילאַ. „אָבער זייט רוהיג, סאַשאַ. די פּאָליציי האָט צושטערט אונזער מיטינג. זיי האָבען געשלאָגען די פאַרזאַמעלטע און אַרעסטירט אַ טוץ קאַמעראַדען“.

„איז עס ערנסט, פּילאַ?“

„איך האָב מורא, אַז עס איז ערנסט. זיי ווילען מאַכען אַ פּראָבע־פּראָצעס. אונטער דעם נייעם געזעץ געגען „קרימינעלער אַנאַרכיע“ קאָנען אונזערע געפאַנגענע קריגען לאַנגע טערמינען אין געפענגנים. זיי האָבען אַוועקגענומען אונזער טעטיגסטע פריינד“.

די נייעס עלעקטריזירט מיך. איך פיהל זיך אַריבערגעפיהרט אין דער פאַרגאַנגענהייט, אין די טעג פון קאַמף און פאַרפאָלגונג. פּילאַ איז גערעכט געוועזען! דער שונא פּאַדערט אונז אַרוים, דער קאַמף געהט אָן!... איך זעה, ווי עס עפענען זיך די קברים פון וואָלדהיים, און איך הער די שטימען פון דעם קבר.

אַ טיעפער פריעדען פאַרשפּרייט זיך איבער מיר, און איך פיהל אַ גרויסע פרייד אין מיין האַרץ.

„סאַשאַ, וואָס איז מיט אייך?“ שבייט פּילאַ אוים אין שרעק.

„מיין ווידער־אויפלעבונג, טייערער פריינד. איך האָב געפונען וואָס צו טאָן“.